STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05930

ANTOLOGYE

Morris Bassin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַנטאָלאָגיע

פינף הונדערט יאָהר אידישע פּאָעזיע

געזאַמעלט און צונויפגעשטעלט

פון

מ. באַסין

פאָרוואָרט און לינגוויסטישע אָנמערקונגען

פון

ב. באָראָכאָוו

פּאָרטרעטען געצייכענט

פון ס. זאַגאַט

באַציערונגען פון

י. ליכטענשטיין און ז. מאַוד

צווייטע פאַרבעסערטע אויפלאַגע

אַרויסגעגעבען פון פאַרלאַג „דאָס בוך"

Anthology: Five Hundred Years of Yiddish Poetry

By M. BASSIN.

Copyright, 1917
by
M. BASSIN.


פינף הונדערט יאהר
אידישע פאעזיע
צווייטער באנד
ו. מאוד

מאָרים ראָזענפעלד.

מאָרים (משה־יעקב) ראָזענפעלד — איינער פון די דריי גרעסטע אידישע דיכטער פון ענדע 19־טען יאָרהונדערט. געבאָרען דעם 28טען דעצעמבער, 1862, אין דאָרף באָקשאַ, פאָרבאַלקער גוב. אין יאָהר 1886 האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקאַ, וואו ער האָט אָנגעהויבען זיין קאַריערע אַלס אידישער דיכטער. מאָרים ראָזענפעלד האָט זיך ניט נאָר אין דער אידישער ליטעראַטור אליין ווי אַ ברייטער פעלד צו־לייגט, נאָר איז אויך איינער און דער ערשטער פון די ווייניג גליקליכע, וואָס איז ארויסגעוואַקסען פון איהר און האָט זיך ווי אַ גרויסער טייך פאַנאַנדערגעגאָסען אין פאַרשיידענע שפּראַכען. מאָרים ראָזענפעלד'ס ליעדער זיינען איבערגעזעצט אין ענגליש, דייטש, רוסיש, פּויליש, טשעכיש, רומעניש, אונגאַריש און אויך אין יאַפּאַנעזיש. ביבל. ל. וויענער 'Yiddish Literature' אינדעקס; יוד. ענג. ענצ. 10, 475־476, ראובן ברייניז, „שריפטען"; י. ראַמבראַ (פיליפּ קראַנץ), אין „וואָסכאָד", 11, 1909; בעל דמיון „דאָס נייע לעבען"; אלעקסאַנדער האַרקאַווי'ס פאָררעדע צו ראָזענפעלד'ס געזאַמעלטע ליעדער; דר. ח. זשיטלאָווסקי, „דאָס נייע לעבען", 1909; דר. מ. פּינעס, „די געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור", 2, 65־115; ז. רייזען, „לעקסיקאָן".

פאַטאַמאָרגאַנאַ.

אין זאַהאַראַ ווען מען וואַנדערט,
אין דעם הייסען מדבר־זאַמד
ווערט מען פּלוצלונג שטאַרק פאַרוואונדערט,
זעהענדיג בעוואוינטעס לאַנד.

פּראַכט־געביידען, זילבער־טייכען,
גערטנער פול מיט גלאַנץ און פּראַכט,
צווייגען רייך מיט גאָלדנע פּירות
און יעטווידע פּרי לאַכט.

לעמער שפּרינגען אויף די וויזען,
און דעם פּאַסטוך זעהט מען קלאָהר,
און מען ווערט ענטציקט פון תענוג,
און מען מיינט אַז אַלץ איז וואָהר.

אַבער אַך! דאָס איז אַ ליגען,
אַ נאַטור־בלענד און ניט מעהר;
ס'איז אַ וויסטעניס, אַ ווילד'ניס,
און ווי קומט אַ וועלט אַהער?

פּונקט אַזוי אין לעבענס־מדבר
טרעף איך פּלוצלונג אין דיין בליק,
און ער וויזט מיר גאָלד'נע שלעסער,
און איך ווער ענטציקט פון גליק.

אַבער אַך! דאָס איז ניט אמת,
און עס גיט אין האַרץ אַ ריס —
ס'איז אַ בלענד־בילד, און איך בלאָנזשע
איינזאַם אין דער ווילדערניס.

הירֹאָגליפען.

מיין בליק פאַרטשעפּעט זיך ביי איהר אין פענסטער,
פיעלייכט אַ ליעבער וואונק, אַ זיסער שמייכעל!

דאָך פערל־היראָגליפען אויף די שויבען:
עס האָט דער רעגען דאָרט א סוד פערשריעבען...
ענטציפער זיך דו ליעבעס סוד!

וואָס טהוט מיין ווייסע הארצענס־פירסטין איצטער?
זאָג! קאמט זי ניט די שווארצע שטראהלען
ארום איהר זוניג ליכטיג פנים?
מיין נשמה איז איהר קאָם...
פערשפּיעליעט זי ניט איצט איהר בוזים
מיט קליינע מוטער־פערלנע שטערען?
דאָס זיינען מיינע טרערען...

זאָג! האויכען ניט די רויזען איהרע
פאַרפּומיג דורכ׳ן שלאָף מיין נאָמען?
דאָס איז מיין חלום...
זאָג! ליגט זי ניט אין שטילען, דונקלען קבר
אויף דעם בית עולם פון מיין יוגענדס האָפנונג
בעוואקסען מיט רויטע און בלויע בלימלאך?
מיינע ליעדער!
ענטציפער זיך דו ליעבער סוד!

מיין רויז איז אליין.

א סאמעטען ווינטעלע לאסטשעט די פעלדער
אין פארבינגען חן.
און אטהעם א מילדער ווי קטורת צולאָזט זיך,
מיין רויז איז אליין.

עס ציטרען די זיידענע שאָטענס און ציטרען
אויף טוי טראָפּענס קליין.
אין קלאר ווייסע שלייערס שפאצירט די לבנה,
מיין רויז איז אליין.

ווי זילבערנע גלעקעלאך קלינגט אין די בוימער
א פויגעלס געוויין.
עס מורמעלט דער איינזאמער גייסט פון די וועלדער,
מיין רויז איז אליין.

ביים ברעג וואסער.

אדינער שאָטען ציטערט אויף דער באָקשא.
די זילבער־בערד׳גע פישער פאהרען

אויף איהרע דראָבנע, אבענד־שטילע וועלען —
דעם פאנג דעם נאכטיגען צו מאכען.
עס קוקט דער מאָנד און איך.

עס רודערען די וועסלעס אין דעם וואסער,
דער נעץ, ער פאלט אלץ טיעף און טיעפער.
קריסטאָלנע שופען בליצען דורך דעם דונקעל.
אָ, שענע קינדער פון די פלוטען!
עס קוועלט דער מאָנד און איך.

אלץ ווייטער נעגען שווארצען זוים פון וואלד־בארג
פערלירען זיך די גראָהע שיפלאך.
איך זעה זיי קוים, און ביי די סמוטנע ברעגען
די זיסע דארף־נגונים קלינגען.
עס הערט דער מאָנד און איך.

מיין גרוס איך, פישער, אויף דער שטומער טיעפקייט!
איין גרוס דיר, זאנפטע דארף־קאפעליע!
די ווייכע נאכט־לופט זויגט איין מיינע ברכות.
מיין זעעלע שיפט זיך אויף דער באַקשא.
עס שווייגט דער מאָנד און איך.

אָבענד.

אויף די פאליסאדען רוהט די זונן
ווארפענדיג איהר לעצטען, זיסען בליק
דעם פערלאָז'ענעם האַרסאָן, וועלכער ליעגט
אין זיין קאלטע זילבער־בעט פערטראכט
מורמלענדיג א אומ'טיגעם „גוט־נאכט“.

גוטע נאכט דיר, ליכט פרינצעסין, שטום
ווי א יונגענד־חלום אין די בערג
זינקסטו, נעהמענדיג מיט זיך די פרייד:
לייכטענדיג פערגעהסטו אין דיין פראכט,
לאָזענדיג די וועלט אליין — גוט נאכט!

באלד בלייבט איבער נאָר א רויטער פלעק
אויפ'ן האָריזאָנט ווי בלוט, א שמערץ
וועבט זיך אוים אין מערב און א וועה
וויעגט די פעלדער שלעפעריג און זאכט,
און עס שעפטשעט אומעטום: „גוט נאכט“...

ב. ראָזענפעלד

מיין אינגעלע.

איך האב א קליינעם אינגעלע,
א זוהנעלע גאר פיין!
ווען איך דערזעה איהם דאכט זיך
מיר,
די גאנצע וועלט איז מיין.

נאר זעלטען, זעלטען זעה איך איהם,
מיין שעהנעם, ווען ער וואכט,
איך טרעף איהם אימער שלאפענדיג,
איך זעה איהם נאר ביי נאכט.

דיא ארבייט טרייבט מיך פריה ארויס
און לאזט מיך שפעט צוריק;
א, פרעמד איז מיר מיין אייגען לייב!
א, פרעמד מיין קינד'ס א בליק!

איך קום צוקלעמטערהייד אהיים,
אין פינסטערנים געהילט, —
מיין בלייכע פרוי דערצעהלט מיר
באלד,
וויא פיין דאס קינד זיך שפיעלט,

וויא זים עס רעדט, וויא קלוג עס
פרעגט:
א, מאמא, גוטע מא,
ווען קומט און ברענגט א פענני מיר
מיין גוטער, גוטער פא?"

איך הער עס צו און אייל: עס מוז,
יא, יא, עס מוז געשעהן!
דיא פאטערליעבע פלאקערט אויף:
עס מוז מיין קינד מיך זעהן!...

איך שטעה ביי זיין גילגעריל
און זעה, און הער, און שא!
א טרוים בעוועגט דיא ליפעלאך:
„א, וואו איז, וואו איז פא?"

איך קוש דיא בלויע אייגעלאך,
זיי עפנ'ן זיך — „א, קינד!"
זיי זעהען מיך, זיי זעהען מיך,
און שליסען זיך געשווינד.

„דא שטעהט דיין פאפא, טהייערער,
א פעננילע דיר, נא!"
א טרוים בעוועגט די ליפעלאך:
„א, וואו איז, וואו איז פא?"

איך בלייב צערוועהטאגט און צער-
קלעהמט,
פערביטערט און איך קלעהר:
„ווען דו ערוואכסט אמאהל, מיין
קינד,
געפינסטו מיך ניט מעהר"...

די כלה פון די בערג.

אויף די אללעגיינע בערגער
זעהט זיך א רואינע: —
דארטען ליעגט אן איינגעפאל'נע,
אלטע קוילענמינע.

און ניט ווייט פון דיעזער חורבה,
איינזאם און פערלאזען,
שטעהט א שטיבעלע א קליינע
צווישען ווילדע גראזען.

דארטען פלעגט דער אלטער בערגמאן
רוה ביי נאכט געפינען;
דארטען פלעגען זיפצען קלינגען,
שטילע טרעהרען רינען.

דאך די וויסטע קוילענמינע —
דארט איז בלוט געפלאסען.
אונטען ליעגט דער גוטער אלטער
זון זיין טאכטער'ס חתן.

און זיין פרומע, שעהנע טאָכטער,
אַך, וואָס קען זיין ערגער?
וואַנדעלט מיט א גייסט א קראַנקען
אויף די שטומע בערגער.

איינזאַם לעבט זי צווישען שטיינער,
אָהן א טרייסט, אָהן האָפען:
שפּעט ביי נאַכט נאָר אויף דער מינע
ווערט זי שטיל אַנשלאָפען.

דאָך ווי גיך זי שלאָפט נאָר איין דאָרט
שפּיעלען די כלי־זמרים,
און איהר טאַטע און איהר חתן
עפענען די קברים.

און מיט זיי די בערג לייט אַלע,
אַלע מיט געזאַנגען —
און ניט ווייט דאָרט פון דעם קלויסטער
הערט מען דומפּפע קלאַנגען.

שטום אַנשווינגען, ווי דער קבר,
שוואַרץ און בלוט באַגאָסען,
נעהמט אין אָרעם זיין געליעבטע
דער פּערקיהלטער חתן.

גלייך טרעט צו דער אַלטער טאַטע,
דורכגעברענט מיט וואונדען,
ווינט און בענשט די קינדער זיינע,
זיפצט און ווערט פאַרשוואונדען.

דאָ פאַרשטומען די כלי־זמרים
און די גלאָקען אַלע, —
אַלעס שווינדט און שוויינט; עס בלייבען
נאָר די חתן כלה.

און זיי בלייבען און זיי טאַנצען
רוהיג, קיינער שטערט ניט,
ביז עס גיט א וואונק פון ערגעץ,
און דער חתן ווערט ניט.

דאָ שפּרינגט אויף דעם טויטענס כלה:
„אָ, איהר מענשענשעכטער!“
און פאַרשווינדעט אין די בערגער
מיט א ווילד געלעכטער.

די ערשטע טבילה.

עס ברענט דער פראָסט, עס שניידט דער ווינד,
און באַשע פיהרט און צילה
דעם פישער'ס טעכטעריל אַצינד
אין קאַלטען וואַסער טבילה.

„ניט שרעק זיך, קינד, נו, מאַך דערפון!
די צייט האָט אַנגעוואונקען:
פערגאַנגען איז דאָך שוין די זונן,
דו מעגסט זיך אונטערטונקען.

„דעם בורא'ס חסדים זיינען גרויס,
נישט קשה, מאַך קיין תנועה!
דו שפּרינגסט אַריין און שפּרינגסט אַרויס,
און כשר, צו רפואה“.

און זעה, עס צוקט דאָס צאַרטע לייב,
אין ווילדען פראָסט און שטורעם,
אָ, ווילסטו זיין א אידענס ווייב,
געוואוין דיך צו יסורים!...

זי שפּרינגט אַריין, זי שפּרינגט אַרויף.
אומזיסט, אומזיסט, נחמה!
דאָרט שטעהט און קוקט דער בעל הגוף,
דו ביסט געבליבען טמא.

און ווייערער האבען זיך געטוסט
מיט שרעק די שעהנע גליעדער:
דאך פון דער דערוויייטען שטעהט
און קוקט
דער ערל טמא ווידער.

אלץ שטארקער ווערט דער פראסט,
ער ברענט!
די מוטער און די שכנה,
זיי ברעכען די צופראר'נע הענט,
און בלייכער ווערט די שעהנע.

„כו, טהו זשע ווי דער דין איז, קינד!
אוועק איז שוין דער רשע —
אריין צום דריטען מאל, געשווינד!
קיין בייז, קיין בייז, נישט קשה!"

די בלייכע ווייכט פון דין ניט אפ
און טהוט ווי ס'שטעהט געשריעבען:
זי איז אריין, זי איז אראפ,
און איז שוין דארט פערבליעבען...

א גלות-מארש.

מיט דעם וואנדערשטאק אין האנד,
אהן א היים און אהן א לאנד;
אהן א גואל, אהן א פריינד,
אהן א מארגען, אהן א היינט, —
ניט געדולדעט נאר געיאגט,
וואו גענעכטיגט ניט געטאגט,
אימער וועה, וועה, וועה,
אימער געה, געה, געה,
אימער שפאן, שפאן, שפאן,
כל זמן כח איז פאראן.

אונזער גבורה ליעגט אין שטויב,
אונזער תורה איז א רויב,
אונזער נאמען — א געפאהר,
אונזער יחוס נאר א צער,
אונזער גאונות נאר א חטא,
אונזער פיינקייט — א געשפעט.
אימער שלעכט, שלעכט, שלעכט,
אימער קנעכט, קנעכט, קנעכט,
אימער זוך, זוך, זוך,
זענען אין דעם שונא'ס פלוך.

און אזוי, א, יאהר נאך יאהר,
און אזוי, א, דור נאך דור,
אהן א האפנונג, אהן א צוועק,
איינגעהילט אין גרויל און שרעק,
וואנדלען מיר וועלט אויס, וועלט איין
פון יסורים נאר צו פיין.
אימער טרעט, טרעט, טרעט,
אימער בעט, בעט, בעט,
אימער נויט, נויט, נויט,
און קיין גליק זאגאר צום טויט...

די טויטע וועלט.

דער טאג איז קורץ, די זונן פער־
געהט.
איך רייט ארויס אין פעלד אליין.
דאך איך דערקען עס שוין ניט מיין.
אלסדינג איז וויים און דיק פער־
שנעעט!

גאר טרוי'ריג קוק איך מיך ארום.
די וועלט איז נאקעט, הויל און פוסט,
געשטארבען זיינען פרייד און לוסט.
בית עולם'ס גלאצען אומעטום!

אוואו דער גארטען האט געגרינט,
דער בוים האט חן'עוודיג געבליהט,
די זאנג געשפראצט, די רויז געגליהט,
דארט הערשען קעלט און פראסט, און
ווינד.

די טהאַלען שאַ, די בירגער שטום,
די פויגעל־נעסטען וויסט און לעער,
און די געליעבטע קומט ניט מעהר.
און שיינקט קיין שמייכעל און קיין בלום!

איך ציה די לייץ, איך רייט צוריק,
דער פערד געהט טריט אין טריט זיין גאַנג,—
צוריק! דאַס קראַנקע האַרץ איז באַנג
און טרערען פילען אָן דעם בליק!

די וואַנדער שיף.

שוין די לעצטע זוננענשטראַהלען
שטייגען אויף די שפּיצען בוימער,
און די גראָע אַבענד שאָטענס
וועבען זיך אַרום דער ערד.

אויף דעם שפּיץ פון יענע בערגער
איז נאָך פון דערווייטענס מעגליך
צו דערקענען רויטע שפּורען
פון דער זונן, די לעצטע טריט.

לאַנגע בלוטיג־רויטע פּאַסען
הענגען דאָרט אין מערב־ווינקעל,
טונקען אָפּ די הייסע ברעגען
אין דעם קאַלטען אָקעאַן.

ס'קייקעלט זיך דאָס גלאַטע וואַסער
דורך די דונקלע אַבענדשלייערס,
וועלכע ציטערען פון אויבען
אויפ'ן בוזים פון דעם ים...

רוהיג בלאָזט אַ לינדער ווינטעל
דורך די דראַבנע שטילע וועלען,
וועלכע שעפּטשען, מורמלען עפּעס,
ווער פערשטעהט די וואַסערשפּראַך?

אויסגעשפּרייט די ברייטע זעגעל
נעגען שטילען אַבענד הימעל,
איילט אַ שיף גאַר אָהן מאַטראָזען

דאָרטען וויט, ווער וויס אַיהר,
וואו?

גאָר דער רודער ווי מיט כשוף
ער בעוועגט זיך; ווי מיט פליעגעל
פליהט די לאָטקע, ווי די רוחות
וואָלטען איהר געיאָגט אַהין.

פוסט די שיף, מען זעהט קיין מאַנ־
שאַפט;
נאָר אַ קינד, ער שטעהט געבראָכען
נעבען מאַסטבוים און ער יאָמערט
מיט אַ ביטערן געפיהל.

לאַנגע, גאָלד געקרויזטע לאָקען
קייקלען זיך אויף זיינע שולטער;
זיפצענדיג פון הינטען קוקט ער...
און די שטילע שיף זיא פליהט!

מיט אַ זילבער ווייסע טיכעל,
וועלכע פלאַטערט אין דער לופטען
גריסט דער שעהנער מיר פון וויטען.
ער געזעגענט זיך מיט מיר...

און מיין האַרץ פאַנגט אָן צו קלאַפּען,
עפּעס ווינט זיך זאָגט. וואָס איז
דאָס?
יענעם שעהנעם קינד, איך קען איהם,
גאָט! מיין יוגענד פליהט עס דאָרט!

זכרונות.

פאַר דעם ציימעל נעהם מיך, מאַטקע!
איך וועל זיין דיין פערד!

נעהם דעם שטריקעל פאַר אַ לייץ, דעם
שמעקעל פאַר אַ שווערד!

מאַרש אַהין אויף יענע בערגלאַך
אין דער פרייער לופט
איצקע וואַרט שוין מיט אַ באַנדע, —
הערסטו וויא ער רופט?
זעהסט איהם אויפ׳ן שפּיץ פון
בערגעל,
דאָרטען, פּאָזע טייך?
אַך, איהר זיסע קינדער־יאָהרען
ווייט בין איך פון אייך.

קינדער, ניט פערגעסט דיא פּייפלאַך,
וואָס איהר האָט געמאַכט! —
פרעגט נאָר בערקען, האָט ער אַלע
צווייגלאַך שוין געבראַכט? —
מאַכט זיך גרייט צו לויפען, קינדער,
גיכער, נו, גאַלאָפּ!
ווייטער, ווייטער געהט עס שנעלער,
פלינקער באַרג אַראָפּ.
קומט צום וואַסער־מיהל, אָט דאָרטען
לויפט דער קלאָרער טייך —
אַך, איהר זיסע קינדער יאָהרען,
ווייט בין איך פון אייך.

היט זיך, ניט צובּרעכט דיא
קריעגלאַך!
רוהיג, מאַכט קיין גוואַלט!
ווייסט איהר, וואו דיא יאַגדעס
וואַקסען,
אין דעם טיעפען וואַלד?
קינדער, נעהמט זיך פאַר דיא
פּאָלעס!
יודקע, געה פאָראויס! —
דאָ איז לייכט צו בלאָנדזשען,
קינדער,
אונזער וואַלד איז גרויס.
צום יאָגאָדניק, ניט פערליערט זיך,
קומט זשע אַלע גלייך, —
אַך, איהר זיסע קינדער יאָהרען,
ווייט בין איך פון אייך.

זיסע, שעהנע, ליעבע קינדהייט,
ווייט ביסטו פון מיר!
מיין נשמה, מיין פאַנטאַזיע
טרוימט נאָר וועגען דיר.
וויא אַ שאָטען ביסטו, קינדהייט,
וויא אַ רויך, וואָס פליהט,
וויא אַ בליץ געשווינד אַנטלויפסטו
און מען זעהט דיך ניט.
שוועבסט נאָר אום אין מיין זכרון
וויא אַ זיסער טרוים,
איך דערמאָן זיך און מיר וויינט זיך,
און מיר גלויבט זיך קוים.

אונטער יענע גרינע בוימלאַך
קום, מיין קרוין מיט מיר!
דאָרטען עפענט זיך מיין זעעלע
גאַנץ און גאָר פאַר דיר;
דאָרטען לייענסטו דיא סודות
פון מיין גרויסען שמערץ,
דו דערזעהסט דאָרט יענעם פייער,
וואָס פערצעהרט מיין הערץ.
דאָרט געשטעהט איך דיר דעם אמת
און איך וויין צוגלייך...
אַך, איהר זיסע יוגענד יאָהרען,
ווייט בין איך פון אייך!

זעהסטו וויא דיא טענצער שוועבען?
הייליגע מוזיק! —
דאָ ווערט אונזער זעעלע ברייטער,
דאָ נאָר וואוינט דאָס גליק...
צויבערטענער, — וויא זיי קלינגען!
גיכער אין דער מיט!
איינס, צוויי, דריי, נו, שנעל,
געליעבטע,
הייב דיא ענגעל טריט!
איצטער פיהל איך אַז דאָס לעבען
איז קיין „דומער שטרייך“...
אַך, איהר זיסע יוגענדיאָהרען,
ווייט בין איך פון אייך!

שפּיעל אַ ווײלע לענגער, כלי־זמר,
זאָג, וואָס איז די אייל?

איך בין יעצט אין מיטען טאַנצען...
שפּיעל נאָך, שפּיעל א ווייל!
זעהסטו, וויא דיא ליעבסטע מיינע
שיינט אין בלומענקראַנץ?
זעהסט, וויא וואונדערשעהן מיר
שוועבען
אין דעם צויבערטאַנץ?
שנעל, געליעבטע! עס פערשטומען
אלע סטרונעס גלייך!...
אך, איהר זיסע יוגענדיאַהרען,
זאגט, וואס איז מיט אייך?

חנ׳עוודיגע יוגענד מיינע,
חלום׳דיגער שטראַם!
אך, וויא האסטו אויסגעטריקענט!
כ׳זעה פאר זיך דעם תהום!...
וואו איז דיא געליעבטע מיינע?
וואו דער בלומענקראַנץ?
וואו איז יענער זיסער כלי־זמר?
וואו דער צויבערטאַנץ?
יענע זיסע בילדער אלע,
זעה איך זיי אמאָהל?
זאגט, אויף וועלכען בארג זיי
בלאָנדזשען?
זאגט, אין וועלכען טהאָל?
איז ניט מעגליך כאָטש פון וויטען
דאָרט צו טהאָן א בליק?
נאָר א בליק אויף יענע צייטען,
יענעם שעהנעם גליק?
נאַריש, נאַריש, זעהר נאַריש!
וואָס דיא צייט פערטראָגט,
קען דער מענש ניט מעהר דערגרייכען,
איבריג וואָס ער יאָגט!...

אלול מעלאָדיען.

דער בעל־תקיעה גיט א בלאָז:
עס פאלט א טריבעס וועטער,
עס וועלקט אין פעלד דאָס יונגע גראָז,
דער בוים פערליערט די בלעטער.

דיא ערד שטעהט הויל און נאקעט
באַלד,
א סוף איז צו איהר יחוס: —
דער פעגעל זינגט אין גרויסען וואלד
און וועקט און רופט צו סליחות.

ער זינגט אי אומעטהיג, אי זיס,
א ג׳זעגען ליעד מסתמא;
דאָס גיט א נעהם, דאָס גיט א ריס,
א ריס ביי דער נשמה!

עס רוישט דער וואלד, עס וועהט
דער ווינד,
דיא האק קוקט אָן דעם שומר...
דאָס קומט א יום הדין אצינד
אויף בוימלאָך און אויף בוימער.

א, מענשען! בוימער אין דעם וואלד!
איהר הערט דיא שטורעמס קנאַקען?
צו יונג צו אלט, צו שפּעט צו באַלד,
מען וועט אייך אלע האַקען!...

הערבסט-בלעטלאך.

איך ליעב דעם ווינד, איך ליעב דעם ים,
דען ווי דער ערשטער בין איך עלענד
און ווי דער צווייטער רוישט מיין האַרץ,
איך ליעב די וואלקען, ליעב די נאכט,
דען ווי די ערשטע קען איך וויינען
און ווי די צווייטע איז מיין וועלט.

ערד.

פערדאמטע פרעסערקע, א, בעזע ערד,
וואס דיין צורייצטע האלז שלינגט אלץ אריין,
און לאזט נאר איבער לעבעדיג די פיין:
וואס אין דיין גרויסען בויך ווערט אלץ צושטערט
און נאר מצבות זאגען, וואס דו האסט פערצעהרט:
פערשאלטען וואלט איך דיך, א, דו מרשעת,
פערפלוכט דיין שטויב מיט וועהטאג און מיט כעס,
דאך ווי זאל איך פערשילטען דיך אצינד,
אז אין דיין שווארצען בוזעם רוהט מיין קינד?
פערשלונגען האסטו, וועה, דעם זיסען בליק —
אין וועמעס ליכט עס האט געטראנט מיין גליק,
וואס איז יעצט אויך ניט מעהר ווי ערד א שטיק.

נאכט.

גראהע וואלקען־טראנטעס, שטיקער שימעל
הענגען אין דער מוטנער לופט אראפ.
ווי אן אלטער בעטלער שלאפט דער הימעל:
צוגעדעקט מיט שמאטעס איבער'ן קאפ.

וואגאבונדען - שאטענס, וואקלענד, שכור
בלאנדזשען אין דער דונ'קלער ווייטקייט שטיל.
אלע ווייליע ווערט דער חושך דיקער
און א טויט שרעק טראגט זיך אהן א ציעל.

נאר דורך גרויל און אימה קלאפט דער שומר,
פרעגענדיג די נאכט: „היי, ווער איז דארט?"
מעלאנכאליע אטהעמט אין די בוימער,
און די וועלט איז שא, מען הערט קיין ווארט...

דער לאטוטים.

אדער דער לומפענשניידער.

שניידער בין איך און וועל שניידען
אימער מעהר און מעהר.
וועה דעם, וואס וועט מוזען ליידען
פון מיין שארפער שעהר.
שניידען וועט עס אייך און קלעהמען,
קלעהמען פון דאס ניי.

ציטערט, דען איך וועל זיך נעהמען
צו דער שניידעריי!

וועט מיין שעהר ניט שניידען קענען,
גליהט מיין אייזען רויט.
איך וועל פרעסען, איך וועל ברענען,

ברענגען אייך צום טויט.
וועט די צייט מיין אייזען קיהלען,
גילט מיין נאדעל נאך
און איהר זאלט אויך ענדליך פיהלען
ביז צום ביין מיין שטאך.

איך בין א „לאטוטים", ניקסען
זיינט איהר, דאס איז וואהר!
גאנצעם האב איך ניט צו פיקסען.
לומפען פיקס איך נאר,
אלזא שטומט אין איי'רע זומפען,
שמירער פון בעטרוג!
רען צו שניידען אייך, איהר לומפען,
בין איך גוט גענוג.



ש. א. אנ־סקי.

ש. א. אנ—סקי (שלמה ראפאפארט) — אידיש־רוסישער שריפטשטעלער. געבארען אין וויטעבסק אין יאהר 1863. ש. א. אנ־סקי איז א שריפטשטעלער פון פערשיידענע געביטען. צווישען אנדערעם האט ער אויך געשריבען ליעדער, איינינע פון וועלכע זיינען זעהר פאפולער און באליעבט געווארען און ווערען געזונגען פון א גרויסען טייל פון פאלק. ש. א. אנ־סקי האט אויך אנגעשריבען א גרויסע פאעמא מיט'ן נאמען „דער אשמדי", וואס איז ערשינען מיט איינינע קלענערע אריגינעלע און איבערגעזעצטע ליעדער אין א באזונדער אויסגאבע. ביבל. יוד. רוס. ענצ. 2, 617־618; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

*

* *

(פראגמענט)

אין זאלציגען ים פון די מענשליכע טרערען
געפינט זיך א שרעקליכער תהום,
ער קען שוין נישט טיעפער, נישט פינסטערער ווערען...
איהם צייכענט א בלוטיגער שטראם.

דעם תהום האבען טויזענדער יאהרען געגראבען
אמונה און שנאה און פיין,
און טויזענדער יאהרען אלץ טראפען נאך טראפען
עס גיסען זיך טרערען דאריין.

און פול איז דער תהום נור מיט אידישע טרערען
ער האט נישט קיין ברעג און קיין צוים,
א בלוטיגער חוואל טהוט דעם קבצן געהערען
דעם נגיד — פון אויבען דער שוים...

דער שניידער.

די שטוב איז קליין, די שטוב איז אלט,
אין יעדעם ווינקעל, מיסט און קויט,
ס'איז פינסטער, אומעטיג און קאלט,
א קראנקער שניידער זיצט און נעהט.

דער שניידער נעהט,
די נאדעל געהט,
דער מוח דרעהט:
ס'איז גרויס די נויט,
נישטא קיין ברויט,
נישטא קיין ברויט!

דער פּנים געל, פערצאַגט, פערטראַכט,
די נאָדעל רודערט טאָג און נאַכט!
פון צייט צו צייט א פּוסטער הוסט
האַלט אויף די האַנד, רייסט אויף
דאָס ברוסט.

דער שניידער נעהט,
די נאָדעל געהט,
דער מוח דרעהט:
ס'איז גרויס די נויט,
נישטאָ קיין ברויט,
נישטאָ קיין ברויט!

אין שטוב איז אומעטיג און פּוסט,
פון בעט א זיפץ, פון וויעג א הוסט,
אַ קליינעס לעמפּעל ברענט זיך שוואַך,
אַ דראָבנער רעגען קלאַפּט אין דאַך.

דער שניידער נעהט,
די נאָדעל געהט,
דער מוח דרעהט:
ס'איז גרויס די נויט,
נישטאָ קיין ברויט,
נישטאָ קיין ברויט!

וואָס טהוסט דו, שניידער, אויף דער
וועלט?
„איך לעב...“ א שווערליכע קעלט
נעהמט אָן ביים הארץ. פערפלוכטע
נויט!
אז דו הייסט ל ע ב ע ן, — וואָס
איז טויט?!

דער שניידער נעהט,
די נאָדעל געהט,
דער מוח דרעהט:
ס'איז גרויס די נויט,
נישטאָ קיין ברויט,
נישטאָ קיין ברויט!

עמיגראַנטען-ליעד.

מיר וואַנדערער, מיר וואַנדערער
פון איין לאַנד אין דער אַנדערער
דורך הונגער און דורך קעלט.
פערוואָגעלטע, פערביטערטע,
פעריאָמערטע, צוציטערטע,
מיר, גרים פון דער וועלט!

אין מענשען־שטראָם פערלאָרענע
אָהן היים און לאַנד געבאָרענע,
אָהן הויז און אָהן געצעלט;
פון אַלעמען געשלאָגענע,
פון שטורעם־ווינד געטראָגענע,
מיר, גרים פון דער וועלט!

ביי גרעניצען פערבאָטענע,
ווי שטויב פון וועג געטראָטענע,
אָהן מאַכט, אָהן הילף, אָהן געלט,—
וואוהין וואוהין זשע שוועבען מיר?
צו וועלכע ציעלען שטרעבען מיר?
מיר, גרים פון דער וועלט?

פון גלות טויזענד־יאָהריגען
פון נייעם און אַמאָליגען
האָט אונז זיך אָבגעשטעלט
א רייכטהום גאַר איין אַנדערער, —
א כח פון א וואַנדערער,
וואָס געהט אום אין דער וועלט.

א גרויסען אוצר טראָגען מיר,
א שטאַרקע מאַכט פערמאָגען מיר,
שטאַט אַלץ דעם, וואָס אונז פעהלט:
מיר טראָגען זוימען אייביגע
פון הייליגע, פון גלויביגע,
צו זייען אויף דער וועלט.

מיר טראָגען קראַפט אין ארבייטס
האַנד,
פון פעלזענשטיין א ווידערשטאַנד
און גבורה פון א העלד;
מיר טראָגען אין דער ארבייטס־גאַס
דורך פייער, בלוט און מענשען־האַס
א קומענדיגע וועלט!

ש. א. אנ־סקי

א נייע וועלט א גרעסערע,
א שעהנערע, א בעסערע
וועט ווערען אויפגעשטעלט:
מיר בויען זי מיט אונזער מוטה
מיט אונזער גייסט, מיט אונזער בלוט
מיר בירגער פון דער וועלט!

ג. זעליקאָוויטש.

געצעל זעליקאָוויטש — זשורנאַליסט און העברעאיש־אידישער דיכטער. געבאָרען אין יאָהר 1863 אין ריטאָוואָ, קאָוונער גוב. אין יאָהר 1887 האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקאַ, וואו ער האָט פאַר א היבשער צייט פאַרנומען די קאַטעדרע פון עגיפּטאָלאָגיע אין דעם פּענסילווייניער אוניווערזיטעט. געצעל זעליקאָוויטש איז געוועזן איינער פון די ערשטע אידישע זשורנאַליסטען, וואָס האָט מיטגעהאָלפען דער ענטוויקלונג פון דער אידישער שפּראַך און פּרעסע אין אַמעריקאַ. אלס דיכטער איז ער מעהר באַוואוסט אין העברעאיש ווי אין אידיש. ביבל. ל. וויענער, "Yiddish Literature" אינדעקס; יוד. רוס. ענצ. 7, 720; מיניקעס „סכות־בלאַט", 1911; ז. רייזען, „לעקסיקאָן".

איך וועל... איך וועל...

ואל תאמר „לכשאפנה אשנה" — שמא לא תפנה". (אבות).

איך וועל דאָס בוך לעזען, איך וועל יענעם ליעד זינגען.
איך וועל בעוואונדערען שעהנע טענער וואָס קלינגען;
יאַ, איך וועל, ווען די טעג וועלען זיין לענגער — שפּעטער,
דאַן ווען מיינע געדאַנקען זיינען פריש, גרין די בלעטער.
און אַזוי זיינען די טעג אוועקגעשפּרונגען —
דאָס בוך ניט געלעזען, דאָס ליעד ניט געזונגען!

איך וועל מיין פריינדין זעהן, איהר האַנד דריקען,
איך וועל הערציליך זיך זעטיגען מיט איהרע בליקען;
איך וועל איהר דאַן ווייזען וואָס ריינע ליעבע בעטייט.
איך וועל... איך וועל... אָה, איך האָב נאָך גענוג צייט.
אָבער טעג פליהען אוועק, די האָפנונג האָט ניט בעגליקט,
די פריינדין בלייבט ניט געזעהן, איהר האַנד ניט געדריקט!

דאָך זאָגט דער נאַרישער מענש „ער וועט, ער וועט" —
און אַזוי פערנאַרט איהם די צייט ביז'ן טהרה־ברעט!
האָפענדיג זינקט ער שטיל אין זיין אייביגען געצעלט;
טרוימענדיג האַלט ער אין איבערקעהרען די וועלט...
אָבער לאַנגזאַם ווערט פון זיין האָפנונג א תל —
דער מענש לעבט אָב בסדר מיט „איך וועל!"

דוד פרישמאן.

דוד פרישמאן — בארימטער אידישער שריפטשטעלער. געבארען אין לאדז אין יאהר 1863 (לויט ז. רייזענ׳ס „לעקסיקאן“, אין זגערויש דעם 18טען דעצעמבער, 1865). ניט קוקענדיג דא־רויף, וואס דוד פרישמאן איז א הייסער העברע־איסט האט ער אויך אן אידיש ניט פארגעסען. חוץ זיינע זעלטענע פעליעטאנען און ערצעהלונגען האט ער אין אידיש אנגעשריבען אויך אזא וואונ־דערשעהנע פאעמא ווי „אופיר“ אדער אזא ליער ווי „משיח“ און א גרויסע צאל אנדערע ליעדער און באלאדען, וואס האבען אין זיך אזוי פיל גע־זונטקייט און גראציע. עס איז א שאד וואס דוד פרישמאנ׳ס ליעדער זיינען נאך ניט געזאמעלט אין א באזונדערער אויסגאבע; די אידישע פאעזי וואלט זיכער פיעל געוואונען מיט א באנד זיינע ליעדער. ביבל. יוד. ענג. ענצ. 5, 522, וויענער, “Yiddish Literature” אינדעקס, רייזען, „לעקסיקאן“.

די נאכט איז שטיל.

די נאכט איז שטיל, די נאכט איז
בלוי—
מיר ביידע געהן צוזאמען;
עס שלאפען שטיל די גאסען שוין,
נאר שטילע שטערען פלאמען.

און בלוי די נאכט, און שטיל די
נאכט.
די שאטענס טוען זיך יאגען!
איך הער דעם ווידער־קול ביים געהן
דיין הארץ, איך הער עס שלאגען.

זיי רוהיג, קינד, לאז רוהיג זיין
דיין אויפגערעגט געוויסען!
דער טאטע שלאפט, די מאמע שלאפט
און ווילען גארנישט וויסען.

מיר געהען שטיל, מיר זעהען נאר,
דער דין געהט, דער אלטער
ער געהט גאר מיעד, און אין דער
האנד
א שווערען ספר האלט ער.

דער אלטער איז א גוטער מענש,
און וועט אונז ניט פער׳מסר׳ן —
זיי רוהיג, קינד, און הארך, ווי שען
עס רוישען שטיל די וואסערן.

דער אלטער געהט אין שול אריין,
ביינאכט לערנט ער דארט תורה,
און אונזער סוד געהמט ער מיט זיך
אך, קינד, וואס האסטו מורא?

און אונזער סוד בעגראבט ער דארט
אריין אין זיינע ספרים —
זיי זיינען פאר אזעלכען סוד
נאר הייליג־שטילע קברים.

און פון די שטילע קברים וועט
דער סוד צו׳ם הימעל פליהען,
און פאר די פיס פונ׳ם גוטען גאט
וועט ער זיך פאר אונז מיהען.

ביים ברעג פון ים.

אליין בין איך געזעסען ביי דעם וואסער,
ביים גרויסען ים. דער טאג לעגט זיך שוין שלאפען;

און בלאָס ווערט שוין דאָס ליכט און אַלץ נאָך בלאַסער
און בלוי די לופט פון דרום ביז קיין צפון,
פון מזרח ביז קיין מערב. ווי פּעמעליך
יעצט ציטערט אויף דעם וואַסער גאָט'ס נשמה!
און ווי זי ציטערט, שטיל און הייליג, צעהל איך
איהר אָטמען, ווי אַ הייליגע נחמה.
און שטילע ליעדער, ווי פער'חלומ'ט, זינגען
די וועלען שלעפריג פאַר דעם שלאָפען־געהען,
און ווייסע שטיקער שוים נאָר שפּרינגען, דרינגען
צום ברעג אהער און פּלאַצען און פערגעהען.

הער, אין געמויזעכטס רוישען זיס די שטילע
און וואונדערליכע סודות! גיך און גיכער
וועבט יעצט און שפּינט די נאַכט די שוואַרצע הילע,
און דריקט זי ווייך און דריקט זי גוט און זיכער
אַראָב דאָרט אויף די גלאַטע בלויע לאַקען
פון גרויסען ים. — מעהר הערט זיך גאָר ניט ריהרען
און הייליג־שטיל, און ווי אויף זיידנע זאַקען
הערט זיך גאָט'ס גייסט אַליין נאָר יעצט שפּאַציערען —

און מיך האָט אָנגעחאַפּט אַ היים פערלאַנגען,
אַ ווילד פערלאַנגען פּלוצלונג טיעף אין האַרצען
צו דיר, צו דיר, מיין קינד! און ווי מיט צוואַנגען
האָט'ס מיך צו דיר געצויגען דורך דעם שוואַרצען
און שטילען טויט, צו דיר, צו דיר, מיין לעבען!
צו קליין בין איך אַ ל י י ן דאָ צו געניעסען
דאָס גאַנצע גליק, וואָס איז מיר דאָ געגעבען,
דאָס גאַנצע גליק, וואָס טהוט אַרום מיר פליעסען —
און איך בין עלענד, עלענד זעהר און אָרעם!
און וויסט די ערד און וויסט דער הימעל אויבען
און מזרח, מערב וויסט, און צפון, דרום —
און הויך האָב איך צו וויינען אָנגעהויבען!

פּאַר משיח'ן.

א.

ביי דעם ירדן שטעהט אַ קוזניע;
און דער קאָוואַל אין דער קוזניע
שטעהט ביי דער מלאכה.
מיט דעם בלאָזאַק בלאָזט ער דאָרט,
פּאָך־פּאָך! פּאָך־פּאָך! — בלאָזט
ער דאָרט,
און מיט גליק און ברכה.

רויט אויף דער קאָוואַדלע גליהען
טוט דאָס אייזען; טוט זיך ציהען,
קאָכען היים און זידען.
און דער האַמער קלאַפּט דערויף,
הוק־הוק! הוק־הוק! קלאַפּט דערויף,
קלאַפּט און טוט עס שמיעדען.

קלאפ־זשע, קאוואל! לאזען שפריצען,
לאזען טויזענד פונקען בליצען,
פליהען ווי מלאכים — :
פון דעם האמער צוקט א בליץ,
פלים־פלאם! פלים־פלאם! צוקט
א בליץ
און עם דונערט נאך איהם.

וואס־זשע, קאוואל, שמיערסט דו
דארטען?
„כ'שמיעד פון מיינע בעסטע
סארטען.
בין זיך דא מטריח:
די פארקאווע מאך איך פאר'ן,
הורא! הורא! מאך איך פאר'ן
פערדיל פון משיח!"

ב.

ביי דעם ירדן שטעהט א וועבשטיהל;
און דער וועבער אויף דעם וועב־
שטוהל
שטעהט ביי דער מלאכה,
בוימט די קעטע אויף דעם בוים,
וויק־וויק! וויק־וויק! אויף דעם בוים,
בוימט מיט גליק און ברכה.

פון דעם וועבער־לאדען פעדעם
שלעפט ער איצט צונויף, און יעדעם
ציהט ער דורך די קאמען;
טרעט איצט פלייסיג אויף דער שאפט,
טריף־טראף! טריף־טראף! אויף
דער שאפט.
שיסט דעם שום צוזאמען.

קוים צו זעהען מיט די אויגען
לויפט די שיף; א פייל פון בויגען
לויפט דאס וועבער־שיפעל;
פלינק אהין און פלינק אהער,
ציק־צאק! ציק־צאק! פלינק אהער,
און מען זעהט ניט וויפיעל.

וואס־זשע, וועבער, וועבסט דו
דארטען?
„כ'וועב פון מיינע בעסטע סארטען.
בין זיך דא מטריח,
און דאס מלבוש מאך איך פאר'ן —
הורא! הורא! — מאך איך פארן
הייליגען משיח!"

ביי דעם ירדן זיצט א שטיקער
פאר דער שטיקעריי; דער שטיקער
טהוט איצט זיין מלאכה.
אויף דער קאנווע שטיקט ער איצט,
פיק־פיק! פיק־פיק! שטיקט ער איצט
און מיט גליק און ברכה.

צעהלט די שטיק און צעהלט די
אויגען
אויף דער ראמקע אויפגעצויגען
זענען זיידען־שפיצען:
זייד און גאלד און זילבערוואַרג,
צא־צא! צא־צא! זילבער וואַרג,
און מען זעהט עס בליצען.

קלעפעל־שטיק און אפליקאציע
קעטעל־שטיק און מיט פונקטאציע,
גאנץ און אויך געבראכען, —
אלעס, אלעס מאכט ער דארט,
שטיך־שטאך! שטיך־שטאך! מאכט
ער דארט,
קליין און פיין געשטאכען.

וואס־זשע שטיקער שטיקסט דו
דארטען?
„כשטיק פון מיינע בעסטע סארטען,
בין זיך דא מטריח,
און די פאהן, די מאך איך פאר'ן
הורא! הורא! — מאך איך פאר'ן
מלך המשיח!"

ד.

אין דעם הימעל זעקס מלאכים
רוישען פלינק; און די מלאכים
טוען זייער מלאכה.
פאר גאָט'ס שטוהל דאָ שטעהען זיי
הורא! הורא! שטעהען זיי,
בעטען גליק און ברכה.

אלעם מיטלייד מיט דעם קראנקען,
שוואכען מענש און אויך א בלאנקען
שטארקען גייסט, א פרישען, —
אלעם דאס, דאס נעהמען זיי,
הורא! הורא! — נעהמען זיי,
און זיי טוען עס מישען.

אלעם בעסטע, אלעם שענסטע,
אלעם פיינסטע, אלעם ריינסטע
עדעלסטע און נייע, —
אלעם דאס, דאס נעהמען זיי
הורא! הורא! — נעהמען זיי
און אויך אלעם פרייע.

וואס מלאכים, מאכט איהר דארטען?
—„מאכען פון די בעסטע סארטען,
זענען זיך מטריח;
די נשמה מאכען מיר —
הורא! הורא! — מאכען מיר
פאר דעם הער משיח!"

ה.

דאך, אך, וועה אונז, וועה אונז אלע!
פארטיג האבען שוין, אך, אלע
אנדערע די מלאכה;
מיר אליין נור זעהען נישט,
וועה אונז! יועה אונז! זעהען נישט
נאך קיין סימן ברכה!

נישט געגוג איז מן הסתמא
פאר אזעלכענע נשמה
אלע אונז'רע שטאפען;
האבען אפשר אלץ מיט זיי,
וועה אונז! וועה אונז! אלץ מיט זיי
נאך נישט גוט געטראפען.

נישט גענוג איז נאך דאס ריינע,
נישט גענוג מסתם דאס שענע,
נישט דער שטאף דער עכטער;
אפשר איז גאר אויך דער קרעכץ
וועה אונז! וועה אונז! אויך דער
קרעכץ
גאר נאך נישט דער רעכטער!

און עס וויינען די מלאכים;
און א קרעכץ, א צווייטען נאך איהם
הער, א ביטערליכען —
פארטיג ביז היינט איז נישט די,
וועה אונז! וועה אונז! איז נישט די
נשמה פון משיח'ן!

די שליסלען.

(א תשעה־באב־לעגענדע)

מיר חלום'ט א חלום, איין אלטער,
מיר ווערט אזוי באנג, אזוי שווער;
איך הער ווי מיט שליסלען א קלינגען,
איך זעה ווי פון פלאמען א מעער.

דער טאג איז גאר פינסטער און
טרויריג,
דער טאג איז געהילט ווי אין שלאף;
עס קרעכצען אין הימעל די ראבען,
דאס איז ער, דער ניינטער אין אב.

עס ברענען די ווענט פון בית־מקדש,
עס פאלט שוין א וואנט נאך א וואנט;
עס שטעהען די פרחי כהונה
און האלטען די שליסלען אין האנט.

עס זענען אומשולדיגע קינדער,
געהילט אין דעם ווייסען געוואנט;
עס פרעסען די פלאמען אלץ ווייטער,
זיי האלטען די שליסלען אין האנט.

עס זענען די שליסלען פון היכל,
די שליסלען פון ארון דערצו:
„אוי הימעל דא זענען די שליסלען
און נעם זיי, אוי הימעל, שוין דו!"

און פלוצלינג בעווייזט זיך פון הימעל
א לאנגע, א ליכטיגע האנט,
און נעמט פון די קינדער די שליסלען
און ווערט באלד פערשוואונדען אין
בראנד.

מיר חלומ'ט דער חלום, דער אלטער,
מיר ווערט אזוי שווער, אזוי באנג,
וואו זענען, אוי הימעל די שליסלען,
ווי לאנג נאך, אוי הימעל, ווי לאנג?

עס וויינען אומשולדיגע קינדער:
אוי, גיב שוין די שליסלען צוריק.
וועט קיינמאל דען זיך ניט אומ־
קעהרען
דאס אלטע, דאס פריהריגע גליק?

בירך שאפיר.

בירך (בענעדיקט) שאפיר, גאליצישער פאלקסדיכטער. געבארען ארום 1865 אין פשעמישל, גאליציען. ווען ניט די פארדייטשטע שפראך אין זיינע ליעדער, וואס מאכט זיי פרעמד און נידערשעצענד, איז בירך שאפיר איינער פון די באדייטענדסטע אידיש־גאליצישע פאלקס־דיכטער. אויסער דעם וואס די מעהרסטע פון זיינע ליעדער זיינען דין־ליריש, טיעף און ריהרענד, פארמאגען זיי אויך אזוי פיל שעהנע מעלאדיע, מיט וואס כמעט קיינער פון אונזערע שעהנסטע דיכטער קען זיך מיט איהם ניט פארגלייכען. עס איז ווערט צו באמערקען אז דאס בילד צו בירך שאפיר'ס ביאגראפיע אין ז. רייזען'ס „לעקסיקאן" איז ניט בירך שאפיר'ס נאר דר. הערצעל'ס. דאס זעלבע בילד געפינט זיך אין דער קראקויער „יודישער אילוסטרירטער צייטונג" צווישען א קאלעקציע בילדער מיט'ן אונטערשריפט „דר. הערצעלביים שרייבטיש". ביבל. ל. וויענער, "Yiddish Literature" אינדעקס; ז. רייזען, לעקסיקאן".

היימוועה.

(פראגמענט)

אך דארטען! אך דארטען דיא חמארעלעך ציה'ן,
דארט זעה איך גאנץ הויעך א פייגעלע פליה'ן.
דיא בערגעלעך שלאפען אין נעבעל גאנץ וויט,
דער פויגעל ער פליהט דארט אלליין אונ' ער שרייט.

א! פייגעלע ליעבעס א זייא אזוי גיט,
אונ' לייה מיר דיא פליגעליך אויף א מעניט:
נור איבער דעם וואססער, דעם וואלד אונ' דעם בארג,
אהין אוי אהין וואו עס באנגט זיך מיר שטארק.

כ'האב פאטער אונ' מיטער דארט, ברידער אונ' פריינד
וויא ווילט זיך מיר וויסען אויב ס'גליק אויף זייא שיינט;
צי זיינען אין נעבעל חלילה אויך זייא,
דאס מזל איז טינקעל, וויא מיר דא אוי ווייא!

ידיש טרערען.

(די סליחות־נאכט פראגמענט).

דער הימעל איז שאן אויסגעשטערנט
אונ זים איז די נאכט וויא דער מאי.
פין מענשען זיץ איך וויט ענטפערענט,
א ווינדל ציעהט זאנפט מיר פארבייא.

טראַפּ טראַפּ, פליסט דאָס טייכעל בשלום,
דיא שטיינדעלעך פאַללען פון ברעג,
וויא איינער וואָס גייט דאָרט צו חלום
און פלוידערט און רעדט אוים דעם וועג.

דער פויגעל דאָרט זינגט זיך זיין ליעדעל,
דאָס אַלטע וואָס פאַרינעם יאהר;
נאָך אימּמער אויף דער אַלטער פיעדעל,
שפּיעלט שטילל דאָרט דיא גאַנצע נאַטור.

דאָרט לייכט זיך, אין פענסטער זעה איך עס.
א ליכט וויא פון היממעל א גרוס.
דאָרט זאַגט זיך א חזן די סליחות
מסיני דאָס ניגונ'דל זיס.

פליס טייכעלע, פליס זיך בשלום,
פאַללט שטיינדעלעך, פאַללט פונ'ם ברעג;
דיא יאָהרען זייא גּעהן וויא א חלום,
וויא א שטיינדל אין וואַסער — דיא טאָג.

זינג פויגעל אין גרינעם געוועלבע,
דיין ליעדעל שאָן פיעל יאָהרען אַלט.
דיא וועלט איז נאָך אימּמער דיעזעלבע,
זי אַנדערט נור פאָרם און' געשטאַלט.

דאָס ליכטעל וואָס קיקט דאָרט אין פענסטער
ארוים אין דיא דונקעלע נאַכט,
בעלייכט דיא פאַרצייט'גע געשפענסטער,
וואָס האָבען איצט ווידער ערוואַכט.

דוא חזן, דוא ריהרסט אויף דען אַלטען,
דען יאָמערליכ־ליעבליכען טאָן,
דאָ זענען פיעל טרערען בעהאַלטען
פון דיין פאָלק פון דיין נאַציאָן.

טרייסט און ליידען.

אַה! טרוקען דיר נישט דעם מח,
זייא נישט זאָ טיעף געביינגט;
עס וואוינט איין גאָט דאָרט הויך,
וואָס דיינע ליידען וואַגט,
וואָס דיינע ליידען וואַגט.

איין פאָטער איבער שטערען,
וואָס דיינע וואונדען היילט,
דיא זיפצען און' דיא טרערען,
מיט גרויס רחמנות צייילט,
מיט גרויס רחמנות צייילט.

דעם פאַטער לאַנג פערלוירען,
מאַמאַ פאַר צרות אַלט;
קיין פריינד ער זאָל בעדוירען,
זאָרג נישט גאָטט העלפט דיר באַלד,
זאָרג נישט גאָטט העלפט דיר באַלד.

האָסט פאַטער נישט, נישט מוטער;
ביזט עלענד וויא א שטיין;
א פאַטער לעבט א גוטער,
דאָרט איבער דיא וואָלקען אַלליין,
דאָרט איבער דיא וואָלקען אַלליין.

דוא שוועבסט אין גרויס סכנות,
עס געהט פאַר דיר דער טהום,
ער פיהרט מיט גרויס רחמנות,
דיך גליקליך איבער'ן שטראָם,
דיך גליקליך איבער'ן שטראָם.

נאָך געהט דיין שיף ניט אונטער,
לאָז רוישען אונ' ברויזען דיא וועלען;
דער פריהלינג קומט נאָך דעם ווינטער,
ברענגט רויזען אונ' נאַכטיגאַלען,
ברענגט רויזען אונ' נאַכטיגאַלען.

דיין הימעל לייטערט זיך ווידער,
דיא וואָלקען געהן אוועק,
נאָך וועלען דיך דיא ליעדער,
בעגלייטען ביז צום ברעג,
בעגלייטען ביז צום ברעג.



מ. ברכהן.

משה ברכהן — פאָלקסטימליכער דיכטער. געבאָרען אין פלאַצק, וויטעבסקער גוב. אין יאָהר 1865. מ. ברכהן איז גוט באַקאַנט דעם אידישען לעזער דורך זיינע אונצעהליגע ליעדער, וואָס זיי־נען געשריבען אין אַ ליעבען, פאָלקסטימליכען טאָן. האָט אויך געשריבען פיעל זאַכען אונטער'ן נאָמען בר־מזל. די מעהרסטע פון זיינע ליעדער זיינען צעוואָרפען איבער פאַרשיידענע רוסיש־אי־דישע זשורנאַלען ווי פרץ'ס אויסגאַבען די „ראָ־מאַן־צייטונג", אין פאַרשיידענע זאַמעלביכער פון אַברהם רייזען און אַנדערע. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאָן".

דריי מוידען.

דריי מוידען ווי ריזען,
די פנים'ער שוואַרץ,
זיי שטעכען ווי שפּיזען
דעם טאַטען אין האַרץ.

דריי נדן'ס!... אַ ווערטעל?
עס רעדט זיך גאַר גרינג!
און חאַטש זיך צופּערטעל,
פון הויט חאַטשיק שפּרינג!

דריי כלות... דריי חופות...
זיי מאַכען איהם אַלט,
און גרויס איז דער דלות,
אין שטיבעל איז קאַלט...

הערבסט.

שטיל. — עס שטעהט דער וואַלד
אַ שטומער,
און דאָס שטעדטעל איז פערקלערט.
וויסט די גאַסען, און דער זומער
גוסס'ט לאַנגזאַם אויף דער ערד...

קאַלט.—עס שווידערט... אויפ'ן הימעל
ליעגט אַ גרויסער וואָלקען,—שוואַרץ;
אויף דעם טייכעל ליעגט אַ דרימעל
און אַן אומעט אויף דאָס האַרץ...

בלעטער פליהען.—עס צעזייהט זיך
אין דעם פייכטען לופט דער רויך;
און אַ שוואַלבען־שנירעל ציהט זיך
ווייט אהינצו אין דער הויך...

אין אַ שליטוועג.

וואַלד פון הינטען,
וואַלד פון פאָרענט,
אויף די זייטען וואַלד:

און דער פוהרמאַן,
אַלט בעיאָהרענט,
און דאָס פערדיל אַלט.

נאכט פון הינטען,
נאכט פון פארענט,
אויף די זייטען נאכט;
און דער פוהרמאן,
שרייט און ווארענט,
און דאס שליטעל קראכט.

וויס פון הינטען,
וויס פון פארענט,
אויף די זייטען וויס;
און דער פוהרמאן
בעז, פערצארענט,
וויא'קעט צייטענווייז.

„וויא"... א פייעריל
פון ווייטען
קוקט אהער און ווינקט;

נייגט זיך, בייגט זיך
אויף די זייטען,
הויבט זיך אויף און זינקט...

„וויא"... דאס פייעריל
פון ווייטען
קוקט און פליהט אהער;
—„זאל איין אברוה
דאס בעטייטען"?... —
גיט דאס הארץ א קלער...

„וויא"... דאס פייעריל
פון ווייטען
פליהט און פליהט... פארביי!
ס'קוקט דער פוהרמאן
אויף די זייטען,
וויא'קעט פון דאס ניי...

די נאכט.

עס ווינקען די שטערען,
דער הימעל — ער קלערט;
עס ליעגט ווי א חיה,
א שווארצע די ערד. —

און דארטען, אלץ דאכט זיך,
איך זעה עפים שטעהן,
מיט אויגען פערגלויסטע,
מיט נעגעל, מיט צייהן...

עס קוקט א פערגאפטע,
לבנה און טראכט;
עס הויבט מיט חלומות
מיט שווארצע די נאכט. —

עס רוקט זיך און רוקט זיך
אנ'עפים און קריכט,
און דריקט אויפ'ן הארץ' מיר,
אזוי שווער און געדיכט...

נאכ'ן שלאכט.

דריי שאטענס, דריי שווארצע — דריי ריעזיגע פערד,
זיי שטעהען געבויגען — די קעפ צו דער ערד;
דריי העלדען — סאלדאטען דערביי אויפ'ן פעלד
דערלעבען די לעצטע מינוט אויף דער וועלט...
עס קוקט נאך א פינסטערער בליק ווען בעטריעבט,
אויף דאס, וואס עס האט זיך ביים לעבען געליעבט...
און אויבען דריי אדלער — זיי שניידען דאס לופט,
א ריח פון עסען, פון פרישען, זיי רופט...
זיי טהיילען בעצייטענס: אט, דער וועט זיין דיין,
און דער אט איז זיינער — און דער וועט זיין מיין! —

יוסף יפה.

יוסף יפה — דיכטער, געבארען דעם 24טען דעצעמבער 1865, אין סאלאנט, א קליין שטעטעל אין קאוונער גוב. אין יאהר 1892 האט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער געפינט זיך אויך איצט. אונטער דער זעלבער צייט זיינען זיינע ליעדער געווען געדרוקט אין פארשיידענע אידישע זאמעלביכער און צייטשריפטען אין אמעריקא. אין יאהר 1914 איז אין נויא־רק ארויס א באנד פון זיינע געזאמעלטע „ליעדער", אויף וועלכען די קריטיק האט זיך גאנץ פריינדליך אבגערופען. יוסף יפה'ס ליעדער צייכנען זיך אויס מיט א באזונדערער שפילעוודיגקייט, לעבענסלוסט און לייכטען הומאר. ביבל. דוד פינסקי'ס פארערדע צו זיינע געזאמעלטע ליעדער.

*
* *

און ווער איך בין, מעהר וויים איך נישט.
איך וויים נאר, אז איך בין.
און בלאנדזשע אום פון ארט צו ארט;
איך וויים נישט זעלבסט וואוהין.

און ווער זי איז, וואס פיהרט מיך אלץ,
וואס ציהט מיך אלץ, דאס וויים איך נישט,
איך וויים נאר, וואו איהר אטעם הויכט,
שוועבט מיין נשמה נאך.

און ווי כ'זי ליעב, צו זאגען איהר,
דאס קאן איך נישט, דאס פיהל איך נאר,
און פיהלט זי אויך אזוי —
ווי וואויל איז מיר.

און פיהלט זי נישט אזוי —
ווי וועה איז מיר.

די נייגעריגע.

„ווייבעל, מאך דיר נישט קיין צער,
געה נישט, געה נישט אין געפאהר,
נים פערנעם, דו ביזט א פרוי,
זיי נישט נייגעריג אזוי!"

דאך דאס ווייבעל האלט נישט אויס,
געהט צום וועלדעלע ארויס —
זי וויל וויסען, זי וויל זעהן,
וואס אזוינס עס וועט געשעהן.

„ווייבעל, איצטער איז די צייט,
ביזט נאָך פון דער היים נישט ווייט:
קעהר זיך בעסער אום צוריק,
ס'ברענט צו פייעריג זיין בליק.

דאָך איהר נייגער איז צו גרויס
און דאָס ווייבעל האַלט נישט אויס,
זי וויל וויסען, זי וויל זעהן
וואָס וועט ווייטער דאָרט געשעהן.

„ווייבעל, ביזט צו איהם צו נאָהנט,
זעה, ער האָט דיך שוין דערקאַנט.
פאַר'ן כבוד פון דיין מאַן
איז א רעטונג דאָך פאַראַן.
ציטערסט אַלץ נאָך נישט פאַר שרעק?
קעהר דיך אום און לויף אַוועק.

דאָך זי ציטערט און זי געהט,
צו די קוסטעס, וואו ער שטעהט
זי וויל וויסען, זי וויל זעהן
ביז צום סוף, וואָס ס'וועט געשעהן.

„ווייבעל, ווייבעל, נאָך איין טריט
און פערס'ס'ט איז דיין געמיט!
פאַר די עהרע פון דיין קינד
ריים אַוועק זיך און געשווינד!"

דאָך צו שווער איז איצט די זאַך,
דען דאָס ווייבעל איז צו שוואַך
און זיין אָטעם איז צו היים,
און זי פיהלט עס, און זי ווייס...
ווי ער קוסט זי!... ייי ער רעדט!...

„ווייבעל, ווייבעל, איצט איז שפּעט!"

*

* *

מיר חלום'ט: מיר זיינען צוויי שיינע,
צוויי גרויע, גאַנץ אַלטינקע לייט,
און ס'האָט אונזער שטונדע געשלאָגען,
געקומען צו שטאַרבען די צייט.

מיר קוקען אונז אָן גאַנץ פערד
וואונדערט
און נעהמען אונז פעסט פאַר די הענד,

מיר בלייבען פערגליווערט אין איינעם,
פערליעבט און געטריי ביז צום ענד.

און וויינענדיג מאַכען די קינדער
די אויגען, די שטאַרע אונז צו.
מיר ליגען צוזאַמען אין קבר
און שלאָפען אין אייביגער רוה.

די אַלטע יודאשע.

עס איז איצט בין מנחה למעריב,
די זון האַלט שוין ווייט אין פערגעהן;
יודאשע די אַלטע אלמנה,
זי זיצט איצט ביים פענסטער אַליין.

איהר פּנים איז בלאַס און איין
קנויטשען
פון יאָהרען און צרות גאַנץ פיעל.
זי לעבט איצטער איבער איהר לעבען
דעם וויסטען. זי זיפצט אַזוי שטיל.

און הונדערטער טרוי'ריגע בילדער
אַלץ שוועבען אַרום פאַר איהר בליק:
זיי וואַקסען אַרויס אַזוי בולט
און שווינדען און קומען צוריק.

און וואָס פאַר א שרעקליכע בילדער!
פון עלענד פון ליידען, פון נויט —
אַט שוועבען אַרויף צוויי לויות:
איהר מאַנס און איהר קדיש'עלס
טויט.

און בלייכער נאך ווערט זי אין פנים,
און פיינליכער זעהט זי נאך אויס:
עס דוכט זיך, אט־אט א מינוט נור
און אויס מיט דער אלטעטשקער.
אויס.

נור באלד ווערען קלענער די קנויטשען
און שטראהלען הויבט אן איהר
געזיכט,

די אויגען די שוואכע, די כמארנע,
זיי צינדען זיך אן ווי די ליכט.

מיר דוכט זיך, עס וואלט אין דער
וויילע
קיין איינציגער מענש זי דערקאנט:
זי האט אן איהר ליעבע די ערשטע
אין יענער מינוט זיך דערמאנט.

היימאט.

אט הער איך ווידער א היימישעם ליעדעלע:
אט זעה איך ווידער דעם עירוב, דעם צוים —
ביסט דו דאס טאקע, מיין ליטווישע שטעדטעלע?
אדער איך זעה דיך אין טרוים?

אן שטעהט דאס שולעכעל, נאהנט נעבען גראבען דארט,
פענסטער צובראכענע, קרומינקע ווענד — —
שטיבעלעך — קברים'לעך, דעכלעך געזונקענע, —
ווידער האב איך איך דערקענט!

זאג מיר, וואו זיינען איצט מיינע חברים'לעך?
לעבען זיי, וואנדלען זיי, זיינען זיי טויט?
זינג פון דעם וויעגעלע, זינג פון דעם ציעגעלע,
זינג פון דער אידישער נויט!

ס'ציהט זיך א ליעדעלע, א מעלאנכאלישע,
טרערעלעך הייסינקע פליעסען אהן שיער:
און פיעל עראיג'ערונגען, קינדערשע, הערליכע,
לעבען אין הארץ אויף ביי מיר.

אין דרויסען איז כמארנע.

אין דרויסען איז כמארנע,
אין צימער איז קאלטליך...
איז טאקע אזוי דאס?
צו ווייל איך בין אלטליך
און ס'שטאקט שוין דאס בלוט
אין ד'אדערען מיינע,
קאן איך נישט פערטראגען
דאס רייפע, דאס פיינע
וואס ס'ברענגט אונז דער הערבסט
מיט,

און וואס פאר א פראכטען ער זאל
אונז ניט געבען,
זעה איך אלץ אין זיי נור דאס ענדע
פון לעבען!
איז טאקע אזוי דאס,
און איך בין שוין אלטליך? — —

דער הימעל איז כמארנע,
אין הארצען איז קאלטליך...

אברהם ראדוצקי.

אברהם ראדוצקי — דיכטער. געבארען אין רזשיסטשעוו, קיעווער גוב. אין יאהר 1868. זיין פאטער, א מגיד, האט איהם געגעבען אן אידישלאכע ערציהונג. אין 1890 איז ער אוועק נאך ענגלאנד, וואו זיינע ערשטע ליעדער זיינען ערשינען אין דעם דאמאלסט, ערשט-געגרינדעטען „ארבייטער פריינד" און אנד. אין 1906 איז ער געקומען אין אמעריקא. צווישען אנדערע אויסגאבען האט ער זיך באטייליגט אין דער „פרייע ארבייטער שטימע", „דער אידישער קעמפפער", „דער פריינד", „דאס אידישע פאלק" און אנד.

ביי די ברעגען.

א.

ביי דיא ברעגען, ביי דיא ברעגען
שטיל אום שטום;
מעלאנכאליש, און פערזאומערט
געה איך אום.

צו דיא ברעגען, צו דיא ברעגען
קומען צוא
טריבע װעלען, מידע װעלען
האבען רוה.

ליעבע װעלען, װאנדער װעלען
הערט מיין װארט:
צו מיין היימאט װען איהר קערט זיך
גריסט איהר דארט.

ב.

איך האב אין דער „היים" שוין ניט קיינעם
קיין פריינד, קיין עלטער'ן דארט
די הייזקע צורויבט און צושלאגען
בע'קבר'ט ס'הייליגע ארט.

ס'איז ארעם דאס שטעדטעל, און חושך
אין יעטווידער ווינקעל, איז שווארץ.
נאך וואס און נאך װעמען זשע בענקסטו
מיין ארעם מיין עלענדע הארץ...



דוד עדעלשטאדט.

דוד עדעלשטאדט — סאציאלער דיכטער. געבארען דעם 9טען מאי 1866, אין קאלוגא, רוסלאנד. אין 1882 האט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער איז דעם 17טען אקטאבער, 1892, געשטארבען. דוד עדעלשטאדט איז געווען איינער פון יענע דיכטער, וואס האט שרייבענדיג זיינע ליעדער מעהר אין זינען געהאט די ליידענדע ארבייטער, פאר וועלכע ער האט געשריבען ווי אלע שעהנקייטען און כללים פון פאעזי און דאס איז די אורזאך, וואס די מעהרסטע פון זיינע ליעדער זיינען טעכניש שלעכט געבויט און זיינען ארעם אין פאעזי. דאך האבען זיי אין זייער צייט געמאכט דעם געווינשטען איינדרוק אויף די ארבייטער־מאסען. ביבל. ל. וויענער, "Yiddish Literature" 123-122; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

מיר ווערען געהאסט און געטריבען.

(פראגמענט)

מיר ווערען געהאסט און געטריבען,
מיר ווערען געפלאגט און פערפאלגט,
און אללעס דעפאר וואס מיר ליעבען
דאס ארעמע, שמאכטענדע פאלק.

מיר ווערען געשאסען, געהאנגען,
מען בערויבט אונז דאס לעבען און רעכט,
דערפאר ווייל מיר אמת פערלאנגען
און פרייהייט פאר ארעמע קנעכט!

אבער אונז וועט ניט דערשרעקען
געפענקענים און טיראניי,
מיר מוזען די מענשהייט דערוועקען
און מאכען זי גליקליך און פריי.

שמידט אונז אין אייזערנע קייטען,
ווי בלוטיגע חיות אונז רייסט,
איהר וועט אונזער קערפער נאר טויטען
דאך ניט אונזער הייליגען גייסט.

צו א פריינד.

דאס שיפעלע לויפט צווישען רוישענדע וועלען:
דער שטורם ווערט שטארקער מיט יעדער מינוט:
דער וועג איז געפעהרליך... דאך שטארק איז דער זעגעל —
עהרליכער שיפער, פערליר ניט דיין מוטה!

עס ווערען אלץ בייזער די קעמפענדע שטראמען:
דאס שיפעלע ווארפט עס ארויף און אראפ:
עפעס צורייצטע און העסליכע ברואים
שטעקען פון וואסער ארויס זייער קאפ...

זיי עפענען ברייט די פערבלוטיגטע מיילער,
דאָך שנעל טראָגט דער שטורם דיך ווייטער אוועק —
עס בליצט און עס דונערט, עס בויגט זיך דער זעגעל:
עס ליגט צווישען פעלזען דער שרעקליכער וועג!

זעהסטו פון ווייטען דארט רויטע סיגנאלען?...
דאָס קומט דיר צוהילף באלד די הייליגע צייט!
ס'געהט אויף שוין דער מאָרגען — פערלאָז ניט דעם רודער!
קעמפף מיט דעם שטורם! דער ברעג איז ניט ווייט.



א. ל. וואָלפסאָן.

אפרים־ליב וואָלפסאָן — הומאָריסטי־שער דיכטער. געבאָרען דעם 16טען יאַנוואַר, 1867 אין ריגאַ. אין יאָהר 1889 איז ער געקומען אין אמעריקאַ, וואו ער האָט זיך באַקאַנט געמאַכט ביי דעם אמעריקאַניש־אידישען לעזער מיט זיינע קורצע ערנסטע און באַזונדערס הומאָריסטישע לידער, וועלכע זיינען צעוואָרפען אין פאַרשיידענע אמעריקאַניש־אידישע זאַמעלביכער און צייטשריפטען ווי אין דער טעגליכער „סאָציאַליסטישער צייטונג דער „פאָרווערטס“, די „פרייע ארבייטער שטימע“ און אנדערע. א. ל. וואָלפסאָן האָט אויך געשריעבען אונטער די פסעוודאָנימען: א. פאָטאָגראַף, מעפיסטאָפעלעס, ל. וויינשטיין און ל. ראַבאָטניק.

* * *

וויים, ווי פריעדענס־טויבען, פאַלט דער פוכקער שנעע
און הילט די ערד אין צאַרטער אונשולד איין.
און די וויסע צויבער־דעקע
ציהט זיך אויף א ווייטע שטרעקע.

„מערי־קריסטמאַס“, מורמלען ליפּען,
קירכען־גלאָקען שאַלען, קלינגען,
און אין שעהנע קריסטען־טעמפּלען
הערט מען הללויה זינגען.

אויף די שנעע־בעדעקטע גאַסען,
מורמלענד, ווי א שטראָם, א ווילדער,
ציהט דער יום־טוב׳דיגער עולם
מיט א ליאַרעם און געפּילדער.

אין קאַפע־שאַנטאַנען רייכע
זיצט די זאַטע וועלט און הוליעט,
און אין שמאָטעס שטעהט „די ארבייט“
אויף דער קעלט דאָרט איינגעטוליעט.

פון די הויכע קירכען־טהורעמס
גלאָקען־צונגען הילכיג שאַלען
און זיי קלינגען אויס מיט חוצפּה:
„רוה דער ערד און פריעד צו אַלען!“

מ. ריוועסמאַן.

מרדכי ריוועסמאַן — שריפטשטעלער. געבאָרען אין ווילנא אין יאָהר 1868. האָט צוערשט זיך באַוויזען אין דער אידישער ליטעראַטור מיט אַן ערצעהלונג „דבשה", וואָס איז געוועזען געדרוקט אין י. ל. פּרץ'ס „ידישע ביבליאָטעק". שפּעטער האָט ער אויך געשריבען ליעדער, וואָס זיינען צושפּרייט אין פאַרשיידענע רוסיש־אידישע אויסגאַבען. אין יאָהר 1908 איז אין פאַרלאַג „עזרא", פּעטערסבורג, אין אַ באַזונדער אויסגאַבע ערשינען אַ היבשער טהייל פון זיינע באַארבייטע פאַבלען נאָך קרילאָוו מיט'ן נאָמען „דעם זיידענ'ס משלים". צווישען אַנדערעם האָט מ. ריוועסמאַן אויך אָנגעשריבען אַ רייהע טעאַטער־שטיקער. אויסער דעם האָט ער אויך אַרויסגעגעבען אַ באַנד ערצעהלונגען אין רוסיש, אונטער'ן נאָמען „יעווריעסקים דיעטיאַם". ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאָן".

דער אָבענד.

וואָלקענדלאַך רייניניקע,
שטערענדלאַך שעהניניקע...
ס'גיסט די לבנה איהר ליכט...
ווינטעלאַך שטילינקע,
זיסינקע, קיהלינקע
קושען מיין קאָפּ, מיין געזיכט...
ס'זשומעט אַ פליגעלע,
ס'טרילט שטיל אַ פויגעלע,
וויעגענדיג זיך אויף אַ צווייג...

כ'האָב קיין פערלאַנגען ניט,
כ'האָב קיין געדאַנקען ניט —
כ'זיץ, ווי פער'כשופ'ט און שווייג...
ברידער פערטריבענע,
עלענד געבליבענע,
קעמפּפער, פון שטרייט אָבגעשוואַכט!
קומט צו מיר, טייערע!...
כ'גלויב, אַז ס'וועט אייערע
זיפצען פערטרייבען די נאַכט...

פון פסח'דיגע נגונים.

גראָה און אַלט בין איך געוואָרען
פון דעם גלות אַהן אַ צייט.
אַך! ניטאָ די קינדער־יאָהרען,
ס'איז מיין יונגעם גליק ווייט־ווייט!

אומעטום אַן איינגער „חדר",
ווי אַן איינגע, קאַלטע גרוב...
ווידער זיץ איך ביי אַ סדר,
אָבער טרויער הערשט אין שטוב...

„שפוך חמתך!".. ס'ברענען וואָנדען.
נביא! זאָג: ביסטו שוין דאָ?
זעהסטו, ווי איך ליעג געבונדען,
ווי פער'סם'ט איז יעדע שעה?...

— — — — — — — — —

און מען ברענגט דעם כוס דעם
שווערען.
ער איז פולער... איך פערשטעה!
דאָס האָט „ער" פערגאָסען טרעהרען
אויף מיין עלענד, אויף מיין וועה...

שלמה שמולעוויטץ.

שלמה שמולעוויטץ — פאלקסטימליכער דיכטער. געבארען אין פינסק שביעי של פסח 1868. צו פינף יאהר איז ער שוין געוועזן א משרר ביי זיין פאטער, א חזן. צו צוועלף יאהר נאך דעם טויט פון זיין פאטער האט דער יונגער שלמה שמולעוויטץ אנגעהויבען וואנדערן פון שטאט צו שטאט שאפענדיג ליעדער מיט מעלאדיעס, וועלכע ער האט פארגעזונגען און אויף אזא'ן אופן ער־נעהרט זיך. צו 22 יאהר האט ער ארויסגעגעבען זיין ערשטע ליעדער־זאמלונג פון „צעהן אידישע פאלקסליעדער“. ביז אויפ'ן 30טען יאהר געשריבען ליעדער מיט מעלאדיעס פאר פארשיידענע בדחנים פון ווילנער אומגעגענד. פארפאסט אויך מוזיק תאר פיעל ליעדער פון שמ"ר'ס פיעסען, וואס זיי־נען געשפיעלט געווארען אין ווארשויער טעאטער. אין 1889 איז ער געקומען אין אמעריקא, וואו ער שרייבט נאך אויך איצט פאר'ן אידישען טעא־טער ליעדער און גאנצע ליברעטען. אין פאר־לויף פון דער צייט וואס ער געפינט זיך אין אמע־ריקא האט ער אנגעשריבען איבער פינף הונדערט אידישע פאלקסליעדער מיט מוזיק, וואס ווערען געזונגען אין פארשיידענע טיילען פון דער ערד. האט אויך פארפאסט איבער הונדערט שטיקער מו־זיק פאר פיאנא. אויסער צעהן אנדערע פון זיינע ליעדער־אויסגאבען, האט ער אין 1914 ארויסגע־געבען א גרויסען באנד פון זיינע געזאמעלטע ליע־דער מיט'ן נאמען „פאעזי און ליעדער“.

א בריוועלע דער מאמען.

א.

מיין קינד, מיין טרייסט, דו פאהרסט
אוועק,
זעה זיי א זוהן א גוטער;
דיך בעט מיט טרעהרען און מיט
שרעק,
דיין טרייע ליעבע מוטער.

דו פאהרסט מיין קינד, מיין
איינציג קיד,
אריבער ווייטע ים'ען,
אך! קום אהין נאר פריש געזונד,
און ניט פערגעס דיין מאמען...

יא, פאהר געזונד און קום מיט גליק,
זעה יעדער וואך א בריוועל שיק,
דיין מאמעס הארץ, מיין קינד,
דערקוויק.

א בריוועלע דער מאמען,
זאלסטו ניט פערזאמען;
שרייב געשווינד,
ליעבעס קינד,
שענק איהר די נחמה.
די מאמע וועט דיין בריוועלע לעזען,
און זי ווערט גענעזען.
היילסט איהר שמערץ,
איהר ביטער הערץ,
ערקוויקסט איהר די נשמה.

ב.

דאס אכטע יאהר איך בין אליין,
מיין קינד איז ווייט פערשוואומען;
זיין קינדערש הארץ איז הארט ווי שטיין
קיין איינציג ווארט בעקומען.

ווי קען מיין קינד נאר האבען מוטה,
ווי נעהמט איהם איין זיין לעבען ?
עס מוז איהם געהן דארט זעהר גוט:
הלואי! זאל גאט איהם געבען.

כ'האב איהם געשיקט א הונדערט בריעף,
און ער האט נאך קיין שום בעגריף,
אז מיינע וואונדען זיינען טיעף.

א בריוועלע דער מאמען,
זאלסטו ניט פערזאמען,
שרייב געשווינד,
ליעבעס קינד,
שענק איהר די נחמה.
די מאמע וועט דיין בריוועלע לעזען,
און זי ווערט גענעזען.
היילסט איהר שמערץ,
איהר ביטער הערץ,
ערקוויקסט איהר די נשמה.

ג.

אין שטאדט נויארק, א רייכע הויז,
מיט הערצער אהן רחמנות,
דארט וואהנט איהר זוהן — ער לעבט נאר גרויס,
מיט נעטליכע מתנות;

א שעהנע פרוי און קינדער צוויי,
מיט ליכטיגע געשטאלטען,
און ווי ער זיצט און קוועלט פון זיי,
האט ער א בריעף ערהאלטען.

דיין מוטער טויט, עס איז געשעהן,
אין לעבען האסטו איהר פערזעהן,
דאס איז איהר לעצטער וואונש געוועזען:

א קדיש'ל דער מאמען,
זאלסטו ניט פערזאמען,
זאג געשווינד,
ליעבעס קינד,
שענק איהר די נחמה,
די מאמע וועט איהר קדיש'ל הערען,
אין איהר קבר נערען,
היילסט איהר שמערץ,
איהר ביטער הערץ,
ערקוויקסט איהר די נשמה...

איך וויל.

עס קומט א צייט: איך ליעב און וויל
דאן לעבען אלע ראסען.
עס קומט אמאל אויך א געפיהל,
צו וויינען און פערהאסען.

עס קומט א צייט: מיין זעעלע האפט,
מוזיק, געזאנג צו הערען.
עס קומט א צייט ביי מיר אויך אפט,
איך וויל נאר גיסען טרעהרען.

מיין ווילען, אך! איז גרויס און ווייט,
איך וויל די וועלט געפעהלען!
איך וויל... דערווייליע לויפט די צייט,
באלד הער איך אויף צו וועלען...

דוד גאָלדשטיין.

דוד גאָלדשטיין — דיכטער. געבאָרען דעם 15טען אפּריל 1868, אין יאַנוסטאַווא, סוּבאַלקער גוב. אין יאָהר 1882 איז ער אוועק נאָך ענגלאַנד, פון וואַנען ער איז אין 1885, געקומען קיין אמעריקא און האָט אָנגעהויבען אנטייל נעמען מיט לידער אין פאַרשיידענע אמעריקאַניש־אידישע אויסגאַבען. דוד גאָלדשטיין האָט געשריבען אין דער זעלבער צייט וואָס מאָריס ראָזענפעלד און דוד עדעלשטאַדט און האָט אונטער דער ווירקונג פון יענער צייט, דאָס מעהרסטע פון זיין שאַפען געווידמעט דער סאָציאַלער וועלט. שפּעטער איז ער, צוליב אונגינסטיגע מאַטעריעלע אומשטענדען אין גאַנצען פאַרשוואונדען פון דער ליטעראַרישער וועלט. אַרום 1912 נאָך דעם ווי דער צוזאַמענשטעלער פון דער פאָרליגענדער אויסגאַבע האָט איהם אויפגעזוכט און האָט ביי איהם פאַר דער זעלבער אויסגאַבע גענומען ליעדער, האָט ער זיך ווידער אָנגעהייבען באַווייזען אין פאַרשיידענע צייטשריפטען און אין יאָהר 1916 איז אין נויאָרק ערשינען א קליינע זאַמלונג פון זיינע לידער „ווינטער בלומען" מיט א פאָרוואָרט פון לעאָן ס. מאָיסעיעף.

ראָמאַנסען.

א.

א שעהנער טאָג, א ליעבער טאָג,
דער שעהנסטער טאָג אין זומער:
עס האָט שוין אַלעס אויפגעבליהט,
און אויך מיין טיעפער קומער.

מיין שעהן מיידעל, מיין בליך מיידעל,
זי שטעהט פאַר מיר שוין ווידער;
איך האָב אמאָל פאַר איהר אליין
געזונגען מיינע ליעדער.

און ווידער שוין, אָט זעה איך איהר,
זי שטעהט פאַר מיינע אויגען —
איך טרוים נאָך אַלץ דעם זעלבען טרוים
דעם קאָפּ צו דר'ערד געבויגען.

ב.

ס'איז טונקעל אזוי אין מיין צימער,
מיר זיצען און שווייגען ביינאַנד,
אין שטילען, אין נאַכטליכען שימער,
א שאָטען קריכט אום אויפ'ן וואַנד!

דער שאָטען קריכט אום ווי אין חלום,
ער קריכט און געפינט זיך קיין אָרט,
ער בלאָנדזשעט און זוכט ווער עס זאָל אים
כאָטש זאָגען א פריינדליכען וואָרט..

ג.

און יאגט אויף דיר א שרעק
דער שאטען אויפ'ן וואנד,
און טרייבט איהם בייז אוועק
דיין ציטערדיגע האנד.

דאך גליהט ער אלץ און גליהט,
אין מאטען אבענד־שיין,
דאך ציהט איהם אלץ און ציהט
צו דיר אין הארץ אריין...

ד.

כ'האב אין פריהלינג פון מיין לעבען
נאר צו דיר געזונגען הלל,
איצטער זינג איך אבענד־תפלות,
איצט בין איך פאר דיר מתפלל.

וואלט איך קענען דיר דערצעהלען
מיינע ניט דערזאגטע תפלות
וואלט איך קענען דיר דערצעהלען
אין דער שטיל עס, אין דער שטיל
עס...

כ'האב אין פריהלינג פון מיין לעבען
נאר' צו דיר געזונגען הלל,
איצטער זינג איך אבענד־תפלות
איצט בין איך פאר דיר מתפלל.

דער מידער וואנדערער.

איך בין דער מידער וואנדערער,
איך האב קיין ערד פאר מיינע טריט:
ניטא צו מיר קיין אנדערער,
מיין זעעלע האט קיין הימעל ניט.

מיין אויג איז מיד שוין, זוכענדיג
מיין חלום פון אמאל:
ניט בענשענדיג, ניט פלוכענדיג,
אפט וויין איך אויפ'ן קול.

מיט פליגעל אבגעשארענע
רק רייס איך מיך ארויף:
געוועזענע, פערלארענע —
אט דאס איז מיין בערוף.

און יאהרען פון טרויער.

און יאהרען, און יאהרען, און יאהרען,
זיי זיינען אוועק און פערגאנגען,
און איך בין געוועזען דער ארון,
אין טרויער, מיט שווארצען פער־
האנגען.

א שטילער, א הייליגער טרויער
האט מיך אומגעפאסט און פערצויגען,
און איך האב געטראגען די טויטע,
די טרוימען פון גליק און פון ליעבע.

מיין הארץ—א פערלאזענער טעמפעל,
א פולער מיט גרויסע ארונות,
געצאנקט האט, געצאנקט דארט א
לעמפעל,
בעלויכטען די טויטע זכרונות.
אליין בין געוועזען דער בעל תפלה,
און איך האב בעוויינט מיינע טויטע,
און איך האב בעקלאגט זיי אין
ליעדער,
די טרוימען פון [illegible] פון ליעבע.

פערטיעפט אין מיין איינזאמען
קומער.
מיט ביינקענדע בליקען אהינטער.
אזוי איז פערגאנגען מיין זומער,
אויף מיר האט געלייגט זיך דער
ווינטער.

און לאנג האט מיין ווינטער געדויערט
א ווינטער פול ברענענדע קעלטען.
און איך האב אהן אויפהער גע־
טרויערט,
נאך מיינע פערלארענע וועלטען.

זעלדע קניזשניק.

זעלדע קניזשניק — דיכטערין. געבארען אין וויאזין, ווילנער גוב. אין יאהר 1869. נאך אלס קינד פון ניין יאהר האט זי שוין געשריבען העברעאישע שירים. איהרע געצעהלטע, קורצע ליעדער אין אידיש וואס זיינען געדרוקט געוועז אין פארשיידענע אמעריקאנישע און רוסיש־אידי־שע אויסגאבען, זיינען געשריבען אין א דינעם עכט פרויליכען לירישען טאן. זעהר וועניג פרוי־ען־דיכטער פארמאגט די אידישע פאעזי און עס איז ווירקליך א שאד, וואס פון איהרע ליעדער אין אידיש זיינען (ווי ז. רייזען'ס לעקסיקאן טיילט מיט) א קליינער טייל פארעפענטליכט גע־ווארען. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן“.

אונטער שלאס.

עס פערבלייבט אונטער שלאס
א געצוימטער פערלאנגען,
א געפיהל, וואס ברענט אויס,
נאר אין הארצען אין באנגען;

און א טרעהר, וואס זי טאר נישט
ארויף אויף די ברעמען,
און א תפילה, וואס שפארט זיך
און זי ווייס נים פאר וועמען...

וואלקענס.

העלע וואלקענס, ווייסע וואנדרער,
שווימען אהן א שיער.
אך, איהר העלע ליעבע גרים,
זיינט חברים מיר!

שטענדיג ווייס איך אויך קיין רוה נישט;
ווי געיאגט פון ווינד,
טרייבט מיך אום דער הארטער מזל,
צוועקלאז, זינלאז, בלינד.

א שפעטיגע רויז.

אין רויטען סאמעט איינגעהילט,
שטיל טוליעט זיך א רויז,
און איבער איהר שוועבט אום א
פראסט.
און גלאצט די אויגען בייז.

און ווען די מזרח זון ערשיינט
און נעהמט איהר ליעב ארום,
דאן פלאטערט שוין נישט מעהר די
רויז;
זי בליקט פערגליווערט־שטום.

און איבער איהר שוועבט אום א
פראסט
און שטערט איהר זיסע רוה;
עס טהוט א שוידער שטיל די רויז
און מאכט די אויגען צו.

עס קושט און גלעט איהר מילד דער
שטראהל;
זי ענטפערט שוין נישט מעהר.
פון טויטען אויג נאר קאפעט אפ
א קאלטע, שווערע טרעהר...

ה. אלעקסאנדראוו.

ה. אלעקסאנדראוו (וויליאם מילער, סארע־ריוועס) — זשורנאליסט און דיכטער. געבארען אין יאהר 1869 אין פעטערסבורג. אין 1898 האט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער איז אין יאהר 1909 געשטארבען. אין 1903 האט ער רעדאגירט דעם מאנאטליכען זשורנאל "פרייע שטונדע". שפעטער איז ער געוועזן א שטענדיגער מיטארבייטער פון דער „צוקונפט", „דער אר־בייטער" און אנדערע אמעריקאניש־אידישע אויס־גאבען. האט אויך אנטייל גענומען אין דער רו־סיש־אידישער פרעסע. אויסער פובליציסטישע ארטיקלען, פעליעטאנען, דערצעהלונגען און דרא־מען, האט ה. אלעקסאנדראוו אויך אנגעשריבען א רייהע לידער, פון וועלכע „די פאהנע" איז זעהר פאפולער געוועזן און איז פיעל געזונגען געווארען. ביבל. יוד. רוס. ענצ. 1, 167—168; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

אידישע וויעג-ליעד.

שלאף, מיין קינד, א זיסער מלאך
טהוט ביי דיר צוקאפענס שטעהן...
ביזקעל מארק איז א מהלך,
האנדלען וועט דיין מאמע געהן...
שלאף, מיין קינד, שלאף, מיין קינד,
מאך די אויגען צו געשווינד.

ווי פון גין־גאלד איז דיין קעפעל,
פערל שיטען זיך פון מויל...
כ'טראג אוועק מיין קאשיק עפעל
שלעפ זיך, דלות, זיי ניט פויל..
שלאף, מיין קינד, א. ז. וו.

ביזט אין קלויז דער גרעסטער מתמיד,
לערנסט גמרא טאג און נאכט...
שטעהט מיין קאשיק ווי פערחתמה'ט,
און מיין מזל שטעהט און לאכט...
שלאף א. ז. וו.

קענסט שוין באלד די גאנצע תורה,
און עס קלינגט מיט דיר די וועלט...
כ'שטעה און פריער מיט מיין סחורה,
ביז די ביינער גרייכט די קעלט...
שלאף א. ז. וו.

ווערסט, מיין זוהן, א גביר'ס אן
איידים
און קומסט אן צום שווער אויף קעסט,
מעג די קויפער נעהמען שדים,
פון א גראשען גיב זיי רעשט...
שלאף א. ז. וו.

טראגסט א זיידענע קאפאטע,
און די זאקען ווייס ווי שנעע...
שטעה איך אב דעם טאג אין בלאטע
לויף אהיים — א בראך צו זיי...
שלאף א. ז. וו.

טראגסט א היטעל, שיינט פון וויטען
און א גארטעל — גאלע פליש...
פאר דיין טאטען—ס'ברעכט די
זייטען —
שטעל איך קאכען פוסטע פיש...
שלאף, מיין קינד, שלאף, מיין קינד,
מאך די אויגען צו געשווינד.

יהודית.

יהודית (רחל בערנשטיין) — דיכטעריז. געבארען אין יאהר 1869 אין מינסק. צום ערשטען מאל האט זיך יהודית באוויזען אין דער אידישער ליטעראטור מיט א דערצעהלונג „א ווינטער־שבת“, וואס איז געדרוקט געווען אין „פריינד“, 1907. שפעטער האט זי אנגעהייבען שרייבען לידער, פון וועלכע די מעהרסטע זיינען געדרוקט געווען אין פארשיידענע אמעריקאניש־אידישע אויסגאבען ווי „דער ארבייטער“, „דאס נייע לעבען“ און אנד. צווישען אנדערעס האט יהודית אויך אבגעדרוקט אייניגע קאפיטלען פון א ראמאן, אן איינאקטער „ביי דער ארבייט“ און א דראמאטישע סצענע „אין אונזערע טעג“. אין די מעהרסטע פון איהרע לידער פיהלט זיך דער פלאטער פון אן אונרוהיגער נשמה, וואס מאכט זיי פאר דראמאטיש, טיעף און אנגרייפענד. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן“.

אין א ווינקעל פון מיין הארצען.

אין א ווינקעל פון מיין הארצען
איז מיין יוגענד טיעף בעהאלטען;
אין פערשלאסען פון די יאהרען
מיט א פעסטען שלאס אנ'אלטען...

אויף א רגע רייסט מיין יוגענד
זיך ארויס פון איהרע צוימען,
מיט א שמייכעל אין די אויגען
שטראהלען ווידער איהרע טרוימען...

מיט א לייכטען טריט מיין יוגענד
געהט אוועק צוריק אין לעבעי
ווי א וואלקענדעל א ווייסעס,
טוט זי דארטען גרינג זיך שוועבען.

ווי צום ערשטען מאל אין פריהלינג
זעהט מיין יוגענד אלעס ווידער:
גרינע בוימער, רויטע בלומען,
און דעם טייך... עס קלינגען לידער..

דארט ביי'ן טייך טרעפט זי א יונגעל
יענעם יונגעל... בלויע אויגען...
ס'שפיגעלט אב וואס... די געזיכטער
ווערען ביידענס ראז פערצויגען...

דורך א שטראהל פון איהרע בליקען
טוט זי איהם א שמייכעל שענקען;
קוקט איהם נאך פערקלערט א ווילע
און דאס הארץ פערגעהט פון בענקען.

*
* *

די נאכט איז טיעף, די נאכט איז שווארץ...
עס רייסט זיך, ס'רייסט אזוי מיין הארץ...
אין פענסטער קלאפט דער ווינד...
עס רוישט אריין א בוים, ער רעדט.
ער זאגט: „ס'איז שפעט, עס איז שוין שפעט...
די צייט, זי שפאנט געשווינד...

נעשווינד". איך וויל בעהאלטען נאר
מיין יוגענד־טרוים, כ'וואלט אויפ'ן וואר
זיך שטיל פון איהם געטרוימט...
„עס איז א זינד... עס איז א זינד...
עס שלאפט מיט דיר דיין קליינעם קינד"...
צוזאמען מיט דעם בוים, דעם ווינד
א סוד מיר עמיץ רוימט.
איך ווארף מיין טרוים! עס וויינט דער ווינד:
עס טוליעט זיך צו מיר מיין קינד...
איך נעהם ארום מיין קליינ'ס...
די נאכט איז שווארץ, די נאכט איז לעער,
עס טריקענט אוים מיין לעצטע טרעהר.
מיר איז אלץ איינס, אלץ איינס...

*

* *

ברייטע הימלען, ערד א גרויסע
און א שיינע זון א הייסע —
אלע אייביג שטום...
און פערמאטערטע, פערוויענטע,
ווי די ווערים האלב־צודריקטע,
קריכען מיר ארום...
קריכען... ווי א ווארים פיהלען,
מיט א טרעהר דעם צארן שטילען...
צארנען ווי א פליג...
ליעבען, האפען, האסען, בייגקען...
און פערמאטערט, אלעם שענקען?...
— — — — — — — — — — —

ניין! זאל זיין גענוג!
איך וויל לאכען, שד'יש לאכען,
כ'וויל פון אלעם חוזק מאכען,
לאכען, לאכען הויך!
עס זאל דונערן אין בליצען,
פון געלעכטער זאלען שפריצען
פייער פלאמען, רויך!
און די הימלען זאלען ברומען,
זאלען ריידען, — זייער שטומען
לייד איך שוין ניט מעהר!
רעדט! כ'וויל הערען, וועלכער רוח,
וועלכער טייוועל, וועלכער כח
האלט אייך ביז אהער!...

יהואש.

יהואש (שלמה בלומגארטען) — איינער פון די גרעסטע אידישע דיכטער פון ענדע 19טען יארהונדערט. געבארען אין ווערזשבאלאווא, סו־באלקער גוב. אין יאהר 1870. זיינע ערשטע ליע־דער זיינען געדרוקט געווען אין פרץ'ס „יודישע ביבליאטעק" און אין ספעקטאר'ס „הויז־פריינד" פון יאהר 1890. דעם זעלבען יאהר איז ער אוועק קיין אמעריקא, וואו ער האט נאך א לייננערער אונטערברעכונג ערשט אין 1902 אנגעפאנגען זיין גרויסע ליטערארישע טעטיגקייט. אויסער זיינע פיעל־בענדיגע אריגינעלע שאפונגען האט יהואש אויך בארייכערט די אידישע ליטעראטור מיט א רייהע איבערזעצונגען ווי: ישעיה, איוב, שיר השירים, רות, קהלת, פרקי אבות און לאנגפעלא'ס פאעמא „הייאוואטהא", וואס זיינען ערשינען אין פארלאג „יהואש" נויארק. דער זעלבער פארלאג האט אויך ארויסגעגעבען א ווערטער־בוך פון פארשיידענע העברעאישע און כאלדעאישע עלע־מענטען אין דער אידישער שפראך, צוזאמענגע־שטעלט פון דר. חיים ספיוואק און יהואש. אין 1914 האט ער באזוכט דאס הייליגע לאנד, וואו ער האט זיך געוואלט באזעצען. ער האט אבער צוליב דער מלחמה געמוזט זיך צוריק־קערען נאך אמעריקא. ביבל. „ליטערארישע נא־טיצען", אין „ראמאן־צייטונג", נום. 26־27, 1907; י. ענטין, אין „צוקונפט", 11־12, 1903; בעל דמיון, אין „פריינד"; ש. ציניבערג, יוד. רוס. ענצ. 8, 545־546; אלגין, אין „צוקונפט", 1915; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

אויפ'ן שליטען.

דער הימעל פול שטערען, די פעלדער פול שנעה,
מירביידע אין ענדלאזע רוימען —
די גלעקעלעך קלינגען, דאס שליטעלע לויפט:
מיר פאהרען אין לאנד פון די טרוימען...

דריק־צו זיך, מיין זיסע, די פערד יאגען גיך,
מיר האבען ניט לאנג מעהר צו רייזען —
באלד וועט זיך מיט זיבעציג טהורעמס פאר אונז,
דער פאלאץ פון צויבער בעווייזען...

אט זעהסט, יענע הויכע, וואס שטעהען ביים וועג,
בעפאנצערט מיט זילבערנע פליטער,
די קעפ מיט קריסטאלענע קיווערס בעדעקט? —
דאס זיינען פון פאלאץ די היטער...

זיי וואכען ביי טאג און זיי וואכען ביי נאכט,
און לאזען צום שלאס ניט דערגרייכען,
און ווער עס וויל קומען צופאהרען אהין,
מוז געבען די שומרים א צייכען...

איצט גיב מיר די העגטלעך און שווער מיר, אז דו
וועסט נאכטהון מיין צויבער און שווייגען —
מיר האט א מכשף דעם צייכען געצייגט,
און איך וועל עס ד י ר איצטער צייגען:

„א קוש אויף די ליפען, א קוש אויפ'ן האלז,
„און דאן אויף די אויגען צ דריטען...“
דער צייכען, מיין זיסע, איז ריכטיג געמאכט,
באלד אפשטעלען וועט זיך דער שליטען...

דער פאלאץ וועט פינקלען מיט טוזענדער ליכט,
און הילכען פון טעניץ און געזאנגען,
דער גרייז־גראהער קעניג אליין וועט ארויס,
און אונז מיט א שמייכעל עמפפאנגען...

ער וועט אונז פערבעטען אריינגעהן אין שלאס,
און פעען אונז וועלען בעדיענען,
אויף פינקלענדע טעלער, דארט וועלען מיר אלץ,
וואס אונז וועט געלוסטען, געפינען...

און ווען אונזער מאהלצייט געענדיגט וועט זיין,
פערזוכט אלע שפייז און געטראנקען —
צום אנדענק וועט געבען דער צויבערפירסט אונז
צוויי טייערע דימענט־געשאנקען....

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער הימעל פול שטערען, די פעלדער פול שנעה,
מירביידע א ז ענדלאזע רוימען —
דאס שליטעלע קלינגט, און דאס הארץ אין מיר זינגט:
מיר פאהרען אין לאנד פון די טרוימען...

פון „בלומען און דערנער“.

אין דעם וייטען לאנד מצרים —
זאגט מען — שטעהט א פיראמיד,
הייבט די זון נור אן צו שיינען,
הייבט ער זינגען אן א ליעד...

אבער געהט, די זון ארונטער,
קעהרט איהר פנים אב פון איהם,
הערט דער טהורעם אויף צו זינגען,
און פארליערט זיין צויבערשטים...

קוק מיך אן, איך בין דער טהורעם,
און דו ביזט מיין גאלד'נע זון,
הייבט דיין פנים אן צו לייכטען
הייב איך זינגען אן דערפון...

אבער ווען דיין בליק ווערט פינסטער,
און באקוקט מיך בייז און קרום,
ווערט מיין אייגען הערץ פאר'חשכ'ט,
און איך ווער באטריבט און שטום..

נאַכט.

שלעפעריג גרייזעלט דער נאַכט־ווינד די גראָזען;
ס'וויעגען די ווערבעס פערשלאָפען דעם קאָפּ.
טויזענדער גאָלדענע אויגען אין הימעל
פינקלען און שפיגלען אין וואסער זיך אָפּ...

רייד ניט א וואָרט איצטער... האַלט אויף א רגע
איין פון התפעלות דאס זיסע געפיהל.
טהו ווי דער הימעל, דער טייך און די ווערבעס:
איטליכער חלומ'ט זיין טרוים אין דער שטיל...

בענקעניש.

דאָס זעלביגע פעלד און דער זעלביגער שטעג,
דאָס זעלביגע שושקען און זומען.
עס ריהרט זיך א טרוים, און עס וועקט זיך א ליעד,
א ליעבע געשטאַלט פלאַטערט דורכ'ן געמיט,
און שפּרינקעלט אין האַרצען פאַרפומען...

דאָס זעלביגע פעלד און דער זעלביגער שטעג,
מיר גלוסט זיך א קאָרן־בלום נעהמען...
זי פּאַסט אזוי שעהן צו א ווייסען געוואַנט...
איך פליק זי אראָפּ, און איך האַלט זי אין האַנד,
און... געבען זי האָב איך ניט וועמען...

א טויטע רויז.

ארויסגעפאַלען פון א בוך
איז מיר אין שוים,
א זכר פון א יוגענד־טרוים —
א טויטע רויז...

כ'האָב ביי דעם בוך געפרעגט:
ווי קומט
אהער די בלום?
די שורות זיינען שטיל געווען,
דער עבר — שטום...

אויף איינעם פון די בלעטלעך איז
א פלעק געווען...
ס'האָט עמיצער געוויינט אַמאָל,
דאָך וואו? און ווען?...

איך האָב די טויטע רויז געקושט,
געקושט די טרעהר...
ס'האָט עמיצער געליעבט אַמאָל,
דאָך וועמען? ווער?...

פאָלקס־מאָטיוו.

„מאמעניו מיינע, מאַמעניו האַרץ,
„בינד אָפּ פון מיין האַלז די קאָרעלען,
„דער קייזער וועט קומען צופאַהרען אהער,
„און כ'וועל איהם חלילה געפעלען...“

יהואש.

— טאכטער׳ל מיין, טאכטער׳ל גאלד,
דיין הערצעלע זאל זיך ניט פלאגען,
איך וויל ניט דער קייזער זאל האבען דיך האלד,
און דו וועסט קיין ציערונג ניט טראגען...

„מאמעניו מיינע, מאמעניו הארץ,
„מיין צאפ טהו מיר מיאוס פערקעמען,
„דער קייזער וועט קומען צופאהרען אהער,
„און שיקען שטאפעטען מיך נעהמען"...

— טאכטער׳ל מיין, טאכטער׳ל גאלד,
ער וועט קיין שטאפעטען ניט שיקען,
איך וויל ניט דער קייזער זאל האבען דיך האלד,
און קניפ דיר א קאלטען א דיקען...

„מאמעניו מיינע, מאמעניו הארץ,
„מיין ווייסע געזיכט טהו פערשמירען,
„דער קייזער וועט קומען צופאהרען אהער,
„און וועט אין זיין פאלאץ מיך פיהרען..."

— טאכטער׳ל מיין, טאכטער׳ל גאלד,
האב נאר ניט קיין מורא אין הארצען,
איך וויל ניט דער קייזער זאל האבען דיך האלד,
און וועל דיך מיט סאזשע פערשווארצען...

„מאמעניו מיינע, מאמעניו הארץ,
„כ׳טהו ביטערע טרערען פערגיסען,
„דער קייזער וועט קומען צופאהרען אהער
„וואו קען איך די אויגען פערשליסען ?..."

— טאכטער׳ל מיין, טאכטער׳ל גאלד,
אנטלויף ווי א פייל פונ׳ם בויגען,
כ׳האב מורא דער קייזער וועט קריגען דיך האלד,
ווען ער וועט נאר זעהן דיינע אויגען...

דאס קראנקע קינד.

געשמייכעלט האט דאס מיילכעלע,
פון שלאף געעפענט האלב,
געלעגען מאט דאס קעפעלע,
ווי ביי א קראנקער שוואלב...

געהאלטען האט זי צוגעדריקט
צום הערצעלע געטריי:
די ליאלקע מיט די ברוינע האר,
דעם הונד פון פארצעליי...

און אויסגעשפּרייט איהר רייכטום איז
געלעגען נעבען איהר:
צוויי שפּולכעלעך, דריי בענדעלעך,
פיער קווייטען פון פּאַפּיער...

דאָס הארץ געוואָרען איז מיר שווער,
און כ'האָב ביים קליינעם בעט —
צום ערשטען מאָל אין יאָהרען פיעל—
געמורמעלט א געבעט...

שימער און שאָטען.

עס פאַלט ארונטער אויף דער ערד,
א שטילקייט ווי פון שרעק,
די רונדע פייערדיגע זון
שטאַרבט ביסלעכוויין אוועק...

דער הימעל האַט איהר טויטענבעט
מיט ליכט ארומגעשטעלט,
און ס'האָט מיט פלאַמען זיך צוברענט,
דאָס גאַנצע מערב-פעלד...

עס שעפּטשעט אין די הויכע גראָז,
דער ווינד באַקלעמט און שוואַך
זאָגט קדיש נאָך דער גרויסער זון,
אויף אבענד-ווינטען-שפּראַך...

אָבענד-קלאַנגען.

איצט קומט די שטילע אווענד-שעה,
מיט גאָלד און פּורפּור-פאַסען,
און זומער-טאָג מיט זומער-נאַכט
זיך קוסענדיג פאַרקנאַסען...

איצט ווערען בלאָה און גרוים די
בערג,
דער טאָל ווערט דונקלער, קלענער,
און ס'הויכט פון ערגיץ-וואו ארוים,
א מעלאָדיע אָהן טענער....

עס הויבט זיך ווי א קטרות אויף,
דער דופט פון לאַנקע-בלומען
און ס'רוהט די וועלט און הייליגט זיך
אין אווענד-גלאַנץ אין שטומען...

וואַסער-שפּיעלונג.

עס האָט זיך פון בענקשאַפט דער הימעל
אין ליכטיגען וואַסער דערטרונקען,
האָט אויבען זיין שאָטען געלאָזען
און ע ר ליעגט אין אָפּגרונד פאַרזונקען...

אויף זאַמד-קישענס אויסגעבעט האָט איהם
זיין טייך-קאַמעראַד דער געטרייער,
און פרום-שטילע וועלען, איהם זיינען
דעם לויטערען פנים מטהר...

און ס'בויגען אראָפּ צו דעם טייך זיך
די שכנים מיט הענגענדע צווייגען.
באקוקען דעם נפטר דעם שעהנעם,
און וויגען זיך טרויריג און שווייגען...

שאָטענס.

געפאלען איז א שאטען אויף מיין שוועל,
און קיין געשטאַלט איז ניט אריינגעקומען,
געהערט האָב איך דאָס שוימען פון א וועל,
און קיינער איז צום ברעג ניט צוגעשוואומען....

מיין זעל, מיין מיעדע זעל,
וועסט אויביג, אויביג וואכען,
און אויביג, אויביג פרעגען,
און תמיד וועט אנטקעגען
דאָס לעבען שטעהן, און לאכען —
מיין זעל, מיין מיעדע זעל...

א פּאָרעם האָט פון קנויל זיך אָפּגעדריבעלט,
און איז אין דונקעלהייט צו מיר דערגאנגען,
האָב איך מיט מיה געצויגען און געגריבעלט
און האָב ארויסגעצויגען — שלאַנגען...

מיין זעל, מיין מיעדע זעל,
האָסט דריבלענדיג אין פינסטערניסען,
דיין אייגענעם געוועב צוריסען —
מיין זעל, מיין מיעדע זעל...

איך האָב געוויינט.

גם כי אלך בגיא צלמות...
(תהלים כ"ג, ד')

איך האָב געוויינט א גאנצע נאַכט,
האָט מיר די נאכט א הילף געבראַכט.

איך האָב געוויינט, האָט מיין געוויין
דאָס הארץ מיר אויסגעוואשען ריין.

האָב איך געטרונקען שטיל מיין פּיין
ווי איינער טרינקט א קיהלען וויין.

האָב איך געזאָגט: מיין שמערץ
איז גרויס,
וועסט דו מיך נעהמען אין דיין שויס.

האָב איך געזאָגט איך בין א קינד,
וואָס זוכט זיין פאָטער און געפינט.

און ווען איך שטרויכעל און איך פעהל,
איז תמיד גרייט פאר מיר דיין שוועל.

און ווען איך געה אין וויסטען טהאָל,
פון וויטען רופט צו מיר דיין קול.

און ווען איך מעק דיין נאָמען אויס
ביסט דו דער היטער פון מיין הויז.

און ווען איך פיל מיט שטאָלץ זיך אַז,
מיט מיטלייד קוקסטו פון דיין מהראַן.

און ווען איך בין ביים לעצטען ראַנד,
שטרעקסט ד ו צו מיר דיין
שטאַרקע האנד...

די בריק.

בין איך די בריק...
אריבער מיין געניק
די מחנה ציהט פון ברעג צו ברעג,
צו גרויסע טעג,
צו גליק...

בין א י ך די בריק, און נאַכאַנאַנד
די מחנה ציהט צום שעהנעם לאַנד,
מיט פרייד און מאכט...

בין א י ך די בריק, און העגג
אויף פינסטערע און שווארצע
הייהלען,
און זעה דעם תהום, און זעה די שלענג,
און טהו עס ניט דערצעהלען...

און טאָג און נאכט
און פריה און שפעט,
אויף מיינע ליפען וואכט
און ציטערט א געבעט: —
„גאָט, גיעב מיר קראַפט,
„איך זאָל ניט ווערען אָפּגעשוואכט...“

שרעקען.

(דעם זכרון פון אונזער אלעמענס שלום עליכם).

אין די שאָטענס ליגען זיי,
אין דער פינסטער הארען זיי —
הארען זיי אויף וועמען? —
אויפ׳ן טישעל צאַנקט א קנויט,
ווי דאָס פייערעל ווערט טויט,
ווילען זיי מיך נעהמען...

ליכטעל, ליכטעל צאַנק און צאַנק,
פינטעל מיד און פינטעל קראַנק,
נאָר ניט הער אויף פינקלען...
ווי עס לעשט זיך אויס דער פונק,
געבען ווילען זיי א שפרונג
אַלע פון די ווינקלען...

ליכטעל, ליכטעל ניט פערגעה,
אין די עקען ווארטען זיי,
ווילקאָלאקעס־ריעזען...
צייהן ווי מעסערס, נאָדלען האאר,
און די אויגען ווי א פּאָאר
אָנגעשאַרפטע שפּיזען...

ליכטעל, ליכטעל געה ניט אויס —
אָנגעפילט מיט זיי דאָס הויז,
זעה ווי בייז זיי קוקען...
נעהנטער, נעהנטער, אָט שוין באַלד
וועלען זיי מיך מיט געוואַלד
כאַפּען און פערצוקען...

יפתח׳ס טאָכטער.

מימים ימימה תלכנה בנות
ישראל לתנות לבת יפתח
הגלעדי ארבעת ימים בשנה.
(שופטים, י״א.)

ס'איז דאָ א הויכער וויסטער באַרג
א קללה ליעגט אויף איהם,

מע זעהט אויף איהם קיין גרעזעל ניט,
מע הערט קיין פויגעל שטים...

נאר קאלטע פעלזען שטעהען שטום
ווי ריעזען אהן א שפראך,
יאהר איין יאהר אויס, דורך ווינד און שניי
דורך בליץ און דונגער־קראך...

אויף יענעם קאהלען וויסטען בארג,
וואו איטליכען ווערט באנג,
דארט שטעהט א קבר אויפגעבויט,
פון יאהרען יאהרען לאנג.

און אין דעם קבר שלאפט דאס קינד,
ישראל׳ס שענסטע בלום —
געבראכט צום אפפער פאר איהר לאנד
און פאר איהר פאטער׳ס רוהם...

עס רוהט די טאכטער יפתח׳ס דא,
פון אללע מענשען ווייט —
נאר פיער טעג ווערט אין יעדען יאהר
געשטערט די איינזאמקייט...

דאנן קוממען געלד׳ם טעכטער אן,
מיט טרויריגען געזאנג,
און אללע פעלזען גיבען אב,
א דומפפען ווידער־קלאנג.

זיי קלאגען הויך, זיי קלאגען לאנג
און לעגען דארט א קראנץ,
און טאנצען אויף דעם שטוממען בארג,
א וויסטען קבר־טאנץ...

און ווי זיי זינגען דאכט זיך זיי,
עס זינגט נאך איינע מיט,
און ס׳טאנצט די טויטע צווישען זיי
מיט אונזיכטבארע טריטט...

חליצה.

(פאלקסטהימליך)

האט דער רב געשיקט איהם רופען:—
ס׳איז א זינד, רב נחום איצע..
„ניט פערפינסטערט איהר דאס לעבען, —
„גיט דער יונגער ווייבעל חליצה...“

האט דער פוהרמאן גראב געענטפערט
אויף דעם רב׳ס געבעט דעם מילדען:
„ז׳האט א קניפעל איינגעבונדען,
„און איך וויל א הונדערט גילדען...“

האט דער רב געפרופט מיט גוטען,
און דערנאך געגומען שטראפען...
איז דער פוהרמאן מיט א קללה
פון דער בית־דין־שטוב אנטלאפען...

טעג און וואכען האט דאס ווייבעל
איהם געבעטען, איהם געשווארען:
„בלויז אויף קבורה איז געבליבען...
„ניט פארשנייד די יונגע יאהרען...“

פלעגען אויף א הארץ פון קיזעל
פאלען איהרע הייסע טרעהרען:
הונדערט גילדען וויל ער האבען,
און ער חוזק׳ט פון איהר שווערען...

האט געשמאכט, געשמאכט דאס ווייבעל,
אויסגעגאנגען ווי א שאטען,
צוויי חדשים, דריי—צום פיערטען
שוין געווען מיט ערד בעשאטען...

איז פון יענעם טאג דער פוהרמאן
אין א וויסטער מרה־שחורה,
זוכט און קוקט אין אלע ווינקלען
אדער גלאצט פאר זיך אין מורא...

פונקט אין מיטענאכט: דערצעהלט ער,
קומט צו איהם דאס טויטע ווייבעל,
אויף די אויגען שערבלעך טראגט זי,
אויפ׳ן קאפ — א ווייסע הייבעל...

בויגט זי איין זיך, נעחמט זיין
שטיוועל
און זי שלעפּט איהם: „נחום, איצע,
„ניט פערשנייד די יאָהרען מיינע,
„טהו זיך אָן און גיב מיר חליצה...״

זאָגט דער פוהרמאַן „מעבר יבק״,
איז זיך שוין בעצייטענס מבין...
פריהער־שפּעטער, וויס ער זיכער,
וועט די טויטע איהם דערגרייכען...

דער שמאָלער שטראָם און דער בויער.

(פאַבעל)

א וואסער־שטראָם, א קלאָרער ווי קריסטאל
גאָר זעהר שמאָל,
איז דורך א פעלד געפלאָסען
און ווער עס האָט גענאָסען,
דעם קיהלען זילבער טראנק,
פלעגט איהם גענוג ניט לויבען קאָנען,
און זעהר לאנג
דעם קוויקענדיגען טעם דערמאנען.

דער איינענטהימער פון דעם פעלד,
א פּראָסטער חי וקים,
האָט אָנגעקוואָלען וואָס די וועלט
זיך לאָבט מיט זיינע מים
און האָט אזוי געקלערט: —
אויב ס׳האָט דער שטראָם אזא מין ווערטה,
ווען ער האלט בלויז די גרויס א שפּאַן,
וואָלט זיין א גוטער פּלאַן,
איהם מאכען ברייטער מיט א צעהנדליג פוס,
און איהם פערוואנדלען אין א טייך.
און טאקי גלייך,
האָט ער גענומען אויסגראָבען די ערד
און האָט געארבייט טעג כסדר...
דאָך דאמאָלס ליידער,
געהאט האָט ער חרטה —
דען פון דעם ק ל י י נ ע ם שטראָם דעם קלאָרען,
איז בלויז געוואָרען,
א ג ר ו י ס ע פלאכע ב ל אָ ט ע....

י. ריינגאלד.

יצחק ריינגאלד — פאלקסדיכטער. געבארען אין רוסלאנד ארום 1870, געשטארבען אין שיקאגא אין יאהר 1908. (לויט ז. רייזען'ס „לעקסיקאן", נויארק ארום 1902). קומענדיג קיין אמעריקא אין די נײנציגער יאהרען, האט ער באלד אנגעהייבען אנטייל נעמען אין פארשיידענע אמעריקאניש־אידישע אויסגאבען. א פאר יאהר שפעטער האט ער ארויסגעגעבען אייניגע זאמלונגען פון זיינע פאפולערע ליעדער. יצחק ריינגאלד האט די מעהרסטע פון זיינע ליעדער געשריבען פאר דעם אידישען טעאטער פון אמעריקא. ביבל. ל. וויענער, "Yiddish Literature" 120; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

ווענן דער טאנץ געהט אן.

לאנג איז דער טאג שוין פערגאנגען.
עס היילען די טענצער צום באלל,
עס הערען זיך מונטערע קלאנגען
דאס רופט מען דיא פארלאך אין זאל,
עס וועבען זיך גאלדענע טרוימען,
ביי יעדע „פערליעבטע" פערזאן,
עס קלאפט יעדענס הארץ,
פון פרייד און פון פיין
ווען דער טאנץ געהט אן.

פריילאך שפילען דיא כלי־זמר, אין דעם גרויסען זאל,
פריילאך קלינגען דיא טענער, עס הילכט אפ איבעראלל,
פריילאך זיינען דיא טענצער, ליעבע שפיעלט אין קאן,
פיעל הערצער בלוטען, ווען דער טאנץ געהט אן!...

אן שטעהט דארט אן אלטער פון ווייטען,
זיין פנים צייגט רייכטהום און גלאנץ.
דאך, וואס זאלל זיין זיפצען בעדייטען
וואס נעהמט ער קיין איינטהייל אין טאנץ?
דען ער זעהט וויא זיין הערצענס־געליעבטע
טאנצט מיט א „צווייטען" פערזאן...
עס ברענט אין זיין הארץ,
א פייער פון פיין,
ווען דער טאנץ געהט אן...

פריילאך שפילען דיא כלי־זמר, אין דעם גרויסען זאל,
פריילאך קלינגען דיא טענער, עס הילכט אפ איבעראלל,
פריילאך זיינען דיא טענצער, ליעבע שפיעלט אין קאן,
פיעל הערצער בלוטען, ווען דער טאנץ אן!...

„נעהם מיך געליעבטער אין ארם
„פיהר מיך ארויס פונ'ם זאל
„זיעס איז דיין ליעבע און ווארעם
„מיט דיר וועל איך געהן איבעראל,
„קיהל בלאזט א ווינטעל אין גארטען
„מיר קענען געניסען דערפאן...
„זיעס איז דיין קוס,
„הימעלס גענוס,
„ווענן דער טאנץ געהט אן“.

פריילאך שפילען דיא כלי־זמר, אין דעם גרויסען זאל,
פריילאך קלינגען דיא טענער, עס הילכט אפ איבעראלל,
פריילאך זיינען דיא טענצער, ליעבע שפיעלט אין קאן,
פיעל הערצער בלוטען, ווען דער טאנץ געהט אן!...

אויפ'ן אידישען מארק.

וויא נור עס הייבט אן צוא טאגען,
און מעג נאך ניט ליכטיג זיין שטארק,
זעהט מען שוין פעקלאך טראגען,
דא שטעלט זיך דער אידישער מארק.

סוחרים מיט סחורות פערשיעדען,
געווים פון א סענט אדער צווייא.
פיינע בכבוד'ע אידען,
דער מארק איז געשאפען פיר זיי...

דא זיצען שוין ווייבער אין יאהרען,
מיט טראנטעם פערוויקעלט דיא קעפ;
טהייל זיינען בלאה און פערפרארען,
טהייל האלטען פאייער אין טעפ.

דארט זיטצט זיך א פרויא אין פאנטאפעל,
און האלט א פערזשאווערטע וואג,
זיא האט א פאר מעסטלאך קאר־טאפעל,
און פריהרט פיר א קוואדער דעם טאג.

ציבעלעס, פעטרישקע, קנאבעל,
פאסטערנאק, מערען און חריין,
פערפוילטע! איז אויך ניט קיין טראבעל,
דיא קונים זיינען אידען אליין.

דארט שטעהט זיך א סוחר מיט קליידער
ער טהוט אלעם דינג אין א נויטה,
א חזן, א שמש, א בעדער,
און האט פאן דעם אללעם קיין ברויט.

דא ליגט דער, צוליינגט מיט א קרעמעל,
און אונטערגעשפרייט מיט א זאק,
א בערשטעל, א קעמעל, א שוועמעל,
אט דאס איז אין גאנצען זיין סטאק.

און דארטען שרייעט איינער א געלער,
מציאות! אויף מיר אזא יאהר!
אהער! — פארצעלייענע טעלער,
איז ווייבער — א ניקעל א פאר...

און סוחרים אזוי וויא דיא פליגען,
מען שטופט זיך אין דזשעפערסאן סטרים,
דען יעדערער וויל זעהען און קריגען,
דיא בע[illegible]ציאות וואס גיט...

י. מארינאוו.

יעקב מארינאוו — דיכטער און הומאריסט. געבארען דעם 22טען דעצעמבער, 1870, אין סער־ניק, מינסקער גוב. אין יאהר 1890 איז ער געקו־מען אין אמעריקא, וואו ער האט צווישען אנדערע אמעריקאניש־אידישע אויסגאבען זיך אויך באטיי־ליגט אין דער „ארבייטער־צייטונג", ווינטשעווס־קי'ס „אמת" און אין „צוקונפט". אין יאהר 1908 איז ער געווארען רעדאקטאר און ארויסגעבער פון'ם וועכענטליכען הומאריסטישען זשורנאל „דער גרויסער קונדס". יעקב מארינאוו איז אויך געוועזן איינער פון די, וואס האבען מיטגעהאל־פען דער גרינדונג פון דעם דענווער סאניטאריום פאר שווינדזיכטיגע. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן".

בלויע אויגען.

אזוי וויא פון רייך־בלויע זיידענס געוועבט,
בעציערט מיט דיא רייכסטע ברילליאנטען אהן צאהל,
איז זוממער אין אבענד דער הימעל געצעלט —
און טובל'ט אין זיסע חלומות דיא וועלט —
ער לאזט זיך משופע ארונטער אין טאהל,
און אלעס ווערט דארטען בעזעעלט און בעלעבט.

ער בייגט זיך ארונטער פון יענער זייט װאלד:
דארט טרוימען דיא פעלדער פון זונן שיין און טהוי;
דארט ציהען זיך ווייגנערטנער לאנג, פאזע טייך —
ער לאסטשעט, האליובעט זיי אלע דארט גלייך.
און גיסט אין זיי זאפטיגקייט, פארבט זיי אויף בלוי,
און צייטיגט און גרייט זיי צום ברכה שוין באלד.

דאך דיינע צוויי אויגען — דער נעסט פון דיין זעעל —
וואס לאסטשען מיר צערטליך און פינקלען 'זוי העלל,
וואס ריידען פון לעבען פון ליעבע און לוסט,
און לעזען די סודות ביי מיר טיעף אין ברוסט —
זיי זיינען פיעל בלויער — בעזיצען מעהר פראכט
פון זיידענע הימלען אום זוממער ביי נאכט!

פון אונטער'ן ים דארט דיא זון שווימט ארויף;
און שטאלץ וויא א קעניגין אלל' אין דער פריה,
אין ים אין דעם טיעפען דארט וואשט זיא זיך איין —
און דיינקט אז פערדונקלען וועט אללעם איהר שיין:
זיא דיינקט אז עס גיעבט שוין קיין שענערס וויא זיא,
און קלעטטערט מיט שטאלצקייט דיא הימלען ארויף.

איהר פנים געוואשען, דיא שטראהלען צוקעמט,
און שמייכעלט קאקעטיש פון הימעל ארויס,
דאך וויא זיא בעמערקט נור פון אויבען דיין בליק
פון ליעבע און ליכטיגקייט — דאן ווערט איהר גליק,
איהר שטאלצקייט צושטערט, איז ביי זיך מעהר ניט גרויס
און לאזט זיך ארונטער א רויטע — פערשעמט.

בעגייט דעם בית עולם.

באלאדע.
(פראגמענט)

ס'איז לוסטיג ביים גבאי פון חברה קדישא,
מען הוליעט ביז שפעט אין דער נאכט:
ס'האט חברה א סעודה א גרויסע געפראוועט,
א יומא דפגרא געמאכט.

מיט אלערליי טארטען, מיט לעקעך און קיכלעך,
געבראטענע עופות און פיש;
מיט געגזענע גריוועז, מיט לאטקעס און משקה
בעדעקט איז אין גאנצען דער טיש.

און זייט איהר ציקאווע צו וויסען די סיבה
פון יום טוב, וואס גאט האט בעשערט,
טא זעצט זיך, זייט מוחל, איך וועל אייך דערצעהלען
דעם ספור המעשה. אט הערט:

ניט ווייט פון שטעדטעל, ביים שאסע,
וואס ציהט זיך דורכ'ן זאמד,
געלעגען איז פון כמה יאהר,
א וויסטער פעלד פערצאמט.

מען האט דעם וויסט-פערצאמטען פעלד
גערופען: „ס'הייליג ארט" —
דאך קיין מצבות זעהט מען ניט,
קיין איינציג קבר דארט.

עס סטארטשען מעלאנכאליש נור
פון מיטען פעלד ארויס
א מאך-בעדעקטער ברונען און
און' אלטע קברות-הויז.

נאך האט מען דארט קיין מענשליך אויג
מיט שערבליך ניט בעלייגט.
נאך האט דאס פעלד קיין אבל'ס טרער
אין זיך אריינגעזויגט.

דאך מיינט ניט יענע קהילה איז
א יוצא מן הכלל:
דעם מלאך המות חלף שעכט
דארט אויך, ווי איבעראל.

עס שטארבען יונגע עופ'עלעך
און גרויע, אלטע לייט —
דאך פיהרט מען זיי מקבר זיין
אין שטאדט פאר מיילען ווייט.

דען איז אין שטעדטעל ווער-עס איז
געשטארבען, נאט בעהיט,
דאן האבען אלע קרובים זיך
פאר'ן בר-מנן בעמיהט.

משתדל זיך געוועזן פאר איהם
און איינגעלעגט די וועלט
מען זאל איהם ניט מקבר זיין
דעם ע ר ש ט ע ן אויפ'ן פעלד...

א שאק מיט יאהרען איז פארביי,
אוועק א לאנגע צייט,
און אלט איז שוין דאס הייליג ארט,
דאך איז עס ניט בעגייט:

פעררָאסט איז שוין דער טויער-שלאס,
דער אלטער פארקאן פוילט,
דאס פוסטע קברות-שטיבעל נור
אומזיסט די קינדער גרוילט...

עס ווארפט א וויסטען אומעט בלויז
דער אלטער פארקאן, שטום,
און הילט אין מרה-שחורה איין
די סביבה ווייט ארום...

מנחם־מענדעל הורוויץ.

מנחם־מענדעל הורוויץ — דיכטער און פובליציסט. געבארען אין קורלאנד (?) ארום 1870. אין יאהר 1907 האט ער זיך געפונען אין ווארשוי, וואו ער איז געווען א שטענדיגער מיט־ארבייטער אין רעדאקציע פון א טעגליכער אידישער צייטונג. האט אויך געוואוינט אין פעטערסבורג. מנחם־מענדעל הורוויץ האט אויך געשריבען אין העברעאיש. זיינע אידישע ליעדער זיינען צעווארפען אין פארשיידענע אידישע זשורנאלען און זאמעלביכער אין רוסלאנד ווי שלום־עליכם׳ס „פאלקס־ביבליאטעק“, זאמעלבוך „הילף“ און אנד.

„שלום!“

—„פרעהט זיך, פרעהט זיך, ברידער! באלד שוין וועלען ווערען
מענשען פול מיט ליעבע, פול די וועלט מיט שלום...“
מענשען! ליעבע! ברידער!... גיסט זיך, גיסט זיך, טרעהרען,—
א, דאס איז געוועזען נור א פאלשער חלום!

וויעדער שארפט מען שווערדען, ס׳הערען זיך סיגנאלען:
—„זאמט ניט, זאמט ניט, מענשען! גיכער, ברידער, גרייט זיך!
הייליג איז די שלאכט, אין וועלכער איהר וועט פאלען...“
און די מענשען־ברידער לויפען — און מען טויט זיך!

—„באלד שוין אוים מלחמות...“ שעהנע, זיסע ליעדער:
שלאפט געשמאק און זעהט אין שלאף א טרוים א שעהנעם...
— אלע פון איין פאטער...“ פרעהט זיך, פרעהט זיך ברידער!
מענשען... ליעבע... שלום... יא: מען שטארבט אינאיינעם!...

יהודה־לייב גמזו.

יהודה־לייב גמזו — העברעאיש - אידי־שער דיכטער. געבארען אין דווינסק, אין יאהר 1870. זיין פאעמא יוס'ל בער'ס און יוס'ל שמעיה'ס" איז אהן צווייפעל איינע אין אידיש מיט איהר שפילעוודיגקייט פוןווארט און ביי־גונג פון דער דערצעהלונג און הויבטזעכליך מיט איהר עפישער פארם. אין מאנכע שטעלען דערגרייכט אין איהר דער דיכטער מיט זיין שוואונג און דער אונבאגרענצטער פרייהייט און באהערשונג פון פארם, די גרויסקייט פון א ביי־ראן. שוין אבגערעדט פון שפראך און ריטם. ווי־פיעל מוזיק און גראציע פארמאגען נאר די דאזי־גע צוויי שורות: „יוס'ל בער'ס און יוס'ל שמעיה'ס,ביידע גלייכע פונקט ווי ברידער", וואס וועבען זיך אזוי אפט דורך אין דער פאעמא. א באזונדער אויפמערקזאמקייט ציהט אויף זיך דאס ליעד „א יוד". ניט איין אידישער לעזער און אפילו שריפטשטעלער קאן עס אויף אויסווייניג. י. ל. גמזו האט מעהרסטענס געשריבען אין העב־רעאיש. די אויבענדערמאנטע פאעמא איז גע־דרוקט געווען אין פרץ'ס „יודישער ביבליאטעק". ביבל. „המקהלה" אדער 'Gallery of Hebrew Poets' ארויסגעגעבען אין לאנדאן פון יוסף מזל.

א יוד.

א יוד איז געבוירען —
א גאנגבארע סחורה,
אויף צרות, יסורים,
אויף מצוות, אויף תורה...

א שמחה, א ברית'ל,
בר מצוה, א דרשה,
אונ נעמט זיך אביסעל
דעם לעבען נישט־קשה:

וויא לעבט דאס געזינדעל?
איהר פראגט נישט קיין קשיא—
א קאפיל צו שווינדעל,
א פלייצע אויף משא...

וויא לעבט דען א יודעל?
וואס פעהלט איהם, וואס האט ער!
אמונה, חיונה
אונ — גאטט איז א פאטער!...

א יוד איז געשטארבען —
א יאממער, א בכיה...
— וואו פארט איהר רב קרוב?—
—„א וויטע נסיעה —

„א וועלטיל פון אמת,
לויתן, גן־עדן,
איך האב דארטען קרובים,
א טאטען, א זיידען!..."

א היבשע נסיעה,
נישט־קשה, צו פאהרען!
עס שלעפען שמשים
דען הילצערנען ארון.

עס קלאנגען, עס וויינען
יתומים — קדשים — —
עס טרייסט זיך דער קבר
מיט תחית המתים...

געבוירען געשטארבען...
נישט דא קיין זכרון...
איך קענן דיך, מיין פאלקעל
פון וויעג ביז'ן ארון.

דיין שטארבען, דיין לעבען,
דיין „חצות" — דיין „ותיקין",
דיין יאוש, דיין האפנונג,
דיין לייד — דיינע גליקען!...

י. ל. גמזו

יוס׳ל בער׳ם און יוס׳ל שמעיה׳ס

פּאָעמא.

אונזער עוויגע געשיכטע —
טהרערען קוואַלען און קרבנות!
דיא אמונה פלעגט אונז שלאַכטען,
ברענגנען, בראַטען פאר רחמנות.

פאר רחמנות פלעגט אלהאמברא,
דאָמיניקוס, מאַנאַסטירען,
אונז, אין פייער אויס־גע׳כשר׳ט,
צום גן עדן עקספּעדירען.

נישט פערשטאַנאַן דאַס רחמנות
האַט דער טמא־שטאַארער מוח

און געשריגען „שמע ישראל!“
מיט׳ן לעצטען גאַנצען כח...

גור געשטאָרבען שוין דיא צייטען,
וועקט זייא נישט פון בית־הקברות,
שוין געשטאָרבען... פאר וואָס לעבען
נאָך די אלטע, אלטע צרות?

אויס רחמנות, אויס גן־עדן...
און דיא שמערצען קוממען ווידער...
נייע צייטען — אלטע פייגעל,
נייע פייגעל — אלטע לידער!

א.

יוס׳ל בער׳ם און יוס׳ל שמעיה׳ס,
ביידע גלייכע פונקט וויא ברי־ער,
גלייך אין וואוכס, אין איינע יאָהרען
צווייא חברים פון איין סידור.

ביידע האָבען גלייך געלערענט
בייא׳ן א רבין ברוך־שואל,
וועלכער פלעגט נאָך אויסער מלמדות
זיין א שדכן, און א מוהל;

דאָרט בייא איהם אין ענגען חדר
אויף דעם באַנקעלע דעם לאַנגען
זעננען דיא חברים ביידע
וואונדער־מעשיות פיל דערגאַנגען;

ניט קיין גרויסע וואונדער־מעשיות,
פון תנכ׳עלע דען אלטען,
וואָס אין זיינע גראָע בלאַטלעך
ליגען מופתים טיעף בעהאַלטען...

ניט קיין גרויסע וואונדער מעשיות
פון דעם קליינעם פאָלק ישראל,
וועלכער איז שוין לאנג פערוואַגילט,
ווערט פון דחקות ניט נתפעל...

ניין, ניט מעשיות פון היסטאָריע,
וויא עס פיהרט זיך בייא דיא גוים,—
דיא חברים פלעגען האָרען,
אנד׳רע מעשיות פלאי פלאים:

פון דעם גרויסען טייך סמבטיון
וועלכער רוהט נור שבת דאָרטען,
פון דעם בייזען מלאך־דומה,
דעם משגיח אויף פאַטפאָרטען...

פון דעם מלאך מיט פיעל אויגען,
פון דיא שדים, דיא מזקים,
פון גיהנום, און גן־עדן
און פון למד־ואו צדיקים...

פון משיח׳ס שווערע וואונדען
וואָס ער ליידט פאר יודענס זינד,
און פון שטאַרקען שר של עשו,
וואָס ר׳איז אייזען שטאָהל געזונד...

אָפטמאָהל פלעגען דיא חברים
יוס׳ל בער׳ם און יוס׳ל שמעיה׳ס
פון דעם מלמד ברוך־שואל
האָרען אויף פּאָליטיש נייעס.

ער פלעגט רעדען מיט זיין שכן
אפט פּאָליטיק, וויא דער שטייגער:
וועגען חיל און מלחמות,
וועגען „פּריים" און וועגען „תוגר".

וועגען נאַפּאָליאָן (דען שטן...)
וועלכער איז אמאָהל געוואָרען
(דורך דעם אלטען רבינס עצה...)
גוט פארהונגערט און פארפראָהרען...

אט, אזעלכע וואונדער מעשות,
און אזעלכע גרויסע נייעס

פלעגען אָפּטמאָהל ביידע הארען —
יוס'ל בער'ס און יוס'ל שמעיה'ס...

און פארבייא איין אלטע חורבה
אז זייא פלעגען גיין פון חדר,
זיך דערמאָנענדיג דיא מעשיות,
פלעגט זייא אָנחאַפּען א שוידער..

עפּעס פלעגען טאנצען דאָרטען
דיא טאָוולאָנים לוסטיג פריילעך,
דאכט זיך שדים, כת־לצנים
מיט דעם אשמדאי דעם מלך...

ב.

יוס'ל בער'ס און יוס'ל שמעיה'ס,
גלייך אין וואוכס, אין איינע יאָהרען,
זעננען אבער ניט געוועזען
מיט איין זיננען גלייך געבאָרען:

יוס'ל בער'ס פלעגט תמ'עוואטע
אויף קיין חקירות זיך ניט הייבען:
וואָס דער רבי זאָגט איז אמת
און וואָס אמת — מוז מען גלייבען..

אבער מיט דעם יוס'ל שמעיה'ס
פלעגט עס טרעפען גרויסע וואונדער,
ער פלעגט נעמען איבער־קלערען
יעדעם מעשה'לע באזונדער:

„וואו זשע, רבי, ליגט סמבטיון?
לאָז מען ווייזען אללע דראבעס,
לאָזען זעהן איהם אלע פאלקער,
זאָללען אללע היטען שבת..."

אט, אזעלכע שווערע שאלות,
מיט א שכל און מיט ראוית
פלעגט ביי'ם רבין ברוך־שואל
אָפּטמאָהל פרעגען יוס'ל שמעיה'ס.

און מיט כעס פלעגט דער רבי
איהם א גלייכען תירוץ געבען:

„קשיות פראגט ער.. וואו זשע, וואָס
זשע...
ביסט נאָך, קינד, א שוטה כ'לעבען"...

אז זייא האָבען שוין מיט מזל
לערנען חומש אָנגעהויבען,
האָבען זייא צוטהיילט זיך ביידע
דער אין קלערען, דער אין גלויבען.

יוס'ל בער'ס דער יונגער מאמין,
האָט רחמנות אויף זיין זיידען,
וואָס מען האָט ארויס־געטריבען
אין יענע צייטען פון גן־עדן!

„רעכט איז חוה'ן — פלעגט ער זאָגען
פאר זיין חבר, פאר זיין רבי'ן —
ווען ניט זיא מיט איהרע תאוות
וואָלטען מיר דאָך אייביג לעבען..."

נור זיין חבר יוס'ל שמעיה'ס
איז געוועזען פונקט דאגעגען,
און דעם רבין מיט פיעל חקירה
פלעגט ער נעהמען קשיות פראגען:

איז דענן חוה עפּעס שולדיג,
אז א שלאנג קאנן א בער־רעדען?...
עפּעס איז מיר גלאט א קשיה,
וויא קומט שלאנגען אין גן־עדן?

„עפּעס איז מיר גלאַט אַ קשיה,
זאָגט מיר, רבי, זייט־זשע מוחל,
איז דאָס עפּעס אַ גן־עדן,
אַז פאַרבאָטען איז דער שכל?..."

און מיט כּעס פלעגט דער רבי
איהם אַ גלייכען תּירוץ געבען:
„קשיות פראַגט ער... זאָגט זשע,
זייט זשע,
ביסט נאָך קינד, אַ שוטה, כ'לעבען..."

אַז זייא האָבען שוין מיט מזל
לערנען גמרא אָנגעפאַנגען,
האָבען זייא מיט גרויס התמדה
גאָר אין קורצען פיעל דערגאַנגען.

און מיט חשק האָבעןביידע
גוט געשוואומען אַהן עין־הרע
אין דעם גרויסען ים אוקינוס —
אין דער טיעפער ברייטער גמרא.

פון דיא ליפּעלעך וויא בוימאייל
פלעגען גיעסען זיך פּרושים
און וויא פּערלען פלעגט זיך שיטטען
פיין־געשליפענע חדושים;

און פאַרדרייענדיג דען פינגער
אין סקאַרבאָווע גמרא־ניגון,
פלעגען ביידע יונגע האַרצלעך
קלאַפּען שטאַרק פון פאַרגעניגען.

עפּעס ליעגט אַ מאָדנער כּח
אין געדרייטען גראָבען פינגער;
עפּעס קלאָרער ווערט דער מח
און רעיונות פליהען גרינגער...

איינמאָהל אָבער האָט דיא גמרא
זייא פאַרשטאָכען וויא אַ נאָדעל,
מיט דער וואונדערליכער מעשה
פון דעם אַלטען כּהן־גדול,

וועלכער האָט אין בית־המקדש
פיעלע יאָהר פאַרהיט עבירות

און צום סוף — אַלליין געוואָרען
גאָר אַ מין, איין־אפּיקורס...

אויף פאַרביטערט האָט זייא נעביך
און צושטערט האָט זייער רוהע,
יענע שרעקליכע געשיכטע
מיט אלישע בן אבויה,

וועלכער האָט שפּאַציערט אין פּרד''ס
און געוואוסט שוין גאָר אין גאַנצען...
און צום סוף איז ער פאַרקראָכען
און געהאַקט נאָך אין דיא פלאַנצען!

גרויס פאַרדרוס און עגמת נפש
האָט זייא ביידע אָנגענומען,
ווען אזעלכע וואונדער מעשיות
איז אין לערנען פאַרגעקומען.

יוס'ל בער'ס האָט גלאַט פאַרדראָסען,
וואָס עס פעהלט אַ פּאָר צדיקים;
און מיט כּעס פלעגט ער שילטען
דיא פאַרפיהרער, דיא מזיקים..

נור זיין חבר יוס'ל שמעיה'ס
פלעגט מיט ווייטיג איבער־קלערען:
וויא פאַרבלאָנדזעט עס אַ צדיק?
קאָנן פון הייליג טמא ווערען?...

און מיט כּעס פלעגט דער רבי
איהם אַ גלייכען תּירוץ געבען:
„קשיות פראַגט ער... וויא זשע,
וואָס זשע...
ביסט נאָך, קינד, אַ שוטה, כ'לעבען..."

אין דעם חשכ'דיגען עבר
פליהען טאָג און קומען יאָהרען...
און דיא ביידע יונגע קינדער
זיינען שוין צו־טהיילט געוואָרען.

יוס'ל בער'ס דער יונגער מאַמין
האָט געהאַט אַ גרויסען כּעס
נאָך פון יוגענד, פון דעם חדר
אויף דעם שלעכטען עץ־הדעת.

אויף דעם שלעכטען עץ־הדעת.
וועלכער האָט אונז טוידט געגעבען,
אונ פערטריעבען פון גן־עדן,
פון דעם גוטען אייביג־לעבען...

איהן האָט עפּעס גאָר אָהן חקירות
אלץ געצויגען צו דעם לעבען!
אז דאָס לעבען איז דיא תורה,
פלעגט ער הארען אָפט פון רבי׳ן.

„גליקליך איז דאָס תורה־לעבען:
פאר דעם טוידט האָט זי קיין מורא..."
מיט דעם חשבון האָט דער מאמין
פעסט גענומען זיך צו תורה.

דאָרט אין יענעם בית־המדרש,
וואו די קלויזניקעס, דיא זינגער,
קאָרטשען כלומר׳שט מיט דעם
שטערען
דרייען כלומר׳שט מיט דיא פינגער—

דאָרט אין ווינקעל בית־המדרש,
האָט זיך יוס׳ל בער׳ס גענומען
לערנען תורה מיט התמדה,
אום דאָס „לעבען" צו בעקומען:

בייא דעם שטאנדער אויף דער גמרא
איז ער פיעלע צייט געזעסען;
גוט געלערענט, גוט פערשטאַנען;
שלעכט געשלאָפען, שלעכט געגעסען.

אָפטמאָל, נעביך, פון התמדה
פלעגט ער זיטצען אין א תענית...
אונ א בענטשונג שוין געוואָרען
בייא דיא ווייבער דיא צדקניות...

בייא דעם גרויסען ספרים־אלמער
פלעגט ער עפּעס זוכען: כ׳לעבען,
נישט: קיין עשרות, נישט קיין כבוד:
אלס דאָס גוטע, פרומע לעבען...

אונ געפונען האָט ער טאקע
אָט דאָס לעבען פון אמונה,
וועלכעס דאַרף קיין קאַפּיטאַלען,
נאָר דיא קליינע טאָג־חיונה.

וואהל איז טאקע דיא אמונה,
זיא האָט וואונדער־באַרע מעלות:
האָט פון דחקות קיין אראָבפאַל
אונ פון תענוג—קיין התפעלות...

אָפטמאָל נעביך פון עניות,
ווענן הוצאות פלעגט איהם פעהלען,
פלעגט זיין דמיון, דער מכשף
אין נחמות זיך פארשטעללען,

אונ בעגלאַטענדיג דעם באָרדיל
אונ פערקאָרצענדיג דען שטערען
מיט דעם ניגון פון דער גמרא
פלעגט ער נעמען פאַר זיך קלערען:

—„יאָ, א שרעקליכער נסיון
נור א בחינה גאָר א גרויסע
איז דיא תורה! צו געגרייכען,
צו׳ן א הלל, א בן־דוסא!

„עפּעס ווילט זיך מיר באמת
ליידען דחקות, אדרבא!...
וואָס מעהר אָרעמקייט אונ דאגות
קוממט דאָך מעהרער עולם־הבא...

„אמת, ביטטרער איז דער וואָרצעל
אבער זיס איז דאָך דיא פרי,
אונ א יושר איז דאָך טאקע
איך זאָלל ווערען גרויס אין תורה:

„פון דער טיעפער שווערער גמרא,
פון דעם גרויסען ים אוקינוס
קאָנן איך קומען צו דער גרעניץ,
צו דער רוהיגער רבנות,

„אונ חבורים וועל איך שרייבען,
שאלות־תשובות אין מדינה,
וואָס געהאָרט צו מיין נשמה
פון דעם הייליגען באַרג סיני...

„גרויסען כבוד וועל איך האבען
פון דער תורה אין ישראל —
היינט, צו דארף איך איצטער ווערען
פון דער ארימקייט נתפעל?!...“

מיט אזעלכען רייגעם חשבון
האט זיך יוס׳ל בער׳ס גענומען

לערנען תורה מיט התמדה
אום דאס לעבען צו בעקומען.

האט דערווייל פיעל געליטטען
נור צום ספק נישט פערקראכען...
גליקליך זעננען דיא מאמינים
מיט דעם הייליגען בטחון!...

ג.

יוס׳ל בער׳ס און יוס׳ל שמעיה׳ס
גלייך אין וואוכס, אין איינע יאהרען
זעננען אבער נישט געוועזען
מיט אין זיננען גלייך געבארען.

יוס׳ל שמעיה׳ס האט מיט חקירה
זיך צו חכמות אבגעגעבען;
„אהן דעו שכל — פלעגט ער קלערען,
וואס קאנן טויגען אונזער לעבען?

„יעדער מענש איז דאך בעשאפען
מיט א גאטטליכער נשמה,
וואס מעהר חכמה, וואס מעהר שכל
דארף דאך בעססער זיין, מסתמא...

„אוי, ווענן תוה וואלט געגעססען,
נישט איין עפעל נאר א צעהן
וואלטען מיר דאך אללע איצטער
אין גן־עדן נאך געווע׳ן...

„פיעלע גאטטליכע חכמים,
פיעלע הייליגע תנאים
האבען דאך אמאהל געלערענט
אללע חכמות פון דיא גוים, —

„היינט וויא קאנן מען דאס בעשליסען
אז פון חכמות ווערט מען תמא;
וואס מעהר חכמה, וואס מעהר שכל
דארף דאך בעסער זיין, מסתמא.

אט אזוי האט יוס׳ל שמעיה׳ס
פאר זיך אבגעמאכט „הבדלה“
פון דעם אלטען בית־המדרש
אויף דיא נייע שאנע שקאלע...

אין דעם טיעפען ים פון חכמה
האט ער קינסטליך גוט געשוואומען,
און אין קורצען איז ער טאקי
אין גימנאזיום אנגעקומען;

האט געליטען גרויסע דחקות,
ניט דערגעססען, ניט דערשלאפען,
האט גענומען געבען שטונדען
און געטרייסט זיך מיט דעם האפפען.

אפט פון ארעמקייט און דאגות,
ווענן הוצאות פלעגען פעהלען,
פלעגט זיין דמיון דער מכשף
אין נחמות זיך פארשטעלען.

און פארטראכטענדיג זיך אפט־מאל
אויף דיא שווערע לעהרע־ביכער,
פלעגט דאס יונגע גימנאזיסטעל
מיט דער האפנונג ריידען זיכער:

יא איך לעב אצינד אין דחקות,
נור דאס מאכט מיך קלוגער, פיינער.
איך וועל זיין א שלמה מיימון
חאטש א מענדעלסאהן א קליינער.

„אמת—ביטטער איז דער וואורצעל
אבער זיס איז דאך דיא פרי:
איך וועל זיין דאך א בעריהמטער
סאי אין חכמה, סאי אין תורה.

„און איך האף, אז נאך דעם סטודיום,
ווענן איך וועל שוין לעבען פראקטיש;
אונזער אלטע, גרויע תורה
וועל איך דאן ערהייבען פאקטיש;

„ניט מיין זיידע, ניט מיין טאַטע
קאָנען ווענן דיא תורה הייבען;
אָבער מיר, אַלס פיעל געלעהרטען
וועט מען עפּעס בעסער גלייבען...

„איך וועל זיין דאָך אַ בעוואוסטער
אין דער וועלט און אין ישראל,—
היינט צו דאַרף איך איצטער ווערען
פון דער אָרעמקייט נתפעל?“...

„איך וועל דאַן געווים בעווייזען
פיעלע פאַקטען, ריינע, קלאָהרע,
וואָס פאַר שכל, וואָס פאַר מוסר,
ליעגט אין אונזער טיעפע גמרה;

אַט אזוי פלעגט יוס׳ל שמעיה׳ס
פאַנטאַזירען פיעל נחמה,
אין דער צוקונפט, אין דער ווייטער
איז געלעגען זיין נשמה;

„איך וועל דאַן געווים בעווייזען
פיעלע פאַקטען, ריינע, קלאָהרע,
אַז דאָס רעדען אויף מיין אומה
איז נור הוילע לשון־הרע...

האָט דערווייל פיעל געליטטען,
ניט דערגעססען, ניט דערשלאָפען,
גוט געלערענט אין גימנאַזיוואָס
און געלעבט זיך מיט דעם האָפפען...

ד.

אין דעם חשך׳דיגען עבר
לויפען, פליהען טאָג און יאָהרען,
פיעלע טאָג ערשיינען שטאַנדיג
און זייא ווערען גלייך פערלאָרען...

—„יא, אזעלכע טיעפע חכמות
האָט ניט אדום, ניט ישמאל, —
עץ החיים איז דיא תורה
בייא דעם אייביגען ישראל!...

ווייט פון דאגות, שטילל פון קוממער
נאָר געקנייטשט זיך אויף אַ פשטיל—
זיטצט זיך רוהיג אין זיין צימער
יוס׳ל בער׳ס דער רב פון שטאָדטיל;

אין דעם חשך׳דיגען עבר
לויפען, פליהען טאָג און יאָהרען,
פיעלע וואַסער איז צערונען,
פיעלע צייטען איז פערלאָרען...

ווייסט ניט קיינמאָהל פון קיין צרה
האָט קיין זאָרג פון שווערען גראָשען,
זיטצט און זאממעלט פון דער גמרה
מעהר פּראַצענטען אין לויתן...

מיט אַ מורא׳דיגען פנים
מיט משוג׳ענע הויות
אין דיא הויפּטשטאָדט פון רומאַניען
לויפט ארום דאָרט יוס׳ל שמעיה׳ס...

מעהר נישט אָפּט פון שאלות־תשובות
מאַכט זיך האָרעוואַניע גרויסע, —
שווער איז טאַקע דיא רבנות
גרוים און שווער איז תורת־משה!...

מיט אַ היטעל אַ סטודענטסקע
און צופליקטע אַלטע קליידער,
לויפט ער נעביך אַ אַ געשטערטער
אין דיא גרויסע גאַססען כסדר;

אָפט פאַרבייסענדיג דאָס בארדיל
בייא דיא שווערע, הארבע שאלות,
אויף דעם גרויסען יורה־דעה
נעהמט ער קלערען מיט התפעלות:

יונגלאך לויפען פון דיא זייטען
און עס ווערט שוין איין אָבלאָווע,
אַ משוגע׳נער בייא לייטען
גייז דאָך שטענדיג אַ זאבאָווע...

מיט א מורא׳דיגען פּנים
לויפט ער נעביך א געשטערטער:
פון דיא אויגען קאפּען טרערען,
פון דיא ליפּען שיט זיך ווארטער:

—„פיעל מזבחות, פיעל חלפין
אונ קרבנות גאר א רבוא —
אין דעם נייעגצעטען יאהר־הונדערט
ווערט גע׳דרשן׳ט „מ ע נ ש ע נ־
ל י ע ב ע...“

„ווילדע מענשען, קלוגע חיות,
פיעלגעלעהרטע משוגעים —
איהר, געבילדעטע, זייט ארגער
פון דיא אפריקאנער פראים...

„זעהט נאר... אין דיא „גוטע הערצער“
ליעגען הארטע גיהנם־שטיינער...
דורך דיא זיססע „האניג־ליפּען“
זעהט דיא בייזע, שארפע ציינער...

„פיעל מזבחות, פיעל חלפין
אונ קרבנות גאר א רבוא...
אין פוסטיניעס וויל איך לויפען
לויפען פון דער „מענשען־ליעבע...“

— — — — — — — — — —

טאג ערשיינען, טאג פערשווינדען
אלטע וואונדען קומען ווידער:
נייע צייטען — אלטע פויגעל
נייע פויגעל — אלטע ליעדער!...

ראזא גאלדשטיין.

ראזא גאלדשטיין — דיכטערין. געבא־רען אין פיראטין, א קליין שטעטעל אין פאל־טאווער גוב. ארום 1870. אויסער אין פרץ'ס „יודישער ביבליאטעק" האט ראזא גאלדשטיין אויך געדרוקט ליעדער אין אנדערע רוסיש־אידי־שע אויסגאבען. איהרע ליעדער זיינען אידישלאך און אין זעהר אווארעמען טאן געשריבען.

דיא יודישע מוזע.

דיא יודישע מוזע — זי שרייט נאר אונ וויינט!
א קלאג־מוטער איז זיא געווארען!...
א יתומה, פערטריבען גאנץ ווייט פון דער־היים
איז זי שוין הונדערטער יאהרען!...

א שטעקען אין האנד, אויפ'ן פלייצע — א קלימעק,
איהר קארפער אין — דרייען געבויגען.
דער שטערען מיט קנייטשען פון שמערצען אונ דאגות,
דאס פנים איז דאר, אויסגעצויגען...

אונ „קברים, מצבות" — דאס זענען דיא סטאנציעס,
זייא זענגען צושטעלט אויף איהר וועג!...
דארטען בעקלאגט זיא איהר שרעקליכען מזל,
דערמאנט דיא פערגאנגענע טאג!...

נור ביי איהר אין ד'אויגען... עס ברענט דארט פייער
א פייער פון לעבען אונ מאכט!...
אט דאכט זיך — פערלאשען, עס פלאקערט שוין ווידער,
אונ לייכט אין דער פינסטערער נאכט!...

אונ וויא ליכטיג אונ פרייהליך עס ווערט, אז מען זעהט עס
דיא אויגען, דיא ליכטיגע אויגען!...
עס שווייגען דיא צרות, דיא דאגות פערשווינדען,
פערשווינדען — א פייל פונ'עם בויגען!...

י. ש. פרענאָוויץ.

י. ש. פרענאָוויץ — דיכטער און פּובּליציסט. געבאָרען אין אַלעקסאַט, א קליין שטעטעל אין סובאַלקער גוב. דעם 6טען אפּריל, 1871. אין יאָהר 1888 איז ער אַוועק נאָך אמעריקא, וואו ער האָט אין 1892 אָנגעהייבען דרוקען צוערשט לידער און שפּעטער אויך פּובּליציסטישע ארטיקלען אין פארשיידענע אמעריקאַניש־אידישע אויסגאַבען ווי „פאָלקס־אדוואָקאַט", „פאָרווערטס", „פרייע ארבייטער שטימע" און אַנד. אין יאָהר 1908 איז ערשינען א באנד פון זיינע געזאמעלטע לידער מיט'ן נאָמען „געדיכטע" (פארלאג „אָזער בראָדערס", פילאדעלפיא).

דער טויט.

איך בין דער קעניג פון דער ערד!
איך האַלט ענטבלויזט מיין בלאַנקע שווערד;
און וואו איך געה, און וואו איך קום,
דאָרט מאַך איך אַלעם שטיל און שטום!
דעם פיש אין ים, אין וואַלד דעם בוים,
דעם פויגעל אין דעם העכסטען רוים,
דעם פייגלינג וויא דעם מענשען העלד,
און אויך דעם וואָרים, טיעף אין דר'ערד,
דערגרייך איך מיט מיין בלאַנקע שווערד!"

איך האָב קיין האַרץ, מיך ריהרט קיין טרעהר!
איך טהו אַלץ פריי, לויט מיין בעגעהר!
איך רייס, איך שנייד, איך צופּ, איך שעכט —
דאָך קיינער האָט מיין קרוין פערשוועכט...
איך פיהל קיין קרעכץ, קיין זיפץ, געוויין,
איך האָב קיין האַרץ, איך בין וויא שטיין,
און בין דער הערשער פון דער וועלט. —
פאַר מיר איז קיין זאַך ניט פאַרשטעלט,
מיין מאַכט איז גרויס, מיין פליגעל — ברייט...
איך בין דער וועלטען שרעק — דער טוידט!

נ. מ. באַבאַד.

נ. מ. באַבאַד — אמעריקאניש־אידישער דיכטער. געבאָרען אין א קליין שטעטעל אין בעסאראַביען, רוסלאנד אין יאָהר 1872. נאָך אלס קינד אין גימנאַזיאום געהענדיג האָט ער שוין געשריבען לידער אין רוסיש. דאָס איז געווען די אורזאַך, וואָס ער האָט נאָך אין זיין פריהסטער יוגענד געמוזט פאַרלאָזען רוסלאנד. ווייל בלייבענדיג א יונגער יתום, האָבען איהם זיין שוועסטער און אנדערע פריינד געזוכט צו מאכען פאר „אַ לייט“. נאַטירליך האָט דאָס שרייבען געשטערט זייערע פּלענער. צו 17 יאָהר איז ער געקומען אין אמעריקא, וואו ער האָט זיך די ערשטע צייט זעהר פיעל געפּלאגט, ארבייטענדיג ביי פארשיידענע גראָבע ארבייטען פאר דער סומע פון צוויי דאָלאר א וואָך. ער האָט אבער באלד דערלערענט די ענגלישע שפּראך און האָט דורך איבערזעצונגען אין אידיש געזוכט צו פּערדינען אויף טעגליכער אויסקומעניש. אונטער דער צייט האָט ער געשריבען און געדרוקט לידער אויך אין דער רוסישער שפּראך. שפּעטער איז ער אויך געוואָרען א שטענדיגער מיטארבייטער אין די אנגעזעהענסטע ענגלישע זשורנאלען מיט לידער און פּובליציסטיק. אבער אידיש איז געווען זיין בעליעבטעסטע שפּראך אין וועלכער, ווי א פריינד זיינער דערצעהלט, ער האָט זיך אבגערוהט שרייבענדיג. אונטער דער זעלבער צייט האָט ער אויסגעשטודירט דאָקטאר. האָט זיך אבער צופיעל אָנגעפּלאגט ביז ער איז געקומען צו דעם, און אין 1903 איז ער אין סאַן־פראַנציסקאָ געשטאָרבען פון שווינדזוכט. נ. מ. באַבאַד האָט אויך ארויסגעגעבען א פארקירצטע פּאָפּולערע אויסגאַבע פון דער אמעריקאנער קאָנסטיטוציע אין אידיש. ביבל. י. ראָמבראָ (פ. קראַנץ), „זשארגאָננאַיא ליטעראַטורא אוב אָמעריקע“, אין „וואָסכאָד“, יאַנואר, 1900.

די ליעבע.

איך בין יונג געווען. מיין שווערמערישעס הארץ
האָט מיט דער גאַנצער וועלט געקלאַפּט אין האַרמאָני,
און פּרעמדע ליידען איז געווען מיין אייגען וועה,
און פּרעמדעס גליק מיין בעסטע מעלאָדי.

און ווען די ליעבע, יונג און רייצענדיג
פלעגט צערטליך, שטיל אָפט צו־ווינקען צו מיר,
האָב איך גיענטפערט: „ניין איך קען ניט געהן,
ווי לאַנג דער לעבענס־קאַמף ער זיעדט נאָך ביי מיין טיהר“.

כ'בין אלט געוואָרען.. מיעד און שוואַך און בלאַס —
— א קראַנקער שאָטען פון מיין פריהערדיגען „איך“, —
די באַקען איינגעשרומפּט, די אויגען פייכט,
און געהן אוי קען איך שוין מעהר ניט, איך קריך...

דאס הארץ פול טיפע וואונדען, שטרעק איך אויס
צו איהר דער שעהנער, ליעבער מיינע דארע הענט —
און בעט און וויין און עפען איהר מיין הויז: —
אוי קום דערפרעה דאך מיינע שטומע ווענט!...

אומזיסט דאס בעטען, נאריש דער געוויין...
איהר ענטפער רויבט דעם לעצטען טרייסט פון מיר:
די ליעבע קומט נאר איינמאל, קען ניט אייביג שטעהן —
און פליהט די יוגענד — פליהט זי אויך אוועק מיט איהר...

שניי-געדאנקען.

וויסער פון פעדערן נאר־וואס געפליקטע,
וויסער פון האנד־טיכער נאר־וואס געשטריקטע,
פאלט פון דעם הימעל ארונטער דער שניי:
פאלט אויף די ענגע, די שמוציגע גאסען,
טרייבט אין די הייזער די פריערענדע מאסען
רופט ארויס ביי קינדער א יובעל־געשריי.

אומעטיג שטעה איך און קוק אויף די סצענען,
קוק ווי אויף אלעס, ביז ניט צו דערקענען,
שפרייט ער א לייללאך ארום און ארום;
טיעף אונטער איהם, פון די אויגען בעהאלטען,
ליגט אלץ פערזונקען אין שלאף רוהיג־קאלטען, —
שלאפט ווי בעצויבערט, בעוועגלאז און שטום.

שטונדען־לאנג פאלט ער אלץ העכער און העכער,
דעקט מיט א זילבער פער׳חושכ׳טע דעכער,
דעקט ווי א קארפעט די זינדיגע ערד.
שטיל ווי א קבר, פון אללעס פערלאזען,
קוקען די וויסע, די איינזאמע גאסען,
אויבען די לבנה — שיינט — שווימט אונגעשטערט.

דאן, ווען די ברוסט מיינע שטורמט: „נאר לעבען!“
דאן, ווען מיין קאפ איז פער׳שכורט מיט שטרעבען,
דאן, ווען דאס הארץ טוהט מיר מורא׳דיג וועה—
ווי־פיעל געדאנקען, ווי נאכט מרה׳שחורה׳דיגע,
ווי־פיעל זכרונות דאן ליבליכע—טרויריגע
וועקט אין מיין זעעלע געפאלענער שניי?!

אונטער איהם יעצט — פון די אויגען בעהאלטען —
ווי־פיעל איז וויים געמאכט שווארצע געשטאלטען,
פריהער מיט בלוט און מיט שאנדע בעפלעקט?
ווי־פיעל דערשרעקענדע, שרייענדע לעבער,
טרעהרען־בעגאסענע טענעמענט־דעכער
האט ער, אוים מיטלייד, מיט וויסען בעדעקט?

ווען די פערמאטערטע ארבייטער שלאָפען,
וואָס פאר א ווילדען קאָנטראַסט וועט אויסרופען,
דיעזער, ווי פערל, געפאַלענער שניי ?
איינינע וועלען איהם הערצליך בעגריסען,
טרעהרען פון טויזענדער וועלען דאן פליעסען,
קלאָג וועט זיך מישען מיט פריידענס־געשריי !

אייניגע וועלען זיך שליטלען אהן זאָרגען ;
טויזענדער וועלען פערשילטען דעם מאָרגען,
שילטען דאָס לעבען, דיא עוויגע לאַסט.
פריערענדע, רויטינקע קינדער־געזיכטער;
בייבים, וואָס הוסטען, וואָס צאַנקען ווי ליכטער —
ווער פון אייך ווייס ניט דעם ווילדען קאָנטראַסט !

ווייסער פון פעדערן נאָר־וואָס געפליקטע,
ווייסער פון האנד־טיכער נאָר־וואָס געשטריקטע
פאַלט פון דעם הימעל ארונטער דער שניי ;
פאַלט פיר דעם אָרימען, פאַלט פיר דעם רייכען ;
מוטער־נאַטור וויל א יעדען אויסגלייכען,
מענשען דערלאָזען ניט — ס'לוינט ניט פאר זיי !



א. ליעסין.

א. ליעסין (אברהם וואלט) — דיכטער און זשורנאליסט. געבארען אין מינסק, אין יאהר 1872, ביי א זעהר אנגעזעהענער יחוס־פאמיליע, איז דעם בארימטען גאון רב רפאל האמבורגער'ס אן אוראייניקעל. אויך ציהט זיך זיין מוטער'ס יחוס־בריף (לויט א. ליעסין), פון איין צד ביז דעם מהרר"ל און רש"י און פון דעם צווייטען צד ביז דעם בעל הלבוש און דעם סמ"ע. א. ליעסין האט אנגעפאנגען זיין קאריערע אלס דיכטער מיט סאציאלע ליעדער, די ערשטע פון וועלכע איז געדרוקט געווען אין „ארבייטער־צייטונג" פון 1894. שפעטער איז ער אויך געווארען דער פערזענליכער ליריקער. צו יענער צייט באלאנגט דער בעסטער טייל פון זיינע שטימונגס־ליעדער, וואס זיינען פול מיט לבנה־שיין. אין 1897 האט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, וואו די מעהרסטע פון זיינע ליעדער זיינען געדרוקט געווען. אויסער דעם איז א. ליעסין אויך א באדייטענדע פערזענליכקייט אין דער סאציאליסטישער וועלט. זינט 1913 איז ער רעדאקטאר פון דעם מאנאטליכען זשורנאל „צוקונפט". ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן".

אין דער פרעמד.

עס געהט די מיטען־נאכט אין ווייסען אנגעקליידט
אריבער פעלד און וואלד, אריבער בארג און טהאל —
אין ווייסען אנגעקליידט אויף זיידענס אויסגעשפרייט,
און גיסט מיט שטילען שיין און טרוימען אהן א צאהל.
און ס'דוכט זיך אוים אין לופט פערשפרייט זיך און עס שוועבט
א חלום אהן א סוף, פאנטאסטיש, בלאה און מילד,
פון טיעפען הימעל־רוים מיט שטערען דורכגעוועבט
און ביז דער ווייסער ערד אין שטראהלען איינגעהילט.
עס שלאפט די גאנצע וועלט, פערגאסען דורך ארום
אין מילדען, שטילען שיין, בעצויבערט און ענטציקט;
עס שלאפט די גרויסע שטאדט, די גאסען שווייגען שטום;
עס שלאפט דער מיעדער מענש אין חלום איינגעוויעגט.

איך געה, און שווים און שווים אין ווייסען שטראהלען־ים,
און ס'לויפט פון מיר דער שלאף, און פול מיט ווילדער גלוטה
עס ריהרט זיך אויף אין מיר א לאנג פערשטיקטער פלאם,
און ס'בריהט מיר היים דעם מארך, און ס'בריהט מיר היים דאס
עס וואכען אויף אין מיר פערלאנגען אלערליי —
פון לעבען און פון גליק, פון ליעבע און פון שמערץ,

חלומות פון אמאל, פון ליידענשאפט און וועה,
זיי פלאמען אויף צוריק אין חורבן פון מיין הארץ.
און ס'שווימט ארוים פאר מיר, אזוי ווי איינגעהילט
אין שטילקייט פון דער נאכט דורך בענקשאפט אהן א שיעור,
א צערטליכע געשטאלט, אפיעל געליעבטעס בילד —
„מיין וויי־טער, וויי־טער פריינד, אך קום, אך קום צו מיר!"

„אך קום, אך קום צו מיר אין שטילקייט פון דער נאכט,
פון דיעזער צויבער־נאכט — אך קום, אך קום צו מיר!
און זאל מיין הארץ פאר דיר דא ווערען אויפגעמאכט,
איך וועל דערצעהלען דיר מיין בענקשאפט אהן א שיעור,
ווי קאלט ס'איז אין דער פרעמד, ווי שלעכט עס איז און שווער;
איך שעהם זיך ניט פאר דיר, דו וועסט פערשטעהן, איך וויים,
און זאל זיך גיסען פריי פאר דיר מיין שטילע טרעהר,
און זאל צוגעהן מיין הארץ אין דיינע ארעמ'ס הייס!"
עס ענטפערט קיינער אפ, עס שווייגט די גאנצע וועלט,
פערגליווערט און פערשטומט אין בלאסער, טויטער פראכט;
אין בלאהען נעבעל שווייגט די לבנה מאט־פערשטעלט.
עס ענטפערט קיינער אפ, עס שווייגט די שטומע נאכט!...

א בעזוך.

עס שטעהט די לבנה אין הימעל און קוקט
אריבער דער שלאפענדער גאס;
זי קוקט אזוי בענקענד, אזוי ווי א מענש,
פערקלעהרט, מעלאנכאליש און בלאס.

אנטקעגען איהר שטעהט אין א פענסטער און קוקט,
אין בלאהליכע שטראהלען פערהילט,
א יונגע, א טרויעריגע פרויען־געשטאלט;
זי קוקט אזוי צארט, אזוי מילד.

זי איז א געשטארבענע. קומט זי אהער,
אין שיינענדער שטילקייט פון נאכט,
בעזוכען דאס הויז, וואו זי האט זיך אמאל
געשטיקט אזוי פיעל און געשמאכט.

זי נעהמט זיך, ווי אימער, ביים פענסטער א פלאץ,
אריבער דער שלאפענדער גאס,
און קוקט אויף די וועלט, די פערפרעמדטע, און זיפצט,
פערקלעהרט מעלאנכאליש און בלאס.

זי זיפצט און זי קוקט אלץ, אזוי ווי זי זוכט
אין שטילען, פערחלום'טען שיין
א שאטען א צווייטען, וואס וואנדעלט דא אום,
משוגע פאר אומעט און פיין.

אבענד אויפ'ן שיף.

די גליהענדע זונן געהט ארונטער
צום קאלטען, צום ברויזענדען ים,
און זינקט דארט, א מיעדע, א רויטע,
פערגאסען מיט פייער און פלאם.

און ס'לעגט זיך אנידער דער אבענד,
אין רויטליכען נעבעל פערהילט,
אין ווארעמע, צערטליכע פארבען—
און פונקעלט, און דונקעלט און שפיעלט.

עס פונקלען און דונקלען די הימלען
און שפּיעלען אין שאטען און שיין;
עס פונקלען און דונקלען די וועלען
און רוימען פיעל סודות זיך איין.

עס פונקעלט און דונקעלט דער מאסט־בוים
און שאקעלט זיך שטאלץ אין דער הויך;
און ס'וויגט לייכט דאס שיף און עס לאשצעט
א ווינטעל קאפריזנע און ווייך.

און ס'טראגט זיך פון שיף א געלעכטער,
א פרעהליכער טומעל און קלאנג,
א פויקען, א צימבלען, א פידלען,
א יונגער, א פרישער געזאנג.

עס פידלען די בראווע מאטראזען,
בעגלייט פון דעם וועלען־מאטיוו:
די זארגלאזע קינדער פון וואסער,
זיי קעהרען קאפּויר־אום דאס שיף.

זיי פידלען, און קלאפען, און טופען,
און לעבעדיג, לוסטיג און פריי,
זיי שלאגען מיט כח די פויקען,
און זינגען און פייפען דאביי.

זיי זינגען און ווינקען־צו שעלמיש,
און כאפּען און פיהרען צום טאנץ
די טעכטער פון דייטשלאנד, די בלאנדע,
אין אבענד'ס רויט־לוסטיגען גלאנץ.

עס קוויטשען די טעכטער פון דייטשלאנד,
און רייסען זיך בלומרשט ארויס,
און פאטשען מיט חן די מאטראזען,
קאקעטיש, און צערטליך און בייז.

און דונקעלער ווערט אלץ דער הימעל,
און זיסער — דער וועלען־מאטיוו,
און ליעבליכער גרייזעלט דער ווינטעל,
און שטילער פערשוויגט אלץ די שיף.

און ס'טראגען זיך קלינגענדע קושען,
און פול מיט א ברענענד געפיהל,
פערשטיקט אין די ווינקלען, פער־בארגען,
מען שעפּטשעט און קרעכצט אין דער שטיל.

די צנועה, די בלאסע לבנה,
זי טוהט מעלאנכאליש א בליק,
און מאכט זיך אזוי ווי זי זעהט ניט,
און רוקט זיך אין נעבעל צוריק.

די צנועה די בלאסע לבנה,
זי האט אויף איהר לעבען שוין פיעל
אזעלכע געפעהרליכע זאכען
געזעהן—און פערשוויגען עס שטיל...

אַ פריהמאָרגען אין נויאָרק.

אויף דעם וויסטען בלאַסען הימעל
כאַפּט זיך אויף דער קראַנקער מאָרגען,
און די גרויסע שטאָדט ריהרט אויף זיך
אין דעם נעבעל גראָה פערבאָרגען.

איינגעהילט אין גראָהען נעבעל,
ריהרט זיך אויף דער לעבענס-תהום
און צוגיסט זיך אויף די גאַסען,
אין אַ כמורנעם מענשען-שטראָם.

כמורנע גיסט און גיסט מיט מענשען,
פוילע, געלע ווי דער מאָרגען,
פון די טענ'מענטס צו די שעפּער
אין דעם נעבעל גראָה פערבאָרגען.

גלייך אַזוי קוקט אויף דער תוהו,
ווען די געלע מתים געהען
פון די קברים צו די גהינום'ס
נאָך די בייזע חיבוט-וועהען...

די שטענדיגע בעגעגעניש.

אייל'נדיג געהט די שעהנע עני
צו דער אַרבייט יעדען מאָרגען,
וואו די הויכע מוי'רען דונקלען
אין דעם נעבעל טיעף פערבאָרגען.

אייל'נדיג קומט אַן אונבעקאַנטער,
אימער אויף דעם זעלבען שטייגער,
יעדען מאָרגען איהר אַנטקעגען,
ריכטיג, פּינקטליך ווי אַ זייגער,

וואו די הויכע מוי'רען דונקלען
און די ריעזען-שעפּער ברומען,
טרעפען זיי זיךביידע יונג נאָך —
מיט אַ שמייכעל, מיט אַ שטומען.

נאָר אַמאָל, ווען עטוואָס פריהער
געהט ער פּלוצלינג אָן פון ווייטען,
גיט איהר דאַן אַ צופּ; זי ווייס שוין,
וואָס אַזוינס נור קען בעדייטען!

דען זי האָט, אָה, נעכטען אָבענד
זיך פערזעסען, זיך פערגעסען —
און זי יאָגט איצט אָהן אָן אָטהעם,
ניט דערשלאָפען, ניט דערעסען.

יאָהרען געהען, יאָהרען קומען
מיט די זעלבע אַנגסט און זאָרגען:
אייל'נדיג געהט זי אַלץ, די עני,
צו דער אַרבייט יעדען מאָרגען.

אייל'נדיג קומט איהר אַלץ אַנטקעגען,
אימער אויף דעם זעלבען שטייגער,
דער בעקאַנטער אונבעקאַנטער,
און ער דיענט איהר אַלס אַ זייגער.

אָך, ווי מיאוס, ווי דערעסען
איז ער לאַנג שוין איהר געוואָרען,
ווי דאָס געהן אַלץ יעדען מאָרגען
שוין פון פיעלע, פיעלע יאָהרען.

ווי דאָס געהן אַלץ יעדען מאָרגען
און דאָס אויביג, אויביג נייהען,
ווי דאָס גאַנצע אומעט לעבען —
און זיי געהען אַלץ און געהען.

און זיי געהען אַלץ און געהען,
און זיי ווערען אימער שנעלער
אַלט און עלטער, גראָה און גראָהער,
אימער בייזער, אימער געלער.

אייל'נדיג טראָגען זיי פערביי זיך,
ווי די שאָטענס: און זיי שטעהען
איינס דעם צווייטען פאַר אַ שפּיגעל,
און זיי געהען אַלץ און געהען.

* *
*

איך האָב ניט, אה עלענדע אומה, מיט וואָס דיר צו דיענען
ארום אין דעם אָרעמען, וואָכיגען לעבען;
דעם נפש, דאָס האָב איך, דעם נפש, דעם היילען —
איך קען דיר איהם געבען!

אך, זאָלען זיי קומען, די הענקער, די ווערגער, די קוילער,
וואָס האָבען דיר אַלע היסטאָרישע וועגען
מיט בלוטען פערטרונקען — איך שטרעק מיט א שמחה
דעם האלז זיי אנטקעגען!

און ווארעם זאָל פליסען אויך מיין בלוט אהין אין די ריינע,
אהין אין די היילינע, בלוטיגע ים׳ען
פון דיינע מיליאָנען גבורים און קדושים —
און שטראָמען צוזאמען.

די וואָלקענס.

און דער אבענד איז ווילד און פערראומערט,
און דאָס הארץ איז מיט אנגסט איבערפילט,
און די וואָלקענס, זיי יאָגען דערשראָקען,
אין געהיימנים און חושך פערהילט.

און דער הימעל איז פול מיט בעוועגונג,
פול בהלה און פינסטערער מאכט,
און די וואָלקענס, זיי יאָגען און יאָגען,
און פערשווינדען אין שטורעם און נאכט.

אזוי פליהען די טעג און די יאָהרען
דורך די טהאָלען פון יאָמער און פיין;
אזוי טראָגען זיך דורות נאָך דורות
אין דעם אייביגען גאָר נישט אריין.

אזוי געהען די לעבענס צום קבר
אין געהיימנים און חושך פערהילט.
און דער אָבענד איז ווילד און פערראומערט,
און דאָס הארץ איז מיט אנגסט איבערפילט.

דער תנא און דער שטן.

עס זיצט און עס לערענט דער תנא;
דער שטן, ער איז איהם מקנא.

עס דרעהט זיך דער שטן אהין און אהער,
דער תנא, ער טהוט זיך צו איהם נית א קעהר.

דאן כשופט א כשוף דער שטן:
דער כשוף, ער איז איהם געראָטען:
דער תנא, ער זיצט אין א הערליכען שלאָס;
עס פונקעלט איהם פרעהליך די משקה אין כוס.

עס קלינגט דאָרט געזאנג און געלעכטער:
די שעהנסטע פון מענשליכע טעכטער,
זי זיצט דאָרט, און זינגט איהם, און ווינקט איהם, און לאכט,
און ציהט א הם און לאָקט איהם מיט טייוועלשער מאכט.

א גלוטה געהט דעם תנא אריבער,
ער שווידערט אזוי ווי אין פיבער:
אָט אָט און זיין קדושה, זי האלט שוין נית אויס!
דאן כאפט ער און רייסט זיך די אויגען ארויס.

דער הייליגער תנא ווערט בלינד,
דער כשוף, דער בייזער, פערשווינדט,
די מעשה געהט דורך איבער טויזענדער יאהר,
ביז אונזער א תנא פון אונזערען דור.

עס זיצט אונזער תנא און טראכט זיך:
ניטאָ גאָר קיין שטן, עס דאכט זיך,
ניטאָ, אך, ניטאָ די אמאָליגע דורות,
ניטאָ די נסיונות, ניטאָ די עברות!

די וועלט איז איצט שטיל און געוועהנליך,
דער שטן איז אָרעם און קליינליך,
די זינד איז נית רייצענד, דער כשוף — נית רייך,
דער תנא, דער שטן, זיי בענקען צוגלייך.



י. באָושאָווער.



יוסף באָושאָווער — סאָציאַלער דיכטער. געבאָרען אין ליבאָוויטש, מאָהליווער גוב. אין יאָהר 1872. אין 1890 איז ער אוועק נאָך אמעריקא, וואו ער איז שפּעטער פּאָפּולער געוואָרען אלס סאָציאַלער דיכטער. איז אבער אין א צייט ארום פּסיכיש קראַנק געוואָרען און אין יאָהר 1899 איז ער צוגענומען געוואָרען אין א נויאַרקער אַנשטאַלט, וואו ער איז אין פעברואַר, 1916, געשטאָרבען. אויסער סאָציאַלע ליעדער האָט ער אויך פיעל געשריבען אויף אַנדערע טעמאָ'ס. י. באָשאָווער וואָלט אָהן צווייפעל געווען איינער פון די באַדייטענדסטע אידישע דיכטער ווען ניט זיין לעבענסטראַגעדיע. ביבל. יוד. רוס. ענצ. 4, 689; ל. וויענער "Yiddish Literature" 229; ז. רייזען, „לעקסיקאָן".

ליעבע-ליעדער.

זי האָט מיין הארץ געוואונען,
איך וויים ניט ווי אזוי;
זי האָט מיין הארץ געוואונען,
און טהוט מיר אזוי וועה.

איהר סאמע בליק ערשרעקט מיך,
ווען איך דערזעה זי נאָר;
א קאַלטער שוויים בעדעקט מיך,
ווען איך דערזעה זי נאָר.

וואָס ווילסטו ליעבסטע האָבען?
וואָס מיינט דיין מאָדנער בליק?
וואו זאָל איך מיך בעגראָבען?
פון פרייד, און לוסט, און גליק?

פון מיין אַלבום.

איינגעהילט אין א כמארע,
ליגט דער הימעל וויים און ברייט,
דאָך קיין איינציג טראָפּען וואסער
פון דעם שווארצען וואָלקען געהט.

אויף מיין הארץ, ווי אויפ'ן הימעל,
ליגט א וואָלקען גרוים און שווער;
דאָך דער וואָלקען וויל ניט פּלאַצען,
ס'רינט קיין איינציג, איינציג טרער...

פאָטער-געפיהלען.

קינדער פון דער ערד, איך ליעב אייך
ווי א פאָטער, און פערגיב אייך
אלע אייערע זינד;
מיט, און פאר אייך וואָלט איך לעבען,
אייך מיין הארץ אוועקגעגעבען,
ווי א קליינעם קינד.

זעה איך אייך אין פולע גאסען,
גליקליך און געציערטע מאסען,
דורך דער יוגענד-ליעבע רייך, —
וויינט זיך מיר מיט פריידען-טרערען,
און מיין איניגסטעס בעגעהרען
איז צו לעבען נור פיר אייך.

ווערטער פון אַ ברודער.

אין ענגערע קרייזען פערשטויסט דיך די וועלט און זי האלט דיך געבונדען,
דיין איך ווערט געטויט און דיין איינענער ווילען ווערט לאנגזאם פער־
שוואונדען.
פערלאנגענדיג שטארבט דיין פערלאנגען, די לוסט און דיין הארצען ווערט
שטילער.
די שעהנע געפיהלען פון מיטלייד און פריינדשאפט, זיי ווערען אלץ
קיהלער און קיהלער.

דו קענסט אויף דיין היים און דו קענסט אויף קיין מענשען מיט ליעבע ניט
קוקען.
פערלאָשען און קאלט איז דיין פריינדליכער בליק און געקרימט איז דיין רוקען.
און פינסטערנים הערשט אין דיין מח, עס שטעהען געלעהמט די געהירען,
און ווילענלאָז לאָזט זיך קנעטען, גערלאנקענלאָז לאָזט זיך פיהרען.

און מאגער און בלייך איז דיין פּנים און שוואך איז דיין יעדווידער אבר,
פון קנעכטשאפט און נויט א פערמאטערטער נייגט זיך דיין קערפּער צום קבר;
עס האָט דיר די וועלט און דיין פאָטער נאָר צרות און דומהייט געגעבען,
און האָפנונגסלאָז פיהרסטו אן ענגען, א שווארצען געשטארבענעם לעבען.

נאטור-ליעד.

א.

ווי גרויס, ווי וואונדערבאר ביזטו, נאַטור!
די פּערלען דיינע האָט דער מענש געזוכט;
די אוצרות דיינע האָט דער מענש בענוצט;
די קרעפטען דיינע האָט דער מענש בעהערשט;
די סודות דיינע האָט ער אויסגעפאָרשט, —
דו אָבער שטעהסט נאָך אין דיין אַלטער פּראַכט,
בעדעקט מיט גלאַנץ, אונענדליך ווי די צייט,
אַן אויביג־שטראַהלענדע געהיימנים!

ב.

ווען דורך די בוימער שיינט דער לעצטער שטראַהל,
און אויף די בערג אַ זאַנפטער פּורפּור ליגט;
ווען דורך די פעלדער וועהט א פרישע לופט,
און בלום, און בלאַט ערשיינט ווי איינגעוויגט;
ווען אין דער הויך דער אבענד־שטערן גלאַנצט,
שעהן ווי א שליח פון א נייער צייט, —
ווי דייטליך זעה איך דאַן דעם לעבענס־צוועק,
ווי איז מיין ברוסט ערפילט מיט לעבען דאַן!

ג.

ווען כ׳שטעה ביי׳ם ברעג פון הויך־געוועלבטען פעלז
און קוק ארונטער אויף דעם ברייטען ים;
ווען אויף די ריעזען־וואלקען רוהט מיין בליק,
און ווערט באהעפט מיט דער אונענדליכקייט;
ווען דורך דעם עטהער שוועבט מיין פאנטאזיע,
און זעהט דעם ליכטיגען פלאנעטען גאנג,
ווי מעכטיג בין איך דאן, און דאך ווי שוואך!
ווי ניכטיג בין איך דאן, און דאך ווי גרויס!

ד.

ווען כ׳האב פערצווייפעלט אין דער גרויסער וועלט,
האב איך א טרייסט געזוכט אין דער נאטור:
איהר יונגע שעהנקייט אין דער פריהלינגס־צייט;
איהר זיסער טרויער אין דער צייט פון הערבסט;
איהר שטילעם אלטער אין דער ווינטער־צייט —
זיי האבען מיך בערוהיגט און געשטארקט;
מיין ברוסט ערפילט מיט פרישער ענערגי,
מיט יוגענדליכער קראפט און לעבענס־מוטה.

דניאל מארשאק.

דניאל מארשאק (ד. מ.) — שריפטשטע־לער. געבארען אין טוקום, קורלאנד, אין יאהר 1872. האט זיך צוערשט באוויזען אין דער ליטע־ראַרישער וועלט מיט א דערצעהלונג אין „פריינד“ ארום 1905. שפּעטער האט ער אויך געשריבען סקיצען און ליעדער, וואס זיינען גע־דרוקט געווען אין פארשיידענע אויסגאבען ווי „לעבען און וויסענשאפט“, „דאס נייע לעבען“ און אנד. דאס ליעד „פויגעל מיין“ האט ער צוגע־שיקט פון טורמע, וואו ער איז געווען אלס פּאלי־טיש־פארשיקטער; עס איז געדרוקט געווען אין אברהם רייזען'ס זאמעלבוך דאס „יודישע ווארט“.
ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן“.

פויגעל מיין.

אויף א בערגעל שטעהט א בוימעל,
האט א צווייגעל זאפטיג־גרין,
און א נעסט אויף יענעם צווייגעל,
ס'זיצט א פויגעלע דארין. —
פויגעל מיין, פויגעל קליין,
כ'קען דיין זינגען ניט פערשטעהן.

פון די ווייטיגע מקומות
קומסט די פויגעלע, אציגד:
ס'האט געבראכט אהער צוטראגען
דיך דער וואר'מער פריהלינגס־ווינד.
פויגעל ליעב, פויגעל זיס —
האסט דו מיר געבראכט א גריס?

האסט דו ניט געזעהן א שיפעל
אויפ'ן ים דעם גרויסען דארט?
האסט דו ניט דערקענט דארט איינעם,
וועלכער אין דעם שיפעל פאהרט?
פויגעל שעהן, פויגעל פיין,
טרייסט זשע מיך אים אומעט מיין!

איז זיין בליק נאך שטאלץ און ליכטיג,
זוכט ער, זוכט ער נאך דאס גליק;
אדער אהן א ציעל און האפנונג,
טרייבט זיין שיפעל הין און צ'ריק?
פויגעל מיין, פויגעל קליין,
כ'קען דיין זינגען ניט פערשטעהן.

ווער קען ווייזען מיר דעם ארט? —
וואו א שיפעל זוכענד פאהרט?
ווער קען זאגען, וואו דאס גליק
וואוינט,
ווער קען ווייזען מיר דעם ארט? —
פויגעל מיין, פויגעל קליין,
קען דען ווער דיין שפראך פערשטעהן?



א. ש. שווארץ.

א. ש. שווארץ (א ברודער פון דעם באַוואוסטען יונגען דיכטער י. י. שווארץ) — דיכטער. געבארען אין זעזמער, ווילנער גוב. אין יאהר 1873. אין 1900 האט ער דעביוטירט מיט זיין ערשטען ליעד אין „יוד“. דעם זעלבען יאהר איז ער אוועק נאך אמעריקא, וואו ער האט זיך בעטייליגט מיט ליעדער אין דער סאציאליסטישער מאנאטשריפט די „צוקונפט“ און אנד. אונטער דער זעלבער צייט האט ער געשטודירט און האט אין יאהר 1906 גיענדיגט דאקטאר. צווישען אנדערע ליעדער האט זיין ליעד „די אלטע סאראקע“ אין איהר צייט ארויסגערופען א גרויסע אויפמערקזאמקייט צום דיכטער. שפעטער האט ער אנגעהייבען צו שרייבען אין העברעאיש און איז אין גאנצען פארשוואונדען געווארען פון דער אידישער ליטערארישער וועלט.

די אלטע סאראקע.

דער טייך האט זיך אקארשט געעפענט,
צובראכען דעם אייז, וואס האט לאנג
געדריקט איהם, געשטיקט און פערהאלטען
זיין פרייען און שטאלציגען גאנג.

ער טראגט זיך שוין דאפעלטער ברייטער
מיט קריעס בעדעקט ביז צום ברעג.
ער פליעסט מיט א געוואלדיגען כח,
ער רוישט און ער קאכט, ס'איז א שרעק!

ער שלעפט מיט, ווי דינענקע שפענדליך,
די קריעס די שווערע מיט זיך;
עס פליעהען און שפרינגען די קריעס,
און טאנצען אין קאריראד גיך.

זיי טאנצען דאס ניט פון פערגניגען,
זיי טרייבען קיין לוסטיגען שפאס;
א בלוטיגער טאנץ ווערט געטאנצט דא,
זיי שטרייטען מיט אימפעט, מיט כעס.

עס שפארען זיך קריעס אויף קריעס,
איין קריע די אנדערע יאגט,
עס שייערט איין קריע די צווייטע,
און איינע די צווייטע צושלאגט.

אט כאפט זיך א קריע ארויף אויף
די צווייטע און שטופט איר אראפ,
אין וואסער; פערשוואונדען ווערט יענע
און שטעקט ארויס ווידער איהר קאפ.

אט איז זי ארויס שוין אין גאנצען!
זי יאגט נאך דעם שונא און טרייבט,
ביז וואנען א גרעסערע קריע
קומט אן און זיי ביידען צוטרייבט.

אט שטעלען זיך „דיבאם“ די קריעס,
א בארג ווערט אין איין אויגענבליק:
„א קראך — און זיי ווערען צושאטען,
און פאלען פארנאנדער צוריק.

עס קראכט און עס ברעכט און עס דונערט,
עס הערט זיך א ווילדער געשריי.
עס רייסט אוים די ברעגעס די הויכע,
עס רייסט אוים די בוימליך אויף זיי.

עס פאַלען פאַרקאַנעס און צאַהמען,
דאָס וואַסער פליעסט שרעקליך און שטאַרק;
דאָס וואַסער עס האָט איצט קיין אָבהאַלט,
עס קען איצט אויסרייסען אַ באַרג!

עס רעדען די קולות די גרויסע,
די ווילדע און שטאַרקע מוזיק
פון לעבען, וואָס ווידער ערוואַכט האָט,
פון פריהלינג, פון לוסט און פון גליק.

עס רעדען די קריעס, וואָס ברעכען,
פון שטרייטען, געפאַהר און פון נויט,
זיי רעדען פון זיעגען און לעבען,
זיי רעדען פון פאַלען און טוידט!

זיי רעדען פון טהון און בעוועגונג,
זיי לאַכען פון ווינטער און רוה,
זיי רעדען, עס הערט זיך די ערד איין,
עס הערען די הימלען זיך צו.

און דאָרט אויף אַ קריע אַ ווייסע,
וואָס טראָגט איהר דער שטראָם אַ געוואַלד
אַן אַלטע, אַ שוואַרצע סאָראָקע
זיצט גלייכגילטיג, רוהיג און קאַלט.

זי האַלט צו דער ערד טיעף געבויגען
די אויגליך די קליינע, דעם קאָפ,
זי הויבט זיך און כאַפּט אונטער־שפּרינגען,
זי שפּרינגט אַ סאָראָקען־גאַלאָפּ.

זי פּיקט מיט דעם שנאָבעל דעם האַרטען,
און גראָבט זיך אַריין טיעף אין שניי.
זי רייסט אויף דעם גאָרגעל און שרייט אויס
איהר מאוס'ען ווינטער־געשריי.

עס הערט ניט און זעהט די סאָראָקע
וואָס טהוט זיך, וואָס קומט פאָר אַרום:
זי זעהט ניט די גרויסע בעוועגונג,
זי הערט ניט דעם שרעקליכען שום.

זי שפּירט ניט: ווי בלוטיג געהט פאָרווערטס
אַרום און אַרום איהר דער שטרייט,
ווי זומער זיעגט איבער'ן ווינטער
און ס'בייט זיך געוואַלדיג די צייט.

זי שפּירט ניט אפילו אַז איהר איז
דער באָדען ניט זיכער און פעסט:
זי זיצט און זי שרייט ווי געוועהנליך,
און חלומ'ט פון ווינטער און פרעסט.



בנימין ראָזענבלום.

בנימין ראָזענבלום — דיכטער. געבאָרען אין דעצעמבער, 1873, אין רוסלאנד. נאָך אין זיין פריהער יוגענד איז ב. ראָזענבלום געקומען אין אמעריקא, וואו ער האָט זיך זעהר פיל אָנגעליטען מאטעריעל, האָבענדיג א גרויסע נייגונג צו בילדונג. צו יענער צייט באַלאנגען זיינע ערשטע ליעדער, וואָס זיינען געדרוקט געווען אין דער „צוקונפט“ און אנדערע סאָציאליסטישע אויסגאַבען. איינינגע פון זיינע ליעדער געפינען זיך אויף אין דער ליעדער־זאמלונג „פרייהייט“. געשטאָרבען איז ב. ראָזענבלום אין ברוקלין, אמעריקא, דעם 2טען יוני, 1902, א קורצע צייט נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעשטודירט פאר ציוויל־אינזשיניער. ב. ראָזענבלום וואָלט אָהן צווייפעל געווען א באדייטענדער דיכטער, ווען ניט זיין פריהער טויט.

דער טייך.

דער טייך ליעגט אויסגעצויגען ווייט און ברייט,
און וויא א גלאַטע סטענגע איינגעדרייט
שלאָפט ער אין טיעפען טהאָל;
עס בלאָזט און אָטהעמט ניט קיין קלענסטער ווינד,
עס קנייטשט זיך ניט קיין קלענסטע שוואכסטע אינד,
דאָס וואסער, אונשולדיג וויא א קליין קינד,
זעהט קלאָר אוים וויא קריסטאָל.

נאָר פּלוצלינג וואכט אויף שנעל דער שטילער טייך,
עס פּלושקעט, בולבעט עפּעס זיך, און גלייך
פערזינקט א מענש אין שלונד;
עס מורמעלט נאָר א קליינע כוואַליע שטילערהייד.
וואָס קימערט דען דיא וועלט וואָס יונגערהייד
געפינט א מענש א קאַלטען נאסען טויט
אין טיעפען שטילען גרונד?

דער טייך ליעגט אויסגעצויגען ווייט און ברייט,
און וויא א גלאַטע שלאַנג ליעגט איינגעדרייט
צו רויבען זיין געיעג...
דאָס וואסער זעהט אויס אונשולדיג און קלאָר,
און פאלש איז אויפ׳ן גרונד זיין בוזים גאָר.
עס שווייגט — דיא קליינע אינדען שעפּטשען נאָר
דיא סודות אויפ׳ן ברעג...

גיב אונז א מלך.

(שמואל א. ח.)

פילע שטילע, גוטע יאהרען,
רוהיג, גליקלאך, זאט, צופרידען,
פריי פון פרעמדע, אייגענהערשער
האבען דאן געלעבט דיא אידען
אין דיא אלטע, אלטע צייטען,
אויף די פרייע ציונ'ס פעלדער,
ביי דעם ירדן'ס קלארע וואסער,
אין לבנון'ס אלע וועלדער —
אלע וויא איין איין געזינדען,
ברידער שוועסטער ביי איין מאמען,
פול מיט ליבע, טרייהייט, פרייהייט
האבען זיי געוואהנט צוזאמען.

און דער אלטער, קלוגער שמואל,
וויא א זיידע פון דער משפחה,
פלעגט זיי געבען גוטע עצות,
פלעגט זיי שיינקען פריי זיין ברכה—
אט דער אלטער נביא שמואל,
וואס פון זיינע יונגע יאהרען
ניט געטרונקען האט קיין ויינען
און דיא האר ניט אבגעשארען;
וואס האט אימער זיך צו לערנען
אלע חכמות אפגעגעבען;
וואס איז גרייט געווען פאר אמת
אפפעריין זיך מיט זיין לעבען —

יעקב'ס קינדער, וואס זיי זיינען
ערשט ניט לאנג בעפרייט געווארען
פון דעם גלות פון מצרים,
וואו זיי האבען לאנגע יאהרען
דארט פערבראכט אין קנעכטע, בויען
טהורעמס, הייזער, פיראמידען —
קענען זיי דען, וויסטע שקלאפען,
פון דער פרייהייט זיין צופריעדען?
ווייה דעם שקלאף, וואס ליעבט די
קייטען,
וואס אין זיי איז ער געבארען!
פלוך אויף דעם, וואס פאר א גאלדען
קייט איז ער א שקלאף געווארען!

און עס האבען זיך צוזאמען
ביי דעם אלטען נביא שמואל
אויפגעקליבען אלע אידען,
אויפגערעגט און אונצופריעדען:
„גיעב אונז שמואל—גיעב א מלך!
ער זאל אונז בעהערשען, פיהרען
אויף מלחמות — גיב א מלך
ער זאל איבער אונז רעגירען".
בלאס געווארען איז דעם אלטען
נביא'ס פנים—ס'איז ניט פריילאך!
„קינדער! האט ער אויסגעשריען—
געבען וועל איך אייך א מלך!

איהר זאלט אבער וויסען פריהער—
נארען־מענשען, אייערע קינדער
וועט ער שפאנען אין זיין וואגען,
וועט זיי טרייבען וויא דיא רינדער,
אייער מלך, דומע שקלאפען!
וועט אייך נויטען געהן אין סאבע,
זיינע פעלדער וועט איהר מוזען
ארבייטען, יעדע משפחה;
איי'רע שעהנע ליבע טעכטער
וועלען איהם נאר מוזען נוצען:
פרעגלען, בראטען, באקען, קאכען,
נייהען, וואשען, קערען, פוצען.

יאהרען זיינען פיעל פאריבער —
שמואל ליגט שוין לאנג בעגראבען:
זיינע ווערטער הערט מען שטענדיג,
וויא ער וואלט זיי אימער זאגען.
און ניט איינמאל האבען אידען,
ווען געוועזען איז זיי ביטער
אונטער שאל'ס, שלמה'ס ארבייט
און רחב'עם פייכטע ריטער:
און ניט איינמאל האבען אידען
אונטער יעדען יאך, א שווערען,
זיך דערמאנט אן שמואל'ס ווערטער,
און פערגאסען טייכען טרערען...

י״ל ברוכאָוויטש.

יצחק־ליב ברוכאָוויטש — העברעאיש־אידישער דיכטער און פובליציסט. געבאָרען אין טוראָגען, קאָוונער גוב. אין יאָהר 1873. אין דער אידישער שפּראַך האָט זיך י״ל ברוכאָוויטש באַוויזען צום ערשטען מאָל אין „יוד״, 1900. צווישען פאַרשיידענעם האָט ער אויך אָנגעשריבען א רייהע לידער אין אידיש, אין וועלכע עס פיהלט זיך דער שוואונג פון א באַדייטענדען דיכטער. אויסער דעם האָט ער, אלס פאַרעהרער פון ר׳ יהודה הלוי אָנגעשריבען זיין ביאָגראַפיע און אויך איבערגעזעצט הענריך היינעס בארימטע פּאָעמא „ר׳ יהודה בן הלוי“ אויף אידיש, וואָס איז געדרוקט געווען אין „דער יודישער פאַמיליע“ 1902, 7—8. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאָן“.

מיין שאָטען.

מיין הארץ איז צוריסען און בלוטיג און שטום;
איך שלעפּ זיך מיר טויט־קראַנק און עלענד ארום;
מיין וועג איז פול דערנער, מיין טאָג איז, אך, נאכט,
און הינטער מיר פיהל איך וויא ס׳שלעפּט זיך און לאכט
מיין אייביגער חבר, מיין דאָפּעלטעס־איך,
מיין שאָטען דער שווארצער וואָס לאָזט ניט אָפּ מיך,
וואָס צעהרט אוים מיין הארץ און זויגט אויס מיין בלוט,
און טרינקט מיינע טרעהרען מיט דורשטיגען גלוט; — —

מיין שאָטען דעם שווארצען צו קענט איהר איהם ניט?
ער האָט אין מיין קינדהייט מיין וויעגעל געהיט
און האָט מיך פערוויעגט, מיט זיין טרויריגעם ליעד:
„שלאָף קליינציקער קין, שלאָף פּיצעלע איד!
דער גלות, דיין אלטעצקע באָבע בין איך,
בעגלייטען פון וויעג ביז צום גרוב וועל איך דיך,
דיין הארץ איז מיין נאהרונג, דיין בלוט, מיין געטראַנק,
דיין ברענענדער קרעכץ, איז מיין זיסער געזאַנג!“

און אייביג, אך, שלעפּט ער זיך נאָך הינטער מיר,
אזוי ווי א הונגריגעם רייסענדעם טהיער,
און קרעכצט מיר אין אויער וויא א גיפטיגע שלאַנג:
„לאָז הערען דיין זיפץ מיר, מיין צויבערגעזאַנג,
לאָז זויגען דיין בלוט מיר, דיין בלוט אזוי זים,
מיט גליהענדע טרערען, מיך, פרישע באַגים;
מיין דורשט איז גיהנום, און פייער מיין גיער, —
מיט בלוט און מיט טרערען פארלעש עס אין מיר!“

א, פינסטערער שאָטען א רגע לאָז אָפּ!
ס'איז בלינד שוין פון וויינען דאָס אויג אין מיין קאָפּ.
ס'איז טרוקען מיין טרערענקוואַל, ביז אויף דעם גרונד,
עס טריפט שוין קיין בלוט דאָך ניט מעהר פון מיין וואונד:
מיין דורשט איז גיהנום, און פייער מיין גיער, —
איך שלעפּ זיך מיר טויט קראַנק און עלענד ארום,
ס'איז אלעס געשטאָרבען און וויסט שוין אין מיר, —
איך האָב שוין קיין קרעכץ ניט, קיין טרער ניט פאַר דיר!

דאָך טויב איז מיין שאָטען און וויכט ניט פון מיר,
און שלעפּט זיך מיר נאָך אַלץ מיט גליהענדען גיער!
איהם קען ניט פערטרייבען דיא זון מיט איהר שיין,
דער בעכער פול פיי'ריג־בערוישענדער וויין,
דער זיסער געזאַנג און דיא צויבער מוזיק,
דער גליהענדער קוס און דער פלאַמענדער בליק, —
ער שטעהט אַלץ פון הינטען און קרעכצט אַזוי שווער,
און בעטעלט א טריעף בלוט, און בעטעלט א טרער...



ח. נ. ביאליק.



חיים־נחמן ביאליק — העברעאיש־אידישער דיכטער — איינער פון די גרעסטע פון אונזער צייט. געבארען אין יאהר 1873, אין דארף ראדי, וואהלינער גוב. ווי באוואוסט האט ח. נ. ביאליק אויסער איז העברעאיש אויך אין אידיש געשריבען; דאך געפינט זיך אין אידיש א קליינער טייל פון זיינע גרויסע שאפונגען, וואס זיינען איינגעשלאסען אין די ענגע ראמקעס פון העברעאיש. און עס איז פיעל צו באדויערען, וואס ביאליק'ס גרויסקייט איז פאר דעם גרעסטען טייל פון פאלק, פאר וועלכען ער שרייבט, אונבאקאנט. ביבל. בעל מחשבות, „געקליבענע שריפטען", 1, 171—174; יוד. רוס. ענצ. 5, 185—190; ש. ניגער, אין „דאס נייע לעבען", 1909, 11—12; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

גלוסט זיך מיר וויינען.

גלוסט זיך מיר וויינען געשמאקער פון הארצען,
ציהט מיך, ווי חמארעס, צום ים, צו דעם שווארצען,
טיעפער צו אייך, מיינע עלענדע ברידער.
כ'וויים אויך: א טרער פון מיין אייגענער מאמען
בוייערט דעם תהום דארט אין אייערע ים'ען,
בענקט אפשר שטילערהייט נאך מיינע ליעדער.

כ'וויים: איהר האט טרערען נאך ניט אויסגעוויינטע,
צרות דערצעהלטע און נאך מעהר געמיינטע,
וואס ווי פערשטיקטע, פערבארגענע קוועלען
לעכערן שטיינער און רייסען־איין קברים,
שלענגלען זיך, בלאנדזען אין דר'ערד, ווי א ווארם —
און ווערען אין דר'ערד דארט פערפאלען.

דורכשלאגען זאלען זיך אייערע טרערען,
גרינגער זאל ווערען און פרייער זאל ווערען —
אפשר, ווער ווייסט, וועט נאך גאט א מאל געבען!
איבערגעהן וועלען די פינסטערע צייטען,
אויך אונז וועט אפשר גערא̇טען, ווי לייטען,
בעסערס און שענערס דערלעבען.

און פאר א זכר פון היינטיגע חמארעס
וועט אויך פערבלייבען א נייער „על־נהרות"
וואס ער וועט הימעל און ערד איבערקעהרען.
גליקליך איז דער און געבענשט זאל דער ווערען,
וואס וועט פעראייביגען אייערע טרערען
הייליגע, צווייטויזענד־יעהריגע טרערען.

אונטער די גרינינקע בוימעלעך.

אונטער די גרינינקע בוימעלעך
שפּילען זיך משה'לעך, שלמה'לעך,
ציצית, קאַפּאָטקעלעך, פּאה'לעך,
יודעלעך פריש פון די אייעלעך.
גופ'עלעך: שטרוי, רויך און פעדער-
לעך,
נעם און צובלאָז זיי אויף גלידערלעך,
חאַפּען זיי אויף גרינגע ווינטעלעך
און סע צוטראָגען זיי פויגעלעך.

נאָר איין זאַך פערמאָגען זיי:
אויגעלעך,
די אויגען פערמאָגען צוויי פּינטעלעך,
וואס גליהען און פינקלען און טוקען
זיך,
און עפּעס וויא נביא'יש און וואונ-
דערליך
פערטראַכטען זיך טיעף און פער-
קוקען זיך
אויף נעכטיגע טעג און אויף פייגעלעך
אוי! מיר זאָל זיין, יודישע קינ-
דערלעך,
פאַר אייערע כשר'ע אויגעלעך!

*

* *

כ'בין ניט אויף אייער רוף געגאַנגען,
איך קום צו אייך מיט זיעבען וועגען:
איך פאַל אויף אייך, ווי טוי אויף
זאַנגען
און ווי אויף טרוקען גראָז דער רעגען.

אומזיסט האָט איהר גערוישט,
געליאַרעמט
און מיך בעגעגענט מיט געזאַנג:
איך האָב פאַר אייך א טויב געוואַ-
רעמט,
און אויסגעפּיקט האָט זיך: אַ שלאַנג.

און זעהט: מיך ריהרט ניט אייער
שאַלען,
און אייער הילכיגער גערוּם
ליגט טויט צו מיינע פיס געפאַלען
און איך צוטרעט איהם מיט דעם פוס.

פון אייער אויסגעלאָשען אויג
בין איך דער לעצטער שוואַרצער
בליץ,
פון אייערע פערקלעמטע ציין:
דער לעצטער, צאָרנדיגסטער קריץ.

און רעד איך: מוזען הימלען שטומען,
די ערד בעוועגט זיך ניט פון אָרט;
די שטיינער קויקלען זיך און קומען
און שלינגען דאָרשטיג גאָט'ס א
וואָרט.

פון ר' יהודה הלוי.

א.

ביינקסט אויך נאָך דיינע קינדער, מוטער ציון,
ווי זיי, צוזייטע און צושפּרייטע, ביינקען?
ווילסט אויך, ווי זיי פון דיר, א ליבען גרוס בעקומען?
דאָ האָסטו איהם! אַ גרוס פון נאָהענטע און ווייטע!
אין הארצען דורות-לאַנג געוואַרעמט, טראָגט איהם
פון אַלע עקען וועלט, דורך ימים און מדבריות,
צו דיר אין שויס איין עלענד קינד דיינס, איינער

פון די, וואָס זאפען־אַן, ווי טוי דיין חרמון,
די פרעמדע בערג מיט ברענענדיגע טרערען
און שטאַרבען אין דער פרעמד פערליעבטע און פערביינקטע...
מיך ציהט צו דיר!... ביינאַכט אויף דיינע חורבות
בין איך דיין נאַכט־איילע, דיין יאָמער־ליעד,
און חלום׳ט זיך מיר נאָר דיין מאָרגענשטערען — ווער איך
דיין נאַכטיגאַל, דיין קלינגענדיגע האַרפע...
מיך ציהט צו דיר!... מיין האַרץ געהט אויס נאָך יענע ערטער,
וואו די אבות האָבען זיך בעגעגענט מיט מלאכים,
וואו די שכינה האָט גערוהט, וואו דיין בעשעפער
האָט דיינע טויערען, די הייליגע געעפענט
אנ׳קעגען זיינע הימעלשע שערים.
וואו ניט די זון און ניט די לבנה, שטערען —
גאָטס עהרע זעלבסט האָט דיר בעשיינט מיט גלאַנץ...
איך גאָר, אז אויסגיסען זאָל זיך מיין זעעלע דאָרטען,
וואו ס׳פלעגט אמאָל גאָטס גייסט און גאָטס גענאָד זיך גיסען
אויף דיינע אויסדערוועהלטע, מוטער ציון!
וואו נעמט מען פליגעל? ! שטיקערווייז וואָלט איך מיין האַרץ
ווייט, ווייט צעווישען דיינע בערג פערטראָגען,
כ׳וואָלט צוגעפאַלען צו דיין ערד, כ׳וואָלט אויסגעקושט
איהר יעדען פוס־טרעט, יעדעס שטיינדעלע בעזונדער,
און אומגעוואַנדערט וואָלט איך טאָג און נאַכט
א נאַקעטער, א באָרפיסער אויף דיינע חורבות,
כ׳וואָלט מיט מיין שטעקען אויסגעמאָסטען אַלע קברים,
מיט דיין נשמה־לופט זיך אָנגעאָטעמט,
זיך איינגעוויקלט אין דיין זיסען שטויב,
און ביז צום בלינד ווערען בעוויינט דיין חורבן, ציון..
צי קען די שיין פאַר מיינע אויגען זיס זיין —
אז שווארצע ראָבען פּיקען דיינע אדלערס,
צי קען מען לעבען אויף דער וועלט און צוזעהן,
ווי גאָס־הינד שלעפּען דיינע טויטע לייבען...
גענוג, לאָז אָפּ איין ווייליע, כוס פון טרויער!
מיין האַרץ איז איבערפול מיט דיר פערביטערט
כ׳האָב איינגעזאָפּט אין זיך דיין שוים מיט דיינע הייוען...
גענוג! איך וויל איין חלום זעהן און שטאַרבען...
כ׳וויל זעהן, א גרויסער גאָט, נאָר איין שטראַהל ליכט,
נאָר איין שטראַהל ליכט פון יענעם מאָרגען־שטערען,
וואָס דאַרף, וואָס מוז אמאָל נאָך העל און ליכטיג
זיך אָנצינדען אויף ציון׳ס בלויען הימעל,
בעגייען און בעפרישען זיך מיט יוגענד...
גענוג, איין זיסען חלום לאָז מיך זעהן נאָך
און אויסגעהן מיט א שמייכעל אויף די ליפּען.

ב.

מיט דעם לבנה־שיין פערזילבערט,
ווייט רינצעלט זיך דער וואסער־שפּיגעל;
פערשפּרייט האָט זיך אויף אונז די נאכט
מיט איהר בלוי־סאַמעטענעם פליגעל.

ס'איז נישט קיין נאכט — ס'א מלכת־שבא!
געהילט אין בלויס, מיט גאָלד בעפליטערט,
שטיל אָטעמט זי, און אויף איהר ברוסט
שעמערירט דאָס גאָלד, שעמערירט און ציטערט.

ווי שאַף צושפּרייט, די קליינע חוואליעס
שטיל וויגען זיך אין לייכטען דרימעל,
סע ציטערען אין ים די שטערען —
ווער איז דאָ ים און ווער איז הימעל?

צוויי ימ'ען שלאָפען דאָ צוזאמען
צונויפגעלייגט, ווי גלייכע ברידער;
איין דריטער ים אין מיטען שלאָפט נישט;
מיין הארץ מיט זיינע נייע לידער.

אַ פרעהליכס.

ניט גענאשט פון עולם־הזה,
עולם־הבא אויף נאָך גאַנץ —
וואָס־זשע פעהלט אייך? — האנט
אויף אקסעל —
און לאָז פלאַקערען א טאַנץ!

זאָלען שווינדלען פאר די אויגען
פּיס און פּיאַטעס הויך און שטארק,
פונקען זאָל פון שטיינער שפּריצען,
אַנציינדען זאָל זיך דער מאַרך!

וואו א טראָפּען גאָל פערבאָרגען,
וואו א וועה און וואו א וואונד —
אויסגעטאַנצט מוז דאָס היינט ווערען
ביז צום סוף און ביז צום גרונד!

נישט דערעסען, נישט דערשלאָפען,
נישט דערוואַרט און נישט דערלעבט,
וואָס־זשע זאָרגט איהר? ווי די
אָדלערס
הויבט זיך פּלוצים אויף און שוועבט!

איבער גאַנצע בערג פון צרות,
איבער ימים נויט און פּיין,
טראָגט זיך מיט פערמאַכטע אויגען,
און זאָל זיין דאָרט, וואָס ס'זאָל זיין!

איינמאָל לעבט מען, איינמאָל
שטאַרבט מען,
איינמאָל קומט מען אָב דעם טאַנץ —
טאַנצט־זשע ברידער! גאָט לכבוד
פּלעבט א לעבעדיגען קראַנץ!

נישט קיין טאַטען, נישט קיין מאַמען,
נישט קיין גואל, נישט קיין פריינד:
וואָס זשע וואַרט איהר? כל ישראל,
אלע זענען ברידער היינט!

אלע, אלע איינגעשלאָסען
אין איין גרויסען פעסטען רונג,
איינגעפלאָכטען בערד און לאָקען,
שיך און זאָקען, אלט און יונג.

און אָהן אויפהער זאָל זיך ציהען,
זאָל זיך שליינגלען אייער ראָד,
פון דעם הקדש ביז בית־עולם,
פון דעם שול־הויף ביז דער באָד.

נישט קיין ברויט און נישט קיין חלה,
נישט קיין פלייש און נישט קיין פיש:
וואָס־זשע זיצט איהר? פרעהליך,
ברידער!
חאַפּט א טאַנץ אַרום דעם טיש!

ברייטער, ברייטער און צושפּרייטער
זאָל זיך דרעהען אייער ראָד: —
ברייט ווי טייכען פליסט גאָט׳ס נחת
העכער הייזער — גאָט׳ס גענאָד!

יאָ, עס רינט פון באָרד און פּאות,
יאָ, מע ווארגט זיך אזש פאר גליק!
טאַנצט־זשע, ברידער, האָפּיי,
שטארקער!
און דאָס אייגענע צוריק!

נישט איין טראָפען צו ערקוויקען,
אויסגעטריקענט ווי א קוואל —
וואָס־זשע שמאכט איהר? נעמט
דעם בעכער,
גיסט איהם אָן מיט גרינער גאל.

אויסגעזופט, און נישט פערקרימט
זיך,
נישט קיין ציטער אין די הענט!
זאָל א קרענק דער שונא וויסען,
וואָס אין הארצען בראָט און ברענט.

העכער, העכער הויבט דעם בעכער,
חי־געלעבט! און חי־געקוועלט!
אויף צופּוקעניש די שונאים,
אויף צו־להכעים גאָר דער וועלט!

נישט קיין אמת, נישט קיין יושר,
נישט קיין רחמים, נישט קיין ד״ן —
נו, איז וואָס? דאָס רעדעל דרעהט
זיך
אָהן א ציעל און אָהן א זין.

חאַפּט־זשע, זייט אין ראָד א רעדעל,
מישט זיך אוים און דרעהט זיך נאָך,
אָב פון וועג זאָל יעדער גרענעץ,
אָב פון האַלז זאָל יעדער יאָך!

הפקר, הפקר, אלעס הפקר,
הפקר ווייב און הפקר קינד,
א כפרה הונדערט וועלטען
פאר איין שעה פון מוט אין זינד!

נייטען לעמפערט.

נייטען לעמפערט — אמעריקאניש־אידישער דיכטער. געבארען אין סטויפניץ, מינסקער גוב. אין יאהר 1875. געקומען אין אמעריקא איז נייטען לעמפערט נאך אלס יונגער אינגעל, וואו ער האט זיך שפעטער באטייליגט מיט לידער אין דער אלגעמיינער אמעריקאניש־אידישער פרעסע. ליידער האט ער, ווי אייניגע אנדערע אידישע דיכטער פון זיין צייט, געלעבט אונטער זעהר שלעכטע מאטעריעלע אומשטענדען און נאך דעם 5טען אפריל, 1899, איז ער אין נויארק געשטארבען פון שווינדזוכט. זעהר טראגיש קלינגען די פאלגענדע צוויי פון זיינע לעצטע לידער, וואו ער פיהלט דאס אנקומען פונ'ם טויט. ביבל. מארים ראזענפעלד, נעקראלאג, אין „אבענדבלאט", אפריל 1899.

הערבסט.

א.

דער הערבסט, ער קומט, די בלעטער פאלען,
דער וואלד ער רוישט אן אבשיעדס־ליעד, —
צו'ם פריהלינג און צו נאכטיגאלען,
צו אלץ וואס האט געלעבט, געבליהט.

דער הימעל ליגט שוין איינגעצויגען
אין שווארצע וואלקענס גרויס און שווער;
די בלום — א קריפעל — שטעהט געבויגען,
דער טהאל איז וויסט, עס גרינט ניט מעהר!

אין מיר מיין יוגענד ווי דער זומער
פערגעהט שוין אויך, געזעגענט זיך:
עס קומט דער הערבסט, איך פיהל א קומער, —
דער הערבסט, דער טויט בעגעגענט מיך...

ב.

און ווער איך אין טרוימען פערזונקען
און חלום פון פריהלינג, פון גליק,
דאן קומט אך, דער הערבסט־ווינט דער קאלטער
און וועקט מיך מיט כעס צוריק.

דאן געה איך מיר אום אן ערוואכטער,
און וויין שטיל, און קלאג אויף דאס ניי,
דער הערבסט־ווינט — מיר דאכט אז ער זאגט מיר:
„דיך וועט שוין ניט גריסען קיין מאי!"...

ש. לערנער.

שבתי לערנער — פאָלקסדיכטער. געבאָרען אין כאָטין, בעסאַראַביער גוב. ארום 1875. האָט פארבראכט זיין יוגענד אין בעלצי, וואו ער איז געווען א לעהרער אין העברעאיש און רוסיש. ארום 1902 האָט ער מיט'ן שריפטשטעלער אליאזר דוד ראָזענטהאל געגרינדעט אין אָדעס א פארלאג מיט'ן נאָמען „דאָס נייע לעבען", וואָס האָט ארויסגעגעבען איינינע ליטעראַרישע זאמעלביכער. זיינע ליעדער, וואָס זיינען מעהרסטענס געשריבען אין פאָלקסטאָן זיינען זעהר פארשפּרייט און ווערען געזונגען אין בעסאראביער און פּאָדאָליער גוב. מיט מעלאָדיעס, וואָס ער אליין האָט צו זיי צוגעטראכט. האָט אויך אָנגעשריבען איינינע דראמען, אין וועלכע ער האָט אליין אנטייל גענומען אלס אקטיאָר. אין יאָהר 1903 איז אין דער קראקויער „פאָלקסצייטונג" געדרוקט געווען זיין אידישע פרייע איבערזעצונג פון היינעס „פרינצעסען שבת". אין יאָהר 1907 איז ער געקומען אין אמעריקא, וואו ער איז אין 1913 געשטאָרבען פון שווינדזוכט.

אָסיענדיגע נגונים.

זיעף דיך, רעגען,
קאלטער, נאסער:
גיעסט אויס, כמארעס,
עמערס וואסער,
זיי דיר הימעל גרוי ווי בליי!
פון די טראָפען
די געמיינע
ווערט קיין בלום
אפילו איינע
נישט שפּראָצען סיי־ווי־סיי!
ווייל פון פאָרענט
און פון הינטען
בלאָזען בייזע
קאלטע ווינטען
און עס ווערט נאָר אייז מיט שנעע...

גיעס, מיין פאָלק, אויס
טייכען טרעהרען,
קאָן דיין הימעל
איצט דען ווערען
אויסגעלייטערט, אָך און וועה!...
דיינע אויגען
זענען קוואלען —
טייכען גאנצע
רינען, פאלען,
ז'קענען וועלטען באלד אויפריהרען..
פון די הערצער
דיינע, אלטע,
וועהען אבער
וו נטען קאלטע
און די טרעהרען פריהרען... פריהרען..

אברהם רייזען.

אברהם רייזען — איינער פון די באדייטענדסטע דיכטער און דערצעהלער פון ענדע 19טען יארהונדערט. געבארען אין יאהר 1875, אין קאידאנאוו, מינסקער גוב. אברהם רייזען איז איינער פון יענע דיכטער, וואס שרייבענדיג פונ׳ם פאלק און פאר׳ן פאלק אין אן אויפריכטיגען, מעהרסטענס פאלקסטימליך־הארציגען טאן, האט ער אויף אזא׳ן אופן זיך דערנעהענטערט צו איהם און איז אונז אלעמען געווארען אם נאהענטסטען און אם ליבסטען. ווי געזאגט פארנעמט אברהם רייזען אויך אלס דערצעהלער דעם אויבען אן פון דער אידישער ליטעראטור. ווען די וועלט־מלחמה האט אויסגעבראכען איז אברהם רייזען געקומען אין אמעריקא, וואו עס איז אין דעם נויארקער גרויסען קארנעגיע־זאל געפייערט געווארען דער 25־יאהריגער יובילעאום פון זיין שאפען און אויך די ערשיינונג פון זיינע געזאמעלטע שריפטען אין 12 בענדער. ביבל. בעל מחשבות, „געקליבענע שריפטען“; ש. ניגער, „קנייטשען“, אין די „ליטעראַרישע מאנאטשריפטען“, 3; י. פיכמאן „די יודישע מוזע“, 21־22; י. ענטין אין דער „צוקונפט“, 1909; שרה רייזען, אין „פנקס“; ז. רייזען, „לעקסיקאן“.

אומעטיג.

אומעטיג, קינד מיינס, צו לעבען אליין,
קענסט אפשר קומען צו מיר!
מיין צימער איז ארים, מיין צימער איז קליין,
האט א בעזונדערע טיר, —
האט א בעזונדערע טיר,
נאר קיינער, אוי, קלאפט ניט אין איהר...

אומעטיג, לעבען מיינס, אומעטיג, שווער,
און ווי נאר דער אווענד ער קומט,
זיץ איך די אויגען צום טהיר, און איך הער:
דער ווינד אזוי טרויעריג ברומט, —
דער ווינד אזוי טרויעריג ברומט,
און ס׳דאכט מיר אז עמיצער קומט...

נייע און אלטע ליעבע.

און ווידער א ליעבע א נייע —
די אלטע פון הארץ אויסגעריסען;
דאך קומט אלץ די אלטע, די אלטע
אזוי ווי אליין, אהן דיין וויסען...

און ווידער א ליעבע א נייע,
און ברענט אויך אזוי ווי א פייער;
דאך יענע, די אלטע, בעפאלט דיך,
און לייכט פון דער ווייט אזוי טייער.

און ווידער א ליעבע א נייע,
א קושען, א צערטלען א גלעטען...
דאך וואלסטו צו יענער אנטלויפען
און גליק, אויף די קניה ביי איהר
בעטען...

אין קישען.

אין קישען בעהאלט איך מיין פנים,
איך גורע זיך איין טיעף און וויין;
דער איינציגער פריינד אין מיין לעבען
איז מיר נאר דאס קישען אליין.
געפליקט האט די פעדערן איהרע
מיין שוועסטער ביז שפעט אין
דער נאכט,
געפליקט מיט א הארץ א צופליקטען,
פון דחקות, פון הונגער פערשמאכט.
וואו איז יעצט די שוועסטער פער־
ווארפען,
וואו איז זי? ווער ווייסט וואס זי
מאכט!
דארום איז מיר טייער דאס קישען,
פייכט מאך איך עס שטענדיג ביי
נאכט!...

א געזינד זאלבע אכט.

א געזינד זאלבע־אכט,
און בעטען נאר צוויי, —
און קומט אן די נאכט,
וואו שלאפען דאן זיי?

און קומט אן די נאכט,
מען דארף זיך אויסבעטען,
דאן הויבט אן די מוטער
דעם טויט אויף זיך בעטען.

דריי מיט׳ן טאטען,
און דריי מיט דער מאמען —
הענטלעך און פיסלעך,
געפלאכטען צוזאמען.

זי מיינט מיט אנ׳אמת, —
עס איז נישט קיין וואונדער:
אויף ענג איז אין קבר,
דאך ליעגט מען בעזונדער...

* * *

לעבען ווילט זיך, אך דאס לעבען
האט אין זיך אזוי פיעל חן,
נאר איך קען גארנישט דערגרייכען
דאס וואס ליעב איז, דאס וואס שיין.

לעבען ווילט זיך, נאר איך קען נים!
כחות דארף מען האבען מעהר!
שטארבען און פערלאזען אלעס,
אך, דאס איז מיר אויך צו שווער.

און מיין לעבען איז געגליכען
צו א לאמפ מיט ווניג נאפט:
ווערען ווערט עס ניט פערלאשען,
ברענען האט עס ניט קיין קראפט!

מאי־קא משמע־לן?

א.

מאי קא משמע לן דער רעגען?
וואס־זשע לאזט ער מיר צו הערען?
זיינע טראפענס אויף די שויבען
קויקלען זיך, ווי טריעבע טרעהרען.

און די שטיוועל איז צוריסען,
און עס ווערט אין גאס א בלאטע;
באלד וועט אויף דער ווינטער קומען.
כ׳האב קיין ווארעמע קאפאטע...

ב.

מאי קא משמע לן דאָס ליכטעל?
וואָס־זשע לאָזט עס מיר צו הערען?
ס'קאָפּעט און עס טריעפט איהר חלב
און ס'וועט באַלד פון איהר נישט
ווערען.

אַזוי צאַנק איך דאָ אין קלייזעל,
ווי אַ ליכטעל, שוואַך און טונקעל,
ב'יז איך וועל אַזוי מיר אויסגעהן
אין דער שטיל, אין מזרח ווינקעל...

ג.

מאי קא משמע לן דער זייגער?
וואָס־זשע לאָזט ער מיר צו הערען?
מיט זיין געלען ציפער־בלעטעל.
מיט זיין קלינגען, מיט זיין שווערען?

ס'איז אַן אַנגעשטעלטע כלי,
ס'האָט קיין לעבען, קיין געפיהלען,
קומט די שעה, דאָ מוז ער שלאָגען
אהן זיין רצון, אהן זיין ווילען..

ד.

מאי קא משמע לן מיין לעבען?
וואָס־זשע לאָזט עס מיר צו הערען?
פוילען, וועלקען אין דער יוגענד,
פאַר דער צייט פערעלטערט ווערען.

עסען „טעג" און שלינגען טרעהרען,
שלאָפען אויפ'ן פויסט דעם האַרטען,
טויטען דאָ די „עולם־הזה"
און אויף עולם הבא וואַרטען...

דער גמרא נגון.

וואָס־זשע קלאָגסטו ביי דער גמרא,
קלויזניק בלאַסער, קלויזניק ליעבער,
און דיין וויינענדיגער ניגון
אין מיין האַרצען געהט אריבער:

און מיין אויג איז פייכט געוואָרען.
מיט אַ טרער איז עס פערלאָפען.
קלויזניק בלאַסער, קלויזניק ליעבער,
זאָג וואָס האָט מיט דיר געטראָפען?

צו דו בענקסט אהיים נאָך דיינע
טאַטע, מאַמע, שוועסטער, ברידער,
וואָס אהן זיי ביסטו געבליעבען,
ווי אַ שיפעל אהן אַ רידער.

אָדער אויפ'ן טאָג ביי לייב'ען
ביסט אַ לאַנגע צייט געזעסען,
ביז מען האָט געזאָגט: „נו בחור,
נעם די קוואָרט און וואַש זיך עסען?"

אָדער אפשר גלאָט דו שעמסט זיך
עסען ברויט אויף פרעמדע טישען
און מיט בלוט, מיט הייסע טרעהרען
שלינגסט אַראָפּ דו יעדען ביסען?

אָדער ס'פעהלט דיר אויס אַ
„מאַנטאַג"
און עס האָט דיר שוין געטראָפען
ניט איינמאָל זיך לעגען הונג'ריג
אויף דער האַרטער באַנק און
שלאָפען?

און דו האָסט זיך איצט דערמאָנט אַלץ
און דו קענסט עס ניט פערטראָגען,
און ביי רבא'ן, ביי רב פפא'ן
ווילסטו איצט דיין וועה אויסקלאָגען.

הויב־זשע העכער אויף דעם ניגון
שטאַרקער, העכער דרעה די טרעלען;
וועסט דיין בענקעניש פערגעסען
און דער הונגער וועט ניט קוועלען...

ווי קום איך?

ווי קום איך צו זינגען? פון וואנען מיין קינד!
ביי אונז האט אין קוימען געברומט נאר דער ווינד:
די קינדער — זיי פלעגען נאר זינגען: האם—האם!
און אפטמאל די מאמע — א קללה צום גראם.

ווי קום איך צו שענהייט? פון וואנען מיין קינד!
דער וועג צו די פעלדער — דורך גויים און הינד...
די גאס איז געווען אזוי ארים און וויסט
ביי איטליכער טיר נאר — א בערגעלע מיסט...

דאס געבעט.

עס הערט זיך דער דונער פון ווייטען,
עס בלענדט אין די אויגען דער בליץ:
א, גאט! האב רחמנות די אר'מע
פון בייזען געוויטער בעשיץ.

וואס ארבייטען יעצט אויף די פעלדער
געפינען זיך ווייט פון דער היים
און האבען קיין ארט, וואו זיך שיצען.
קיין שייער, קיין דעכעל, קיין בוים!

וואס זיינען אצינד אונטער וועגענס
די פוהרען מיט משא פערלייגט
און ווייט איז פאר זיי נאך א
קרעטשמע.
און וועדען פון רעגען צעווייקט.

וואס שטעהען אין מארק מיט די
קוישען
מיט עפעל, מיט גרינס און מיט ברויט.
און אלע, וואס זיינען איצט דרויסען.
וואס טרייבט זיי דער הונגער און
נויט.

און אלע, וואס זיינען פערוואגעלט.
וואס ד'ערד גיט קיין ווינקעל זיי ניט.
זיי אלע פון בייזען געוויטער
בעשירעם זיי, גאט, און בעהיט!

דער שטויב פון דער וועלט.

דער שטויב פון דער וועלט איז געפאלען אויף מיר,
און קראנק בין איך, קראנק:
די ליעבע — די וועלקט טיעף אין הארצען ביי מיר,
אין קאפ — דער געדאנק...

און ווער קען מיך היילען? נישטא אזא מענש,
נישטא אזא לאנד!
און וואלסטו דעם הימעל דערגרייכען געוואלט —
ווי קורץ איז דיין האנד!...

*
*   *

צושטעלט זיך אין רייהען אמאליגע טעג,
פערשוואונדענע טעג פון מיין לעבען,
איך וועל אייך אדורכגעהן פון אנהייב ביז ברעג
און יעדערען „שלום“ אבגעבען.

איך וועל מיר פאר יעדערען געבען א נייג
און שטרעקען מיט ליעבשאפט די האנד אייך;
עס וועט זיך בעווייזען א טרעהר אין מיין אויג —
איין אלטע — זי איז דאך בעקאנט אייך.

אך, קלויבט זיך צוזאמען פערגאנגענע טעג!
פערגעסט, וואס איך האב אייך געשאלטען,
עס איז נאר געווען פאר צרות אהן ברעג,
עס האט מיר מיט אייך נישט געגאלטען.

איהר זענט אזוי חושך'דיג פינסטער געווען
און שווער, ווי די ריזיגע בערגער,
געהאפט האב איך בעסערע טעג פאר מיר זעהן
אומזיסט אבער — די זענען ערגער!...

עס דאכט מיר.

עס דאכט מיר, איך האב וואס פערלוירען אין וועג,
איך ווייס דאך ניט וואס...
זאל איך צוריקגעהן? עס איז אזוי ווייט —
עס איז א פערדראס!

איך האב וואס פערלוירען און ווייס דאך ניט וואס...
צי האט עס א ווערט?
לאז איך עס איבער, — דער טאג איז שוין קורץ,
און גרויס נאך די ערד...

עס פאלען שוין שאטענס פון בוימער או, שטעג,
מיין שאטען איז לאנג...
דאס הארץ איז ניט רוהיג, עס שרייט: קעהר זיך אום,
דער שאדען טהוט באנג!

דא בלייב איך גאר שטעהן מיר אין מיטען דעם וועג,
אין חושך געהילט...
איך האב וואס פערלוירען, איך ווייס דאך ניט וואס,
איך האב וואס פערשפיעלט...

פערגעבונג.

כ׳טראַג אַ האַרץ פול ליעבע,
כ׳בין מיט ליעבע רייך:
גוטע מענשען, שלעכטע
אַלע זיינען גלייך.

קוק מיט פּאַטער אויגען
אויף דעם קורצען שפּיעל,
גיב זיך אָפּט אַ בייזער,
אָבער ניט צופיעל!

זינג מיר ניט פון יוגענד,
רעד מיר ניט פון זינד:
יעדער מענש בלויז שפּיעלט זיך
שפּיעלט זיך ווי אַ קינד.

דען די קינדער שפּיעלען,
ביז ס׳פערגעהט די זון,
און זיי געהען שלאָפען —
ס׳איז קיין בייז דערפון.

דער שלאָס.

געווידמעט ה.

עס שטעהט צעווישען פעלדער
אַ הויכער, טריעבער שלאָס,
די פענסטער שווער פערהאַנגען —
וואָס טוהט זיך דאָרטען, וואָס?

עס געהען לייט און פאָהרען
און קוקען טיעף אריין —
דאָס האַרץ פאַלט איין פאַר פּחד:
וואָס קען דאָרט אינוו׳ניג זיין?...

דאָ קומט אַ ליץ אַ דאַרער
מיט אויגען קעציש־גראָה

און לאַכט זיך קאַלט פאַנאַנדער:
ס׳איז אינוו׳ניג גאָר נישט דאָ...

דאַן ווערען מאַנכע רוהיג:
דער ליץ איז זיי גענוג...
און פאָהרען מונטער ווייטער
און זיינען ווידער קלוג.

דאַן שפּרינגט אַ יונג אַ בלאַסער
ארויס, — די אויגען — קויהל!
און פרעגט: דער שלאָס ווי קומט
דאָ?
כאַפּט ווידער אַן אַ גרויל...

אייביגע זוכער.

„איז ער געגאַנגען און געגאַנגען, און געגאַנגען“,
דערצעהלט די באָבעס האָבען אונז גאָר לאַנג. —
די מעשה׳לעך זיי זיינען לאַנג, שוין לאַנג פערגעסען,
דאָך זעהען מיר נאָך יענעם אַליץ אין גאַנג...

„איז ער געגאַנגען און געגאַנגען, און געגאַנגען“ —
(בעהאַלטען ליעגט דעריין אַ טיעפער זינן!)
ער האָט געזוכט, געזוכט דעם וועג און ניט געפונען
און איז געגאַנגען ווייטער, ווייטער, אַליץ אהין!

און יעדער העלד פון יענע מעשה׳לעך דיא אַלטע
— געוועזען איז ער אַ בעטלער, צי אַ האַר —
איז ער געגאַנגען און געגאַנגען, און געגאַנגען —
(ווי קלינגט דאָ טיעף און שעהן דעם זוכער׳ס צער!)

„איז ער געגאַנגען און געגאַנגען, און געגאַנגען!“ —
מיר געהען אַלע מיט יענעם אַלטען העלד!
ווער ס'זוכט און זוכט אַ פּלאַץ ערגעץ אונטער הייהלען
און ווער אַ קליינע שטיבעלע אין פעלד...

די אַלטע קשיא.

פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא:
וואָס איז פּאַרט דער זין פון לעבען?
קומט אין יעדען דור אַ חכם
אונז אַ קלוגען תירוץ געבען.

הערט מען אויס דעם קלוגען תירוץ
און מען זינגט דעם חכם ליעדער:
שטאַרבט דער חכם גאַר אין גיכען,
בלייבט די אַלטע קשיא ווידער.

אַזוי דרעהט זיך עס און דרעהט זיך,
ביז די קשיא ווערט פערגעסען,
און דער עולם לעבט און פרעהט זיך,
האָט גרויס אַפּעטיט צום עסען.

הויבען אַן די ביינער וועה טאָן
און אין קאָפּ הויבט אָן זיך וועבען,
פרעגט די וועלט צוריק די קשיא:
וואָס זשע איז דער זין פון לעבען?

אונזערע הימלען.

אונזערע הימלען
זיי הענגען אונז גרוי,
אויף אונזערע פעלדער
פאַלט נישט קיין טוי.

עס פאַלט נישט קיין טוי
און בליהט נישט קיין בלום,
און אונזערע פייגעל
שוין לאַנג שווייגען שטום...

אַ פּאַנצער אַ פרעמדען
טראָגט אונז'רער אַ העלד
און שיסט גאַר זיין ברודער
אין ווילד פרעמדען פעלד.

געקליידט אונזער העלד איז
אין פרעמדען געוועהר
און אונזערע שוועסטער
בעשיצען וועט ווער.

אונזערע העלדען —
וואו וועלט האָט אַן עק
און אונזערע שוועסטער
זיי זיצען אין שרעק.

און קען אונזער העלד דען
ערוואַרטען זיין לויהן,
ווען בייזע רעגיערען
און טראָגען די קרוין?...

דער פערקליידעטער מלך.

און אַז דער מלך איז אַרויס אין גאַס
פערקליידט וויא יעדער בירגער פון דער שטאָדט
האָט ער, אַנשטאָט צו האָבען פרייד און שפּאַס,
דערשראָקען זיך וויא פאַר אַ שטראָף פון גאָט.
אַך, וואו ער קוקט זיך אום
איז טרויער... שטיל און שטום...

פון הייזער קוקט ארויס דער וועה,
א קינד פאר הונגער ערגעץ שרייט,
א קריפּעל געהט פארביי אויף קוליעס צוויי
און קרעכצען טראָגען זיך פון ערגעץ ווייט.
און וואו ער האָט געקעהרט זיך און געווענדט
האָט ער געזעהן נאָר קריפּעלס, ווער אָהן פיס, אָהן הענט...
און זקנים הונג'ריגע אויף יעדען טריט און שריט
און קיין געזונטען יונגען מאן אין ערגעץ ניט!
א פרוי, פון הונגער, עלענד א געשטאלט
האָט אנגעקוקט איהם, מיט דיא שולטערן געדריקט:
„מיין הערר! איהר זייט דאָך נאָך קיין זעכציג יאהר ניט אלט,
האָט דען דער מלך אייך אין קריעג נאָך ניט געשיקט?...
און וואקלענדיג פאר הונגער איז דיא פרוי אוועק
און האָט דעם מלך שטעהן געלאָזט אין שרעק....

גרינע.

א.

מיר זיינען מיט א פרעמדער שיף
געקומען דאָ אהער:
א פרעמדער קאפּיטאן געפיהרט
האָט אונז אויפ'ן ברייטען מעער.

דאָס שיף האָט זיך געוויעגט אהין
און זיך געוויעגט אהער,
און האָט זי וועמען איינגעוויעגט—
האָט ער גע'חלומ'ט שווער.

ב.

א נייע לאנד, א פרעמדע לאנד —
ווער זיינען דאָרטען זיי? — —
ווער ס'האָט א ווייב געלאָזט אליין
מיט קליינע קינדער צוויי.

א גערטנענדעל, א שטיבעלע,
א מאמע, ווייס, ווי שניי...
און ס'האָט דאָס הארץ ביי איטליכען
געדריקט אן אנדער וועה...

ג.

ווי לאנג וועט געהן די שיף, ווי לאנג?
האָט יעדער שטיל געטראַכט.
געפרעגט ביי איין מאטראָז, האָט ער,
א פרעמדער, זיך צולאַכט.

געביטען האָט א נאכט דעם טאָג,
דעם טאָג — א שווארצע נאכט,
ביז וואן דער פרעמדער קאפּיטאן
האָט אונז צום ברעג געבראַכט...

ד.

בעגעגענט האָט א פרעמדער אונז
און שטרענג געפרעגט: געזונד?
און האָט בעטראַכט אונז יעדערן,
ווי מען בעטראַכט א הונד.

געקוקט אין ד' אויגען, און אין מויל,
בעטראַכט אונז מיט א גרונד —
וואָלט ער געקוקט אין הארצען נאָך,
וואָלט ער דערזעהן — א וואונד...

ד.

מיר האָבען זיך די הענד דערלאַנגט
און זיך צוזעגענט שטום...
ווען מען זיך ווען בעגעגענען
אין יאָהרען לאַנג ארום ?...

פון ווייטען האָט די שטאָדט גע-
דראָהט,
געשראָקען מיט איהר ברום...
און צווישען צעהנדליג שפּראַכיגע
געגאַנגען זיינ׳ מיר שטום...

אין די ווייטסטע לענדער.

(אידישע הימן)

אין די ווייטסטע לענדער
זיינען מיר צושפּרייט —
יעדער טייל א רינגעל
אין דער לאַנגער קייט.

בייַ די אַלע טייכען,
נישט פון בבל בלויז,
זיינען מיר געזעסען
זוכענדיג א הויז.

איצטער איז אונז טייער
גאָר די גאַנצע וועלט.
ס׳שטעהט ביי ווייטסטע ברעגען
אונזער׳ס א געצעלט...

איצטער איז אונז טייער
ווייכסעל און דער רהיין
און דער ברייטער דניעפּער
רוישט אונז אויכעט שיין.

און דער פרייער האָדסאָן
ווינקט אונז פריינדליך צו
דאָ, ביי זיינע ברעגען
קריגען מיר ערשט רוה !

וועלכע ליעד מיר הערען
איז באַקאַנט דער טאָן,
וועלכער טייך עס ריזעלט
וועהט א בענקשאַפט אָן.

וועלכער פאָהן עס פלאַטערט
גריסט זי אונז בעקאַנט,
וועלכע שיף עס זעגעלט —
צו א ברודער׳ס לאַנד !



ל. יפה.

ל. יפה — דיכטער און זשורנאליסט. געבארען אין גראדנא, רוסלאנד, אין יאהר 1875. ל. יפה איז אין זיינע אידישע ליעדער אם שעהנסטען און אם שטארקסטען אלס נאטור־מאלער. די ליעדער מיט'ן נאמען „הארבסט“ זיינען אהן צווייפעל צווישען די בעסטע פון דער אידישער נאטור־פאעזי, כאטש די אידישע דיכטונג פארמאגט איינינע גאנץ באדייטענדע נאטור־דיכטער ווי משה טייטש, י. י. שווארץ און אנד. ל. יפה האט אויסער אין אידיש אויך געשריבען אין העברעאיש און רוסיש. אין יאהר 1908 האט ער צוזאמענגעשטעלט א זאמלונג פון יודיש־נאציאנאלע ליעדער מיט'ן נאמען „ליעדער פאר'ן פאלק“. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן“.

*
* *

עס פאלט די פינסטערניש געדיכט, —
מען זעהט קיין שיין, קיין פונקען ליכט.
מען הערט קיין קול, ארום איז שטיל,
עס ווערט פערגליווערט דאס געפיהל.
די לאנג ניט אויסגעוויינטע טרעהר,
בלייבט אויף דעם הארצען ליעגען שווער.
קיין שטארקעס ווארט, קיין זיפץ ארום,
די טויטע שאטענס בלייבען שטום.
דעם אטהעם שטיקט די שווערע היץ..
אוי, שיק אונז, גאט, אראב דיין בליץ,
שנייד דורך מיט איהם די שווערע נאכט,
וואס האט אונז טויב און בלינד געמאכט;
וואס דריקט דעם גייסט אונז ווי א קייט,
וואס האט דעם ווילען אונז געטויט!
אוי, גאט, מיט בליץ און דונער קום,
די נאכט זאל ציטערען ארום!
אונז קאן א שטורם נור וועקען איצט
מיר קענען זעהן נור ווען עס בליצט,
אין אונזער נאכט ווערט נור געזעהן
דער בליץ, וואס הרג'עט מיט זיין ברען:
עס ווערט דער דונער נור דערהערט,
וואס טרויסעלט אויף די גאנצע ערד.

הארבסט

ווי ליעב האב איך די קלאהרע טעג פון הארבסט,
ווען שפינוועבס־פעדים שווימען אין דער לופטען,
און אין די שטעטעלדיגע גערטענדלעך,
די כריזאנטעמען וועלקענדיג נאך דופטען;

ווען פון די בוימער פאלט און פלאטערט גאלד,
עס שמעקט אין סאד מיט בארען און מיט עפעל,

און פריה פארטאג אין מזרח פלאקערט אויף
דאס מארגנעז־רויט אין גרויען קאלטען נעפעל:

ווען אויף די לאנקעס שרייען ווילדע גענז:
ווען אין דעם בינשטאק דרעמלען איין די בינען:
און דורך די שייבלעך בליהען אויף ביי נאכט
אין שטומען דארף די רויכערדיגע קינען:

ווען אויף דעם גרונד פון שטומער, קאלטער נאכט
איז בולט יעדער בוים מיט שווארצע קארבען,
און דורך די צווייגען גלאצט ארוים א שרעק,
ווי פון די אויגען־לעכער פון א שארבען. —

ב.

עס גיסט די זון נאך מילד און ווייך איהר שיין,
און לויטער בלאה איז נאך דער טיעפער הימעל,
נאר קאלט איז שוין דאס זילבער אין דעם טייך,
און שטיל פערוועלקט דאס לעצטע, לעצטע בלימעל.

פער׳יתומ׳ט בלייבט דאס בערגעלדיגע פעלד, —
דער פויער פיהרט אראב די לעצטע גארבען:
און אויף דער ברייטער, שטעכעדיגער בארשט
פערגליווערט בלייבען אבל׳דיגע פארבען.

א קיהלער ווינט קומט אן אין עפעל־סאד,
און אומרוהיג צו שורשען זיך די בוימער...
עס קריכט ארוים פוןביידעל קרעכצעדיג
און קלייבט דעם אבפאל אויף, דער אלטער שומר.

עס ברענגט דער ווינט א קלאפעריי פון טאק
מיט א געלעכטער פון א יונגער שיקסע...
פון וואלד א הייזעריג געביל פון הינט
און קורצע אבגעהאקטע קלעפ פון ביקסען.

עס שפרינגט ארויס פון ערגעץ־וואו א האז
און קייקעלט זיך אוועק אין ווינטער־קארן, —
און לאנג נאך רויכערט זיך דעם פריצ׳ס וואלד
און ווידערהאלט דאס שאלען פון דעם הארן.

ג.

כסלו.

די לופט איז ריין און קאלט און
שטארק.
דער פראסט האט אויסגעזופט אין
פארק
די וואסערן אויף אלע וועגן,
און מיט א קרייז א גלעזערנעם
בעזוימט פון סאזשעלקע די ברעגן.

די ערד איז גוט שוין איינגעשמידט:
עס הילכען אויפ'ן וועג די טריט.

און פרעהליך רופט זיך אפ אין הארצען
די בשורה פון דער שווארצער קראהע:

באלד, באלד ווערט ווייס די ערד,
די גראהע.

כ'האב ליעב די שייבעלעך צו ברעכען,
וואס אין די שפאלטען אויפ'ן וועג,
און חורבה'לעך מיט זילבער־ברוך
לאז איבער איך און געה אוועק.

עס געהט זיך עפעס מאדנע לייכט,
עס הילכען אויפ'ן וועג די טריט;
און ווי דער כסלו'דיגער פראסט
איז פריש און מונטער מיין געמיטה.

וויללִיאַם קייזער.

וויללִיאַם קייזער — אַמעריקאַניש־אידי־שער דיכטער. געבאָרען אין יאָהר 1876, אין קאָוונאָ. געקומען אין נויאָרק, אין 1893, האָט ער אין דער ערשטער וואָך פון זיין אָנקומען אָבגע־דרוקט זיין ערשטע ליעד. שפּעטער האָט ער זיך אויך געדרוקט אין פאַרשיידענע אַמעריקאַניש־אי־דישע זשורנאַלען. ארום 1898 איז ערשינען א קליינע זאַמלונג פון זיינע ליעדער. אבער גאָר אין גיכען האָבען איהם די אונגאַרמאַלע מאַטעריעלע אומשטענדען אינגאַנצען אָוועקגעריסען פון דער ליטעראַרישער וועלט און האָבען איהם געמאַכט פאַר א פּעהיגען געשעפטס־מאַן. ביבל. ל. וויענער, "Yiddish Literature", 116.

אין גאָלדענעם לאַנד.

אין שאָפּ צווישען מיידלעך מיט זאָרג־פולע אויגען,
זיצט שטיל זי אין ווינקעל אין דרייען געבויגען.
זי ארבייט און ס'רייסען זיך זיפצען פון הארצען:
אזוי וועט זי אפשר איהר לעבען אבשווארצען
אין שאָפּ דאָ צעווישען דעם רויש פון מאשינען —
און פון איהרע אויגעלעך טרעהרעלעך רינען...

זי ארבייט און זעהט ווי אין שפּיגעל, אין קלאָהרען
די בילדער פון איהרע פערגאנגענע יאָהרען
א מיידעלע שפּיעלט זיך... די עלטערן קוועלען,
און זאָרגען עס זאָל איהר קיין זאך נאָר ניט פעהלען.
און היינט מוז זי לייפען אין שאָפּ ווי בעגינען, —
און פון איהרע אויגעלעך טרעהרעלעך רינען...

אָט זעהט זי איהר שטעדטעל: די גאסען, די פעלדער.
די גערטנער מיט פרוכטען, די טיעף־ווילדע וועלדער
אָט יאָגט זי אוועק זיך אין פעלד דאָרט אין ווייטען —
אוי — אוי, יענע קינדישע, גליקליכע צייטען!...
און איצטער פאַר ברויט נאָר, פאַר ברויט מוז זי דיענען —
און פון איהרע אויגעלעך טרעהרעלעך רינען...

אזוי זיינען טעג דאָרט און יאָהרען געלאָפען,
דאָס מיידעלשע הארץ האָט ניט אויפגעהערט האָפען...
די עלטערן זיינען כאָטש שוואכער געווארען,
דאָך זי אבער, זי — אין די בליהענדסטע יאָהרען. — —
אוי, אוי יענע טעג, יענע טעג צו געפינען... —
און פון איהרע אויגעלעך טרעהרעלעך רינען...

און נאָכדעם איז אַללעס, אַך אַללעס צופאַלען. —
אַט איז מען — געדענקט זי — דאָס הייזעל בעפאַלען,
צובראָכען, צושטאָכען, צוהאַקט און צודראָשען,
גערויבט און גע׳גזל׳ט און בלוט פיעל פערגאָסען...
ס׳הויבט אַן ביי׳ם געדאַנק זיך צו מישען אין זינען —
און פון איהרע אויגעלעך טרעהרעלעך רינען...

און שפּעטער ווען אַלץ איז געוועזן שוין פאַראיבער —
און ס׳איז ניט געבליעבען קיין קרוב קיין ליעבער, —
מיט וואונדען אין הארצען און שטענדיגען וועהמוט,
האָט זי דאַן אויף אויביג פערלאָזען איהר היימאַט...
אין גאָלדענעם לאַנד דאָ איהר גליק צו געפינען... —
און פון איהרע אויגעלעך טרעהרעלעך רינען...

ה. ד. נאמבערג.

הערש־דוד נאמבערג — באוואוסטער אידיש־העברעאישער בעלעטריסט און פובליציסט. געבארען אין יאהר 1876 אין אמשינאוו, וואר־שויער גוב. ה. ד. נאמבערג האט אויסער דער־צעהלונגען, דראמען און פובליציסטישע ארטיקלען אויף פארשיידענע פראגען, אויך געשריבען ליעדער, פון וועלכע אייניגע זיינען זעהר פאפולער געווארען און ווערען געזונגען פון א גרויסען טהייל פון׳ם פאלק. ביבל. בעל מחשבות, „געקליבענע שריפ־טען״; יוד. רוס. ענצ. 11, 778—779; ש. ניגער, „אויף דער גרעניץ צווישען לעבען און טויט״, „ליטעראַרישע מאנאטשריפטען״; ז. רייזען, „לעק־סיקאָן״.

אוי-וועה און חא-חא-חא אוי-אוי.

א.

א שאטען איז דעם מענשענס לעבען,
אוי יא! עס איז אזוי.
ער יאגט דאס גליק און טרעפט
דאנבען
און יאגט און פאלט אוי־אוי!
חא־חא ער יאגט און לויפט!
אוי וועה דאס גליק אנטלויפט!
די צייט
פערגעהט:
אליין
בלייבט שטעהן
דער מענש און זעהט: דער קאפּ
איז גרוי
ער פרעגט ערשטוינט: „וואו איז
דער ציעל?״
און לאכט מיט גאל: „דער סוף פון
שפּיעל!״
אוי־וועה און חא־חא־חא, אוי־אוי!

ב.

די וועלט איז נאריש און פערדארבען,
אוי יא! עס איז אזוי.
זי האט פיעל האב און גוטס ער־
ווארבען
און נויט — נאך מעהר, אוי־אוי!
חא חא! דאס געלד בעגליקט!
אוי־וועה! די נויט דערשטיקט!
און שעלט
די וועלט
מיט האק
און פאק
און טראכט דערביי מיר שטיל אזוי:
און שלאגט די וועלט זיך קאפּ און
וואנד,
בלייבט רוהיג, הארץ! זיי קלאר,
פערשטאנד!
אוי־וועה און חא חא אוי־אוי!

ג.

מיין מיידעל איז א ליעד פון ליעדער,
אוי יא! עס איז אזוי.
א קרוין א קאפּ, געטאקטע גליעדער
און אויגען צוויי — אוי־אוי!
חא חא זי לאכט און שטיפט!
אוי־וועה זי בייסט מיט ניפּט!
איהר בליק
גיט גליק.

זי קושט
דערפרישט,
איהר מילדקייט איז פריהמארגענד
טהוי,
דאך שפיעלט זי יעצט אויף יענעמ'ס
שוים!
זיי רוהיג, הארץ, און לאך דיך אויס!
אוי־וועה און חא חא חא אוי־אוי!

א וויעג-ליעד.

ס'לויפען, ס'יאגען שווארצע וואלקען,
ס'פייפט און ברומט דער ווינד, —
פון סיביריען שיקט דיין טאטע
דיר א גרוס מיין קינד!

נאר דער ווינד, ער ברענגט אונז
גרוסען
פון דעם קאלטען לאנד;
דארטען שטעהט ער א לאפאטע
האלט ער אין דער האנד.

און ער גראבט אלץ טיעפער, טיעפער,
ווארפט די ערד ארויס, —
ניט געזארגט דאך! פאר'ן שקר
גראבט ער קברים אויס.

ניט דער ערשטער, ניט דער לעצטער
פאלט ער אויפ'ן פעלד!
זארג ניט קינד מיינס, דיך געבארען
האט א גרויסער העלד.

און א העלד וועסטו אויסוואקסען,
שלאף זשע, שלאף אצינד;
זאמעל כחות פאר דער צוקונפט,
זאמעל, איינציג קינד!



אננא ראפּפּאָרט.

אננא ראַפּפּאָרט (זיף) — דיכטערין און פּובליציסטין. געבאָרען אין קאָוונא, 1876, ביי א זעהר אנגעזעהענער פאמיליע. איהר פאָטער איז געוועז א באוואוסטע פּערזענליכקייט אין די קאָוונער רבנ'ישע קרייזען. געקומען אין אמעריקא איז זי אין דעם עלטער פון 16 יאָהר, נאָכדעם ווי זי האָט אין רוסלאנד דורכגעמאכט א גימנאָזיום בילדונג. צו 17 יאָהר האָט זי אָנגעהויבען שרייבען אידיש. איהר ערשטע ליעד איז ערשינען אין דער „ארבייטער צייטונג" אין נויאָרק, 1893, אונטער'ן נאָמען „אננאָ זיף". שפּעטער געדרוקט זיך אין דער „צוקונפט". פאר די לעצטע 7 יאָהר שרייבט זי פאר דער ענגלישער סאָציאליסטישער צייטונג „דהי קאָלל". אין 1910 האָט זי געוואונען דעם ערשטען פּרייז פאר אַן ארטיקעל איבער קינדער ערציהונג אין דעם אידישען „פאָרווערטס"

די זון געהט אויף.

דער מארגען גרויט, עס ווערט אלץ העלער, העלער;
א שטראהל פון ליכט ברעכט דורך זיך דורך דער נאַכט:
די זון געהט אויף, זי שטייגט אלץ העכער, העכער
און פון זיין לאנגען שלאָף דער מענש ערוואכט.

פון שלאָף? א, ניין! דאָס איז קיין רוה געוועזען:
געטריעבען פון איין אונגעהוירער מאכט,
איז ער געגאנגען פאָרווערטס, אהן אן אויפהער,
א נאַכטוואַנדלער, מיט אויגען האלב פערמאַכט.

ער האָט געזוכט א וועג וואָס זאָל איהם פיהרען
צום גליק, צום לאנג־געווינשטען — ניט ערררייכטען גליק...
און אונבעוואוסט איז ער געגאנגען ווייטער,
און האָט זיך קיינמאָל ניט געקעהרט צוריק.

דאָך אין דער פינסטער האָט ער קוים בעוועגט זיך;
געבלאָנדזשעט און געאירדט אלץ יאָהר נאָך יאָהר;
האלב־וואַכענד, האלב אין שלאָף האָט ער געוואַנדערט,
געקעמפּפט מיט שווארצע שאָטענס האָט ער נאָר.

און פלעגט א שטערן צייטענווייז ערשיינען
און ווארפען אויף דעם וועג א בלאַסען שטראהל,
דאַן איז דעם מענשענס גאַנג געוואָרען שנעלער:
דאָך דונקעל איז געוועזען איבעראל.

נור ענדליך צייגט זיך ליכט, עס ווערט אלץ העלער,
עס קומט דער טאָג, די נאַכט ציהט זיך צוריק,
די זון שטייגט הויך און שיקט אראָב די שטראהלען,
דער וועג צייגט בולט זיך — דער וועג צום גליק!...

ב. שאפיר.

ב. שאפיר — פאלקסטימליכער דיכטער און בעלעטריסט. געבארען אין יאהר 1876, אין אלט-קאנסטאנטין, קיעווער גוב. די מעהרסטע פון זיינע ליעדער און דערצעהלונגען זיינען צעווארפען אין פארשיידענע זשורנאלען און זאמעלביכער, אויסער זיין דערצעהלונג „אברהמ'ל דער שוסטער", וואס איז אין 1911 ערשינען אין א באזונדער אויסגאבע. ב. שאפיר צייכענט זיך אויס מיט א באזונדערער פאלקסטימליכקייט און שפילעוור דיגקייט אין זיינע ליעדער. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן".

נעבען וועלדעל שטעהט א קרעטשמע.

נעבען וועלדעל שטעהט א קרעטשמע,
ס'פליסט א טייכעל נעבען איהר,
און צוויי לינדען בוימער שטעהען,
ווי צוויי היטער ביי דער טהיר.

און די קרעטשמע האט צוויי פענסטער
און דער קרעטשמער—טעכטער צוויי;
ביידע האבען איין געליעבטען,
איך, דער איינער, בין ביי זיי...

איז אין קרעטשמע דא אנ'אלקער
אין דעם אלקער זיצען מיר,
איינע נעהט מיין זיידען העמדעל,
פלעכט די צווייטע מיר א שניר...

גיעט א שמעק מיט וואלד אין פענסטער,
גיעט א זינג דער סאלאוויי,
נעה איך גלייך צום דרויסען טהירעל
און נאך מיר באלד געהען צוויי...

געהען מיר אריין אין וועלדעל
און מיר זעצען זיך אוועק
גראז מיט בלומען וואו דו קעהרסט זיך,
און א הימעל — אהן א ברעג.

ווענד פון צווייגען און פון שאטען'ס
אויסגעפלאכטען א געצעלט,
ווייסער לאנדעש ווי מלאכים
ביי די זייטען אויסגעשטעלט...

בוימער שיטען ווייסע בליטהלעך
אויף די יונגע שענע קעפ,
און מיט יוגענד און מיט ליעבע
פינקלען אויגען, ווינקען צעפ.

און די אויגען צו מיר שמייכלען,
רייס איך בלומען אן א פאק,
פאר א שמייכעל, א בינט בלומען,
פאר א-לאך א קוש אין באק...

פאר אווארט אין ביידע אויגען,
אין די ליפען פאר א זינג...
און די שענע מיידלעך זינגען
און עס אטהעמט זיך מיר גרינג...

ווי גנבים זילבער שטראהלען
בלאנזשען שטיל ארום אין וואלד
און זיי העפטען אויף די שאטען'ס,
זילבער-קווייטען און פון גאלד.

זילבער-קווייטען, קעפ געגילדטע,
ליפען, אויגען פול מיט חן,
פרישע בלומען, יונגע בריסטען, —
און דאס ג'הער נאר מיר אליין!...

פאר מיין פענסטער.

פאר מיין פענסטער שטעהט א
גארטען!
אין דעם גארטען שטעהט א הויז:
אין דעם הויז דארט בליהט א מיידעל,
און אין גארטען בליהט א רויז.

קום איך מארגען פריה צום גארטען,
ווערט א פענסטער אויפגעמאכט,
און עס ווייזט זיך דארט דאס מיידעל,
ערשט נאר וואס פון שלאף ערוואכט.

און דיא רויז הויבט אן צו שמעקען.
דרעה איך אוים מיין קאפ צו איהר,
און זי ווייזט מיר, אז געעפענט
האט זיא שוין איהר הארץ פאר מיר...

נאר דאס אלעס איז פריה־מארגען,
אבער ווען איך קום פאר־נאכט,
מאכט דאס מיידעל צו דאס פענסטער
און די רויז איהר הארץ פערמאכט...

זומער-לעב פאר נאכט.

פאלקסמאטיוו

געהען מיר שפאצירען
צווישען בארג און טאל,
וואו עס פלייצט א טייכעל,
קלארער פון קריסטאל.

בלישטשען גאלדנע זאנגען,
בלישטשעט רויטער מאק,
ערגיץ קוואקען זשאבעס:
„קווי־קווי, קווי־קווי, קוואק!“

אי, אין פעלד א חיות,
נאר געזונטערהייט!
טריי־טא, טריי־טא, טריי־טא!
זעהט, די זון פארגעהט!

פויגעלאך אין מחנות
פליהען היין, צוריק —
זוכען, פארשען, זינגען:
„טשיק, טשיריק, טשיריק!“

ברענט דער וואלד פון ווייטען,
רויטעלט זיך דער טייך,
און דער בלאער הימעל,
איז מיט גין־גאלד רייך.

הערט איהר ווי דער פאסטוך
אויף זיין פייפעל שפיעלט?
זעהט, דער וואלד אין שאטענס,
ווערט שוין איינגעהילט.

אויפ׳ן בוידעם שלאפט דער דאך.

פאלקסמאטיוו.

אויפ׳ן בוידעם שלאפט דער דאך,
צוגעדעקט מיט שינדעלעך,
און מיין קינד אין וויעגעל שלאפט
נאקעט, גאר אהן ווינדעלעך...
האפ, האפ, אט אזוי
עסט די ציג פון דאך דעם שטרוי.

אויפ׳ן בוידעם הענגט א וויעג,
וויעגט זיך דארט א שפין אין איהר,
נעהמט ער מיין חיונה צו,
און דעם דלות לאזט ער מיר...
האפ, האפ, אט אזוי,
עסט די ציג פון דאך דעם שטרוי...

אויפ׳ן בוידעם זיצט א האן,
איז זיין קאם גאר פייער־רויט.
ווען מיין ווייב וואלט ועלען געהן
ערגעץ בארגען א לאבען ברויט...
האפ, האפ אט אזוי,
עסט די ציג פון דאך דעם שטרוי...

שלמה ז. רובין.

שלמה ז. רובין — דיכטער. געבארען אין לידא, ווילנער גוב. דעם ערשטען יאנוואר, 1877. געקראגען א טיילווייז היימישע און פריוואטע ערציהונג. אין 1893 האט ער אויסגעוואנדערט אין אמעריקא, וואו זיין ערשטע ליעד איז געדרוקט געווען אין „פארווערטס“, וואס איז דאן געווען אונטער ש. פעסקין'ס רעדאקציע. שפּעטער — אנטייל גענומען אין פארשיידענע אמעריקאניש־אידישע אויסגאבען. לעצטענס האט ער אויפגעהערט צו שרייבען אין אידיש; דרוקט פון צייט צו צייט ליעדער אין ענגליש; האט אויך איבערזעצט איינינגע אידישע ליעדער אין ענגליש. לעצטענס געפינט ער זיך אין מינעסאטא, אמעריקא.

ווינטער קומט.

די טעג ווערען קירצער און קעלטער,
די ערד ווערט פעראומערט און עלטער,
דאס גראז ווערט פערוויאנעט און געל.
עס פאלען די בלעטער פון קווייטען,
יתומים'דיג זעהען אוים בויטען,
ווייל אסיען טרעט איבער דעם שוועל.

עס רעגענט יעצט אפטער און מעהרער,
עס ווערען די פעלדער אלץ לערער,
ביז אלץ ווערט פערשוואונדען פון זיי.
די ווינטען, זיי פייפען און ברומען
און זאגען דער וועלט אז דעם קומען
פון ווינטער, פון דחקות און וועה.

ראזא י.

ראזא י. (ראזא יאקובאוויטש) — דיכטע־ריו. געבארען אין בענדין, פיאטרקאווער גוב., פוילען, ארום די 70־ער יאהרען אין א זעהר אנגעזעהענער מיוחס'דיגער משפחה. איהר פאטער דוב בעריש גראבארט, בענדינער רב, איז געווען איינער פון די מיטגלידער פון דער לעצטער רבנים קאמיסיע אין פעטערסבורג. דער היינטיגער בענדינער רב איז איהר אינגסטער ברודער. ראזא י. האט אויסער איהר עכט אידישער ערציהונג אויך געענדיגט א גימנאזיום. די לעצטע צייט געפינט זי זיך אין קאליש. דאס ליעד „צו מיין טאטען", (געדרוקט אין איינעם פון פרץ'ס זאמעלביכער „יודיש") איז א מוסטער פון אידיש־רעליגיעזער פאעזי.

צו מיין טאטען.

(פראגמענט)

אין שטילען,
אין הייליגען נעבעל פארטאג
פלאטערט, ליידענשאפטליך פלאטערט
דער הארץ־רייסענדיגער טרויער־געזאנג
פון דיין תורה־בענקשאפט...

אין דער אייביגער תפלה
פון דיין איינזאמער נשמה
ציטערן איכה־קלאנגען,
און ציטערן:
א לאנג פערוואגעלט פאלק —
גיסט פאר איהר פאטער אוים
איהר שווער געמיטה...

אין פארטאגיגען נעבעל איינגעהילט,
איבער גאטס־ווארט געבויגען,
ווי גרוים ביסטו טאטע! —
משה'ס שטעל־פערטרעטער!
אין דיינע אויגען ברענען זיינע ליכטער,
שטרייטען מיט די וואלקען אויף דיין שטערן,
און פערפלאנצען זיך אין יונגען הארץ ביי מיר, —
אייביג לייכטען וועלען זיי,
געגעהרט פון נר־תמיד אין דיין הייליג אויג...

אין שטילען, גרויען, נעבעל פון פארטאג,
בליקט דיין דבקות'דיגער בליק
אין אייביגקייט אריין —

ראָזאַ י.

אַהין היינט און מאָרגען —
איין אויביק־שטראַהלענדע פערנאַנגענהייט.
וואו אויביק ס'ברענט דער סנה
און ווערט נישט אָבגעזענגט.. .

איך הער דיין קול: —
כ'הער דאָס רוישען פון לבנון: —
מיך בלענדט דיין ווייסע באַחר: —
כ'זעה דעם חרמון־שנעע.
כ'באָד מיך אין דיינע שרון־קוואַלען...
גרויסער, גרויסער טאַטע, — מיין!

מ. ווירטה.

מיכל ווירטה — דיכטער און זשורנאליסט. געבארען אין יאהר 1877, אין לעמבערג, נאלרציען. מ. ווירטה האט אויסער ליעדער אויך געשריבען נאוועלען און א רייהע זעהר געלונגענע פעליעטאנען, וואס זיינען צושפרייט איבער פארשיידענע גאליצישע און רוסיש־אידישע אויסגאבען. זיין ליעד „מירעלע" (געדרוקט אין גרשן באדער'ס „קאלענדאר") איז איינע פון די אויסגעצייכענטסטע פון ד ע ר פארם. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן".

מירעלע.

דער קרעמערקעס דבורה'לעס טעכטערל הייסט:
שען מירעלע, מירעלע!
און דבורה'לע זאגט, אז איהר איינציגע טרייסט
איז מירעלע מירעלע.
די זון שיינט ביי טאג, די לבנה ביי נאכט,
און מירעלע שטעהט ביי דעם פענסטער און לאכט...
לאך מירעלע! מירעלע!...

דאס מירעלע איז חנ'ודיג, צוקערדיג שען,
דאס מירעלע... מירעלע!...
זי האט ווייסע הענטעליך, וויסענקע ציין...
אך, מירעלע... מירעלע!...
די יונגעליך ווערען פאר בענקשאפט אזש בלאס,
נור מירעלעס הערצעל איז קאלטער פון אייז...
איי, מירעלע! מירעלע!

פאר מירעלעס פענסטערליך דרעהן זיך ארום —
זעהט מירעלע... מירעלע...
די פיינסטע בחורים'ליך שווייגענדיג שטום...
הם... מירעלע... מירעלע..
די זון שיינט ביי טאג, די לבנה ביי נאכט,
און מירעלע שטעהט ביי דעם פענסטער און לאכט...
איי, מירעלע! מירעלע!

עס פליהען נור זיפצען צום הימעל ארויף...
אך, מירעלע... מירעלע!...
עס נעמט נישט קיין עסען, עס נעמט נישט קיין שלאף,
אוי, מירעלע... מירעלע!...
עס פלאצען די הערצער פון וועהטאג און שמערץ,
נור קיינער קען ריהרען ס'פערפרוירענע הערץ
פון מירעלע, מירעלע!...

די יאָהרען ווי וואסערען שווימען אוועק.
זעה, מירעלע, מירעלע!
עס האָט שוין דיין שיינקייט גענומען איין עק...
אוי, מירעלע... מירעלע!
שוין פינסטער דיין פנים, געבויגען דיין קאָפּ,
און רויטליך די אויגען און גרוי שוין דער צאָפּ...
גרוי! מירעלע... מירעלע...

עס לייכטען די שטערען, די לבנה ביי נאכט
אויף מירעלע, מירעלע!
זי שטעהט ביי דעם פענסטער פעראומערט פערטראכט....
אוי, מירעלע... מירעלע!...
עס שווימען די וואָלקען אהין און אהער,
פון מירעלעס אייגעליך קאפּעט א טרעהר...
וויין, מירעלע!... מירעלע!...

י. אדלער.

י. אדלער — דיכטער און הומאריסט. געבארען אין יאהר 1877, אין דינאוו, גאליציען. אין 1894 איז ער געקומען אין אמעריקא, וואו ער האט אנגעהייבען אנטייל נעמען מיט ליעדער אין פארשיידענע אמעריקאניש־אידישע אויסגאבען. אין יאהר 1907 איז אין נויארק ערשינען א קליינע זאמלונג פון זיינע ליעדער מיט'ן נאמען „זכרונות", וואס איז פון דער קריטיק אויפגענומען געווארען גאנץ ווארעם. י. אדלער האט זעהר אפט געדרוקט אונטער די פסעוודאנימען „ב. קאוונער", „חוזק'ס אייניקעל", „דוד'ל הארפע" און אנדערע. ביבל. „ליטעראַרישע נאטיצען", אין „ראמאן־צייטונג", 1907; ז. רייזען, „לעקסיקאן"; יוד. רוס. ענצ. 1, 500.

צו א וואלקען.

זילבער־וואלקען! פעריל־וואלקען!
נישט געאיילט זיך, נישט געלאפען,
שטעל זיך אב נור אויף א רגע —
כ'וויל א טובה ביי דיר בעטען:

ווען דו וועסט נור איבערשווימען
יענע הויכע בלויע פעלזען,
וועלכע דרעמלען אין די נעבלען;
און די פעלדער מיט די יונגע
קארען־זאנגען; און די טייכלעך
מיט די דראבנע זילבער־וועלען;
און דעם גרויסען ים, דעם טיעפען—
זאלסטו קומען אין מיין שטעדטעל
אין דאס שטילע, אין דאס שיינע,
וואו די ווייסע קליינע הייזלעך
מיט די גרויע שינדעל־וועלען;
און דעם גרויסען ים, דעם טיעפען—
זאלסטו קומען אין מיין שטעדטעל
אין דאס שטילע, אין דאס שיינע,
וואו די ווייסע קליינע הייזלעך
מיט די גרויע גרינע גערטלעך,
אויסגעצירט מיט קארשען־ביימער,
עפעל־ביימער, און מיט הויכע,
און מיט שלאנקע טאנען־ביימער.

דארטען, אין דעם שטילען שטעדטעל,
אין א הייזעל, האלב צובראכען,
מיט פערקלעבטע קליינע שייבלעך,
און א קאשטאן־בוים ביים ברונען.

אט אין דיעזען אלטען הייזעל
זיצט מיין אלטע טרייע מאמע,
מיט פערוויינטע קראנקע אויגען,
און מיט קנייטשען אויף דעם פנים,
און מיט בלאסע טויטע ליפען,
און א הארץ מיט טיעפע וואונדען—
איין אלמנה א פערצאגטע, — —
ווען דו וועסט, אה, זילבער־וואלקען,
זעהן מיין ליעבע גוטע מאמען,
גרים איהר הארציג אין מיין נאמען.

און פערגעס נישט, זילבער־וואלקען,
איהר צו זאגען: אז מיר בייינקט זיך
נאך דעם ליעבען קליינעם שטעדטעל,
וואו מיין וויעגעל איז געשטאנען,
וואו זי האט מיך איינגעשלעפערט
מיט א זיסען קינדער־ליעדעל...

אויך פערגעס נישט, זילבער־וואלקען,
איהר צו זאגען: אז די צייטען
זיינען שווערע... אז איך קאן איהר
היינט נישט העלפען, ווען די צייטען
וועלען ווערען עטוואס בעסער,
עטוואס גרינגער, וועל איך זיכער

נישט פֿערגעסען איהרע לעצטע
ביסעל יאָהרען צו פֿערזיסען...
זילבער־וואָלקען, פּערל־וואָלקען,
זאָג מיר, וועסטו נישט פֿערגעסען
אַלעס, אַלעס איבערגעבען
מיין געטרייער גוטער מאַמען?...

שבת בין השמשות.

ער געהט שוין אוועק זיך,
דער הייליגער שבת,
אין שטיבעל ווערט פֿינסטער,
און שטיבעל איז שטיל;
עס שעפּטשעט די מאַמע:
„אַך גאָט פֿון אברהם" —
זי שעפּטשעט די תפלה
מיט הארץ און געפֿיהל.

„אַך גאָט פֿון אברהם,
פֿון יצחק, פֿון יעקב,
פֿערנעהם דאָך מיין תפלה
אין הימעל'ס־געצעלט —
און שיק מיר פּרנסה,
און ריכט אויף מיין מזל
און ליכטיג זאָל ווערען
מיין פֿינסטערע וועלט..."

עס דונקעלט דער הימעל,
עס ציהען זיך וואָלקענס,
אין שטיבעל איז פֿינסטער
און אומעטיג שטיל — —
נאָר ערגעץ אין ווינקעל,
פֿערשטופּט אין א שפּאַרע,
דאָרט טשירקעט און טשירקעט
פֿערבאָרגען א גריל...

ביים תהלים.

אין דעם אַלטען בית המדרש,
ביי זיין שטענדער, נעבען עמוד;
רעכטס — דער אַלטער ארון קודש
און דער גוסס'ער נר־תמיד;

זיצט דער זיידע ביי חעם תהלים,
און צו גאָט אין הימעל בעט ער;
און זיין ווייסע באָרד צושפּרייט איז
אויף בן־ישי'ס אַלטע בלעטער;

אויף די בלעטער פֿון דעם תהלים,
וואָס פֿערמאָגען אוצרות טרערען —
מעהר נאָך ווי דער ים האָט זעמדלעך
און דער בלויער הימעל שטערען...

דאָס טויטע שטעדטעל.

מיר האָט גע'חלום'ט:
כ'זעה פֿאַר מיר מיין היים — דאָס קליינע, פֿרומע שטעדטיל.
שטיל־פֿערוויעגט איז אַלץ אין טויטען שווייגען;
אויף די ווינטען ליגען ערגיץ טיעף בעהאַלטען;
שלאָפֿען רוהיג ערגיץ אין די צווייגען...

כ'זוך ארום א מענשען אין די טויטע געסלעך —
ס'זיינען וויסט די סטעזשקעס און די וועגען;
וויל איך פֿרעגען אויף דעם גרויסען, גרויסען חורבן —
שטיל... ניטאָ ביי וועמען אָנצופֿרעגען...

אַלע פענסטער אין דעם שטעדטיל שטעהען אָפען,
אָפען — אַלע טהירען, אַלע טוירען;
אַלע קינדער־וויעגלעך, אַלע בעטען ליידיג;
ס'ווערט אַן אימה אין מיין האַרץ געבוירען...

טרעט איך שטיל דעם היוכען שוועל פון שוהל אַריבער.
קום אַריין... עס שלאָגט פון אַלץ מיט אימות.
טויט און שטיל און וויסט... נור אין דעם מערב־ווינקעל
הערט זיך קוים אַ שאָרך פון אַלטע שמות...

אַ פערשטויבטער שטעהט דער אַלטער ארון קודש.
גאָטעס וואָרט — אין שפּין־וועב איינגעשפּונען...
ביידע טהירלעך אָפען. ניטאָ דאָ קיין פרכת,
כ'האָב די ספרי תורות ניט געפונען...

אויף די שטענדערס ליגען די סדורים אָפען,
ס'וואַלגערט זיך דער שופר לעבען עמוד;
און דער „כיור" ביי דער טהיר דאָרט — אויסגעטריקענט,
און פערלאָשען איז אויך דער נר תמיד...

טיעף־פערוואונדערט קוק איך אויפ'ן גרויסען חורבן,
און דאָס האַרץ, עס ציטערט אימת־מות.
כ'וואָגעל אום אַליין דאָ, אין דעם מקום קדוש,
כ'דרעה זיך אום דאָ, ווי אויף קבר אבות...

קומט אין דמיון מיר דער אידישער בית עולם.
ווי אַן אבל בין איך הינגעגאַנגען.
שטיל דער וועג, פערשפּרייט מיט טויטע פעלדער
און מיט יונגע אויסגעצעהרטע זאַנגען...

זעה איך שוין דעם אַלטען, אידישען בית עולם:
קראָהען דרעמלען אויף די ווערבע־צווייגען...
וואו די בליקען פאַלען זעהען זיי נאָר קברים,
און די קברים — ווי די טויטע שווייגען..

און ביים פאַרקאָן שטעהט דעם אַלטען צדיק'ס אוהל.
געה איך צו — עס איז דאָס טהירעל אָפען...
כ'שלייך אַריין. שטיל... אויף דעם צדיק'ס קבר רוהיג
האָט אַ פייגעלע געשמאַק געשלאָפען...

ציים-ליעד.

מיר וועלען קיין קאָרן, קיין ווייץ און קיין גערשטען
ניט האָבען —
דיא פעלדער, די ברייטע, זיי שטעהען אין גריבער
צוגראָבען.

י. אדלער

מיר וועלען קיין שאף און קיין רינד אויפ'ן פעלד מעהר
ניט האבען —
דיא פעלדער, זיי זיינען פערנומען מיט מתים
און ראבען...

דיא בוימער, זיי שטעהען בעלאדען מיט עפעל
און בארען —
זיי וועלען אזוי אויף דיא צווייגען פערפוילען,
פערדארען...

דיא יונגסטע, דיא קרעפטיגסטע מענשען, זיי שטעהען
אין פלאקער —
ניטא ווער ס'זאל זעען און פלאנצען און פיהרען
דעם אקער.

דיא פעלדער, זיי זיינען פערנומען מיט מתים
און ראבען —
מיר וועלען קיין קארן, קיין ווייץ און קיין גערשטען
ניט האבען..

צו מיין פאלק.

כ'וואלט בעוויינען דיך, מיין פאלק,
האב איך ניט קיין טרערען;
כ'וואלט בעלויכטען דיר דיין וועג,
בין איך ניט קיין שטערען.

כ'וואלט דיר העלפען שטרייטען,
פאלק,
בין איך מיעד, צובראכען;
כ'וואלט מיין גוף געשאנקען דיר,
איז ער הוילע קנאכען...

מיין נשמה שענקען דיר,
וואלט מיך ניט פערדריסען;
איז זי אבער, טייער פאלק,
לאנג-שוין-לאנג צוריסען...

ל. לאַנדוי.

ל. לאַנדוי (א. וואָהלינער) — פעליעטאָניסט און דיכטער, געבאָרען דעם 10טען נאָוועמבער, 1877, אין אַלט־קאָנסטאַנטין, וואָהלינער גוב. אין יאָהר 1902 איז ער געקומען אין אַמעריקא. צוערשט געדרוקט זיך אין דער „פרייער ארבייטער שטימע", מעהרסטענס לידער. שפּעטער אויפגעהערט צו שרייבען לידער און אָפּגעגעבען זיך אין גאַנצען דער טעגליכער פּרעסע. אין 1912 האָט ער ארויסגעגעבען א זאמלונג פעליעטאָנען מיט'ן נאָמען „גיפט און גאַל", איז געווען איינער פון די רעדאַקטערע פון דעם גרויסען „ענגליש־אידישען ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך" (ארויסגעגעבען פון יעקב סאַפּירשטיין) האָט אויך רעדאַגירט צוזאַמען מיט י. מאַרינאָוו די דריי־בענדיגע זאמלונג „הומאָר און סאַטירע". ל. לאַנדוי האָט גאַנץ אָפט געשריבען אונטער די פּסעוודאָנימען: עגאַ, בן יוסף, רחל'ס קדיש, ב. קאַליש און אנד. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאָן".

יאוש.

מיט יעדער שעה אַן אנדער פונק
לעשט שטיל זיך אוים אין דיין נשמה;
און יעדע שעה און יעדער טאָג
מאַכט דיר אַן אנדער קדושה טמא.

מיט יעדער שעה, מיט יעדען טאָג
שטאַרבט אָפּ אין דיר אַן אַנדער אבר.
און שפּאַן נאָך שפּאַן און טריט נאָך טריט —
און דוא שטעהסט באַלד ביים ברעג פון קבר.

און טרעפט: דיך גרייכט אַמאָל אַ קלאַנג
פול מוטה און קראַפט און שטאָלצען גלויבען,
איז ער צו שוואַך דיין מידען גייסט
אויף זיינע פליגעל אויפצוהייבען.

הערבסט-מאָטיוו.

טאָג — און דאָך קיין ליכט ניט;
נאַכט — און דאָך קיין שטערען;
שווערע, שוואַרצע וואָלקענס —
און קיין דונער הערען!

מויטע, טעמפּע קלאַנגען,
טונקעל־גרויע פאַרבען;
אַלעס, דאַכט זיך, גוסס'ט,
אַלעס קלייבט זיך שטאַרבען.

און עס פריהרט אין האַרצען,
ס'שטאַרבט אָב שטיל דאָס האָפען;
מאַכטלאָז בויגט דער קאָפּ זיך —
שלאָפען, שלאָפען, שלאָפען!...

פּאולא ר.

פּאולא ר. (פּרילוצקי) — שריפטשטעלערין. געבארען אין יאהר 1877, אין ווארשוי. צום ערשט באוויזען זיך אין דער אידישער ליטעראטור האט פּאולא ר. מיט א רייהע פאלקסטימליכע לידער און מעשה'לאך, וואס זיינען געדרוקט געווען אין „וועג", 1906. שפּעטער האט זי אויך אנגעהייבען שרייבען פאר'ן אידישען טעאטער. איהר איינאקטער מיט'ן נאמען „די ירושה" און די פיר־אקטיגע דראמא „מאטעל דער שוסטער", זיינען אויפגעפירט געווארען מיט גרויס ערפאלג. איהר ליעד „קום צו מיר אין חדרל" איז געדרוקט מיט נאטען און ווערט זעהר פיעל געזונגען. אין א באזונדער אויסגאבע איז ארויס די אויבענדערמאנטע פיר־אקטיגע דראמא און „דער מלאך און דער שטן", פּאעמא. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן".

קום.

(פאלקס־מאטיוו)

קום צו מיר אין חדר'על!
ווערסט ניט זשאלעווען, מיין קינד:
ריין וועסטו אריינקומען,
און ארויסגעהן אהן א זינד...

ליכטיג איז מיין חדר'על,
בלימלעך וואקסען ביי דער טיהר;
וועסט זיך זעצען אויף דער שוועל,
און איך נאהענט נעבען דיר...

אין א דעמבענ־קעסטעלע
ליגט ביי מיר א פּיערעלע, —
כ'וועל אויף איהר מיין טייבעלע,
שפּיעלען דיר א ליעדעלע...

דו וועסט גלעטען מיינע האהר,
קוקען אין די אויגען לאנג...
פרעהליך וועט אונזביידען זיין.
קום! עס וועט דיר נישט טהון באנג...



עוזיאל פליישמאַן.

עוזיאל פליישמאַן — דיכטער און הומאָריסט. געבאָרען אין יאָהר 1877 אין פּראַבוזנאַ, אַ קליין שטעטעל ביי טשאָרטקאָוו, גאַליציען. אין יאָהר 1896 האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקאַ, וואו אַ גרויסע צאָל פון זיינע ערנסטע און הומאָריסטישע ליעדער זיינען געדרוקט געווען אין פאַרשיידענע אַמעריקאַניש־אידישע זשורנאַלען און זאַמעלביכער. שפּעטער האָט ער אויך געשריבען סקיצען, וואָס זיינען ערשינען אין „פאָרווערטס“. די לעצטע יאָהרען האָט ער אויפגעהערט צו שרייבען ליעדער און איז געוואָרען אַ פּראָפעסיאָנעלער צייטונגס־שרייבער.

TRIO.

פון די בלויע הויכען, מונטער,
לאָזט אַ פויגעל זיך אַרונטער,
טוט אַ צווישטש און יאָגט פאַרביי:
די וועלט איז פריי,
די וועלט איז פריי.

פון דעם הויכען קלויסטערטורם,
וויא אַ דונערקנאַל אין שטורם,
גלאָקען קלינגען: בים, באַם, בום:
די וועלט איז פרום,
די וועלט איז פרום...

אין דער ענגער גאַס בעוועגט זיך
שטיל אַ שאָטענקינד, עס שרעקט זיך:
שוואַרצע טעג און וויסטע נעכט —
די וועלט איז שלעכט,
די וועלט איז שלעכט...

אַפּאָלאָגיע.

זיי דו די זון, די גליהענדע,
וואָס גרויסמוטיג און גערן
פון איהרע אוצרות ליכט און גלאַנץ
מאַכט רייך די ערד און שטערען.

זיי דו דער ים, דער ברויזענדער,
וואָס וואַרפט מיט ריעזען־כוואַליעס
אויף שיפען, שניידענדיג זיין ברוסט,
און אויף די גרויע סקאַלעס.

און איך וויל זיין — אַ לעמפּעל קליין,
וואָס מיט זיין בלייכען שימער
גיט היימליכקייט דעם איינזאַמען
אין שטילען טונק'לען צימער.

און איך וויל זיין אַ טייכעל קלאָר
וואָס פליסט אין שטילען פרידען,
און קיהלט און קושט די הייסע ליפּ
דעם וואַנדערער, דעם מיעדען...

יחזקאל לעווית.

יחזקאל לעוויט — דיכטער און פובלי־ציסט. געבארען אין טאלאטשין, מאהליוועער גוב. אין יאהר 1878, ביי א זעהר אנגעזעהענער משפחה. (פונ'ם פאטער'ס צד שטאמט ער פון רמ"א, און פון דער מוטער'ס — פון הגאון ר' נחמיה בירך פון דובראוונע, דער מחבר פון „דברי נחמיה"). האט שטודירט אין אדעס, פעטערבורג, און איז געווען רעליגיאנס־לעהרער אין קישיניעוו'ער גימנאזיאום. נאך אין עלטער פון צוועלף יאהר האט ער אבגעדרוקט א העברעאישען ארטיקעל, און זינט דאן האט ער פארעפענטליכט איינינע אויסגאבען מיט ליעדער, דערצעהלונגען, דראמאס און פעדאגאגישע אבהאנדלונגען, אין אידיש, העברעאיש, רוסיש און ענגליש. האט אויך אנטייל גענומען אין פארשיידענע אמעריקאניש־אידישע אויסגאבען. געפינט זיך איצט אין באסטאן, אמעריקא, וואו ער רעדאגירט „די באסטאנער אידישע שטימע". ביבל. בארנעט דזשיי מעדאף, „דיכטער פון גאטעס גנאדען, צו דער ליטעראַרישער פיזיאָנאמיע פון יחזקאל לעוויט"; "Gallery of Hebrew Poets" נעקליבען און צוזאמענגעשטעלט פון יוסף מזל, לאנדאן.

אביסעל פריהער אדער שפעטער.

אביסעל פריהער אדער שפעטער,
די ענדע איז—בית־עלמין בלעטער,
א קאלטע שטיקעל ערד...
צי דו ביזט רייך, צי דו ביזט ארים,
דיין לעצטער פלאץ איז צווישען
קברים,
וואו ס'שוועבט פון טוידט דער
שווערד...

דו האלסט אין שטרעבען העכער,
העכער,
און טרינקסט פון גרויסען לעבענ'ס
בעכער
דאס זיסטע ביסעל וויין.
און פלוצלונג קומט צו דיר צופליגען
דער „מלאך מיט די פיעלע אויגען!"*)
און דו הערסט אויף צו זיין...

דו הויבסט אן טרוימען, מאכען
פלענער,
איין פלאן איז פון דעם צווייטען
שעהנער
און פול מיט גלאנץ און פראכט.
און ווען דו לאבסט זיך מיט רעיונית
און האלסט אין מאכען די חשבונות,
קלינגט אויס דיין לעצטע נאכט..

בעפאר דו קומסט צו דעם סך־הכל,
איז שוין געענדיגט דער ספעקטאקעל,
דער לעצטער פארהאנג פאלט...
„געווען א מענש און איז ניטא מעהר!"
און ס'טראגט זיך אין דער לופט א
יאמער,
א קדיש יתום שאלט...

*) „אמרו עליו מלאך המות, שכלו מלא עינים" (ע"ז כ').

ה. רויזענבלאט.

ה. רויזענבלאט — דיכטער. געבארען איז יאהר 1878, אין דארף רישאשע, פאדאליען. צו 13 יאהר האט ער אינאיינעם מיט זיינע עלטערען אויסגעוואנדערט אין אמעריקא, וואו זיינע ערשטע לידער זיינען ערשינען אין 1900. אין 1904 איז געווען געדרוקט זיין איבערזעצונג פון פאאו׳ס ליעד „די ראב“. שפעטער איז ערשינען זיין איבערזעצונג פון אסקאר אואלד׳ס באלאדע „א געזאנג פון תפיסה“. אין 1910 איז אין ניו יארק ארוים א זאמלונג פון זיינע לידער, וואס איז פון דער קריטיק גאנץ פריינדליך אויפגענומען געווארען. אין יאהר 1916 איז ערשיענען א גרויסער באנד פון זיינע געזאמעלטע לידער, וואס האט אויף זיך געצויגען א באזונדערע אויפמערקזאמקייט. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן“.

דן און דאניא.

אידיליע.

דן האט צוויי פאה׳לעך שווארצע
און דאניא צוויי גאלדענע צעפ.
דן איז דער עלוי פון שטעדטעל
און דאניא די מלכה פון סטעפ.

דן געהט בעגינען אין קלייזעל,
זיין אויג האלב פערכמארעט פון שלאף.
דאניא מיט זון אויף די ברעמען
צום סטעפ טרייבט ארוים איהרע שאף.

דן געגענט אן דער פאסטושקע
און לאזט שטום די אויגען אראפ;
דאניא, פערשעהמט טהוט א שמייכעל
און לאזט שטיל ארונטער דעם קאפ..

דן זיצט ביים לערנען און ס׳ציהט זיך
דער טאג עפעס לאנג אהן א סוף,
א הם דוכט זיך: דאס בלאט איז
א לאנקע,
די אותיות — א טשערעדע שאף...

דאניא זי היט זיך איהר סטאדע,
געקרייזעלטע לעמער און טראכט:
עפעס פון פאה׳לעך שעהנע,
געקרייזעלט און שווארץ ווי די נאכט.

דן געהט טאג־טעגליך אין קלייזעל
און דאניא טאג־טעגליך אין סטעפ.
דן האט צוויי פאה׳לעך שווארצע
און דאניא צוויי גאלדענע צעפ.

אין ווארטעניש.

א פנים האסט מיר אבגענארט.
אין אומעט זי׳ץ איך און איך ווארט,
אוי, נאכט און חלום שוועבען.
שטערען גליהען,
רויזען בליהען —
רויזעלע מיין לעבען.

איך הער זיך איין א ווינטעל ציהט,
און מיט דעם גראז אוי, ציטערט מיט
דערשראקען מיין נשמה.
שטערן גליהען,
רויזען בליהען —
רויזעלע נחמה.

א שטערן רייסט זיך אָב און זינקט:
דאָס אויג פון בייזען מזל ווינקט
„געטראָפען האָט א סִבּה...“

שטערן גליהן,
רויזען בליהן —
רויזעלע מיין ליעבע!

די עקרה.

האָט אויסגעציילט דער זייגער
צוועלף אומעטיגע קלאַנגען,
די לאָמפּ איז אויסגעגאַנגען,
און חנה'ן נעמט קיין שלאָף נישט.

אין צווייטען אַלקער הערט זי —
איהר יוסף לערענט תורה,
נאָר פול מיט מרה־שחורה
דערקלינגט צו איהר דער נגון.

דאָס קלאָגט זיין הארץ מסתמא
אצינד ביי דער גמרא:
ער וואוינט מיט איין עקרה
שוין באַלד נאַין יאהרען לאַנגע.

נאַין יאָהרען באַלד פערגאַנגען —
„אוי, העלף מיר גאָט גערעכטער!
ניט מאַך מיך צום געלעכטער,
צוברעך מיר ניט מיין לעבען“.

און שטילער שטילער הערט זי,
איהר יוסף'ס אומעט־נגון —
זי שלאָפט און טרוימט פון וויעגען,
פון ווינדעלאַך און וויקלען...

* * *

האָט אויסגעצעהלט דער זייגער
פינף העלע קלאָרע קלאַנגען
די זונן איז אויפגעגאַנגען
און חנה, חלום'ט... חלום'ט....

א זומער-נאַכט אויפ'ן דאָרף.

שוין לעשען זיך אין מערב אוים די לעצטע זונען־שטראַהלען,
שוין הערען אין דער שטילקייט זיך די אָבענד־שאָטענס פאַלען.
געזעטיגט קעהרט דער פרייער סטעפּ דעם דאָרף צוריק די סטאַדע,
דער פאַסטוך שפּיעלט און חזר'ט זיך מיט פליים זיין סערענאַדע,
און דאָ און דאָרט א ווערבע־בוים זאָגט פרום איהר אָבענד־תפלה
און בעט אויף שטערן ליכטיגע, אויף טהוי און ווינטען קיהלע.

און זעלטען ווען עס ווייזט זיך אין א פענסטער וואו א פייער —
די שטערן ברענען סאַי־ווי־סאַי און ליכט און נאַפט קאָסט טייער,
אין הימעל די לבנה שיינט — צו וואָס דאָס לעמפּעל ניצען?
די שעהנע זומער נאַכט איז קורץ און שפּעט ועט קיינער זיצען...

שאַ... שטיל... נאָר פאַר דער טהיר פון שענק קלינגט אומעטיג א ליעדעל,
א צימבעל ברומט, בעגלייטענדיג די טענער פון א פיעדעל.

א יונגער „פּאַרובּאַק" וועט דאָרט אין שענק די נאַכט פערווײַלען.
זיין ליעבסטע האט זיך היינט פער'קנס'ט, טאַ וואָס זאָל ער זיך אײַלען?
זיין ליעבסטע האט זיך היינט פער'קנס'ט—פער'קנס'ט זיך פאַר א צווייטען...
טאַ שפּיעלען זאָל די פיעדעל און דער צימבעל זאָל בעגלייטען,
און פינקלען זאָל דער בעכער, פול לכבוד איהר, דער כלה...
ניטאָ קיין רעכטע מיידעל מעהר און פאַלש — דאָס זיינען אַלע!

* * *

עס שוועבט אריבער בארג און טאָל די בלויע נאכט אין שלום
און דאָ און דאָרט לאָזט צו דער ערד זיך שטיל אראָב א חלום;
גערוישלאָז וויעגט דער בלויער טייך זיך צווישען זיינע ברעגען,
און וואסער־ליליען דאָ און דאָרט די ווייסע קעפּ בעוועגען;
צוויי שיפּעלעך פעראַנקערטע ביים ברעג זיך לאנגזאם הוידען,
צוויי אַלטע ווערבעס וואַכען נאָך און האַלטען זיך אין סוד'ען.

נור פלוצלים און די נאַכט קלינגט אויף מיט הילכעדיגע קלאַנגען:
דער יונגער בוהאַי רעוועט וואו אין ענגען שטאָל געפאַנגען.
צו האָבען זיך גע'חלום'ט איהם צוויי ברוינע קוהען־אויגען,
צוויי הערנער — ריינער העלפאַנטביין און הירשען־ווילד געבויגען,
די קעניגען פון פרייען סטעפּ, די שענסטע פון זיין סטאַדע
און אין דער שטילקייט זינגט ער איהר אצינד זיין סערענאַדע.

א רגע בלויז, און ווידער לעגט די רוה אויף אַלץ איהר זיעגעל.
שטאָק־נאַכט... און דאָ און דאָרט בליצט אויף אין גראָז א פייער־פליעגעל,
א טראָפּען טהוי פאַלט פון א בוים און ווערט אין נאַכט פערלוירען,
א קנאָספּע פּלאַצט וואו מיט א קרעכץ — א בלימעל ווערט געבוירען,
און אין דער בלויער טונקעלהייט, זיך קרייזלענדיג, צום הימעל
געהט אויף דער זיסער אראָמאַט פון ניי־געבוירנעם בלימעל.

דאָס איז איהר ערשטער ליוב־געזאַנג, דאָס איז איהר ערשטע שירה: — —
„ווי וואונדערליך איז, גרויסער גאָט, דער סוד פון דיין **יצירה**".

ת. ראָזענבלאַט

הערבסט-נעכט.

עס היינגט דער הימעל דונקעל בלוי,
די שטערען סומנע ברענען:—
די פריהלינג-נעכט, די ליכטיגע,
די ווארעמע, וואו זענען?
דער הימעל שווייגט, עס טריעפט
דער טהוי,
און מיר?
אוי, מיר איז אומעטיג,
אומעטיג אזוי!

עס וועהען ווינטען קאלט און רוי'ה,
ביים טייך די ווערבעס קלאָגען:—
אַ, זאָגט וואוהין, וואוהין האָט איהר
די בלעטער אונז פערטראָגען?
עס זיפצט דער ווינד, דער פראָסט
פאלט גרוי.
און מיר?
אוי, מיר איז אומעטיג
אומעטיג אזוי!

עס ליגט דאָס פעלד אין נעבעל גרוי
און כמארעס, בלינדע, קלאָגען:—
אַ, וואָס איז פון דער גאָלדנער זאנג
געווארען, ווער קען זאָגען?
און ס'ענטפערען די ווינדען: שטרוי!
און מיר?
אוי, מיר איז אומעטיג,
אומעטיג אזוי!

פישער-לייט.

נאָך לאנגע נעכט און בייזע טעג,
די שיפלעך רוהען נעבען ברעג:
די שיפלעך רוהען אָפּ פון וועג —
נאָך לאנגע נעכט און בייזע טעג.

די אלטע פישער זיינען מיעד,
די יונגע — עט, קיין אונטערשיעד:
דער ים איז ים און ליעד איז ליעד—
די אלטע פישער שלאָפען מיעד.

דער ים האָט זיך געראנגעלט לאנג,
דאָך איז נעראטען זיי דער פאנג.
און איצט, ווי טרינקט מען אהן
געזאנג?
דער ים האָט זיך געראנגעלט לאנג.

איין פישער זינגט מיט ווילדען ברען:
ווען מיידלעך וואלטען פיש געווען!
ווען וואלט מען מ י ך אין
דר'היים געזעהן?
דער פישער זינגט מיט ווילדען ברען.

אַ צווייטער זינגט מיט מעהרער פלאם:
מיט נעצען פאנג איך פיש אין ים,
און מיידלעך,— מיט אַ רינג, אַ קאם,
דער יונגער פישער זינגט מיט פלאם.

אַ דריטער זינגט און קלאפּט אָן טיש:
מיט שנור און אַטשיק כאפּ איך פיש,
און מיידלעך, מיט אַ וואונק, אַ קוש.
דער פישער זינגט און פויקט אָן טיש.

אַ פיערטער טרינקט און זינגט מיט
ברען:
ווען „מיינע" וואלט אַ פיש געווען,
וואלט איך דעם ים ניט אנגעזעהן:
דער פישער טרינקט און זינגט מיט
ברען.

די אלטע פישער שלאפען מיער, א מויד, ז'א מויד! א ליער ז'א ליער!
די יונגע — עס, קיין אונטערשיעד: די אלטע פישער שלאפען מיער...

גאסען-שטויב.

די פאפוגיי.

ער רוישט דער טאג. דער גרילצעדיגער ארגען קלאפט זיין גאסען־ליעד
און אויף דעם גורל־קארב זיך זיצט די פאפוגיי פער'חלש'ט מיעד
און הערט זיך איין צום טויבען גאסען־רויש צום ארגען'ס גרילצעריי
און בורטשעט פויל און חזר'ט חזר'ט נאכאנאנד: „האלא. גוד־ביי".

און ווידער קומט די בלייכע, מיט די הירשען־אויגען ברוין און גרויס
און שטרעקט, ווי אימער מיט א ציטערניש דאס קליינע הענטעל אויס.
און ליינט איהר גורל שטיל: „ער האט דיך ליעב און בלייבט דיר אייביג טריי..."
עס הערט זיך איין די ברוגז'ע מרשעת און שרייט: „האלא... גוד־ביי..."

אין אספאלט איינגעקלאמערט שטעהט, ווי אימער זיך דער קראנקער בוים
און וויעגט די דארע צווייגען עפעס פלאפעלט ער — מען הערט איהם קוים:
פעררוהט האט זיך א פויגעל דארט און פליהט מיט מונטער'ן פישטשעריי
אוועק. זי קוקט איהם נאך, דעם וואגאבונד, און שרייט: „האלא... גוד־ביי..."

פון שטראהליג־בלויען הימעל קוקט די פייכטע זון אין גאס אריין
און גיסט אין גרויען אספאלט אויס איהר נעבעלדיגע געלב־זוכט שיין;
א בראנזיג־נרויסער וואלקענדיל אין לופטען טראגט זיך אדלער־פריי.
זי הויבט די געלע ארבעס־אויגלעך אויף און קייכט: „האלא... גוד־ביי..."

און באלד... דארט אונטער יענעם גרויען מויער נעהמט די זון פערגעהן,
ווי גראשענדיגע ליכט אין ווינד פערלעשען זיך די מארק־געשריי'ן,
די סארע נאכט פאלט אויף דער גאס און זינקט און זינקט, ווי בליי,
דער ערשטער גאסען־לאמפ פלאמט אויף און בלינקט און ווינקט:
„האלא... גוד־ביי..."

און כמורנע מענשען־שטראמען גיסען זיך פאנאנדער פויל און מיעד,
דער הייזעריגער ארגען קלאפט אויף גיך זיין לעצטען גאסען־ליעד,
דער קראנקער בוים דערציילט איצט וואס און קלאגט זיך מיט א שושקעריי.
זי הערט זיך איין און קראקעט אויס מיט גאל: „האלא... גוד־ביי... גוד־ביי..."

יזכור.

דאס יאהר־צייט ליכט אין ווינקעל ברענט,
בויג אן דיין קאפ, פערברעך די הענט
און זאג מיר נאך, נאר שטיל זאל זיין,
פערדריק די צייהן און האלט זיך איין.
בלויז דו און איך און קיינער מעהר
זאל זעהען, ווי עס פאלט דיין טרער
זאל זעהען דייז צובראכענקייט.

און איצט זאָג נאָך מיר, וואָרט פאַר
וואָרט:
„פאַר אַלע די, וואָס פוילען דאָרט
פערגעסענע אין שונא'ס לאַנד
פאַר זיי, וואָס בויגען זיך אין שאַנד
און שטעהען פאַר דער גאַנצער וועלט
די הענט, ווי בעטלער אויסגעשטעלט
און ווייזען זייער נישטיגקייט.
פאַר דיר, מיין בלייך, דערשראָקענע
קינד,
וואָס בויגט זיך, בויגט זיך דאָ אַצינד
אין שוואַכען, בלייכען יאָהר־צייט
שיין
און האַלט זיך קוים פון שלוכצען איין
פאַר מיר, פון וועמעס ליפּ עס טריפט
אַראָפּ מיין הארץ מיט גאַל און גיפט
פאַר מיר און מיין צובּיטערטקייט.
הויב אויף אָה, גאָט דיין שטאַרקע האַנד
און רעכען זיך פאַר אונזער שאַנד.

אין געיעג.

א.

געקומען איז א פויגעלע
צוריק אהיים פאַר נאַכט
און האָט פאַר איהרע קינדערלעך
אַ ווערימעל געבּראַכט.
זי קומט צום בּוים, זי קומט צום צווייג
און טרעפט — די נעסט איז לעער,
א צעהנדליג ווייסע פעדערלעך
און קיין זאַך, קיין זאַך מעהר!
עס ווייִנט דאָס אָרעם פויגעלע
און כליפּעט אָהן א סוף...
עס הערט דער וואַלד דער דונקעלער
און זיפצט און זיפצט פון שלאָף.

ב.

געקומען איז א שווארצע קראָה
אהיים גאַנץ שפּעט בּייַנאַכט,
און האָט פאַר איהרע קינדערלעך
א פ ו י ג ע ל ע געבּראַכט.
זי קומט צום בּוים, זי קומט צום
צווייג
און טרעפט — די נעסט איז לעער,
א צעהנדליג שווארצע פעדערלעך
און קיין זאַך, קיין זאַך מעהר!
ס'שרייט די שווארצע קראָ און שרייט
און קראַקעט אָהן א סוף...
עס כאַפּט זיך אויף דער שווארצער
וואַלד
מיט אַנגסט און גרויל פון שלאָף.

ג.

אַנטקעגען זונען־אויפגאַנג פליהט
אין פרייען, בּרייטען רוים
דער שטאָלצער אָדלער און ער טראָגט
א יונגע קראָה אהיים.
און אָט דאָרט ליעגט זיין פעלזען־
שלאָס
אין העלען זונענשיין;
היינט וועט בּיי זיינע אָדלערלעך
א גרויסע סעודה זיין.
„די העלדען מיינע"... און דאָס האַרץ
מיט שטאָלץ ווערט איבּערפילט.
און אונטערן הויכען פעלזען שטעהט
אַ יעגער און ער ציעלט.

ד.

אַנטקעגען זונען־אונטערגאַנג
דער בּראַווער יעגער שפּאַנט:
„היינט מ ו ז די שעהנע ראָזא מיך
בּעגליקען מיט איהר האַנד....
„מיין אויג איז שאַרף, מיין האַנד
איז פלינק,
מיין העלדענמוטה איז גרויס".
דער יעגער טראַכט און פון דער נאַכט
איהר הייזעל שווימט אַרויס.
עס שווימט אין ליכט און צימבּעל־
קלאַנג,
דער יעגער שפּאַנט מיט האַסט —
ער קומט און טרעפט זיין ראָזא שוין
צום מילנער'ס זוהן פער'קנס'ט....

ל. שאפירא.

ל. שאפירא — נאוועליסט און דיכטער. געבארען אין רעזשיטעוו, קיעווער גוב. אין יאהר 1878. אין 1906 איז ער אוועק קיין אמעריקא, וואו ער האט אנטייל גענומען אין פארשיידענע אידישע זשורנאלען און צייט־שריפטען. ל. שאפירא איז איינער פון די באדייטענדסטע נאוועליסטען פון דער מאדערנער אידישער ליטעראטור. אין 1910 איז אין פארלאג „פראגרעס" ערשינען א זאמלונג פון זיינע דערצעהלונגען מיט'ן נאמען „אויפ'ן ים". שפעטער איז אויך ערשינען א באנד פון זיינע געזאמעלטע „נאוועלען", וואס איז פון דער קריטיק אויפגענומען געווארען מיט א באזונדערער אויפמערקזאמקייט. צווישען די דערצעהלונגען וואס שטעמפלען אם בעסטען ל. שאפירא'ן זיינען באוואוסט: „דער קוש", „דער צלם", „שפוך חמתך" און אנד. ל. שאפירא האט אויך אנגעשריבען א רייהע קלענערע און גרעסערע לידער, דורך וועלכע ער לאזט זיך דערקענען. ביבל. ש. ניגער, אין „אידישען קעמפפער", אין 1910; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

זעלבסטשוץ.

(פראגמענטען)

א שווארצע נאכט. א תהום — א הימעל.
עס שלאפט קיין מענש פון עק צו עק,
קיין איינציג אויג פערשליסט דער דרימעל
אין דיעזער נאכט פון שאנד און שרעק.
א שווארצע נאכט. מיט טויזענד אויגען
פערקוקט דער טויט צו אונז אהער...
ער האט זיין שווערד פון שייד געצויגען
און קעהרט איהם שוין צוריק ניט מעהר.
ניט אכט, ניט אכט איהר טרייע וועכטער!
איהר הערט? דורך נאכט פון צייט צו צייט
דערגרייכט צו אונז א ווילד געלעכטער,
א בייז געשפעט פון שונא'ס זייט...

א, גאט! מיר בעטען קיין נצחון!
וויש־אב פון פאלק זיין גרויסע שאנד,
ערלויב אונז זעהן דעם שונא'ס פנים
און שטארבען מיט דעם שווערד
אין האנד...
ערלויב אונז פאלען וואו מיר שטעהען,
דעם פחד טרייב פון אונז אוועק,
און שטארק דאס הארץ, און גיב
אונז צארן,
אין דיעזער נאכט פון ווילדען שרעק...

און פיהלסטו שרעק,
פערבייס די ליפען,
פערקריץ די צייהן —
און שווייג... און שטום!
און רינט דיין בלוט
און פלאצט דיין הארץ
און שטארבסטו — שטארב,
און שווייג, און שטום!
און שטרעקסט דיין האנד
און ציעלסטו — טרעף!
און שלאגסטו — טויט,
און שטום! און שטום!

*
*   *

עה, מענטשעלעך — ליאַלקעלעך, פּיינעלעך, פּישעלעך —
אהער־צו, צום טענצעל זיך שטעלט!
און הענטלעך צו הענטעלעך, פּיסלעך צו פּיסעלעך —
גאָט האָט בעשאַפען די וועלט!

ער שפּיעלט זיך מיט לעהם און מאַכט מאַנעלעך, ווייבעלעך, —
אַ קאַץ, אַ לבנה, אַ האָהן. —
עה, וועלפּעלעך, שעפּסעלעך, שלענגעלעך, טייבעלעך —
שטעלט אַלע זיך שנעלער צום קאָהן!

ער טראָגט אַ חאַלאַטעל און רינגלעך און שטרייפּעלעך
און הויזען — האַלב געל און האַלב רויט.
ער שפּיעלט אויף אַ קעמעל. און פּייפט ער אין פּייפעלעך —
נעהט ס'לעבען אַ טאַנץ מיט'ן טויט.

ער קלאַפּט זיך צום טאַקט אין אַ פּייקעל מיט שטעקעלעך,
מאַכט קונצען, און קרימט זיך, און קוועלט. — — —
אַ גאָט אין אַ מיצעל, אַ מיצעל מיט גלעקעלעך —
חאַ־חאַ! — האָט בעשאַפען די וועלט...

י. ראלניק.

יוסף ראלניק — דיכטער. געבארען אין זשוכאוויץ, א דארף אין מינסקער גוב. אין יאהר 1879. אין 1899 האט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער האט אנגעפאנגען זיין קא־ריערע אלס אידישער דיכטער. אין 1911 איז אין נויארק ערשינען א זאמלונג פון זיינע ליעדער מיטן נאמען „אויפ'ן זאמדיגען וועג". אין 1916 איז אין „ליטערארישען פארלאג" ארויס א גרוי־סער באנד פון זיינע געזאמעלטע ליעדער, וואס האט אויף זיך געצויגען א ספעציעלע אויפמערק־זאמקייט. י. ראלניק איז איינער פון די שעהנסטע פערזענליכע דיכטער, וואס האט די לעצטע דריי, פיער יאהר אנגענומען א שעהנעם מאדערנעם טאן אין זיינע ליעדער און האט אויף אזא'ן אופן מיטגעהאלפען דער פארפאלקאמונג פון דעם מא־דערנעם ליעד אין דער אידישער פאעזי פון אמע־ריקא. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן"; מנחם אין „ליטעראטור און לעבען", 1915; אברהם רייזען, אין „פרייע ארבייטער שטימע", 1916; ר. אייז־לאנד, מ. י. חיימאוויטש, ח. גודמאן, ק. טעפער און ב. ריווקין, אין ספעציעלען ראלניק־נומער „ליטעראטור און לעבען", 1916.

*

* *

איך דארף ניט פיעל. אַט הער מיך אויס:
איך וויל א שוועסטערליכען שוים
א וואו איך זאל מיין קאפ אויסרוהען,
נאך פוסטע וואגלעניש און מיהען.

איך וויל פון צייט צו צייט א שטראהל
זאל אויף מיין סטעזשקע טהאן א פאל,
און גאנצע שיך ווען עס וועט רעג'נען;
איך זאל קיין גלח ניט בעגעג'נען...

איך זאל צופריה ניט ווערען מיעד...
גיב יעדען טאג א נייע ליעד
און יעדע נאכט א נייעם חלום—
און איך וועל זיין מיט דיר אין שלום.

*

* *

איך האב געדולד. די שעה'ן קריכען;
איין שעה איז צו דער צווייטער גלייך.
פון שעה'ן ווערען טעג און וואכען
איין גרויסער, מוטנער, שווערער טייך.

איך רוף צו דיר. איך שריי דיין נאמען
אוים אין דער שטילער צימער נאכט.
דאך ווייס איך ניט—האב איך געדרו־פען
צו דאס האט זיך מיר נאר געדאכט?

דו ביסט מיר פרעמד. איך האָב פּערגעסען
ווי דו האָסט דעמאָלט אויסגעזעהן.
אין וועלכען לאַנד, פאַר וועלכען קעניג
דאָס איז געשעהן? צו איז געשעהן?

איך האָב געדולד. די שעה'ן קריכען:
איין שעה איז צו דער צווייטער גלייך.
איך רוף צו דיר. איך הער דיין נאָמען
פּערזינקען אין דעם גרויסען טייך.

מיין גאַנצע שטוב.

מיין גאַנצע שטוב איז פאַר דיר אָפען.
קענסט קומען, עסען, טרינקען, שלאָפען;
קענסט קומען, ווען דו ווילסט אליין.
דו דאַרפסט ביי קיינעם זיך ניט פרעגען,
מיין וואונש וועט לויפען דיר אנט־קעגען
און ווייזען ווי אריין צו געהן.

קיין הונד ליגט ניט ביי מיינע טירען,
קיין פּרעמדע אויג וועט ניט נאָכ־שפּירען
נאָך דיינע נאַכטליך־שפּעטע טריט;
ווי דו האָסט נור דיין הויז פּערלאָזען,
דער שלאָס פון טיר אראָבגעלאָזען,
מיין הארץ געהט אומעטום דיר מיט.

א, קום צוגעהן אין נאַכט, אין רעגען
און פון די אנגעווייכטע וועגען
ברענג שווארצע, פייכטע ערד מיט זיך:
ווען דו וועסט מאָרגען פריה זיך קלייבען
צוריק אהיים, זאָל נאָך כאָטש בלייבען
די שווארצע פלעקען פון די שיך.

נור אויב דו קענסט מיר גאָרניט ברענגען,
טו זעה: די שפּיעלצייג. זעה עס הענגען
פּאָרטרעטען, בילדער אויף די ווענד.
צוריים א בילד, צוברעך דעם שפּיע־געל,
ביים גאָלד'נעם האָהן רייס אָב א פליגעל,
א צייכען לאָז פון דיינע הענד.

פון די ליעדער האַפיז.*)

א.

אָה, שיראַז'ס בלום, מיין הארצענס טרייסט—
וואָרום האָסטו פערבליהט? —
עס הילכען דאָך נאָך אומעטום
דעם זומער'ס טרייע טריט.

די ערד איז גרין, דער הימעל—ריין,
דער בוים אין בלעטער שטעהט;
און קיינער האָט ניט אָנגעזאָגט
מיט שרעק: דער ווינטער געהט.

*) האַפיז, פּערסישער דיכטער פון'ם 14טען יאָרהונדערט.

די גריבער זיינען צוגעדעקט,
צום רעגען ניט געגרייט;
דער רעגען ווייס זיין טאג, — פאר וואס
ווייס ניט זיין טאג דער טויט?

די ערד איז גרין, דער הימעל—בלאה
דער ווינטער איז נאך ווייט:
וואס האסטו זיך, מיין בלום, געאיילט
פערבליהען פאר דער צייט?

ב.

און ווידער האט א רויז פערוויאניעט,
א רויז אויף האפיז׳ס בייט.
געבליהט האט זי נאך רויט אין אווענד
און אין דער פריה — שוין טויט.

אומזיסט האט האפיז איהר געמינטערט,
אין רויטען וויין געוויקט,
אומזיסט די ברוסט זיך אויפגעשניטען,
צום הארץ איהר צוגעלייגט.

זיין וויין, זיין בלוט האט ניט געהאלפען,
כאטש וויין און בלוט איז רויט...
און ווידער האט א רויז פערוויאנעט,
א רויז אויף האפיז׳ס בייט.

ג.

מיט דעם וויין אין שענק פערטרינק איך
מיינע טעג און מיינע נעכט:
סאהיד*) זאגט: איך טהו אן אונרעכט,
סאקי**) אבער — איך טהו רעכט.

ליעבער סאהיד, ליעבער סאקי,
איהר האט ביידע, ביידע רעכט.
די טאווערנע, איז קיין שאנד־הויז:
די חברותא—דאס איז שלעכט.

אבער גאט, מיין גאט דו ווייסט דאך
זי נור, זי, איז אומגערעכט:
זאל זיין סאהיד, זאל זיין סאקי,
מיר איז אלץ שוין, אלץ שוין רעכט.

לעצטע רוה.

איך קום צו דיר, ווייל איך וויל רוהען:
דער מדבר האט געמאכט מיך מיעד.
אזוי קומט ציון׳ס שטיינער קושען
אמאל א וואגלענדיגער איד.

איך קום צו דיר, ווייל איך וויל רוהען.
דיין ווייסער דיל איז ווייך צו מיר:
צו דער פערגעסענהייט א פארטקע
איז מיר דיין ניט־בעוואכטע טהיר.

איך קום צו דיר. די מדבר־זאמדען,
די מדבר־זון האט מיך געברענט.
איך דארף די רוה. שלים מיינע אויגען
מיט דיינע קיהלע שוועסטער הענד.

---

*) סאהיד, גאט׳ס סטראפציע. **) סאקי, וויין־שענקער.

י. ראָלניק

געלעבט האָט אַן איינזאַמער בחור

געלעבט האָט אַן איינזאַמער, איינזאַמער בחור,
מיט ליפּען פערדורשטע, פערחונגערטע אויגען,
און טיפע, פער׳חלום׳טע קנייטשען־ראַזאָרעם
אַריבער זיין שטערען זיך האָבען געצויגען.

געלעבט האָט אַן איינזאַמער, איינזאַמער בחור,
מיט זיינע בעהאַלטענע ליידען און פריידען ;
זיין הארץ האָט ניט זעלטען געוויינט און געזונגען ;
פאַר לייטען, פאַר לייטען — דאָך שטיל און בעשיידען.

געלעבט האָט אַן איינזאַמער, איינזאַמער בחור ;
זיין הארץ האָט געזונגען, די ליפּען — געשוויגען ;
און קיינער פון אַלע אַרומיגע מענשען,
אוי, קיינער געהערט האָט דעם ניגון.

שבת, יו״ט און ראש-חדש.

שבת, יום־טוב און ראש־חודש —
מיינע יום־טוב׳דיגע קליידער
היינגען ניט־געניצט, געטראָגען,
אויף דער הינטער־וואַנד אין חדר.

מיינע וואָכעדיגע זאַכען
גלוסט זיך מיר ניט איבערבייטען:
שבת, יום־טוב און ראש־חודש
קום איך קיינמאָל צווישען לייטען.

ביי דעם קאַפּע־טיש פערזיץ איך
מיט די קעלנער, מיט די קונדען,
שבת, יום־טוב און ראש־חודש,
ווי די וואָכעדיגע שטונדען.

אַ רעגען גיסט.

מאַך אויף אַ בוך
מיט אַלטע בלעטער, יונגע זאַגען:
פון לויטער קענעגליכע פּרינצען,
פון ווייעדמעס וואָס אויף קוליעס
טאַנצען
פון פרומע וועלף, בריליאַנט׳נע היי־
לען,
וואָס ציהען זיך אויף זיבען מיילען,
אומזיסט, אומזיסט,
אַ רעגען גיעסט.

קלינג אַן און רוף,
און קומען וועלען גוטע ברידער
מיט שמייכלען אויף די רויטע ליפּען,
און בריינגען רויטען וויין צוטראָגען,
און וועלען מיט די בעכער קלינגען,
און הילכיג, לוסטיג — ליעדער זינ־
גען,
אומזיסט, אומזיסט,
אַ רעגען גיעסט.

שטעל אויף די בעט.
און שלאג אויף הויך די ווייכע
קישענס
מאך לויז דעם טונק'לען פענסטער
פארהאנג,
און מיט בעטריבטער זעל און גלידער
ווארף זיך אריין אין פוכען אבגרונד,
און לאז די טרעהרען רינען, רינען...
א רעגען גיעסט...

*
*　*

גאט, דערהער די זיפצען מיינע,
גאט, פערנעהם מיין היים געבעט,
זעה, די טרערען מיינע מאכען
נאס די קישען פון מיין בעט.

דו, דער חבר פון די קינדער,
פאטער פון דעם אלטען מאן,
וואס דו ברענגסט די לעצטע
טרויסטונג,
וואו עס איז א נויט פאראן —

דו דערזעה די טרערען מיינע,
גאט, פערנעהם מיין שטיל געוויין.
זיי א טאטע און א חבר, —
כ'בין אן אלטע קינד אליין.

נאך דאנקען גאט.

נאך דאנקען גאט,
וואס קיינער ווייס
אוואו איך וואוין,
און וואו איך וויין:
איך בין אליין:
נאך דאנקען גאט.

ווען ס'ווערט מיר ענג,
קום איך צוגעהן
צו מיר אליין
און וויין זיך אויס
אין קישענ'ס שויס;
נאך דאנקען גאט.
נאך דאנקען גאט.

אינקאגניטא.

יעדען טאג א שעה פאראנען:
טהו איך אויס די קעניג־קליידער,
געהם אין האנד דעם וואנדער־
שטעקען
און פערלאז מיין אייגען חדר.

כ'לאז זיך איבער מערק און גאסען,
איבער אבגעצאמטע הייזער;
יעדער איינגעל ווארפט א שטיין נאך,
יעדער הונד שיקט מיר א בייזער.

י. ראָלניק

פרעמדע קליאַמקעס ברענען, בריהען,
וואונדען מאַכען שאַרפע שטיינער;
אינקאָגניטאָ אומגעוואַנדעלט
האָט אַ קעניג שוין ניט איינער.

ווערלענס קעניגרייך.

גאָלדענע ליוסטרעס און שפּיגלען
אויף אַ גינגאָלדענעם פּאַהן;
רויטע, בעגולד'טע פּאַרהאַנגען;
פעהלט נאָר — אַ גאָלדענער טראָן.

בין איך אַ קעניג, אַ גרויסער;
דערפער און שטעדט זיינען מיין;
אָפּט נאָר מוז ליידען דער קעניג
הונגער און איינזאַמקייטס-פּיין.

אויסצעהרען לאָזען דעם קעניג
איז דאָך אַ זינד און אַ שאַנד;
וועל גלייך דעם קאַנצלער בעפעהלען..
—האָב איך קיין גלעקעל ביים האַנד..

עמיצער שאַרט זיך אין פּאָר־הויז;
איז מיר דאָס שאַרען בעקאַנט...
זאָג איך „אַריין!" קומט צו פּויזען
מיין גענעראַל־אַדיוטאַנט.

מיין קאַמער־דיענער — דאָס קעציל;
בלינד איז זי, קריינקליך און קליין.
פרעג איך: צי פּאַסט פאַר אַ פּאָלק
דאָס —
לאָזען דעם קעניג אליין?

געה, מונטער אויף זיי, די בירגער,
שטורעם דאָס לאַנד ווייט און ברייט;
זאָג זיי: דער קעניג — אין עלענד;
זאָג זיי: דער קעניג — אין נויט!

ניט פערבונדענע פערזען.

איך ווייס ניט, ווער איך בין און ווען איך בין געבאָרען;
אָט בין איך אַלט אַ טאָג און אָט גאָר טויזענד יאָהרען.
עס טראָגט מיין שוך אויף זיך דעם שטויב פון טויזענד וועגען,
און ווייס ניט, וואו מיין גוף איז לעצטע נאַכט געלעגען.

אין לאַנד פון פרס איז געווען אַמאָל אַ קעניג.
צוועלף לענדער זיינען איהם געווען אונטערטהעניג.
אין יעדען לאַנד פלעגט ער איין איינציג חודש זאַמען
מיט זיינע קעבס-ווייבער און ראַטה-געבער צוזאַמען.

א נידעריגע שטוב, צוועלף טישען ביי די זייטען,
מיט פרויען אָנגעטהאָן אין שוואַרצען אין דער ווייטען.
אין לאַנד פון פרס איז געווען אַמאָל אַ קעניג —
צוועלף ווייסטע שעה'ן זיינען איהם געווען אונטערטהעניג.

עס קאַכט, עס רוישט די גאַס. די שטאַרקע כוואַליעס שלאָגען.
באַלד וועט דער ים מיין הויז אין ברעוניעס־ווייז צוטראָגען.
עס ווייזען טויזענד הענד און טויזענד העלזער שאַלען
און מיינע מויער־ווענד ווי קאָרטען־ווענד צופאַלען.

וואָס ווילען זיי פון מיר? זיי ווילען מיך פערשטוינען?
און אפשר מיך מיט גוואַלד פאַר זייער קעניג קרוינען?
און אפשר ווילען זיי — דעם וועקסעל פון דעם זיידען
בעצאָהלען זאָל דער אייניקעל מיט ניט־פּערדיענטע ליידען.

און אפשר רוישט דער ים, ווייל אויף זיין קארק די ווינדען
צוהוליעט האָבען זיך, און מיט די שלאַנקע אינדען
אַוועק א טאַנץ און זיי קומט קיינעם ניט אין זינען,
אַז ס'שטעהט ביים ברעג א הויז, — עס זיצט א מענש דערינען

מיט טרייסלענדיגע קניע און וויט־צושפּרייטע אויגען
און וואַרט און קוקט ארויס צו ים ארויסגעבויגען
און וויל אין דעם געזאַנג פון ים און ווינד פערנעהמען
א שוואַכען קלאַנג, צי ווערט ער ניט גערופט פון וועמען...

מיינע ים'ען.

מיינע ים'ען זיינען שטילע;
מיינע שיפען געהען וויים;
מיינע שיפען וועלען קומען
אין דער רעכטער צייט.

גאָט פיהרט זיי אויף שטילע וועגען;
גאָט וויים דאָך די וועגען גוט;
וואָס־זשע האָב איך זיך צו זאָרגען,
ס'וועט שוין אלץ זיין גוט.

פלעקען.

וויים איז די ערד און געפרוירען:
עס ציהט זיך דער וועג ווי א שנור:
אַן איינציגער פלעק אויף דער ווייסקייט:
פאַר וואָרסטען וויים פויזעט א פוהר.

בלאָה איז די לופט און דער הימעל:
אַן איינציגער פלעק אויף דאָס בלאָה:
פון שניי האָט זיך פלוצלונג דערהויבען
אין לופטען א גראָה־שוואַרצע קראָה.

שטיל דער פערפרווירענער טייך איז,
און שטיל איז אויף באַרג און אין טהאָל,
פון נאָהענטען דערפעל דערהערט זיך:
אַ מאַן שילט דאָס ווייב אויפ׳ן קול.

צום טיש, צום טיש.

צום טיש, צום טיש,
ווער שפיעלט מיט מיר?
איך שטעל אין קאָן:
אַ לאַפּקע פון אַ שווארצען האָהן,
אַ שטיקעל פארב־פאַפּיער,
אַ חלום ניט פערענדיגט האַלב,
אַ טיטול וואָס איז האַלב פערמעקט,
און עהרע אבגעניצט, פערפלעקט,
אַ שערבעל פון אַ סדר כוס,
אַ דארע בלאַט, אַ חורבה־גראָז.

ווער געהט צום טיש?
ווער שפיעלט מיט מיר?
איין איינציג קאָרט, אַ מלכה יונג,
און איינציג שפיעל, אַ זילבער־קלונג.
איהר געהט ניט, ששאַ... איך שפיעל מיט — מיר —
און נעהם זיך אַלע מלכות פיער...

מ. לייבאוויטש.

מ. לייבאוויטש — אפריקאניש־אידישער דיכטער. געבארען אין רוסלאנד ארום 1880. ארום 1900 איז ער אוועק נאך אפריקא, וואו ער האט זיך באשעפטיגט אלס „טרעוולער" (איינער, וואס נעהט אום מיט א האנט־וועגעל איבער די דערפער און האנדעלט). אין דער זעלבער צייט האט ער געשריבען לידער, אין וועלכע ער האט אבגע־שפיגעלט דעם ארעמען אידישען לעבען אין אפרי־קא, די מעהרסטע פון זיי זיינען געדרוקט געווען אין דעם וועכענטליכען „אידישען אדוואָ־קאט" פון קייפטאון, אפריקא, 1906—1907, אונ־טער דער רעדאקציע פון דוד גאלדבלאט (זאמלער פון אן ענציקלאפעדיע אין דער אידישער שפראך). ארום 1908 האט ער פארלאזען אפריקא און האט זיך צוריקגעקעהרט נאך רוסלאנד.

דער „טרעוולער".

א פאק אויף דער פלייצע,
די משא איז גרויס.
ער וואנדערט און וואנדערט
און ס'גיסט זיך דער שוויים.

עס ציהען זיך גאסען —
ווער ווייס זייער ברעג?
און הייזער, און טיהרען
און לאנג איז דער וועג...

און מ'טאר ניט פארבייגעהן
קיין איינציגע טהיר —
ווער ווייס אויב מען קען ניט
גאר לייזען אין איהר...

יעדעס הויז האט איהר מזל,
יעדע טיהר האט איהר גליק —
דא לייזט מען א שילינג,
דא טרייבט מען צוריק

דאס וועגעל.

וואס, זאג, שלעפסטו אום זיך יענקעל,
אלע טאג דא מיט דיין וועגעל,
און דו ווילסט ניט איבערלאזען,
קיין איין טיהרעל, קיין איין שטעגעל?

און דעם קאפ אראפגעלאזען
טרוימסטו חלום'סטו פון גליקען:
ווי דו וואלסט אהיים באטש קענען,
א פאר שילינג נאך צו שיקען.

און דו פיהלסט ניט אין דעם וועגעל,
ווי עס כמארעט דארט אין מח:
וואס וועט טאהן דארט ווייב און
קינדער?—
ס'געהט באלד אוים דער לעצטער כח

און כ'דערמאן מיך אן דעם גלות—
אן דעם וועגעל מיט דער קלאטשע:
ווי זי פאלט אין די פאלאבליעס,
ווי זי פאלט פון שווערער פראצע.



פ. מ. ראסקין.

פ. מ. ראסקין — דיכטער. געבארען אין יאהר 1880 אין שקלאוו. באזוכט די מינסקער רעאל שוהלע. אין 1897 איז ער אוועק אין ציריך, (שווייץ). אין 1900 געקומען אין ענגלאנד און דורכגעמאכט אן עקזאמען פון ראיאל סאניטארי אינסטיטוט, אנגעפאנגען צו שרייבען צו 15 יאהר. צוערשט געדרוקט ליעדער אין רודיש; אידיש אנגעהייבען צו שרייבען אין לאנדאן. אין 1910 איז אין לאנדאן ארויס א באנד פון זיינע געזאמעלטע ליעדער אונטערן נאמען „געהעטא־ליעדער" מיט א פאררעדע פון שלום עליכם. פון 1910 שרייבט ער אויסשליסליך ענגליש. אין 1914 איז ארויס זיין ערשטער באנד ענגלישע ליעדער אונטער'ן נאמען „סאנגס אף איי דזשו" מיט א פאררעדע פון ישראל זאנגוויל. האט אויך געשריבען עטוואס פראזא. אין 1915 געקומען אין נויארק.

אין פרעמדע גערטנער.

שמוני נטרה את הכרמים —
כרמי שלי לא נטרתי.
(שיר השירים).

פרעמדע, פרעמדע גערטנער פפלעג איך,
און מיין גארטען שטעהט פערלאזען:
און דארט וואנדלען אום שאקאלען,
און דארט וואקסען ווילדע גראזען.

אונבעוואכט און אונבעוואסערט
וועלקען דארט די לעצטע בלומען:
און די נעסטען קראקען ראבען
און די זומער־פויגעל שטומען.

און פעראומערטע, פערוויסטע
טרויריג ציעהען זיך אלעען;
קיינעמס ברוסט ניט צו ערפרישען,
קיינעמס אויג ניט צו ערפרעהען.

מיט אראבגעלאזטע צווייגען
ווי אבלים שטעהען בוימער,
אהן אן אויפזעהער, א גערטנער,
אהן א ווירטה און אהן א שומר...

און די פרעמדע, פרעמדע גערטנער—
אך! ווי בליהען זיי און דופטען,
און ווי שעהן די פייגעל־טרעלען
גיסען, גיסען זיך אין לופטען.

דורות, לאנגע רייהען דורות,
אלס אן אונבעצאהלטער שומר
איז בעשערט מיר צו בעוואכען
פרעמדע גערטנער, פרעמדע בוימער.

און ווי בענקט זיך און ווי ציהט מיך
צו דעם אייגען וויסטען גארטען...
נאר אן אלטער בייזער כשוף
האלט צוריק מיך ווייט פון דארטען..

צוויי מלאכים.

נאך א פרעמדען מאטיוו.

אום פרייטאג, ווען די זונן פערגעהט
און ס'פאלט אויף ד'ר־ערד א דריי־מעל,
דאן פליהען אויף דער ערד אראב
מלאכים צוויי פון הימעל.

איין מלאך זעהט אוים פריינדליך, ליעב,
קען יעדעם הארץ דערקוויקען;
דער צווייטער מלאך ווארפט א שרעק
מיט זיינע בייזע בליקען.

און איבעראל אין גרעסטער שטאָדט,
ווי אין דער שטאָדט דער קלענסטער,
אין יעדען הויז, וואו ס'וואָהנט א איד,
דאָרט קוקען זיי אין פענסטער.

און ווען אין הויז איז זויבער, שעהן,
די שבת־ליכט זיי פינקלען,
די ווירטהין שיינט, די קינדער ריין—
סע לייכט אין אלע ווינקלען;

ביים שעהן־געדעקטען טיש דאָרט זיצט
א גליקליכע משפחה —
שטראהלט אויף דער מלאך־טוב פאר פרייד
און גיט דער הויז א ברכה:

„אזוי ווי היינט זאָל פריעד ביי אייך
זיין איביג אין גאָט'ס נאָמען".
דער בייזער מלאך קריצט די צייהן,
און זאָגט געצוואונגען: „אמן"...

נור אויב אין הויז איז טרויריג, וויסט,
ניט אויפגעראמט און דונקעל;
די קינדער שרייען, ס'שילט דער מאן,
די פרוי וויינט אין א ווינקעל;

מען וויינט, מען קריעגט זיך און מען שילט,
עס הערט זיך א יללה, —
דער בייזער מלאך—פייער שפריצט;
און גיט דעם הויז א קללה:

„ווי היינט זאָל איביג קריעג ביי אייך
נור זיין, אין שטן'ס נאָמען".
דער גוטער מלאך וויינט און וויינט,
און זאָגט געצוואונגען: „אָמן"...

י. פיכמאן.

יעקב פיכמאן — העברעאיש־אידישער דיכטער און קריטיקער. געבארען אין יאהר 1880 אין בעלצי, בעסאראביען. י. פיכמאן האט אויסער קריטישע ארטיקלען אויך געשריבען ליעדער אין אידיש. אין 1911 האט ער צוזאמענגעשטעלט א זאמעלבוך מיט ליעדער פון פארשיידענע אידישע דיכטער אונטערן נאמען „די יודישע מוזע“. אויך געפינט זיך אין דעם דערמאנטען זאמעלבוך א גרעסערע איינלייטונג פון דעם זעלבען. י. פיכמאן איז אויך דער צוזאמענשטעלער פון אן אידישער חרעסטאמאטיע מיט׳ן נאמען „פאר פאלק און שוהל“. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן“.

אבענד.

דער אבענד קומט. אלץ קלאהרער קלינגט מיין ליעד.
איך בין פון לאנגע וועגען נאך ניט מיעד.
איך ליעב נאך אלץ דאס ווייכע גראז ביי׳ם וועג,
וואס האט געטרייסט מיין הארץ אין אלטע טעג.
איך ליעב דעם מערב־רוים אין רויטען בלוט,
און אין די בערג דעם קלאנג פון מיינע טריט.
עס קלאגט מיין ריינע ליעד גיט, ניט זי שעלט,
נאר איינזאם קלינגט איהר קול אין אבענד־פעלד.

אלץ רויטער בלאנקט דער אבענד. קיהלער ווערט.
איך ליעב נאך אלץ די שעהנע, ליעבע ערד.
איך ליעב דעם סטעפ־טהוי און דעם פרייען ווינט.
פון זיי האב איך מיין טרויער־גאלד געשפינט.
נאר שווערער ווערט מיין הארץ פון טאג צו טאג.
איך ווער טאג־טעגליך רייכער. דען איך טראג
די לאסט פון טרויער און די לאסט פון גליק.
נאר אויביג דארשטיג בלייבט נאך אלץ מיין בליק.

בענקען.

אין פיעל שטעדט, און אין מדינות
האב איך שוין געלעבט, געליטען;
כ׳האב אהן פרייד, אהן טרויער איינע
אויף די צווייטע אויסגעביטען.
נאר א שטעדטעלע א קליינינקס
לעבט נאך איצט אין מיין זכרון,
און עס רופט ארויס דאס בענקען
נאך די אלטע קינדער־יאהרען.

ס׳איז א שטעדטעלע א ארימס,
ס׳האט קיין אויסגעצירטע גאסען;
ס׳שטעהען שטיבלעך נאר צעווארפען,
וויים געשמירט, מיט שווארצע
פאסען.
דארטען ווערען פריה די לאמפען
ביי דער נאכט גאנץ אויסגעלאשען,
און עס חלומ׳ט זיך די ארמע

נאָר דער חלום פון א גראָשען.
נאָר דאָרט הענגט א בלויער הימעל
און עס ווינקען דאָרט פון ווייטען
מיט א דונקלען וואלד בעקרוינטע
זונען־בערג פון אלע זייטען.
און צומאָל ווען איינגעבויגען
געהסטו אום אין גאַס א מידער,
קומט א ווינטעלע פון ווייטען
און דערקוויקט דיר אלע גליעדער.
זעהסט פאר דיר דאָס פעלד דאָס
פרייע און דעם גרויסען ים מיט
זאנגען
און עס האפט דיך אַן אהינצו
צו אנטלויפען א פערלאנגען.

און עס ציהט א פרעמדע מאכט דיך
צו די ווייטע גרינע וועלטען:
לאָז דאָס ענגשאפט מיט איהר
טרויער,
וועהל די הויכע בארג־געצעלטען!
פריי זיין, פריי זיין! נאָר דו קאָנסט
ניט,
טראָגסט אויף דיר א שווערע משא,
און מיט וועהמוט קעהרסטו אָב גיך
דאָס געזיכט פון דאָרט דאָס בלאסע.
נאָר נאָך שווערער איז, מיין ברודער,
אין דעם רויהען שטאָדט־געפילדער.
עלענד, עלענד! ס׳פרישט דיך קיינ־
מאָל
ניט קיין ווינטעל אָב קיין מילדער.
בלאָנדזשעסט אום אליין. פערשלאָסען
וואו א טהיר און וואו א טהויער.
וועמען זאָלסטו דאָ דערצעהלען
פון דיין בענקען, פון דיין טרויער?
זוכסט א גרעזעל א בעקאנטעס
אונטער וואו א פלויט אנ׳אלטען,
אפשר גליהט דיר וואו א פונק נאָך
אין דיין לעבען דאָ, אין קאַלטען.
און געפינסט ניט... נאָר פערגעסען
קאָנסטו ניט די מאָרגען־שטראהלען.
ס׳הויבט דער הערבסט־ווינד אָן שוין
בלאָזען,
ס׳הויבען בלעטליך אָן צו פאלען, —
און דו טראָגסט אלץ טיעף א בענקען
און א חלום זיס און טייער
צו דער ברייטער ערד דער פרישער,
צו דער גרינער ערד דער פרייער.

טאַנץ-ליעד.

די גרעזעלעך בליהען,
אין וואלד אלע גלייך,
א קינד מוז זיין פרעהלאך,
צי אָרים צי רייך.

די זון שיקט אונז אלע
איהר ברכה, איהר שיין,
צי דארף מען דען גיטער
אויף גליקליך צו זיין?

די טייבעלעך ברומען
אראָב פון דעם דאך,
וואויל דעם, וואָס באַגערט ניט
קיין רייכקייט א סך.

וואויל דעם וואָס פערמאָגט נאָר
א הארץ גוט און פרום,
און אויגען וואָס קוקען
אויף קיינעם ניט קרום.

וואויל דעם, וואָס די תורה
בייטאָג און בייגאכט
מאכט לוסטיג זיין לעבען,
זיין הארץ פרעהלאך מאכט.

מיר אבער זיינען
נאָך קינדערלעך קליין
אונז פאסט נאָר זיין פרעהלעך
און טאנצען צו געהן.

אונז פאסט נאָך זיך דרעהען
ראד־אוים און ראד־איין,
אז וואויל איז אונז אידישע
קינדער צו זיין.

י. י. פּראָפּוס.

יצחק־יעקב פּראָפּוס — דיכטער. געבאָ־רען אין יאָהר 1880 אין מיטוי, קורלאנד. האָט זיך אנגעפאנגען צו דרוקען אין אמעריקאנער אי־דישע אויסגאבען, וואו א גרויסער טייל פון זיינע ליעדער זיינען ערשינען. אין 1905 האָט „דער פריינד" ארויסגעגעבען א קליינע זאמלונג פון זיינע ליעדער. י. י. פּראָפּוס האָט אויך געדרוקט אונטער די פּסעוודאָנימען „א שמעטערלינג", „דאָס מוזינקעל".

אַ הערבסט־מאָטיוו.

וואָס וויל ער, דער וואָלקען, דאָרט איבער מיין שטיבעל,
וואָס רויבט ער אוועק מיר דאָס ליכט?
און האָט ער א רעגען — וואָס צייגערט ער, ציהט ער,
וואָס טויג איהם אזוי וואָס ער קריכט?

און האָט ער א רעגען — זאָל שטראָמען און גיסען!
איך וועל איהם א שותּף נאָך זיין
מיט ביטערע טרעהרען, — וואָס אָבער פערשטעלט ער
פון מיר נאָך דאָס ביסעלע שיין!

*
* *

עמיץ איז ביי מיר געשטאָרבען,—
קומט־זשע, ברידער, עס בעגראָבען.
יאָ, בעגראָבען — וויל אויף אייביג
וועל איך שוין דאָס מעהר ניט
האָבען...

לאָמיר אויסגראָבען א קבר,
אין אן אָרון אריינלעגען,
און עס אָנטהון אין תּכריכים,
לעגען שאָרבענס אויף די אויגען.

און פערשיטען און פערקלאָפּען,
און א „קדיש" נאָך איהם זאָגען,
און א לעמפּעלע אָנצינדען, —
זיצען „שבעה", וויינען, קלאָגען...

אויפ'ן קבר לאָמיר לעגען
בינד זכרונות פון פאַרצייטען,
און בעקרוינען און בעקרענצען
דאָרט מיט בלומען ביי די זייטען;

און אויך שטעלען א מצבה,
אויסגעהאַקט דעם נאָמען אויבען,
אז בעגראָבען דאָ, בעהאַלטען
ליעגט מיין אָבגעלעבטער — גלויבען.

פּרץ הירשביין.

פּרץ הירשביין — איינער פון די באַליעבסטע דיכטער און דראַמאַטיקער. געבאָרען אין יאָהר 1880, ארום דאָס שטעטעל קליעשטשעל, גראָדנער גוב. פּרץ הירשביין האָט אויסער א גרויסע צאָהל פּאָעטישע דראַמאַס, אויך געשריבען פארשיידענע פאַנטאַסטישע מעשה'לאך: פּאָעזי אין פּראָזא, וואָס זיינען ארויס אין א באַזונדער אָריגינעלער אויסגאַבע אונטערן נאָמען „מיין בוך". האָט אויך אָנגעשריבען א היבשע צאָהל לידער, פון וועלכע די מעהרסטע זיינען זעהר רירענדע פּאָלקסמאָטיווען. אין 1916 זיינען אין ניו יאָרק ערשינען זיינע אויסדערוועהלטע דראַמען אין פינף בענדער. אויך א באַנד רייזע באַשרייבונגען. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאָן".

דאָס ליד פון דעם נאַר.

קלינג מיין לויב-ליד שטאַרקער,
ברייטער!
איך בין גרויס, ניטאָ קיין צווייטער.
איך געוועלטיג איבער לענדער,
איבער פעלקער, איבער ראַסען.
מיין געשטאַלט ווען איך פערענדער
פלייצען פאַר מיר מענשען מאַסען,
מענשען שטראָמען ווי די טייכען
מיינס א שמייכעל צו דערבליקען —
ווער וועט וואַגען מיך אויסווייכען
ווען איך געה די וועלט בעגליקען ? !
שופרות בלאָזען, גלאָקען קלינגען
ווען איך געה די וועלט בעצווינגען...

מענשען, געטער, קנעכט און האַר
פאַלען כורעים פאַר דעם נאַר:
פעלדער צירען זיך אין גרינען,
הימלען פאַרבען זיך אין בלויען—
זון און שטערען שטראַלען שפּינען,
און דער חן און רייץ פון פרויען,
ליכט, געזאַנגען, בלומען-דופטען
וועבען, פלעכטען זיך צוזאַמען:
גאָט אליין ער שוועבט אין לופטען,
גאָט בעפעהלט דורך פייער פלאַמען
צו בעשענען מיינע וועגען —
יעדען טריט פון מיינעטוועגען...

כ'האָב א כשוף-שטאָק אין האַנד,
האָט דער שטאָק א פלאַם-בריליאַנט.
נייג איך איהם צום הימעל-ווייט
גרוילט א שוידער אויף די ערד.
נייג איך איהם צום לינקען זייט
בלאַנקט פון שייד ארויס די שווערד:
פעלקער שטורמען, הערצער קראַכען,
מחנות שאַלען, טרערען פליסען:
ווערט דער גבור מיט'ן שוואַכען
פון א בלוט שטראָם מיטגעריסען.
כ'נייג מיין שטאָק צום רעכטען זייט
ווערט די וועלט פון שרעק בעפרייט...

כ'האָב א קרוין, א וואונדער-קרוין,
האָט זי גלעקלאַך גינגאָלד-ריין:
ס'טהוט איין גלעקעל גליק אויס-
קלינגען,
ליעבעס-טרוימען וועקט דאָס צווייטע
און דאָס דריטע טהוט עס שווינגען
אין די קברים וואַכען טויטע;
קלינגען אלע גלעקלאַך מונטער —
ווערט דאָס לעבען ניי בעשאַפען —
בלאָס דאָס פנים: ווערט עס בונטער:
לאַכט דאָס האַרץ ביי האַר און
שקלאַפען:

לאכט די וועלט מיט זיהן און טעכ־
טער;
פלאצט די ערד פון לוסט געלעכטער.

כ'האב געפלאנצט אליין א גארטען
כשוף בוימער וואקסען דארטען.
איז ער גרויס גאר אונגעהויער;
יעדער צווייג מיט פרוכט בעהאנגען.
פריי און אפען טיר און טויער
פרוכט פון גארטען צו פערלאנגען.
ס'איז דער מענש אהער געבעטען
האנד און הארץ מיט מיר צו שליסען!
און מיין גארטען פריי בעטרעטען,
פון זיין פרוכט און גליק געניסען—
זינגט א פויגעל אין די צווייגען
קען דער נאר איהם הייסען שווייגען.

און מיין האנד איז גרויס און
פרעכטיג;
יעדער פינגער שען און מעכטיג.
איך דער האר פון אלע צייטען
האב די וועלט צום שפיעל געקריגען.
ס'וועלען טעג און נעכט זיך בייטען
מיך וועט קיינער ניט בעזיגען.
אין דער יונגפרוים ליבעם בליקען,
הייס איך, וועט דאס ליכט פערשוויג־
דען.
וויל איך, וועל איך ס'הארץ צופליקען
און די וואנד וועל איך צובינדען.
מענשען, געטער, קנעכט און האר
פאלען כורעים פאר דעם נאר.

עס לעשען זיך שטערען.

עס לעשען זיך שטערען אין הימעל,
עס לעשען זיך לעבענס אויף דר'ערד.
פאר וועמען ס'איז ליכטיג זיין גורל,
און וועמען ס'איז טרויער באשעהרט.

עס טרעפען זיך טייכען מיט טייכען
און גיסען אין ים זיך אריין,
און מענשען און לעבענס פערגעהען
אליין אין דעם אייגענעם פיין..

און פאלט ווען א שטערען פון הימעל,
דאן האט ער זיין ליכטיגען וועג.
און מענשען און לעבענס פערגעהען
אליין אויף א פינסטערען שטעג...

פאלקס-מאטיווען.

א.

טראלאלא.

זינגט מיט מיר א ליעדעל מיט:
טראלאלאלאלא.
ליעבט זי יא, צי ליעבט זי ניט —
טראלאלאלאלא.

כ'קום אריין אין שטוב גאר שטיל—
טריל ריל ריל ריל.
פינסטער, ליידיג ס'שפיעלט א גריל:
טריל ריל ריל ריל.

ס'קלאפט מיין הארץ, איך קלאפ
אין טיהר:
טיק טיק טיק טיק.
עפענט זי די טיהר פאר מיר —
טיק טיק טיק טיק.

זינגט מיט מיר א ליעדעל מיט:
טראלאלאלאלא.
ליעבט זי יא, צי ליעבט זי ניט —
טראלאלאלאלא.

ב.

קלאגען וועל איך...

קלאגען וועל איך מיין גאנץ לעבען,
ווען איז מיר און ווינד —
כ'האב אין אש א פונק פערשארט—
בלאזט איהם אויף דער ווינד.

כ'האב ביי'ן פענסטער אויפגעהאנגען
פאדים רויט און בלוי —
זאל ער קומען ס'פייער לעשען —
ס'קלאפט מיין הארץ אזוי...

קומען קומט ער צו מיין פענסטער—
אפען איז די טיר...
כ'האב אין אש א פונק פערשארט—
וועה און ווינד איז מיר...

ג.

געפאנגען.

דער פריהלינג געקומען דער שניי איז צוגאנגען,
זיצט אין א שטייגעל א פויגעל געפאנגען.

עס קלינגט אויף די פעלדער דיעם שניטער'ס געזאנגען
זיצט אין א שטייגעל א פויגעל געפאנגען...

פינסטער ווערט דרויסען, די זון איז פערגאנגען —
זיצט אין א שטייגעל א פויגעל געפאנגען.

די נאכט איז געקומען, די פענסטער פערהאנגען,
זיצט אין א שטייגעל א פויגעל געפאנגען.

ד.

פערל־טרערען.

פערל־טרערען פערלען זיך
פון מיין געליבטעם אויגען.
ס'האט פון ווייטען, ווייטען לאנד
צו איהר מיין הארץ געצויגען.

כ'האלט די פערל, שריי מיט פרייד:
„צו דיר בין איך געפלויגען!"
פערל־טרערען פערלען זיך
פון מיין געליבטעם אויגען.

שנירלעך פערל ברענג איך איהר
פון ווייטען לאנד צו פיהרען:
לוסטיג וועט זי האלזען מיך,
אז כ'וועל איהר האלז בעצירען.

„שנירלעך פערל ברענג איך דיר
פון ווייטען לאנד צו פיהרען,
און איך וועל דיך האלזען היים
און וועל דיין האלז בעצירען!"

און דורך טרערען זעה איך זי
פארקלעמט, דער קאפ געבויגען:—
פערל־טרערען פערלען זיך
פון מיין געליעבטעם אויגען...

ס. טשעסטער.

ס. טשעסטער — דיכטער. געבארען אין קיידאנאוו, מינסקער גוב. אין יאהר 1880. אין 1899 האט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער האט שפעטער פארעפענטליכט א רייהע ליעדער אין דער „פרייע ארבייטער שטימע„ און אנדערע אמעריקאניש־אידישע אויסגאבען. לעצטענס איז ער אין גאנצען פארשוואונדען געווארען פון דער ליטעראַרישער וועלט.

אין אָבענד.

איינזאם זיצט די אַלטע באַבע,
אויפגעלעגט די דאַרע הענד.
אין דעם קליינעם ווייסען צימער
רוהט איהר שאטען אויף די וועגד.

וויעגט זיך אום א קאפּ א גרויער,
און א פּנים פול מיט לייד,
און צוויי בלאסע, שטומע ליפּען —
אויסגערעדט פון לאנג די רייד.

ברענט א לעמפּעל מיעד און דונקעל,
גיסט זיך מאַט און געל זיין שיין,
זיצט אליין די אַלטע באבע,
וויעגט און וויעגט זיך, דרעמעלט איין.

פאלט אראב דער קאַפּ, דער מיעדער;
קומט א שמייכעל, קומט א שרעק.
רינגלען בייטען אום איהר פּנים,
קומט א טרוים און געהט אוועק.

ערגעץ פּלאנטערט זיך א פליעגעל
אין דעם נעץ פון שפּין, און זשומט.
אין דעם קליינעם ווייסען צימער
שטאַרבט א קרעכץ, א זיפץ פער־
שטומט.

קומט עס פון א שווערען הארצען,
פון א טיעפען לייד און שמערץ, —
אַדער פון א בייזען חלום
שלייכט ארויס א שטילער קרעכץ ?

פּלוצלינג גענעצט אָב די באבע,
מורמעלט עטוואס פון פּערדרוס,
בלייבט פארשטארט א ווײלע קוקען,
ווייס ניט ווער, און ווייס ניט וואַס.

עפענט זיך א ברעם א מיעדע,
טהוט א פוילע אויג א קוק ;
באלד פערשליסט די ברעם איהר
ווידער,
ווען נור גיט א ליפּ א צוק.

איינזאם זיצט די אַלטע באַבע,
אויפגעלעגט די דאַרע הענד.
וויעגט זיך, וויעגט זיך אום איהר
שאַטען
אויף די הייגע ווייסע ווע־ד.

י. ל. כהן.

יהודה־ליב כהן — פאלקסטימליכער דיכטער און פאלקלאריסט. געבארען אין יאהר 1881 אין ווילנא. אין 1904 האט ער אויסגע־וואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער האט פאר־עפענטליכט אייניגע פון זיינע אייגענע פאלקס־טימליכע ליעדער אינ'ם „ארבייטער". נאך אין רוסלאנד זייענדיג, האט זיך י. ל. כהן פיעל אב־געגעבען מיט זאמלען פאלקס־ליעדער. קומענדיג אין אמעריקא, האט ער פארפאלקאמט די דאזיגע ארבייט און אין 1912 האט די נויארקער „אונ־טערנאציאנאלע ביבליאטעק" ארויסגעגעבען זיינע געזאמעלטע פאלקסליעדער מיט מעלאדיען אין 2 בענדער, מיט אן איינלייטונג פון דעם זאמלער.

ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן".

דאס יודישע מיידעלע.

פאלקסמאטיוו.

ס'קומט צו אונז א בחור'ל
אלע מאנטאג עסען —
אוי, אוי, אוי, דעם בחור'ל,
קען איך ניט פערגעסען!

כ'עפען אויף די אויגעלעך,
קוק איך אויף דעם באלקען;
ציהען זיך די שעה'לעך,
ווי די שווערע וואלקען.

זינט עס קומט דער בחור'ל
— ס'איז שוין א וואך זיבען —
האבען זיך ניט־גוטע פיעל
צ'אונז אריינגעקליבען.

הויב איך פון דעם בחור'ל
עפעס אן צו קלערען,
ווערען מיינע אויגעלעך
פול מיט הייסע טרערען.

אין מיין מאמעס שטיבעלע
האט זיך וואס געטראפען:
אוי, אט די ניט־גוטע, אוי,
לאזען מיך ניט שלאפען!

ס'רינען אפ די טרערעלעך,
און עס ווייסט ניט קיינער —
ס'שטעהט, דאכט זיך, דער בחור'ל,
דער בחור'ל, דער שיינער.

שרעקען מיך: „דו, מיידעלע,
ביזט דאך שוין געבונדען!"
כ'עפען אויף די אויגעלעך,
ווערען זיי פערשוואונדען.

בחור'ל, דו, בחור'ל,
האב אויף מיר רחמנות! —
נעם מיך אין דיין קלייזעלע,
כ'בין דא אין סכנות...

דארטען אין דיין קלייזעלע,
לערנט מען דאך תורה;
פאר ניט־גוטע האב איך דאך,
דארטען ניט קיין מורא!

דוד קאסעל.

דוד קאסעל — בעלעטריסט און דיכטער. געבארען אין יאהר 1881 אין מינסק. צווישען די באדייטענדסטע פון זיינע זאכען אין פראזא איז זיין גרויסע דערצעהלונג „אין דארף“, וואס איז אין 1912 ארויסגעגעבען געווארען מיט נאך איינינע דערצעהלונגען. שפעטער איז אויך א צווייטער באנד פון זיינע דערצעהלונגען ערשינען. אויסער דעם האט ד. קאסעל אויך אנגעשריבען א רייהע קורצע לירישע ליעדער. אין 1907 איז אין א באזונדער אויסגאבע אין ווילנא ערשינען א גרעסערע לעגענדע „ניט בעזיעגט“. מיט איינינע יאהר צוריק האט ער אויך צוזאמענגעשטעלט א ליעדער־זאמלונג פון פארשיידענע דיכטער מיט'ן נאמען „געזאנג און דעקלאמאציע“; ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן“.

סוף ווינטער.

דונקעל ווערט דער שנעע, ווי בליי,
און דער הימעל — העל;
און די ערשטע וועל
ברעכט אין טייך דעם אייז דורך פריי.

און עס שטארבט דער ווינטער אב,
ס'שטארבט דער קאלטער ריז;
פאר דעם פריהלינג'ס פיס
פאלט זיין אלטער, ווייסער קאפ...

ערגיץ וואכט שוין אויף א בוים
און א פויגעל ברומט:
פויגלעך, פויגלעך קומט,
קומט א היים, צוריק א היים!

*
* *

א קליין און איינזאם צימער
און שאטענס אויף די ווענד,
וואס קוקען ווי מיט אויגען,
וואס פאכען ווי מיט הענד.

ס'איז שטיל ווי אין א מדבר,
ווי אין א הייל אין דר'ערד;
איך זיץ אליין, עס שרעקט מיך,
איך זיץ אליין, פערקלערט...

די שאטענס ווערען ברייטער
און וויעגען זיך באזאכט,
ווי גרויסע שווארצע שיפען,
וואס פיהרען אומעט־פראכט.

איך רוף אין הארצען איינער
מיט בענקעניש און לייד:
עס ברענט איהר גוף מיט לעבען,
איהר פנים שטראהלט מיט פרייד.

איך רוף איהר טיעף אין הארצען,
ארום איז שטום און שווארץ;
„אט געהט זי“ נארט דער מח,
„אט איז זי“ לייגט דאס הארץ!..

נח פּרילוצקי.

נח פּרילוצקי — זשורנאַליסט און פאָלקלאָריסט. געבאָרען אין יאָהר 1882 אין בערדיטשעוו, געשטודירט און גיענדיגט יוריספּרודענץ אין רוסלאַנד, אין 1908. נח פּרילוצקי האָט אין זיין פריהער יוגענד אָנגעפאַנגען זיין זשורנאַליסטישע טעטיגקייט. אזוי זייגען אין פאַרשיידענע אידישע צייטונגען און אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען ווי „אָקטאָוואַ“, „אלעקסאַנדער צ.“ און „איקס“ ערשינען זיינע פּובליציסטישע און קריטישע אַרטיקלען. האָט רעדאַגירט די זאַמעלביכער „גאָלדענע פונקען“, „דער יונגער גייסט“, האָט אויך ארויסגעגעבען אַן אייגענע ליעדער־זאַמלונג „פאַר’ן מזבח“. די לעצטע יאָהרען האָט זיך נח פּרילוצקי פיעל אָבגעגעבען מיט’ן אידישען פאָלקלאָר און האָט ארויסגעגעבען איינינע בענדער מיט געזאַמעלטע אידישע פאָלקסליעדער. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאָן“.

*

* *

ווען אין מערב זינקט די זון
און צוגעהט אין פּורפּור־פעלקען,
און דער הימעל, ווי רובין,
צינדט זיך אָן פון אלע עקען, —
קום־ארויס צו מיר אַהין,
אין די סאַמעטענע פעלדער,
וועלכע גליהען, ווי בורשטין,
אויף דעם שוים פון גרינע וועלדער.

ווען דאָס ווינטעל שמעקט מיט וויין,
און די הארצעדיגע קווייטען
שלאָפען קינדיש־הייליג איין
אויף די דימענטענע בייטען;
ווען דער טייך איז גלאַט און בלוי,
און אין לופטען ליעדער שוועבען, —
מיט דעם הימליש־רייגעם טוי
וואַרט איך דאָרט אויף דיר, מיין לעבען.

דיין געזיכט איז בלאַס ווי קרייד,
דיינע אויגען אומעט פליסען,
דיינע לאַקען פאַר דער צייט
פינקלען שוין מיט ווינטער־גריסען,
וועלקסט אין עלענד, צאַרטעס קינד,
ווייט פון גאַהרען, ווייט פון שטרעבען,
ווייט פון גליק מיט זיינע זינד,
ווייט פון לעבען, ווייט פון לעבען...

קום־ארויס! די שטילע נאַכט
פול מיט סודות איז מיט שענע,
און אַ צויבערהאַפטע מאַכט
אין די שטערענגלעך די ריינע
וויעגט זיך, און די יוגענד וואַכט
אויף דעם זיידענעם פון די זאַנגען,
הארציג־איינגעהאַלטען לאַכט
אין די קאַרטשען פון פערלאַנגען.

קום־ארויס! מיין הייסער קוש
וועט דיר בלוט און פאַרבען געבען,
אויף דעם גרינעם סעודה־טיש
וועסט געפינען פרייד און לעבען.
קום־ארויס, מיין ווייבעס קינד:
כ’וואַרט אויף דיר מיט מיינע ליעדער!
אין דעם ווילדען ליעבע־ווינד
וועל דערוואַרמען דיינע גליעדער...

ווען אין אונטערגאַנג די זון
שטום צוגעהט אין גינגאָלד־פעלקען,
און דער הימעל מיט רובין
צינדט זיך אָן פון אלע עקען,
קום־ארויס צו מיר אַהין,
אין פער’חלומ’ט־שטילע פעלדער,
וועלכע גליהען, ווי בורשטין,
איינגעפאַסט אין רינג פון וועלדער...

מיכל קאפלאן.

מיכל קאפלאן — פאלקסטימליכער דיכטער. געבארען אין יאהר 1882 אין טשערנאביל, קיעווער גוב. אין 1902 איז ערשינען זיין ערשטע זאמלונג מיט לידער אונטער'ן טיטול „די פידעל". אין 1905 איז ער אוועק נאך אמעריקא, וואו ער האט זיך באטייליגט אין פארשיידענע אמעריקאניש־אידישע אויסגאבען. אין 1910 איז ערשינען זיין צווייטע לידער־זאמלונג מיט'ן נאמען „געהטא־קלאנגען", וואס איז זעהר ווארעם אויפגענומען געווארען פון דער קריטיק. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן"; י. ע. „די נייע יודישע באלאדע", אין דעם ערשטען זאמעלבוך „ליטעראטור".

ביים אבשיעד.

(פראגמענט)

ווען ענדיגען וועסטו דיין לאנגע נסיעה,
און קומען בשלום אהיים, —
דערצעהל דארט פון אלעס, דערצעהל נאר פון מיר ניט,
איך בעט דיך, מיך האלט אין געהיים.

און וועט אויף מיר פרעגען מיין ארימער טאטע, —
דערצעהל ניט ווי ס'לעבט זיך מיר שווער,
און וועט ער דיך פרעגען וויפיעל איך פערדין דא, —
דערצעהל איהם א י ז ר ו ב ע ל ס, ס'איז מעהר.

און וועט אויף מיר פרעגען מיין ארימע מאמע, —
דערצעהל ניט פון אלץ וואס דו ווייסט.
דערצעהל איהר, איך עס דא געבראטענס און ווייצענס
זי'ט האבען הנאה, פערשטעהסט?

און וועט אויף מיר פרעגען א מיידעל, א בלאסע, —
נו, ווייסט דאך שוין וועמען איך מיין, —
איהר מעגסט דו דערצעהלען פון אלעס, פון אלעס...
נאר זי וועט ניט פרעגען, א ניין:

נאר אויפהויבען וועט זי צוויי אויגען ווי קארשען,
א קוק טהאן א מילדען אויף דיר,
און וועט זיך פערשעהמען, פערשארען א לאקען...
נו לאז איהר געריסען פון מיר.

געהערט האָב איך זאָגן, זי האָט שוין א חתן,
גו, ווינש איך איהר מזל א סך.
און זאָל איהר ניט באַנג טאָן וואָס ז'האָט מיך פערלאָזען,
ווייל אָרים בין איך אַלץ און שוואַך.

צוריק אהיים.

גענוג שוין! שרייט אוים משה יוסיל,
דאָס מוז און דאָס וועט באַלד געשעהן.
אהיים וועל איך פאָהרען, קיין וולענדיק
און טאַקע נאָך שבת, איהר'ט זעהן.

פערברענט זאָל ער ווערען, קאָלאָמבוס!
א טייפעל געפינט אוים א לאַנד!
א גיהנום, אויף מיינע נאמנות!
עס ברענט דאָ, עס פלאַקערט א בראַנד!

אהיים וועל איך פאָהרען קיין וולעדניק,
ארויסגעהן פאַמעלאַך אין מאַרק,
פערדיענען דאָרט עטליכע גראָשען
און גאָר ניט געהאָרעוועט שטאַרק.

און לעבען אין כבוד, אין נחת,
און האָבען א ווערדע ביי לייט.
א חשוב ביים פריץ חאַליוטין —
געהאַנדעלט מיט איהם אזא צייט.

א טייערער גוי, דער חאַליוטין.
ער האָט ליעב צו מאַכען א שפּאַס:
„אַט זינג", זאָגט ער, „יאַשקע, מה יפית"!
ער רעדט אזוי גראָב אויפ'ן באַס.

ער ווערט אמאָל כלומרשט משוגע,
און הויבט אָן די פריצישע שטיק:
„פּאשאָל וואָן, זשידאָווסקאַיא מאָרדא!"
און שיקט מיך באַלד רופען צוריק.

און קומען וועל איך אין בית־מדרש,
(דאָרט ברויכט מען קיין טיקעט ביים טיהר),
איך האָב דאָרט א שטאָדט אזש אין מזרח,
ניט ווייט פון ר' סענדער דעם גביר.

און הערען בן־ציון דעם חזן:
זיין טיעפען געבעט, זיין געוויין:
ער שפּרייט אוים די הענד און ער טענה'ט,
זיין טענה קען ריהרען א שטיין.

און הערען דאָרט שלום דעם מגיד,
ער רעדט אזוי האַרציג־געטריי,
ער מאָהלט אוים א חובט־הקבר —
איז פּונקט ווי איהר זייט דאָרט דערביי.

און ס'וועט זיך ארום מיר פערזאַמלען
א רעדעל אין שוהל־הויף, אין גאַס.
און איך וועל א רעדט טאָהן אין ענגליש:
„העללאָו!" וועל איך זאָגען אין שפּאַס.

„ליידים" און „דזשענטעלמען, ליסען"
„איהר לעבט דאָ ווי ווערעם אין חריין.
און ווילד זיינט איהר ווי אינדיאַנער,
און ווייסט ניט וואָס גוט איז, וואָס שעהן".

„צי ווייסט איהר, א שטייגער, וואָס מיינט דאָס
„אַפּסטעז" און „טאָפּ־פלאָר" און „די בעק",

און „לענדלארד" און „קארט" און
„סיידוואק"
און זוכען א „דזשאב" און ס'איז
„סלעק"?

„אלבעטשע" איהר ווייסט ניט וואס
„בלאף" איז,
און „העלפ יורסעלף" ווייסט איהר
וואס מיינט?
אוי, „גרינהארנס", ווילדע בארבא־
רען!
„קאלאמבוס" וואלט אייך דאך
פערשטיינט.

און שטעהן וועט דער עולם און
טראכטען:
„ס'א מזיק! ער רעדט דאס א
שפראך!"
און איך וועל זיך ברייען און ברייען.
ארומריידען איטליכע זאך.

און רענטען וועל איך דארט אין
וולערניק
ביי נחום דעם שמש א „פלעט",
און קויפען א שעהנע קאנאפע,
און קויפען א הילצערנע בעט:

און הייסען מיר קאכען א קרופניק.
איך זאג אייך, ס'א מאכל, אנטיק!
אהיים וועל איך פאהרען קיין
וולערניק,
אהיים וויל איך קומען צוריק.

אליהו איזגור.

אליהו איזגור — דיכטער. געבארען אין יאהר 1882 אין בערעזינא, מינסקער גובערניע. אויסער ליעדער האט אליהו איזגור אויך פון צייט צו צייט אבגעדרוקט אייניגע פובליציס־טישע ארטיקלען. אין 1910 איז ערשינען א זאמ־לונג פון זיינע ליעדער מיט'ן נאמען „שלאפלאזע נעכט" (פארלאג „מאדערנע ליטעראטור" ווארשוי). אליהו איזגור צייכענט זיך אויס אם בעס־טען אין זיינע נאטור־ליעדער. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן".

ווינטער.

קאלטע טעג, קאלטע נעכט. ס'ליגט די ערד איינגעהילט אין תכריכים.
גראבער אייז, בערג פון שניי אומעטום, אומעטום.
ס'שטעהען נאקעט די בוימער אין גארטען
אהן בעוועגונג און שטום.

ס'איז דער טייך איינגעשמידט ווי אין פעסטע און אייזערנע קייטען,
ס'האט א שניי־הוט דער פינסטערער וואלד אנגערוקט,
האט זיך עפעס פערטיעפט אין א חלום,
האט זיך עפעס פערקוקט.

ס'פליהט דורך זעלטען פון וואלד אין דער לופט א וואראנע,
זעצט זיך שטיל אויף א בוים, טהוט א „קרא" פליהט אוועק,
און עס ווערט ווידער שטיל אין דער פרייהייט,
וואס האט, דאכט זיך, קיין ברעג.

און עס שלאפט און עס רוהט דאס פערשטיינטע פערגליווערטע לעבען,
ס'ליגט די ערד ווי א קבר א גרויסער אהן מאכט,
ס'שטומען טרויריג די טאלען און פעלדער,
ווי בעזיעגטע אין שלאכט.

יהודה קרני.



יהודה קארני (װאָלאָװעלסקי) — העברע־איש־אידישער דיכטער. געבאָרען אין פּינסק, מינסקער גוב. ארום 1882. אין 1910 האָט ער מיטגעארבייט אין רעדאקציע פון דעם „העולם“ אין װילנא, װאו די מעהרסטע פון זיינע שירים זיינען געדרוקט געװען. האָט אויך מיטגעארבייט אין װילנער „דאָס אידישע פאָלק“. יהודה קארני׳ס ליעדער באַלאַנגען צו דער נייער ריכטונג אין דער אידישער פּאָעזי. אויך פיהלט זיך אין זיי עטװאָס קריסטליכעס.

אין מיין הארצען.

אין מיין הארצען שטעהט אן עמוד,\
אויף דעם עמוד הענגט דיין בילד;\
טאָג און נאכט א יונגער מלאך\
שטעהט אין װייסען איינגעהילט.

שטעהט און זאָגט א קליינע תפלה,\
בעט פאר זיך און פאר דעם כלל:\
שענק אונז בילד פון דיינע אוצרות\
איין־און־איינציג ליכטיג שטראהל.

ס׳שיינט די זון שוין לאנג אין הימעל,\
אויפגעװאכט האָט פעלד און שטאָדט:\
און אין הארצען איז נאָך טונקעל—\
און דער מלאך בעט נאָך גאָט...



א. מ. דילאָן.

א. מ. דילאָן (זשוכאָוויצקי) — אמערי־קאניש־אידישער דיכטער. געבאָרען אין יאהר 1882, אין זשעטעל, א קליין שטעטעל אין גראָדנער גוב. אין 1904 האָט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא. אנגעפאנגען צו דרוקען זיך האָט א. מ. דילאָן אין דעם צווייטען זאמעלבוך „ליטעראטור“. שפּעטער געדרוקט זיך אויף אין „דאָס נייע לעבען“ און אנדערע אויסגאבען. דילאָנ׳ס לידער צייכנען זיך אוים מיט זייער אָרי־גינעלער, ווילדער מיסטיק, וואָס דערמאָנט אָפט־מאָל אָן דער אָריגינאַליטעט פון אַן אבנאָרמאַלען.

ביבל. בעל מחשבות, אין „פריינד“, 1912.

פון בייזען געמיט.

א.

כ׳שלאָף אין פאַרק צונויפגעקאָרטשעט אויף דער האַרטער ערד,
כ׳שפּיר די האַרטקייט פון דער גאַנצער וועלט;
ס׳הענגט דער אָסיען הימעל פינסטער איבער מיר,
דער פאַרק דער אויסגעדאַרטער איז מיין היים און מיין געצעלט.

כ׳שלאָף אין פאַרק צונויפגעקאָרטשעט אויף דער האַרטער ערד,
ס׳דעקט עמיצער א שוואַרצער מיך אין שוואַרצען איין;
כ׳פיהל אויף זיך די שוואַרצקייט פון דער שוואַרצער, האַרטער וועלט —
שטאַרקער, שטאַרקער, עלענדער זאָלסטו מיין עלענד זיין.

ב.

אויף וועמעס מזל קלאָגט אזוי דער רעגען?
אויף מיינעם אפשר קלאָגט אזוי דער רעגען?
אָדער אויפ׳ן מזל פון א בלינדען הויקער,
וואָס שלעפּט זיך ערגיץ אויף פערשטויבטע וועגען?
צו אפשר אויפ׳ן הונט, דעם גלגול פון די וועגען?
אויף וועמעס מזל קלאָגט אזוי דער רעגען?

הערשעלע.

הערשעלע (ה. דניאלעוויטש) — פאלקס־טימליכער דיכטער. געבארען אין יאהר 1882, ארום מלאווא, פלאצקער גוב. אין 1907 איז ער־שינען א זאמלונג פון זיינע ליעדער מיט'ן נאמען „הערשעלעס ליעדער". האט אויך אנטייל גענומען אין פארשיידענע רוסיש־אידישע צייט־שריפטען און זאמעלביכער. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן".

חיים'ל און אסתר'ל.

חיים'ל און אסתר'ל,
לערנען ביי איין לעהרער;
זי איז איהם א שוועסטער'ל,
און ער איהר פיעל מעהרער...

ביידע זענען קינדערלעך,
פון צוויי ליעבע שכנים;
און זיי לעבען וואונדערלעך,
שטענדיג נור אינאיינעם.

עפנען זיי די אייגעלעך,
יעדען פריה בעגינען;
איילען זיי זיך פייגעלעך,
ביידע צו געפינען.

נעמט דער לעהרער ס'סדור'ל,
נעמט איהר פנים שיינען;
— „קום אהער, מיין ברודער'ל,
לאמיר „קריעת שמע" לייענען".

נעמט דער לעהרער ס'פסוק'ל,
נעמט ס'הערצ'ל שלאגען;
— „קום אהער, מיין טרוסיקעל,
הער מיך פסוק זאגען!"

אנגעלעהנט די קעפעלעך,
איינער אויפ'ן צווייטען;
גלאנצען זיי ווי עפעלעך,
די בעקעלעך פון ווייטען.

און דער לעהרער זעהענדיג,
ביידע אפט צוזאמען;
מאכט זיך ניט פערשטעהענדיג,
גלייך מיט טאטע—מאמען...

ביידע קינדער ווערענדיג,
עלטער קיין עין־הרע
לערנען זיך דערקלערענדי
יעדערע זיין סברא —

זי איז איהם א שוועסטער'ל,
און ער איהר פיעל מעהרער...
חיים'ל און אסתר'ל
לערנען ביי איין לעהרער.

די שעהנע זלאטקע.

ביי דעם קלארען וואסעריל,
שטעהט א קרומע האטקע,
דארטען אינ'ם אלקעריל
וואהנט די שעהנע זלאטקע.

איהרע באקען רויזעלעך,
שמייכלען מיט חן־גריבלעך;
איהרע אויגען לעבעדיג,
לאשטשען אזוי ליעבלעך.

איהרע האר צופלאכטענע,
פייכטע פונ'ם קעמען, —
גלאטיג־צארט דאס העלזעלע,
כאטש ארומצונעהמען.

עדעל ווייס די הענטעלעך,
אויפגעשארצט אין גאנצען;
שלאנקע פיסלעך בארפיסע,
שטענדיג גרייט צו טאנצען.

ווען מיר געהען, בחורים,
זומער לעב זיך באדען —
טרעפט מען זי ביים לופטשיקעל
פאכען צו דעם לאדען.

ציהט מען נאר די הויזעלעך
פון די פיס ארונטער —
הילעכט שוין איהר קול'עכעל,
מאכט אונז אלע מונטער.

טהוט מען אויס זיך נאקעטע,
לערנט מען זיך שווימען;
רייצט אונז איהר געלעכטעריל —
אז ס'איז אומצוקומען!

שפיעלט מען זיך אין קאטשקעלעך,
געהט מען אויף די קניען —
קלינגט איהר בראווא־פאטשעריי,
אז די הערצער גליהען...

מאכט מען ווער א קאזשעליק,
היכעט זי אין שפארע...
מען דערהערט איהר צוויטשערן
נעהמט ארום א פארע!...

ענדיגט מען דאס וועטעניש,
מען געהט צוריק פון טייכעל —
ווארט זי אב ביים גאניקעל,
ווארפט אונז צו א שמייכעל.

מאכט איהר ווער א חנ'דעלע,
ציטערט איהר דאס הערצעל...
זי פערדעקט זיך שעמעוודיג
ס'פנים מיט'ן שערצעל. —

רופט זי ווער אין גערטענ'דיל,
כעס'ט זי זיך דערצונדען —
און פערקלאפט דאס פארטקעלע,
ווערט דערין פערשוואונדען.

דאך אויף מארגען פאר'ן נאכט
ווייזט מען זיך ביים וואסער;
לויפט זי דורך א ברוגז'ע,
שענער נאך און בלאסער.

שטעלט זיך אין בעהעלטעריל,
הענגט די שויבען איבער
און צופייפט זיך שיקסעריש —
אזש מע האפט א פיעבער...

אזוי לעבט די בחור'טע,
רייטעלט זיך אין שטילען:
מאכט צו נאר די בחורים,
וויל קיין ליעבע שפיעלען!

נסתר.

נסתר (פנחס כהנאוויטש) — שריפט־שטעלער. געבארען אין בערדיטשעוו, זשיטאָמירער גוב. ארום 1883. נסתר איז איינער פון די מאָדערניסטען אין דער נייער אידישער בעעלטריסטיק, וואָס האָט מיט זיינע זאכען מיט־געבראכט די מיסטישע פארנעבעלטקייט פון דער קבלה אין דער נייער אידישער ליטעראטור. אויסער א באזונדער אויסגאבע מיט'ן נאָמען „העכער פון דער ערד" און א ליעדער־זאמלונג „געזאנג און געבעט" האָט נסתר אנטייל גענומען אין פארשיידענע רוסיש־אידישע אויסגאבען ווי די „ליטערארישע מאָנאטשריפטען", „גאָלדענע פונקען" א. אנד.

אויף די טירען.

א.

ווער־זשע וועט אונז ווייזען
פון דער וועלט די טירען,
ווער־זשע וועט אונז בלינדע
אויף דער עלטער פיהרען?...

עלענד מיר שוין זקנים,
אָרים און אָהן קינדער, —
וועה, צום דור צום אלטען —
אלטער דור א בלינדער.

אך, צו אונז די אלטע,
וועה, צו לייב און זינדען —
אונז דעם דור דעם לעצטען,
לעצטען דור און בלינדען.

הייטלעך אויף די אויגען,
זינד אויף שוועל און טירען,
שטרויכלונגען אויף וועגען, —
ווער־זשע וועט אונז פיהרען?...

ב.

אך, צו אונז די אלטע,
בלינדע אינ'ם לעבען,
עפּיס דאָ געשיכטעס
גייע זיך גאָר וועבען...

אונז זיי זאָגען גאָרנישט,
פרעגען קיינע עצות,
נאָר מיר פיהלען בלינדע
מעשים אונטער פלייצעס.

גיים און וויכטיגס פיהלט זיך,
שטעהט שוין אונטער טירען,
וועגען דעם די יונגע
שטיל געשפּרעכען פיהרען.

אליילען זיך אין גיכקייט,
שווייגענדיג פערנומען,
גרייטען זיך צו עפּיס...
עפּיס פאָר וועט קומען.

סוד'ען זיך און טוען...
וואָס־זשע וועט געשעהען?
וואויל איז דעם, וואָס לעבען,
לעבען וועט און זעהען...

יואל סלאָנים.

יואל סלאָנים (סלאָנימסקי) — אמעריקאניש־אידישער דיכטער. געבאָרען אין יאָהר 1883 אין דראָגאָטשין, גראָדנער גוב. צו זיין צוויי יאָהריגען עלטער האָבען זיינע עלטערען מיט איהם אויסגעוואַנדערט קיין אמעריקא, וואו ער האָט באַקומען זיין ערציהונג מעהרסטענס אין ענגלישע שוהלען. י. סלאָנים איז דער איינציגער אידישער אין אמעריקא־ערצויגענער דיכטער. זיינע ליעדער פאַרמאָגען א זעלטענעם קלינגענדיג־געזונטען ריטם, וואָס באַאיינפלוסט אָפטמאָל איהם אליין אויף אזוי ווייט, אז ער פאַרגעסט אָן זייער אינהאַלט, פּאָעטישע און אַנדערע כללים. י. סלאָנים איז אויך געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט אָנגעשטויסען אויף דעם מאָדערנעם טאָן אין דער אידישער פּאָעזי פון אמעריקא. האָט אויך געשריבען אונטער'ן פּסעוודאָנים „לוטשי קארמען", איז געווען איינער פון די מיט־רעדאַקטאָרען פון די זאמעלביכער „ליטעראַטור". ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאָן".

און רווישט דער ים.

און רווישט דער ים, און ברויזט דער ים,
דיא ווילדע כוואַליעס קאָכען,
מיך שרעקט עס ניט, מיך אַרט עס ניט,
מיין שיף ווערט ניט צובראָכען...

און ברומט דער ווינד, דער שטורעם־ווינד,
צושטערט די גרעסטע שיפען,
מיך ריהרט ער ניט. ער קען נור ווילד,
ארום מיין שיפעל שטיפען...

און רייט דער גאָט פון נאַכט און שרעק,
מיט חושך און מיט פייער,
מיך גרייכט ער ניט, מיין שיפעל פליהט,
אלץ פלינקער און אלץ פרייער...

און ברומט דער שיקזאַל ווילד און בייז,
און וואָלקענס וואַרפט ארונטער,
איך קעמף מיט איהם, מיין שיף איז קליין,
דאָך שטאַרק און געהט ניט אונטער...

רחל'ע.

רחל'ע רחל'ע קוק זיך ארום,
די הערבסט־נעבלען לייגען זיך אוים אומערום,
א שרעקליכער נאַכט־טרוים הילט איין מיר, הילט איין,
מיין קערפּער איז מיד און מיין האַרץ פול מיט פּיין,
די נאַכט אזוי פינסטער און קאַלט איז די האַנד,
און לאַנג איז דער וועג צו דער זוניגער לאַנד...

רחל'ע, רחל'ע נורע זיך צו,
ווי מילד דיינע בליקען, ווי צערטליך ביזטו,
מיין פּנים איז בלייך ווי אין ווינטער דער שנעה,
מיין הארץ איז אַ קבר פון אומעט און וועה,
און דו אזוי יונג נאָך, און דו אזוי פריש,
ווי ראָז איז דיין שמייכעל, די ליפּען ווי זיס!...

ורחל'ע, רחל'ע ווילד איז די שטאָדט,
פול טעמפּלען און קלויסטערס נור ערגעץ קיין גאָט,
די מענשען אין אייביגען שווארצען געיעג,
דאָס לעבען אַ פינסטערער ים אָהן אַ ברעג,
און איך בין אַנטלאָפען צו דיר פון דער שטאָדט,
נור נעבלען... אָך, וואו איז דיין הימעל, דיין גאָט?...

רחל'ע, קינד מיינס, אַ חלום וועב אויס,
מיין אייגענער חלום איז לאַנג שוין, לאַנג אויס,
מיין גליק האָט דער פייער פון אומגליק פערצעהרט,
און גראָה איז מיין הימעל אזוי־ווי די ערד,
מיין פלאַם פון אַמאָל איז פארלאָשען אין מיר,
מיין האָפנונג זי איז נור אין דיר, נור אין דיר...

רחל'ע, רחל'ע, קאַלט איז דער ווינט,
און ערגעץ וואו בלאָנדזשעט אַן איינזאמעס קינד,
עס פלאַטערט אין הימעל אַ שטערען אין שרעק,
אַ לבנה פערערגענט, פליהט ווייט, ווייט אַוועק,
עס ווערט אזוי פינסטער... אָך, דריק מיר די האַנד,
ווי לאַנג איז דער וועג צו דער זוניגער לאַנד...

*
* *

דער טאָג איז אוועק ווי אַ חלום
פערשלונגען אין מויל פון דער נאַכט,
מיר זיינען שפּאַציערען געגאַנגען,
געגאַנגען פערטרויערט, פערטראַכט..

עס האָבען זיך שטערנס געצויגען,
און גראָה האָט דער הימעל געבליקט,
אַ טרעהר איז ארוים פון די אויגען,
און עפּעס אין הארץ האָט געשטיקט..

די יוגענד, זי גליהט ניט אויף אייביג,
די ליבע, זי פלאַמט נור אַ צייט,
עס פליהט אין דער לופטען אַ פויגעל,
ער פליהט אזוי הויך, אזוי ווייט...

עס פליהט אין דער לופטען אַ פויגעל,
דאָך מיר קענען פליהען ניט מעהר,
די זון און דער טאָג איז פערגאַנגען,
דער וואָלקען ווערט שווערער און
שווער...

די זון און דער טאָג איז פערגאַנגען,
און ערגעץ־וואו בליצט אזוי רויט;
אָך וואָלט שוין אַ בליץ פון דעם
הימעל
אונז ביידען, אונז ביידען צושיידט.

גאָלדענע וואָלקענס.

גאָלדענע וואָלקענס אין הימעל,
גאָלדענע חוואַליעס אין ים,
בערג ווי אין פייער געצונדען,
שיפען, — שפּיץ מאַסטען אין פלאַם:

און ווייט אויף דעם בארג, אויף דעם העכסטען
א גאָלדען־פארנעבעלטע שטאָדט,
אין מיטען א ריזיגער טהורעם
וואס פלאַמט ווי די הארץ פון א גאָט.

פליסט זיך מיין שיפעל אין וואסער
דורך חוואַליעס פון גאָלד און פון גלאַנץ,
און ס'שפּרינגען די וואסער־געטינען,
און זינגען אין וויים־בלויען טאַנץ.

פליסט זיך מיין שיפעל אין וואסער,
אך, ווען וועט שוין קומען די צייט?
פּאַלאַצען פון גאָלד און פון פּעריל,
דאָך אלץ אזוי ווייט, אזוי ווייט...

וואָלט איך.

וואָלט איך אויף דער וועלט האָטש איין פריינד נור געהאַט,
ווי גוט וואָלט מיר זיין,
עס וואָלט מיר בעלויכטען מיין וואָלקענדיג הארץ
זיין ווארימער שיין...

וואָלט איך אויף דער וועלט האָטש איין ליעבסטע געהאַט
אויף אייביג געטריי,
וואָלט איך יעדען פריהלינג געפונען מיין גליק,
מיין יוגענד אויף ס'ניי...

וואָלט איך אויף דער וועלט האָטש איין גלויבען געהט,
איין־איינציגען גאָט,
וואָלט איך פון קיין שאָטענס און ספקות געוואוסט
געפיהלט זיין גענאָד...

הערבסט.

א.

געוויינט האָט די נאכט ביי מיין פענסטער,
געוויינט און געפליקט זיך דיא האָאר,
און שאָטענס אין הארץ מיר געוואָרפען,
א שעה איז געווען מיר א יאָהר...

און איך בין אליין אין מיין צימער
געזעסען, און טרוי'ריג געטראכט:
פארוואס זאָל דאס הארץ מוזען ליידען,
פארוואס זאָל דען וויינען די נאכט?

און ווילד האָט דער ווינד מיינע שטאָרען
געריסען, געשריגען מיט כעס,
און בלעטער פון בוימער געוואָרפען,
געלאָשען לאַמטערנעס אין גאס...

און איך האָב דערפיהלט אויף מיין אקסעל
א קאַלטע, א צערטליכע האנד,
און עמיץ דערזעהן אין דעם נאכט־ליכט,
מיט בלייכען געזיכט ביי דער וואַנט..

א ציטרינער בין איך געבליבן,
געוואוסט ניט פאַרוואָס און פאַרוועו,
געקוקט אויף איהר מיד און דער־
שראָקען
וואו האָב איך זי ערגעץ געזעהן?...

און זיא איז געשטאַנען, געמורמעלט,
געקוקט אזוי בלייך נור צו מיר:
„איצט טראָג איך צובראָכענע
צווייגען,
אמאָל געהאַט רויזען פאַר דיר...

„איצט טראָג איך צובראָכענע
צווייגען“—
א טהיר האָט זיך שטיל, שטיל
פערמאַכט,—
איך בין מיט א ווילדען געיאָמער
ארויס אין דער ייינענדער נאַכט...

ב.

די בלעטער וועלקען געל און רויט,
און פאַלען פון די ביימער:
די ביימער שטעהען אלט און מאַט
ווי האָפנונגסלאָזע טרוימער...

די קליינע ביימער בויגען זיך,
און נורען זיך צוזאַמען,
ווי שעפעלאך אין ווילדען פעלד
פערלאָזען פון דער מאַמען...

די שווארצע קראָהע קוועלט און
לאַכט,
עס וואַקסען בייזע אימות,
די גראָזען זאָגען ווידוי שטיל,
עס וויאַנען די חלומות...

די קליינע ביימער נורען זיך,
און שווארצע וואָלקענס שוועבען,
אוי־וועה, אוי־וועה, צו טראָגען זיי
אוועק מיין יונגען לעבען?...

דער נאָרד־ווינד ברומט, ער קומט,
ער קומט
מיט מאָרד־לוסט און רציחה,
פרעסט אוים פון בלום די זאַפט
און קראַפט,
בויט אויף א מאָרד־מלוכה...

אוי־וועה, אוי־וועה, איך פיהל פון
שנעע
די קאַלטקייט פון דער ווייטען,
דער ליבער זומער פליהט אוועק,
דער ווינטער קומט צורייטען...

ג.

די גליהענדע זון פון׳ם זומער, דעם שעהנעם, איז פּלוצלונג אוועק,
אין דער ווייטקייט אוועק,
אזוי־ווי א קראַנקער אין שרעקליכע אנגסטען וואָס ציטערט פון שרעק,
פון פיבער און שרעק.
דער טויט איז ארוים אויף דער וועלט, אויף דער וועלט,
געהילט אין א מאַנטעל פון גראָהקייט און קעלט,
און פערדאַרט, און פערגעלט
מיט זיין שרעקליכען אָטהעם דאָס פעלד און דעם וואַלד.
און איבערגעלאָזען אויף ביימער און גראָזען
די פלעקען פון רויט־ברוינעם וויין, וואָס געטרונקען

האָט ער ביי דעם קבר פון זומער.
אוּן ער האָט געזונגען
אין טויטליכען קומער:
„ס'מוז דאַרבען און שטאַרבען אַלצדינג וואָס איז אַלט,
אַלצדינג וואָס איז אַלט!...“

איצט קרעכצען די ווינטען אין וואַלד, אין דעם הוילען, אַזוי־ווי אין פּיין,
אין עלענד און פּיין,
אַזוי־ווי זכרונות געווינשטע וואָס זיינען קיינמאָהל ניט געווען
און וועלען ניט זיין.
און ס'פליהען אום פויגלען מיט פליגלען צופליקטע,
און ווילען וואָס זינגען דאָך בלייבען דערשטיקטע,
און ווערען פערשוואונדען צו זוכען וואו רוה,
דאָך קיינער ניט, קיינער ניט, וויים ניט אַוואו.
און ס'בלאָנדזשעט דער אומעט אויף פעלדער אַרום,
און וואַנדערט אויף וועגען פעראיינזאַמט און קרום,
זוכט אוים זיך אַ פּלאַץ ביי אַ טויט שטילען טייך,
און קניהט ביי אַן אַלטען, אַ ווערבענעם בוים,
און וויינט וואָס דאָס לעבען איז קורץ און ניט רייך,
און וויינט וואָס עס זינקט און פערשווינדעט דער טרוים,
און ס'בלייבט נור דער שוים...

בוך
ה
התרס״ה-התר״ע
1910 — 1905
ד. ליכטענשטיין

מאני לייב.

מאני לייב (בראהינסקי) — איינער פון די באדייטענדסטע דיכטער פון דער מאדערנער אידישער ליריק אין אמעריקא. געבארען דעם 22טען דעצעמבער, 1884, אין ניעזשין, טשערניגאווער גוב. אין 1905 האט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער האט אנגעפאנגען זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט. מאני לייב איז ניט נאר איינער פון די מאדערנע שעהנסטע דיכטער, ביי וועמען די פיינסטע לירישע ליעד האט זיך אויסגעלייטערט און איז דערצייטיגט געווארען ביז איהר דינסטער פאלקאמענהייט, נאר איז אויך איינער פון די ערשטע אין וועמעס פעדער די אידישע באלאדע האט אויפגעלעבט און אויסגעצייטיגט מיט איהר גאנצער פאלקסטימליכקייט און לעגענדאריש־מיסטישען צויבער. זיינע צוויי באלאדען, וואס ווערען דא געבראכט, האבען צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער אידישער באלאדען־פאעזי. ביבל. ש. ניגער, אין דער „אידישער וועלט“, 1914.

אבענד און נאכט.

א.

טויבענשטילע, בלויע אבענדשטונדען!
שפרייט מיין אבענד שטילען טרוים צושפרייטער —
איצטער גליהען גלוטיגער און רויטער
מיינע רויטע רויזען — מיינע וואונדען — — — —

איצטער שטארבט דער לעצטער גאס־געפילדער;
טריט און ווערטער הילכען שטילער, ווייכער,
אויגען בענקענדע נאך אויגען פלאמען בלייכער,
הענד אין הענד געדריקטע רעדען עפעס מילדער,

איצטער ווערט מיין בענקשאפט גאלד געצונדען,
הייסער איז מיין בלוט, מיין אויג קוקט ברייטער!
איצטער, איצטער ברענען רויטער, רויטער
מיינע רויטע רויזען — מיינע וואונדען!

ב.

דער טאג פארגעהט.
טו אן א ווייסע קלייד
און לאז פאנאנדער דיינע צעפ,
און אויפ׳ן קאפ ציה אן א קרעפ
און טרייסעל אב פון טאגעדיגען שטויב דיין זעעל —
און געה דריי טריט ארויס פון דיין פארשטויבטען שוועל. —

די אויגען טרויעריג צום מעריב רוים געווענדט,
פארברעך אין תפילה׳דיגען שווייגען דיינע הענד
און מיט פארקלעמטע ליפען שמייכעל שטומערהייט:
דער טאָג פארגעהט...
דער טאָג פארגעהט, דער טאָג פארגעהט... ער מוז פארגעהן...
און אויב דיר ווילט זיך וויינען, וויינען — וויין...
דער טאָג פארגעהט...

ג.

אויף מיין קאַלטען שווארצען פענס־
טער
שוועבט א שמעטערלינג ארום,
צאפּעלט זיך און בעט זיך שטום
צו מיין לעמפּעל, צו מיין לעמפּעל.

קאַלט און פינסטער איז דער אָבענד..
טהייערינקע, קום אריין,
ווער פערברענט אין העלען שיין,—
קאַלט און פינסטער איז דער אבענד..

ד.

דער ים איז אָפען ברייט און טיעף,
איך שטעה ביים ים — אליין.
איך זעה פון ברעג דאָרט ווייט א שיף
אין ווייטע לענדער געהן.
איך קוק איהר נאָך. די זון פארגעהט.
דער נעבעל וואקסט. דער ווינט

מיט נאכט און קעלט אין פנים וועהט.
די ווייטע שיף פארשווינדט.
דער ים איז פינסטער, גרויס און
טיעף
און רוישט ביי מיינע פיס.
א גוטע נאכט. ע! ווייטע שיף —
אין ווייטע לענדער גריס!

נאַכט.

זי וועט ארומגעהן בלינדערהייט
מיט בלינדע פינגער טאפּענדיג
אין גאסען אויסגעלאָשענע,
מיט בלינדע פינגער קלאַפּענדיג
אין פענסטער צוגעשלאָסענע.

זי וועט זיך זעצען ביי א פּלויט
די שווארצע האָאר צושויבערען,
אויף אימיצען צו לויערען
און אימיצען בעצויבערען,
און אימיצען בעדויערען...

ביים קאַמין.

א.

זי שפּיעלט. איך וויין. די לאנגע ציטערדיגע פינגער
ווי ווייסע לאנדישען, פארבענקטע אין דער פינסטער —
פארבענקטע זוכען זיי, און בלאָנדזשען און געפינען.
און מיינע קינדער וויינען, וויינען, מיינע קינדער.

איך האָב אין אָווענד אַנגעטהאָן זיי ווייסע העמדלעך,
איך האָב געלייגט זיי שלאָפען, און דעם לאָמפּ פערלאָשען.
די טיהר פערשפּארט, אין האנד געהאלטען לאנג דעם שליסעל,
די טרעפּ אראָפּ, און ביז אהער אזוי געקומען.

זי שפּיעלט. איך וויין. די לאנגע ציטערדיגע פינגער
ווי ווייסע לאנדישען, פערבענקטע אין דער פינסטער —
פערבענקטע זוכען זיי, און בלאָנדזשען און געפינען.

און מיינע קינדער, קליינע, אין די ווייסע העמדלעך,
מיט שלאָפעדיגע אויגלאך שטעהען דאָ און וויינען,
מיט שלאָפעדיגע אויגלאך וויינען מיינע קינדער...

ב.

מיין ווייסע פרייד.

העי, איהר, ביי מיינע הויכע טויערן,
די גאנצע נאכט מיט פאקלען וואכט!
מיין ווייסע פרייד אין דרייצען שלייערן
דארף קומען היינט צו מיר ביינאכט.
פליהט מיין ווייסע פרייד אין שליטען
מיט די זיבען ווייסע פערד,
איהרע שלייערן צושיטען
ווייסע ווינטען אויף דער ערד,
און זי יאָגט די ווייסע פערד.
העי, איהר פראלט אויף די הויכע טויערן,
שפּאנט אויס די פערד ביי מיר אין הויף.
מיין ווייסע פרייד אין דרייצען שלייערן
אהערצו ברענגט, און וועקט מיך אויף!
ביי דעם בלויען, ביי דעם רויטען
שטילען פייער פון קאמין
פאלט איין שלייער נאָך א צווייטען,
דרייצעהן, — זעהסטו ווי איך בין! —
און זי וואַרפט זיי אין קאמין.
העי, איהר פארשפארט די הויכע טויערן,
געהט שלאָפט ווי הינט אין אייער שעה!
מיין ווייסע פרייד אין דרייצען שלייערן
איז איצט מיט מיר אזא אט דאָ.

שנעע.

א שנעע צושפּרייט זיך אויף די גאסען, ווייס און ווייך און שטיל,
און ווייס און ווייך און שטיל שטעהט אויף אין הארצען א געפיהל,

וואָס איך אליין האָב לאַנג שוין איינמאָל אין אַ בייזע צייט
פערבאָרגען אין מיין הארצען טיעף פון זיך און גאָט און לייט...

עה, עך... ס'איז גוט אזוי ביים פענסטער, זיצען אהן אַ ליכט.
ביים ווייכען בלויען שיין פון שנעע ווערט שאַרפער דיין געזיכט.
און דיינע הענט, זיי ווערען אזוי לאַנג און בלייך און דאַר,
און דיינע אויגען — וועה איז מיר, דו וויינסט? — דו נאַר, דו נאַר
ווי וויינט זיך דאָס אַ גרויסער מענש אין מיטען נאַכט אזוי
ווען אויף די שלאָפעדיגע נאַסען שפּרייט זיך אויס אַ שנעע?
דו לאַכסט? עי, הער שוין אויף! דיין לאַכען שרעקט מיין הארץ אזוי,
כ'וועל אָנצינדען אַ ליכט... אויף יענעם זייט פון אָקעאַן
מיט באַנען ווייט, איז דאָרט אַ לאַנד אַזאַ פּאַראַן,
און שנעע איז דאָרט... און שנעע איז דאָרט...

ווינטער.

פאַר מיינע פאַרקלערטע שויבען
הייבען זיך העכער, העכער
הויכע פאַרשנייטע דעכער,
הויכע און זילבערנע הויבען.

פאַר מיינע פאַרקלערטע שויבען,
איבער פאַרשנייטע דעכער
הויבען זיך העכער, העכער
דווּכלאַך ווי זילבערנע טויבען.

*

*   *

איך האָב דיך פיינט... נור ווען פאַרוויגט און צערטליך איינגעקוסט,
דאָס בלאַסע קראַנקע קינד אין שמייכעלדיגער זיסער רוה,
אַ רגע — עפענט אויף די אויגעלעך — אַ רגע — שליסט זיי צו,
מיט שלעפעריגע ליפּלאַך ציהט זיך צו דיין ליעבער ברוסט;

און פון די אויגען דיינע טרעהרען רינען שטיל אַראָפּ
באַטויענדיג דאָס קינדיש פּנים'ל מיט טרערען-טהוי,
דאַן בויג איך טיעף צו דיינע פיס, מאַדאָנאַ, אָט אזוי,
מיין זינדיגען, מיין זינדיגען, מיין אונגליקליכען קאָפּ!

ליולינקע מיין אינגעלע.

טיהר און פענסטער צוגעשלאָסען,
און דאָס לעמפּעל אויסגעלאָשען,
ליולינקע מיין אינגעלע.

שטיל און פינסטער איז אין חדר.
— פאַ! ווער שאַרט עס דאָרט
כסדר?
— ליולינקע מיין אינגעלע.

ס׳שאַרט אַ מייזעל אין די ספרים.
— קומען מתים פון די קברים?
— ליולינקע מיין אינגעלע.

אויף די קברים וואַקסען בלומען.
—פאַ! ווען מעהר די מאַ ניט קומען?
ליולינקע מיין אינגעלע.

לייטער איהר נשמה בורא! — —
— פאַפאַ! פאַפאַ! איך האַב מורא!
— ליולינקע מיין אינגעלע.

כ׳וועל דיך היטען ווי די מאַמע.
וועל דיך היטען ווי די מאַמע — —
ליולינקע מיין אינגעלע.

די ווינטער-נויט.

נאָך שלאָפט די גרויע גאַס אין קעלט און שנעע געשמידט...
דער ווינד — אַ היימלאָזער — איהם איינעם שלאָפט זיך ניט,
און ווי די גאַנצע נאַכט טרייבט ער אין גאַס זיך אום
און וועהט מיט שניי און שטויב און וואַיעט בייז און שטום...

און אין די מויערען די מענשען ווערען וואַך,
און קליינע פייערלעך אין פענסטער פינקלען שוואַך,
און אויף די מויערען צוציהט זיך ווי אַ שטריק
אַ לאַנגער הייזעריגער פייף פון אַ פאַבריק.

ווער איז דאָס יענע ערשטע אין דעם נייעם טאָג,
וואָס איז געבליבען שטעהן אַ ווײַלע אויפ׳ן ראָג,
און קוקט זיך אום אַרום, מיט אויגען — סם און האַס,
און לאָזט אַוועק זיך שפאַנען אין דער לייגג פון גאַס?

דאָס איז די אַלטע, קאַלטע, גרויע ווינטער־נויט,
זי כאַפט זיך אויף די ערשטע שעלטענדיגערהייט,
זי קומט אין גאַס די ערשטע, שעלט אַזוי און שפּאַנט,
און טראָגט אַן עמער קויהלען אין איהר דאַרע האַנט.

שטילער... שטילער...

שטילער! שטילער! רעדט ניט הויך!
שטעהט געבויגען שוואַרץ און בלייך.
איינגעבויגענע אין פּיין,
שווייגט און האַלט דעם אַטהעם איין.

פון דער טיעפער נאַכט אַרויס
און פון קיינעם ניט געהערט,
וועט ער אויף אַ ווייסען פערד
קומען שטיל צו אונזער הויז.

פון זיין לויטערען געזיכט
און זיין קלאָהרען ווייסען קלייד
וועהען וועט אויף אונז די פרייד,
פאַלען וועט אויף אונז זיין ליכט.

זייט נאָר שטילער! רעדט ניט הויך!
שטעהט געבויגען שוואַרץ און בלייך.
איינגעבויגענע אין פּיין,
שטעהט און האַלט דעם אַטהעם איין.

אויב מען האָט אונז אָבגענאַרט,
און מען האָט אונז אויסגעלאַכט,
און די גאַנצע, לאַנגע נאַכט
האָבען מיר אומזיסט געוואַרט.

וועלען מיר אין אונזער בראָך
בויגען זיך צו׳ם האַרטען דיל
און מיר וועלען שוויינען שטיל,
שטילער נאָך און שטילער נאָך.

זייט זשע שטילער! רעדט ניט הויך!
שטעהט געבויגען שוואַרץ און בלייך.
איינגעבויגענע אין פּיין,
שטעהט און האַלט דעם אָטהעם איין.

בלימעלעך, קרענצעלעך.

בלימעלעך, קרענצעלעך מאָלט אויף די שויבען דער פראָסט,
און אין דעם קוימען דער ווינט אַזוי וואַיענדיג בלאָזט. —
גוט איז אונז איצטער ביי׳ם פרעהליכען פייער אין הויז!
ביזקעל דער נאַפּט אין דעם שטילינקען לעמפּעל געהט אויס,
ביזקעל דער זייגער טהוט ברוגז׳לעך שעפּטשענען: — „שפּעט,
צייט שוין צו ליגען אין וויינען, אין וואַרעמען בעט“. —
וועל איך ביי׳ם וואַיענדען בלאָזען אין קוימען פון ווינט
מעשה׳לעך ליעדעלעך זינגען, דערצעהלען מיין קינד.

אין אַזאַ נאַכט האָט אין וועג זיך געלאָזען אַ איד.
אונטער׳ן אָרים אַ פּעקעל, טויט־הונגעריג, מיעד,
נאָר מיט בטחון אין האַרצען צו׳ם האַר פון דער וועלט,
שלעפּט ער זיך עלענד אין אָפענעם שנייאיגען פעלד.
פעלד הינטער איהם און פאַר איהם אין דער וויים, אין דער ברייט,
שנעע איז איהם איבער די קניע און דער וועג איז פערוועהט,
און ווי אַ פויגעל אַ ווילדער, טראָגט אום זיך דער ווינט,
הורבעט אין שנעע, גיט אַ דרעה אין דער לופט און פערשווינדט,
קומט באַלד צוריק, רייסט דעם אידען די פּאָלעס און באָרד, —
קוים מיט די כחות דער איד האַלט זיך איין אויפ׳ן אָרט.
הויבט אויף דער איד צו דעם הימעל מיט רחמים זיין בליק:
גאָטעניו, ברייננ דו בשלום אהיים מיך צוריק!
נאָר איבער איהם איז דער הימעל אַ גרויער ווי בליי,
און אַרום איהם טראָגט דער ווינט זיך אַ ווילדער און פריי.
הערט ניט דער הימעל דעם אידען׳ס געבעט און געשריי,
שטויסט איהם דער ווינט און ער וואַרפט איהם אַ מיעדען אין שנעע.
אויפשטעהן פון שנעע האָט שוין מעהר ניט קיין כח דער איד
עפּעס אַ פוילקייט אַ זיסע פילט אין יעדען גליעד. — — —
און אין די ביינער צוגיסט זיך אַ וואַרעמע רוה,
אָט און די אויגען פּאַמעלינקע שליסען זיך צו. —

פלוצלונג — ער גלויבט זיך אליין ניט, א קרעטשמע זאָל זיין?!
ס'שלאָגט אין דער נאכט פון א פענסטער א פרעהליכער שיין,
ס'ריפּעט דער ווינט מיט'ן טויער, מאכט צו, עפענט אויף,
שליטענס געלאָדען מיט סחורות פעל שטעהען אין הויף,
און ביי די שליטענס פערבונדענע שטעהען די פערד,
עסען דעם פאבער און רייסען דעם שנעע ביז'ן ערד.
פרעהט זיך דער איד וואס דער בורא האָט אין אזא נאכט
איהם צו א מענשישען ישוב בשלום געבראכט.
קלאַפּט ער אין טיהר, און מען עפענט איהם באלד — סארא פרייד!
פרעהליכע אידישע פּנים'ער, אידישע רייד!
איבער'ן שטוב גיסט דער הענג־לאָמפּ א ליכטיגקייט אויס,
ס'טראָגט זיך א ריח פון בראנפען און טאבאק און שוויים. —
גיבען די אידען איהם „שלום" — „פון וואנען א איד?"
לאכט ער, — אז ער האָט געלאָזט זיך צו פוס פון יאריד
און אז דער וועג איז געוועזען אביסעלע שווער,
האָט ער געבלאָנדזשעט ביז ער האָט געטראָפען אהער.
לאכען די אידען מיט איהם. נאָר זיי ווערען באלד שטיל...
יעדערעַנ'ס הארצען פילט אַן א רחמנות־געפיהל,
יעדערענ'ס פנים און שטערען ווערט כמורנע, פערטראכט, —
„ווי לאָזט א איד זיך צו־פוס געהן אין אַט אזא נאכט?!"
ווערט באלד, דער טיש מיט מאכלים און בראנפען געגרייט,
וואשט זיך צו'ם עסען דער איד, מאכט „המוציא" אויף ברויט,
זאָגט צו די אידען „לחיים" — „לשלום ר' איד".
עסט ער און טרינקט, און א ווארימע, זאטיגע פריד
גיסט זיך, צוגעהט אין זיין הארץ, אזש די לייב ווערט איהם הייס,
ווישט מיט'ן האנט אזש פון פנים דעם ווארעמען שווייס.
עסט ער און טרינקט און ער עסט, אזש עס געהט שוין ניט מעהר,
בענקט ער, און ס'שיינט אין זיין אויג א גאָטספארכטיגע טרעהר.
איצטער וואָלט ער מיט די אידען געשמועסט ביז שפּעט!
אָבער עס ווארט און עס ווינקט איהם די פוכאווע, בעט,
אָבער די ביינער, דערוווארעמטע, גארען נאָך רוה,
און ווי פון זיך זיינע אויגען האלב שליסען זיך צו,
און צו דעם קישען עס ציהט זיך און נייגט זיך דער קאָפּ,
פאַלט ער אזוי אין די קליידער אין בעט ווי א סנאָפּ.
פּלוצלונג דערפיהלט ער זיין האלז ווערט צוזאמענגעדריקט,
עמיצער ווארפט זיך אויף איהם, אזש דער אָטהעם פערשטיקט!...
און ער דערזעהט באלד זיין ווייב און די קינדערלעך שטעהן,
ברעכען די הענט, ברעכען אויס אין א ביטער געוויין. —
אי ניט געווײנט האָט זיין ווייב און קיין לייבליכעס קינד,
נאָר איבער איהם אויפ'ן פעלד האָט געוואָיעט דער ווינד.
מאָרגען פריהמאָרגען, ווען שטיל נאָך געשלאָפען איז גאָט,
זיינען שוין גוים מיט שליטענס געפאָהרען אין שטאָדט,

האבען די גוים געפונען דעם אידען פערוועהט,
האבען די גוים געפונען דעם אידען שוין טויט.
האבען די גוים ארום זיך דעם טויטען צושטעלט,
האבען זיין פעקעל צושפענט „הא, הא, וויפיעל געלט!"
האבען די גוים זיין טלית און תפילין בעטראכט.
איינער א גוי האט גאר גראב אויפ׳ן קול זיך צולאכט,
אבער די אנדערע זיינען געשטאנען ווי שטום
און נאכאנאנד זיך גע׳צלם׳ט דערשראקען און פרום.

בלימעלעך, קרענצעלעך מאלט אויף די שויבען דער פראסט,
און אין דעם קוימען דער ווינט אזוי וואיענדיג בלאזט. —
גוט איז אונז איצטער ביים פרעהליכען פייער אין הויז!
ביזקעל דער נאפט אין דעם שטילינקען לעמפעל געהט אויס,
ביזקעל דער זייגער טהוט ברוגז׳לעך שעפטשענען: — „שפעט,
צייט שוין צו ליגען אין וויכען, אין ווארעמען בעט".
וועל איך ביי׳ם וואיענדען בלאזען אין קוימען פון ווינד
מעשה׳לעך, ליעדעלעך זינגען דערצעהלען מיין קינד.

משה טייטש.

משה טייטש — דיכטער און בעלעטריסט. געבארען אין יאהר 1884, אין דארף ווארטאצי, ווילנער גוב. אנגעפאנגען זיין ליטעראַרישע קאריערע האט משה טייטש אין 1903. אין יאהר 1906 האט ער צוזאמענגעשטעלט א קליינע זאמלונג מיט ארבייטער־ליעדער פון פארשיידענע דיכטער. האט אויך צוזאמענגעשטעלט אן עהנליכע זאמלונג פון ליעבע־ליעדער מיט'ן נאמען „ליעבע". אין 1910 איז אין שימינס פארלאג ערשינען אן אויסגאבע פון זיינע שריפטען. פאעזי און פראזא אין 3 קליינע בענדער. משה טייטש איז מעהרסטענס א נאטור־מאלער אין זיינע ליעדער און איז אלס אזעלכער איינער פון די דריי פיער באדייטענדסטע און אריגינעלסטע דיכטער אין דער אידישער פאעזי. ווי געזאגט האט משה טייטש אויך אנגעשריבען א היבשען טייל פראזא. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן".

* * *

מיט יעדער פערשטארבענער האפנונג
לעשט אוים זיך אין הארצען א שטערען.
ס'ווערט גרעסער אין מח דער דלות,
אין ד'אויגען בלייבט ווייניגער טרעהרען.

מיט יעדער פערשטארבענער האפנונג
פאלט אב א שטיק גאלד פונ'ם לעבען.
עס קומט די פערצווייפלונג אין שווארצען
און זעצט זיך תכריכים שטיל וועבען.

מיט יעדער פערשטארבענער האפנונג
פערבלייבט מען אלץ מעהרער אנטשוויגען
עס ווילט זיך ניט זאגען דעם אמת,
און ס'ווילט זיך ניט זאגען קיין ליגען...

* * *

געדיכט איז מיט וואלקענס דער הימעל פערצויגען.
אין לופט, דאכט זיך, שוועבען פערביטערטע אויגען,
וואס שטעכען, ווי שפיזען, און לוגען, ווי ראבען,
און מאהנען־דערמאהנען פערדריסליכע זאכען,
וואס זיינען פון לאנג שוין פערגעסן, בעגראבען.

און קומט דער פארנאכט, ווערט ניט בעסער, ניט גרינגער
דער ווינט קלאפּט אין פענסטער, אזוי ווי מיט פינגער,
ווי אַש־גרויע פלעקען פון אלע פיער עקען
בעפאַלען דיך שאַטענס מיט ווילדע הכנות,
און טרייבען ליצנות, ביכיקען און שרעקען.

און ס׳טרעפט, אז פון שלאף רייסט דיך אויף און עס וואַרענט
דער חשבון הנפש אין כעס, פערצאַרענט,
און וואו נור א ווינקעל, דאַרט שטעהט ער און ציטערט,—
באלד גיבען די אויגען מיט בייזקייט א פינקעל
און ווייטער אַלץ בלאַנדזשען די בליקען פערביטערט...

ליטאַ.

בארג ארויף, בארג אראב — אויף ווערסטען, אויף מיילען
שלעפט זיך א פוהרעל, סקריפּעט אנ׳אַקס,
פאַראומערט קוקען די מאַגערע תבואות,
עס שמייכעלט־צו ביטער דער שיטערער פלאַקס.

עס ציהען זיך גריקעס — ווי נידעריג אָרים.
שוין צייט באלד צו שניידען, נאָר פּוסט איז דער זאַנג,
עס שטעהט אויף א מעזשע צוטריקענט א בוימעל
אָהן בלעטער, אָהן חיות, א טויטעס פון לאַנג.

און ווייטער און ווייטער... רינט שטיל די ווילייע,
די ליטווישע מאַמע צום ניעמאַן זיך ציהט:
זי טהוט, וואָס עס קען זיך — זי שפּייזט איהרע פישער
און טראָגט אין די אָרעמס א פּליט נאָך א פּליט.

און פּאַזע די ברעגען צוואָרפּעגע שטעהען
און קוקען פערטרויערט אזוי ווי יתומים —
פיעל פּויערשע הייזלעך געדעקטע מיט שטרוי,
דער הימעל איז חמאַרנע, דאָס לעבען איז גרוי.

און ס׳ארבייט דער פּויער מיט שוויס פּאַר׳ן פּריץ
אין פּרוכטלאָזען פעלד, אויף די טרוקענע זעמד —
בילדער פון ליטאַ, פון אָרימען היימאַט,
ווי לעבעדיג שטעהט איהר פאַר מיר אין דער פרעמד!

הערבסט.

א.

לאַנג אבגעבלאַנקט האָבען אין פעלדער דער סערפּ און די קאָסע,
די תבואות — זיי זענען אויף העלפט שוין אין שייער:
אויף לעדיגע בייטען וועט פאַלען די זילבערנע ראָסע
און שניטערקעס וועלען ניט זינגען מעהר היי־יאָהר.

און נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג... וועגענער לאַנגע בערויבענע
די מאַמע, די ערד, פון דער פּריה, פון בעגינען, —
און אַז די לבנה ביי נאַכט וועט אַ קוק טהון פון אויבען,
וועט זי אַ פער׳יתום׳טע פעלד שוין געפינען.

ב.

ווייט פון וועגען, וואו מען זעהט קיין דורכגעהער, קיין פאָהרער
ערגיץ אין אָוועלדעל ביי אַ קרעניצע אַ קלאָרער,
ליעגט פון אייביג אַן אַ גראָהער שטיין אַ שטומער —
אויפ׳ן שטיין דאָרט זיצט יעצט אין אַ הערבסט־מאַנטעל דער זומער.
אַהנמעכטיג די הענד אַראָבגעלאָזט, די אויגען דעקט אַ כמאַרע.
אויפ׳ן קאָפּ אַ קראַנץ פון האַלב־פערוועלקטע בלעטער דאַרע,
אויף די בלאַסע ליפען גאַנצע שניר פון ליעבע־סודות שטילע —
אין ערוואַרטונג זיצט ער און ער שעפּטשעט אויפ׳ן וועג אַ תפילה.

ס׳פערגעהט די זון, עס נעהמט אַרום די נאַכט פון אַלע עקען,
דאַמאַלסט נעהמט אין האַנד דער וואַנדערער זיין שטעקען,
לאָזט זיך געהן פון וואַלד אַרויס אויף ברייטע וועגען,
און ביים שייד־וועג, האַלבע נאַכט פונקט, קומט איהם עמיצער אַנטקעגען.

פערשפּעטיגטע דורכגעהער האָבען ניט איינמאָל סוף זומער געטראָפען:
עס קומען צונויף זיך ביים שייד־וועג צוויי שאָטענס פון דרום און צפון;
זיי גיבען די הענד זיך ביים גלאַנץ פון לבנה און שיידען זיך ווידער —
ווי לייבליכע ברידער.

ג.

איבער ברייטע, וויסטע פעלדער
שטופט דער מיעדער הערבסט זיין וועגעלע,
און ער קרעכצעט: שווער די משא.
נודנע טאַטשעט שטיל אַ רעגעלע.

אויף די פאַרקאַנס שרייען קראָהען,
מעהרער חשך, רעגנען פאַדערען —
און די הימעל־הויט, ווי פאַרמעט,
אויסגעזייהט מיט שוואַרצע אָדערען.

און די וועלט אַ בית־הקברות,
אַ פער׳כשופ׳טע, פערשוואַרצנע,
נעכט פערזונקענע אין מבול,
און די טעג, ווי טויט־געבאָרענע.

ווינטער.

א.

זיצט די צייט און טראכט איהר כשוף,
פלעכט איהר קנויל און ציהט דעם
פאָדעם
נעהען טעג פון הערבסט ערמיעדעט
אין די אָבגעניצטע בגדים.

גאָר ניט לאַנג—אַ, ווי געגרוויסט זיך,
יעדער טאָג געווען אַ מלאך,
און געציערט זיך בלויז אין פורפור
און פערשווענדעט שטראַהלען
פרעהליך.

ביז פערשווענדעט אַלע שטראַהלען
אין פערשווענדערישען גלאַנצען
אך, ווי גרינג אַ אַנדער מלאך
קען פערליערען זיך אין גאַנצען!

ב.

דין-דין גלעקעל דאָ און דאָרטען
און דער גלימש, ווי שפּיגעל-גלאָז:
בים דער פראָסט אַ קניפּ אין בעקעל
און דער ווינד אַ שאַרפען בלאָז.

שטעהען ביימער, ווי די כלות,
מיט גירלאַנדעס ווייס בעדעקט,
ציערונג-זילבער, ווייסע סאַמעט,
אונבעריהרט און אונבעפלעקט.

דאַרף מען נור, איז אויך דער הימעל
אין מתנות גאָר ניט קאַרג,
און אָהן אויפהער טהוט ער וואַרפען
זילבער, פערל, בערגעל-באַרג.



ידידיה מרגלית.

ידידיה מרגלית — בעלעטריסט. געבארען אין יאהר 1884, אין דארף פוסטיקי, גראדנער גובערניע. ארום 1904 איז ער אוועק נאך אמעריקא, וואו ער האט אין פארשיידענע אמעריקאניש־אידישע צייטונגען און זשורנאלען געדרוקט דערצעהלונגען, ליעדער און קריטישע ארטיקלען. אין יאהר 1908 האט ער זיך צוריקגעקערט אין רוסלאנד. אין 1909 האט „די וועלט" ארויסגעגעבען א זאמלונג פון זיינע דערצעהלונגען. אין יאהר 1912 איז ארויס א צווייטער באנד פון זיינע שריפטען מיט'ן נאמען „פון היינטיגער צייט". ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן".

אפטמאל.

אפטמאל העבט מיין בלוט אן שטארקער יאגען,
הער איך צימבלען, הער איך פויקען שלאגען,
זעה איך, ווי עס לויפען מחנות ווילדע פערד,
ס'וועהען גריוועס, ס'ציטערט פון די טריט די ערד;
הער איך ווילדע ליעדער אין די גאסען,
קאטערינקעס שפיעלען, אין די מאסען,
ווי געשפענסטער, טאנצען קליינע קינדער,
ס'לויפען אום מיט פאקלען אונטערצינדער,
ס'ברענען פייערען, — דאס האט דאס לעבען
אין זיין פויק א זעץ געגעבען!



יעקב מעסטעל.

יעקב מעסטעל — ריכטער. געבארען אין יאהר 1884 אין זלאטשאוו, גאליציען. האט זיך אנגעפאנגען צו דרוקען אין יאהר 1903 אין לעמבערג. זינט 1906 באטייליגט ער זיך מיט ליעדער אין פארשיידענע גאליציש־אידישע אויסגאבען. אין 1909 איז אין לעמבערג, גאליציען, ערשינען זיין ערשטע ליעדער־זאמלונג „פערחלום'טע שעה'ן", אין 1912 א צווייטע אויסגאבע „א ליעבעס־ליעד". יעקב מעסטעל האט גיענדיגט א וויענער מיליטער־שוהלע אין יאהר 1908. אין 1914 איז ער אוועק אויף מלחמה מיט דער עסטרייכישער ארמיי געגען רוסלאנד, וואו ער איז פארוואונדעט געווארען. שפעטער האט מען איהם צוריקגעשיקט צום שלאכט־פעלד.

ליעבע.

נאך קאכט עס און זיד'ט אין מיין ברוסט —
דאס איז א פערגליווערטעס פייער!
זי האט צו'ן א צווייטען געגלוסט —
און איז מיר אויף אייביג דאך טייער...

זי האט מיין נשמה בעטריעבט, —
און דאך מיר פערהימעלט די צייטען!
זי האט מיך נישט קיינמאל געליעבט —
דאך בענק איך אזוי פון דער ווייטען...

צייט-ליעד.

(פון זיינע לעצטע ליעדער)

שוין! אויסגעלאזט זיך האבען אלע ליעדער
און געשטארבען הארפען־קלאנגען.
ווער וועט ירשנ'ען מיינע טרוימען
און מיין ליעד דערזינגען?

ס'איז דער טאג אין וועה פערגאנגען,
צאנקט די זון אין שווארצען...
ליינ דיין קאפ אין שטילען קבר
און שלים דיין טרוים אין הארצען...



ר. אייזלאנד.

ראובן אייזלאנד — דיכטער און בעלעטריסט. געבארען אין יאהר 1884, אין גרוים ראדאמישל, גאליציען. אין יאהר 1903 איז ער אוועק קיין אמעריקא, וואו ער האט אין יאהר 1905 אנגעהייבען צו שרייבען לידער, שפעטער דערצעהלונגען און פובליציסטישע ארטיקלען. אויסער אין פארשיידענע אמעריקאניש - אידישע אויסגאבען האט ער זיך אויך באטייליגט אין ד. איגנאטאוו'ס זאמעלביכער „שריפטען", „וועלט איין וועלט אויס" און אויך אין די זאמעלביכער „ליטעראטור". ה. אייזלאנד שרייבט אין א מאדערנעם טאן. זיינע סאציאלע לידער זיינען אלס אזעלכע גאנץ נייע אין דער אידישער פאעזיע און וועלכער ניט איז איינזייטיגער צוגעפארבטקייט מאלט ער די סיטואציע פון דעם דאזיגען לעבען און באקאנט אויף אזאן אופן מיט זיין גרויסטער זייט. פון 1915 איז ער אויך געווען מיטרעדאקטאר פון דעם מאנאטליכען זשורנאל „ליטעראטור און לעבען".

פון אלע טעג.

א.

דורך דעם פענסטער קוקט אריין צו מיר א טריבער מארגען,
מיעד ניט אויסגעשלאפען געהט ארום די פרוי.
די פאנטאפעל קלאפען וואכעדיג און גרוי.
פון די ווענט און ווינקלען קריכען וואכעדיגע זארגען.

— האסטו דיר דיין פריהשטיק. אין פאפירען זעקיל
ליגען ברויט און עפעל. נעם זיי מיט.
זיי נאר שטילער. וועק די קינדער ניט
און אט ווארט. זעה, מאך צורעכט דיין רעקיל.

— א גוטען טאג!
— געה געזונטערהייט און קום געזונד צוריק. — — — —

דרויסען רעגענט. גלאנציג־שווארץ און נאס,
ציהט א לאנגע זיך פאר מיר די גאס.
מענשען איילען סאפענדיג פון ביידע זייטען.
ווי א לאנגע, אויסגעדרעהטע שלאנג פון ווייטען,
לויפט א צוג פארביי דארט אויף א הויכער בריק.

כ'געה אין שטראם. און מענשען קראמען, אלץ אזוי בעקאנטע
און דאך פרעמד אזוי אלץ בייטען זיך פאר מיר.
גאס נאך גאס. און אט איז שוין דער פלאץ. און דארט ארויף די טיהר.
שילדען גאלדענע. און פענסטער, פענסטער אלץ אזוי בעקאנטע.

ב׳שטעה ביים טיהר און ווארט. א מיידעל קומט: — גוט מארגען!
ס׳קומען יונגע, אלטע לייט: — גוט מארגען און גוט יאהר.
ס׳עפענט זיך די טיהר. א נעגער יונג מיט קרייזעלדיגע האר
ציהט ארויף אונז אין דער הויך. א זשום — א פליה!
באלד מיר זיצען שוין אין יאך ווי פיה
און ציהען אויסגעמוטשעטע, געשפאנט אין שווערען זארגען...

ב.

ס׳איז מיטאג צייט. אין שאפ איז שטיל. בלויז ווי א ביהן
דארט זשומט אין ווינקעל וואו איין איינציגע מאשין.
א מיידעל עסט און קנאקט די שאלעכץ פון אן איי.
אין איינער אדער צוויי געמיטליך זופען טיי.
דערנעבען כראמקעט עמיץ ציבעלע מיט ברויט.
און בלאסע מיידלעך אנגעפארבט אויף רויט.
צושטעלען זיך ביי אפנע פענסטער אויס.
און קוקען זשעדנע ערגיץ וואו ארויס.
און אנדרע לאכען קייכענדיג און ריידען מיט די הענט.
און ריידען מיט די אויגען און מיט צייכענס אויף די ווענט.

און אויף א פענסטער זיץ איך מיר אליין.
די פיס פערלייגט. א האנד אין שויס, און קוק ארויס.
אזוי זיך גלאט ארויס.
אקעגען פון א פענסטער ווינקט א מיידעל מיר,
און אפשר ווינקט זי ניט. איך קוק אויף איהר
און קוק אוועק.
און ס׳פאלט מיין בליק אראפ צום וועג,
וואו ס׳שלעפען קרעכצענדיג בעלאדענט שווער
זיך וועגען פערד און קארס אהין, אהער.
און אויף די טראטוארען שוויבלען מענשען קעפ,
מיט היט פון שטרוי און פעלץ און גלאט מיט צעפ.
און ערגעץ ברומט א שיף, און איבער אלע דעכער
צושניידט א פייף די לופט, און ערגעץ ווייטער, העכער
פערקלינגט א בלאסער קלאנג אין דעם געפילדער.
און ווילד און ווילדער
צושניידט זיך אלץ די לופט פון פייפערייען.
און שיטערער עם ווערען אונטען יענע מענשען רייהען.
געדיכטער אלץ די וועגען און די רעדער שווערער.
און וואס אמאהל אלץ מעהרער.

און דא ארום מיר הויבט עס שטארקער אן צו זשומען,
און איינציגווייז עס הויבען אן צו קומען

צום וואנד די שאטענס און טיעפער דארט דארינען
די מענשען איילענדיג צו זייערע מאשינען.

און כ'זיץ אזוי, די פיס פערלייגט א האנד אין שויס.
און קוק זיך אום און קוק ארויס
און קוק זיך ווידער אום,
און שטום
אנבויגענדיג דעם קאפ הויב איך זיך אויף,
און לייג די הענד צונויף,
און לאז זיך לאנגזאם געהן אהין
צום ווינקעל וואו עס ווארט זיך הרעהענדיג
א ליידיגער מאשין

אין דער פרעמד.

נאס און בלאטיג איז אין דרויסען.
און מיין שטוב איז פול מיט רויך.
און די הויז־פרוי דאר און הויך,
דרעהט זיך פאר מיין טיר אין דרוי־
סען.

נאר זי שליסט אלץ אויף די טירען
און זינגט מיט א האלבען מויל.
עמיץ געניצט שלעפ'ריג פויל,
און זי קלאפט אלץ מיט די טירען.

אויף דער קניע דעם קאפ געבויגען
זיץ איך און איך רויכער ביין.
דרעהט זיך פאר מיר ס'גאנצע הויז
ווי אין דיקען רויך פערצויגען.

איבער אלע דעכער.

איבער אלע דעכער
הענגט א שטילע נאכט.
אנגעלעהנט ביים פענסטער,
שטעהט מיין קינד פערטראכט.

שטעלט זיך אויף די פינגער,
קוקט און קוקט ארויס;
זיין געזיכט ווערט בלאסער
און די אויגען גרויס.

זיינע בלאנדע לאקען
קרייזלען זיך אין ווינד. —
ווייס איין גוטער גאט נאר,
וואס עס זעהט מיין קינד.

אין פעלד.

א יונגע, שלאנקע ווערבע, פון ווייטענס ווילדע בלומען.
און איבער מיר צוקאפענס א קליינער, ווייסער וואלקען.
א שארף אין גראז. א ווינטעל וועהט און ס'וויגען זיך די בלומען.

די יונגע, שלאנקע ווערבע וויגט די לאנגע ריטער.

עס קומט א קיהלער אבענד, ס'קומען מאדנע פארבען.
אי רויט, אי בלאה, אי וויאלעט זיך בייטען פאר די אויגען.
און גרינג איז מיר אזוי און לייכט ווי נאר צום שטארבען.

די יונגע, שלאנקע ווערבע וויגט די לאנגע ריטער.

ביי'ם ים.

כ'ליג ביים ים א שלעפריג מיעדער, איינגעדעקט מיט זאמד.
ס'געהען מענשען מיר צו קאפענס, ס'פאלען אויף מיין האנד
שאטענס אומגעלומפערט לאנגע, געהענדיג פאראויס.
אין דער ווייט ווי פון א נעבעל, קוקט א שיף ארויס.

כ'ליג און מיינע אויגען דעקלאך ווערען מאדנע שווער.
שלאף איך איין? צי בין איך וואך נאך? כ'וויים דאס שוין ניט מעהר.
כ'הער א שטים וואס רעדט פון ווייטענס, כ'הער דעם ים ביים ברעג,
און מיר דאכט, א שטילע כוואליע טראגט מיך וואו אוועק.

יצחק רייז.

יצחק רייז (משה נאדיר) — הומאריסט און דיכטער. געבארען אין יאהר **1885 אין נא**ראיאוו, גאליציען. אין 1908 האט ער מיט זיינע עלטערען אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער האט פון יאהר 1902 מיטגעארבייט אין פארשיידענע אמעריקאניש־אידישע צייט־שריפטען. מעהרסטענס מיט לידער אונטער די פסעוודאנימען „אננא־דאנא“, „פילאטוס“ און אנד. שפעטער איז ער אוועק אויף אנדערע געביטען. אין יאהר 1910 האט ער צוזאמען מיט י. אדלער רעדאגירט דעם וועכענטליכען הומאריסטישען זשורנאל „דער יודישער גזלן“. אין יאהר 1916 איז ארויס א קליינע זאמלונג פון זיינע שטיפערייען מיט׳ן נאמען „ווילדע רויזען“. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן“.

מ׳דארף נישט ברוגז זיין.

מ׳דארף נישט ברוגז זיין דערפאר. —
א מאן בלייבט מאן און פרוי בלייבט פרוי,
און אויבין בלייבט די אלטע וועלט אזוי.
א מאן דארף זיין — א הונד, וואס לויפט ארום,
א פרוי דארף זיין — א מלאך גוט און פרום.
און ביידענס קינדער טהיילען זיך אזוי:
אין היינט און אין מלאכים ליעבע פרוי.
מ׳דארף נישט ברוגז זיין דערפאר!

סעפטעמבער-גאלד.

סעפטעמבער גאלד — ווי פאלט עס בלאס
אויף בארג און טהאל אראפ.
און ציטערט קאלט און שוואך, ווי בענש־ליכט־שיין
אויף א נאקעט־ווייסען זקן־קאפ.

סעפטעמבער־גאלד! ווי קאלט און דין עס איז,
אהן ווארימקייט, נור צארט, און גלאנציג פיין,
און ווי א זונה־בליק אהן לעבענס־פרייד אין זיך
עס פאלט אין מיין נשמה קאלט אריין.

סעפטעמבער־גאלד! די קראהען בארען זיך אין דיר,
און זינגען זייער אייציג טויטען־ליעד;
און איך? — איך שיט מיין בליק אויף טויטע פעלדער אויס,
און פיהל זיך פון דעם גאלד־לאסט אזוי מיעד!...

די אלטע ערד.

איך בענק אצינד נאך יענעם שטיקעל ערד,
וואו פרויען האבען בריסט און מאנסביל בערד,
וואו יונגען זיינען יונג און זקנים — אלט,
און יעדער אין אן אונגליק שרייט „געוואלד“.
וואו טייכען געהען שטיל און מענשען — אויך,
און יעדער קען זיין שכן'ס קוימען־רויך...
וואו בערגער זיינען הויך און טהאלען — טיעף,
און יעדער חזן זינגט א אידישען מאטיף...
וואו קריסטען צלם'ען זיך און אידען דאוונען הויך.
וואו יעקב האט דעם קול און עשו האט דעם כח...
וואו בלאטעס ליגען דארט וואו גאט האט זיי געלייגט,
און פאר דעם פרייז זיך א יעדער בירגער נייגט...
וואו נעכט זיינען צום פאלען און צום שלאפען — טעג,
און יעדער איד פערלויפט דעם צווייטען איד דעם וועג...
וואו יונגע שטארבען אלט, און אלטע שטארבען... יונג,
און יעדער טראגט אין אויג א גרויסען לעבענספונק.
וואו טייכען זינגען פריי און וואסער קוואלט פון דר'ערד.
און בעל־עגלות בלויז פערנעהמען זיך מיט פערד...
איך בענק אצינד נאך יענעם שטיקעל ערד,
וואו פרויען האבען בריסט און מאנסביל — בערד.

ניוניא.

שטיל ווי טהוי ביינאכט,
פאלט דיין טרעהר אראפ,
אויף מיין באק עס רינט
דייז שטילע טרעהר.

ווי א שווארצער טייך
שפרייטען זיך די צעפ;
צוויי טייכען דופטענדרע
פליסען אויף מיין האלז.

ווי א ווינטער־טויב
גלעט מיך שטום דיין האנד;
דיין דינע, קאלטע האנד,
גלעט מיין ווארים לייב.

ז. סעגאלאוויטש.

זוסמאן סעגאלאוויטש — דיכטער נע־
בארען אין יאהר 1885, אין ביאלאסטאק, רוס־
לאנד. אין יאהר 1904 האט ער אין „פריינד" אב־
געדרוקט זיין ערשטע ליעד. שפעטער האט ער זיך
באטייליגט אין פארשיידענע רוסיש־אידישע אויס־
גאבען. אין 1909 איז ערשינען זיין ערשטע ליע־
דער־זאמלונג „שטילע טרוימען"; אין 1910 —
זיין פאעמא „דעם שוחט'ס טאכטער" און אין
1912 — א צווייטע פאעמא „קאזשמערש". שפע־
טער איז ערשינען אן אנדער זאמלונג פון זיינע
ליעדער מיט'ן נאמען „ווען די זון פארגעהט". ז.
סעגאלאוויטש האט אויך געשריבען סקיצען און
דערצעהלונגען. זיינע ליעדער צייכנען זיך אויס
מיט א שעהנעם עלעגישען טאן, וואס מאכט זיי
פאר סימפאטיש און נאהענט. ביבל. ז. רייזען,
„לעקסיקאן".

ווען די זון פערגעהט.

דארטען ווייט, דארטען ווייט, ביים ברעג האריזאנט,
וואו דער הימעל דערגרייכט צו דער ערד אזוי נאהנט...
לעשט זיך לאנגזאם די זון... שטארבט אין פלאמען און ברענט
און עמיצער הויבט צו די פלאמען די הענד...

צו עס שרעקט איהם די נאכט, וואס קומט אן ליעבער גאט!
צו דער טאג, וואס פערגעהט איז איהם איצטער א שאד?
נור עס העלפט קיין געבעט, עס ווערט נאכט אומעדום,
און עמיצער בלאנדזשעט אין חשך ארום...

ביי דער וויקסעל.

אזוי, ווי א עלענדע כלה,
וואס ווארט אויפ'ן חתן פיעל טעג,
אזוי ווערט די וויכסעל פערטרויערט
פארנאכט, ווען די זון געהט אוועק...

אך! מיר איז בעקאנט אזא טרויער.
עס האט מיר מיין שוועסטער פערצעהלט
ביז וואנענט עס קומט ניט דער ליעבסטער
ביז דאן זוערט דאס הארץ ניט פערהיילט.

אך! מיר איז בעקאנט אזא טרויער,
ווען עמיצער וואנדערט אליין...
דערפאר האב איך ליעב דא צו זיצען
ביז שפעט אין דער נאכט אויף א שטיין...

די שוואנען.

די שוואנען די שלאנקע, די ווייסע,
זיי שווימען, זיי שווימען צום ברעג:
דארט פעדערען זיי זיך געלאסען,
די פעדערלעך פליהען אוועק.

פארנאכט ווען דאס וואסער איז ווארעם
און רויט פון דעם בלוטיגען שיין,
דאן ווערען זיי מיעדער און פוילער,
זיי דרימלען... זיי שלאפען שוין איין.

די שנאבלען פערוקט אין די פליגלען,
ווער וויים זייער טרוים, ווער פערשטעהט?
זיי כאפען־זיך אויף אויף א רגע
און שווימען פערשלאפענערהייד.

און שפעט, ווען א פויגעל א מילדער
דערלאנגט ערגעץ נאהנט א געשריי,
דאן שלאפען שוין מעהר ניט די שוואנען, —
עס פאלט אן א פחד אויף זיי.

זיי שווימען ארום אין דער פינסטער,
און קוקען ארויף און אראב,
און שלינגען די גאלדענע שטערען,
וואס שפיגלען אין וואסער זיך אב.

א בלימעל זיפצט.

סאנעט

א בלימעל זיפצט... עס לויפט מיט רויש דאס טייכעל,
ס'צעשאקעלט זיך א בוימעל אין דער שטיל, —
דאס רופט די נאכט, דאס איז איהר שטומער לשון,
און יעדען קלאנג פערנעהם איך טיעף און פיהל.

עס שרעקט מיך ניט די פלעדערמויז די שווארצע,
ווי לייכט זי פליהט, ווי ווייך זי גלעט די לופט, —
דאס רופט די נאכט, דאס שיקט זי א שליח,
און איך וועל געהן אהין, וואוהין זי רופט.

די וועלט איז פריי איצט, ווי א ים א ברייטער,
און איך אליין, איך אהן א שום בעגלייטער
פערבלאנדזשע מיט מיין שיפעל אזוי ווייט...

און מיר איז גוט... די שטומע שטערן ווינקען,
איך האב מיין צער אין הימעל'ס רוים דערטרונקען
איך האב פון טאג אין גאנצען זיך בעפרייט...

א גאנצע נאכט.

א גאנצע נאכט האט היינט דער ווינד
געיאמערט און געקלאגט,
און דורך דער וואנד האט ווער
געזיפצט
און תהלים שטיל געזאגט.

איך האב געלייענט אלטע בריעף,
געלייענט און פערברענט,
איך האב מיט שרעק געזוכט א
שטראהל
אויף מיינע פוסטע ווענד...

אומזיסט... א שטיקעל שפיגעל-גלאז
האט בייז פון מיר געלאכט,
און שטום איז מיין געדאנק געווען
פון איינזאמקייט און נאכט...

ווינטער.

א.

אויף די פעלדער איז עמיץ
א ווייסער געפלויגען,
ער האט אלע טייכלעך
מיט זילבער בעצויגען.

ער האט אויף די לאנקעס
זיין מאנטעל פערלארען...
גאט'ס וועלט איז פון דעמאלט
א ווייסע געווארען...

ב.

א פערוויהטער, א פערשנייטער,
א פערגליווערטער פון קעלט,
איינגעבויגען, איינגעהארבעט,
שטעהט א בוים אין מיטען פעלד,—

ווי א זינדער א פעריאגטער,
וועלכער טרויערט אין דער שטיל,
ווי א וואנדערער, וואס בלאנדזשעט
אהן א וועג און אהן א ציעל.



י. י. שווארץ.

י. י. שווארץ דיכטער. געבארען אין יאהר 1885, אין פעטראשוני, א קליין שטעטעל אין קאוונער גוב. ביים ניעמאן. אין 1906 איז ער געקומען אין אמעריקא, וואו ער האט זיך באטייליגט אין די אנגעזעהענסטע אידישע צייטשריפטען. י. י. שווארץ איז אין זיינע ליעדער אם בעסטען אלס געזונטער נאטור־מאלער. פון א גאנץ באדייטענדען ווערט זיינען אויך זיינע נאציאנאלע ליעדער, וואס זיינען געשריבען אין א ווארעמען, אידישלאכען טאן. אויסער מיט זיינע אריגינעלע ליעדער האט ער זיך אויך באוואוסט געמאכט מיט זיינע פיעלע אויסגעצייכענטע איבערזעצונגען פון ר' יהודה הלוי, ביאליק, מילטאן, וואלט וויטמאן, שעקספיער און אנד. ביבל. א. וואלדשטיין, אין „אידישען קעמפפער“ 1911; מ. כץ, אין „טאג“, 1915; ז. רייזען, „לעקסיקאן“.

*
* *

ס'האבען גליה־ווערים געפינקעלט
אויף די שווארצע קרויזע לאקען;
פלעמלעך האבען זיך געצונדען
האלב־פערוואונדערט, האלב־דערשראקען.

און פון אונטען, אונז צופוסענס,
איז דאס וואסער שטיל געלעגען
און פער'חלום'ט, קוים בעוועגט זיך.
אין די שווייגענדיגע ברעגען.

ס'האבען פייערלעך גערעגט זיך
אין דער שווארצקייט און געפליטערט,
און די וועלעכלעך זיי האבען
זאנפט און ווייך און שטיל געציטערט.

ס'האט די וועלט אן אבענד־תפלה
שטיל און הארציג־טריי געזונגען;
און ביי מיר טיעף אין נשמה
האט די תפילה אבגעקלונגען

רות.

(סאנעט).

דאס פעלד האט זיך צעווארפען ווייט און ברייט —
ווי ריינער גאלד געגליהט האט יעדע זאנג,
אין לופט געשטאנען איז א קלאר געזאנג
און זיך ווי פערל איבער גאלד צושפרייט...

עס האט געשאטען זיך דער ים פון ברויט,
די שנייד־מעסער געענטפערט מיט געקלאנג...
דאס פעלד מילד האט געגעבען איהר געשאנק
און ס'האבען בערג מיט זיכערקייט געוועהט.

און שטיל, צופלאמט פון גאט־געבענשטען שניט,
איז זי געשטאנען און געקוקט מיט פרייד:
די גרויסע מזרח־זון האט היים געגליהט...

פאר איהר דאס גרויסע זאנגען־פעלד זיך שפרייט,
איהר בליק ווייט אפען — און פאר איהם זיך ציהט
פון שטאלצע קעניגען א גאלד'נע קייט...

ציגד אן די מאמעס בענשלייכטער.

ציגד אן די מאמעס בענשלייכטער די צוויי
ביים פענסטער, וועלכער געהט ארויס צום פעלד.
און לויכטען זאל זיך צנועה'דיג ארויס
דער שבת־קודש איבער גאר דער וועלט.

דיין קינד פערגעס אונטער דיין ווייסען שירץ,
דאס קעפעל ברוין געלאקט און ליעב געזיכט;
פערדעק די אויגען מיט די בלאסע הענט
און ווי דיין אלטע מאמע בענש די ליכט.

און יעדער שלעכטער רעיון וועט אוועק —
ארום דיין קאפ וועט קרייזען זיך א שיין.
דיין קינד וועט אנקוקען דיין טרעהר פערבליפט —
ווי רבקה, רחל לאה וועסטו זיין.

א רב.

א שטריינגע געזיכט פון א זקן
אריבער א ספר געבויגען;
דער שטערן, אין קנייטשען אין
טיעפע,
צוויי לויכטענדע, שטראהלענדע
אויגען.

אן אטלאסנע שווארצע קאפאטע
מיט ווייס־גרויע לאקען בעפליטערט;
אן איידעלע האנד א בלייך־ווייסע
וואס רעגט זיך ביים שרייבען און
ציטערט.

כתב־יד'ען מיט שאלות און תשובות
מיט קרומליכע אותיות פערשריבען;
די בלעטער פערגעלט אין די ווינקלען
פון אלטקייט צוקנייטשט און צו־
ריבען.

האלב־דונקעל, האלב־ליכטיג אין
צימער,
עס טיק־טאק'ט דער זייגער כסדר,
א שטראהל דורך די ווייסע גארדינען
טאפט זאנפט אין אנטשוויגענעם
חדר.

אט גלעט ער די באָרד און די פּאות,
אט קושט ער די האַנד פון דעם זקן;
אט גליטשט ער זיך שטיל אויף די
ספרים
און ציהט זיך צוריק ווי דערשראָקען.

אט פּלאָנטערט ער ווידער די אותיות,
און צינדט אין די אויגען אַ פּונקען...
דער רב לייגט אוועק שטיל די פּעדער
און ווערט אין מחשבות פערזונקען.

א זיפץ אויף דעם גלות השכינה
צוריהרט זיך דעם שמערצליכען
דונקעל —
און ס'דאכט זיך, דאָס בילד פון'ם
גאון
שטראַהלט היימליך אַרונטער פון
ווינקעל...

פון טיפעניש.

און מיט טרוקענע ביינער די טהאלען פערזעעט.
און מיט קללות און טויט האבען ווינטען געוויהט

מיינע טויזענדער יאָהריגע וואונדען אין מיר —
רופען, בלוטען מיט אָפענע מיילער צו דיר!...
דען מיין מוטה איז געבראָכען, עס לעשט זיך מיין פונק
אין תהומות פון חשך, און שוואַך איז מיין צונג
און ניט זיכער מיין טראָט, און מיין זעעל איז פול שאַנד,
און עס וואקעלט מיין קניע און אַהן מאכט איז מיין האַנד.
נור אין אויג ברענט פון אוטאָ־דאַ־פעען דער בראַנד,
און אין אויער קלינגט גרויזאם אַ קייטען־געקלאַנג
און אַ וויינען פון תהלים, און פּריעסטער געזאַנג
און אַ גלאָקען־געקלאַנג און געשרייען פון האַס...
און מיין האַרץ ווערט צופלאַצט פון אָהנמעכטיגען כעס.

נאָך גאַנץ פריה, אויף מיין מויל האָט דיין נאָמען געגליהט
און אַן אויג האָט געוויינט און אַ טרעהר האָט געבריהט.
און אַז אויפקומען פלעג איך אין מיטען דער נאַכט:
אויף דער ערד איז געזעסען מיין זיידע פערשמאַכט.
און בעשאָטען מיט אש האָט זיין גרייז־גרויער קאָפּ
שטום געציטערט פערצווייפעלט ארויף און אַראָפּ —
און געצוקט האָט פאר וועהטאָג זיין טרויער־געזיכט...
ס'האָט אין שאָטענס געצאַפּעלט דער פלאָם פון דער ליכט
און זיין שטים האָט געציטערט, געכליפּעט, גענאָגט
און דורך טרערען די תפלות פון דוד געקלאָגט.
נור זיין אויג האָט געבליצט און געברענט און געפלאַמט,
ווי דאָס אויג פון אַ חיה אין גראַטעס פערצאַהמט —
און דאָס קינדישע האַרץ איז געוואָרען פער'סמ'ט.
און אין חלום געזעה'ן האָב איך דורות אין בלוט:
ס'האָבען מחנות געוואַנדערט געטריבען פון רוט
מיט געזונקענע אויגען, געבונדענע הענט,
און געקלאַפּט האָבען קעפּ זיך אַן אייזערנע ווענט...
ס'האָט געשמיסען אַ בייטש, ס.האָט געיאָמערט אַ קינד
און געפייפט האָט מיט צאָרן אַ שניידענדער ווינד!...

*

*   *

ס'ווערען ניט קיין שבת-ליכטלעך
אויף דיין טיש געצונדען;
ס'ווערט די גרויע וואך פון הויז דיר
קיינמאל ניט פערשוואונדען.

ס'איז דיין טיהר אהן א מזוזה —
קומען קיין מלאכים;
צו דיין פרוי, דיין „אשת-חיל"
זינגסטו ניט קיין שבחים.

דיינע קינדער וואקסען פרעמדע,
אהן א פונק פון גלויבען;
לערענסט זיי ניט „מודה אני" —
הענטלעך אויפגעהויבען...

און דיין סדר-נאכט טהוט לאנג שוין
ניט דיין הויז בעציערען;
און דאס וויינען פון „כל-נדרי"
טהוט דיין הארץ ניט ריהרען...

און דערפאר ווען דו וועסט שטארבען
וועט קיין מלאך קלאגען,
און דיין קינד וועט אויף דיין קבר
ניט קיין קדיש זאגען!...

א בית-עולם אויף טשעטהעם סקווער.

אין הארץ פון נויארק ליגט אן אלטער בית-עולם —
עס פאלט איבער איהם ניט קיין טהוי און קיין זון-שיין,
נור מויערען שטעהען ארום איהם געשלאסען,
און פארענט פערצאהמט איהם אן אייזערנער גדר.
אן איינציגער בוים א פערדארטער נור וויעגט זיך
מיט טרוקענע צווייגען אריבער די קברים.
דארט זינגען ניט פויגלען — נור ס'רעש'ט און עס ליארעמט
ארום איהם מיט הונדערטער טויזענדער קולות.
עס יאגען טראמוויי'ען פערביי מיט געפילדער,
און ס'ווירבעלט דאס לעבען מיט מחנות פון מענשען.

בין איך צו דעם אייזערנעם צאהם צוגעפאלען —
און ס'איז מיך א געטליכע מורא בעפאלען...
די צייט האט די אותיות פערווישט און צוריבען —
און ס'איז ניט קיין זכר, קיין שפור ניט פערבליבען
פון יענע, וואס זייערע עלענדע ביינער
פערגעסענע ליגען דא אונטען ווי שטיינער,
פערהילט און פערוויקעלט אין קיטלען, טליתים —
און ווארטען און ווארטען אויף תחית המתים...

עס האט מיך דער אויביגער צער אנגענומען —
ס'איז אלץ, ווי אין נעבעל, געווארען פערשוואומען.
פון יעדע מצבה וואס ליעגט שטיל אין דרימעל
א קול האט געריסען זיך הויך ביז צום הימעל.
אין רעש פון דער גאס. דורך געוויין און יללות,

ערוואקסט האט דער ביטערער פינסטערער גלות...
געקלאפּט האבן ביינער און ביינער. סקעלעטן
שטיל האבן געוויינט און געפלוכט און געבעטן...

ווער האט אייך געטריבן אהער און פון וואנען?
זייט איהר דאס פון שפּאניען די לעצטע מאראנען?
איהר אויביג פערפלוכטע — געבענשטע צוזאמען
וואס האט אייך געשטויסן דורך פלאמען און ים׳ען?
איך זעה אייך, די שטאלצע מיט אדלערשע אויגען
אין פלאמען פון אויטא־דא־פען פערצויגען...
איך זעה אייך אין נאכט פון כל־נדרי פערהוילען
מיט ווייב און מיט קינד אין די פינסטערע הוילען.
איך הער אייער ביטער געוויין און געזאנגען —
איך הער פון די שווערדן און בייטען די קלאנגען.

פערגעסענע שטעהען דא אייערע קברים —
די גרויע מצבות אויף זיי אזוי ארעם.
עס וואקסט ניט קיין גרעזעל, עס בליהט ניט קיין בלימעל
אין אויביגען ברויזענדען ווילדען געטימעל.
עס קומען ניט אייערע אייניקלאך בויגען
זיך טיעף צונ׳ם שטיין מיט א טרעהר אין די אויגען...
עס קלינגט ניט קיין קדיש נאך אייערע ביינער —
איהר לעבט ניט אין קיינעמ׳ס געדעכניש, און קיינער
פערטראכט זיך צומאל ניט, ווי ס׳זיינען פערראטע
אט די וועלכע ליעגען דא הינטער די גראטע...

דער סקוואר האט געווירבעלט מיט מחנות פון מענשען,
די גאס האט געשריען, געקאכט און געליארעמט,
פון אפּענעם שענק האט א שיכור געזונגען —
און עלענד, ארוים דורך דעם אייזערנעם גדר
נעגרויכט האט דער אלטער פערוויסטער בית־עולם.

ליעב איז די ערד שוין.

ליעב איז די ערד שוין אויף וועלכער איך טרעט —
פריש איז די ערד דא און פרוכטבאר און פעט.
מיידעלשע ערד אזוי נאכגעביג, מילד,
קושט מיינע טריט מיט איהר גראז און זי קיהלט.
הויכט פון איהר איינגעווייד עפּעל־געשמאק,
פאכען די ווינטלעך און גלעטען מיין באק.

כ׳וויים ס׳איז די ערד ניט פערהייליגט מיט בלוט —
ס׳ליעגט ערגעץ אנדערש מיין טאטע און רוהט.
אבער מיין קינד פון איהר ערד איז א שטיק:
לויכט אין איהר ליכט, איז בעגליקט פון איהר גליק...

פארנאכט.

עס איז שעהן די פארנאכטיגע שעה — ס׳ווערט די שטאָדט
פון א צארטען און ראָזיגען גאָלד־שיין פערפלייצט;
ס׳ווערט דער גרויסער אספאלט אויסגעפלאסטערט אין גאָלד,
יעדער מיידעלשער פנימ׳ל גלעט דיך און רייצט.

ס׳זינגט די שטאָדט גאר אן אנדער, אן אנדער געזאנג —
ס׳ווערט אנטשוויגען דער אומרוה און רויש פון פאבריק.
אין דער דאָזיגער רגע פערנעהמט שטיל דיין הארץ
דעם רחמנות פון שטאָדט און איהר אומגליק און גליק.

ס׳קלאפט דער פולס איהרער שטילער און מילדער און ווייך,
ווי דער ריטהם פון א שטילען פערטראכטען געזאנג.
ס׳ליעגט א וועהטאג און חן אויף געזיכטער צוקנייטשט,
ס׳ווערט געלייטערט דער צער אזוי שטיל, אזוי באנג.

ס׳ווערט דער שרייענדער יאמער א רגע געשטילט:
און רחמנות׳דיג בלאס ווערט געצערטעלט דאס לייד —
און דער עלענד, דער גרויער, הילט איין זיך געטרייסט
אין א ווייך און א דורכזיכטיג ראָז־בלויע קלייד.

ס׳ברענען, ציטערען שויבען געצונדען אין גאָלד,
ס׳צינדען אויגען זיך זוניג און נעבעלדיג ראָז;
גרויע מויערען שמייכלען געוויקעלט אין שיין,
און מיט פונקען און שטראַהלען שלאגט אב יעדעס גלאָז.

קינדער טאנצען צום טאקט פון שאַרמאנקעס אין גאס,
און די זויג־קינדער טאנצען ביי מאמעס אין שוים...
ס׳גליהען אויגלעך און ס׳פלאמען די בעקלעך פעררויזט —
עס איז שעהן די פארנאכטיגע שעה — זי איז גרוים!

הערבסט.

אין אנהויב זיינען זיי געוועזען לויטער, ווייס,
די רונדע „שנעע־קוגלען“ וואס אויפ׳ן קוסט —
ווי ס׳זיינען ווייס און רונד די ברוסטען פון א מיידעל־קינד
וואס האט קיין זינד נאך קיינמאל ניט געוואוסט.

דערנאך, אין אויגוסט, זייען זיי געווארען ראָז —
די זון האט היים געקושט זיי מיט איהר ליכט —
ווי עס איז ראָזיג נאכ׳ן ערשטען ליעבעס גליק
דאס קלארע, צארטע מיידעלשע געזיכט.

און איצטער שטעהען זיי איינגאנצען דונקעל־ברוין,
און טרוימען, דאכט זיך, נאך פון ווייס און ראָז:
זיי וויעגען שטיל אין שטילען ליכט די ברוינע קעפ
אראבגעלאָזען שווער צום געלען גראָז.

ב.

א שטילע פרייד ליגט גאלדיג אויף די פעלדער —
די טעג זיי זיינען אזוי זוניג־ליכטיג;
פארנאכטען — פורפורנע מיט טיעפע הימלען —
די אלטע פארם־הייזלעך אזוי ציכטיג.

אין גארבען גאלדנע טריקענט זיך דער שפע
פון נייע פרישע שמעקענדיגע ברויטען;
עס טריקענען אין זון די געלע קירבעס
און שווארצע טרויבען קרויזלען זיך אויף פלויטען.

די רויטע ווינטער־עפעל אויף די בוימער
זיי לויכטען־פריש פערשייט דער זון אנטקעגען;
און ס'ציהען זיך, פערדעקט מיט ברוינע בלעטער,
די אלטע רויטע גרין־פערגראזטע וועגען.

עס הויכט מיט פרישען ברויט, מיט וויין און עפעל —
און טרויריג־היימליך אלטע בוימער זשומען;
און ס'האבען גאלדיגע און שטילע פריידען
מיין אומעטיגען הארץ ארומגענומען.

אָקטאָבער.

לעצטע ליכטיגע פריה־מארגענס פון אפשטארבענדען זומער...
ס'איז שטיל און קלאר ארום און שטיל און קלאר איז אויפ'ן הארצען.
עס אָטהעמט איין די מיעדע ברוסט דעם פרישען קאלטען ריח
פון שווארצע פייכטע ערד, וואס איז מיט פערלען טהוי בעשאָטען,
דעם ריח פון צופוילטען געלען גראז און בוימער פייכטקייט.
עס זינקען טיעף די פיס אין קופער־רויטע, בראנזען־ברוינע בלעטער,
וואס רוישען שטיל און זאנפט צום ריטהם פון דיין פוס־טראט.
דו שניידסט זיך דורך דורך קוסטעס, וועלכע שפריצען טראפענס דיר אין פנים,
און פוילע בלעטער זיגזאגען און דרעהען זיך אין לופטען,
און פאלען אויף דיין קאפ, אויף דיינע שולטערען פאמעליך...
עס הייגגט די זון, דאכט'ס, ערגעץ וואו אין וואלד דא צווישען בוימער
פערהילט אין מאטע, ווייסע, נעבעלדיגע וואלקענס
און קרומע בלאסע שטראהלען גלאנצען אויף די שטילע בלעטער,
פערוויטלען מעהר די שפיצען פון די רויט־געפלעקטע בוימער;
בעראזען העל די הייגגלאך זשוראווינעס ווי קאראלען
בעזעצט מיט טראפענס פערלען פון בעגינען־טהוי...
און וויט ארום איז אלעס שטיל. „אור־הו! אור־הו!" עס ענטפערט נור
א וויטער היימליך־אומעדיגער: „קו־קו! קו־קו!"...
לעצטע ליכטיגע פריה־מארגענס פון אפשטארבענדען זומער...
ס'איז שוין שטיל און גוט... ס'איז גוט צו בלאנזשען דאן אליין אין וועלדער.
דער וויטאג אין דיין הארץ ווערט שטילער, זאנפטער, דורזיכטיג
ווי דער פערבלאסטער שטראהל, וואס פאלט אויף די פערוועלקטע בלעטער...

שרה רייזען.

שרה רייזען — שריפטשטעלעריז. געבארען אין יאהר 1885 אין קאידאנאוו, מינסקער גוב. איהר ערשטער פארזוך צו שרייבען איז געווען אין רוסיש. שפעטער האט זי אנגעפאנגען צו שרייבען אין אידיש. אין 1911 איז אין פארלאג „פראגרעס" ארויס א באנד פון איהרע געזאמעלטע דערצעהלונגען און מעשה'לעך מיט'ן נאמען „חלום און וואהר". אונטער דער צייט האט זי מיטגעארבייט אין פארשיידענע רוסיש־אידישע אויסגאבען. שרה רייזען האט אויך אנגעשריבען א היבשע צאל קורצע ליעדער. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן".

דער ערשטער פריהלינגס-טאג.

ס'האט דער ערשטער פריהלינגס־טאג
ליעב בעגריסט מיך היינט,
און האט גלייך א פרעג געטהון
וועגען דיר, מיין פריינד.

און געוואונדערט האט ער זיך,
וואס דו ביסט נישטא, —
און געפרעגט, ווען קומסטו פארט
און אין וועלכער שעה?

שווייג איך שטיל און רעד קיין
ווארט,
און דער פריהלינג ווארט, —
ביז איך האב איהם אויסגעזאגט,
אז דו האסט גענארט...

ווערט דער פריהלינג טרויעריג,
קושט די ביימער קאלט, —
און א גרויער נעבעל קומט
און בארעקט דעם וואלד.

און א שווארצער וואלקן קומט,
דעקט דעם הימל צו...
א, מיין פריינד, דער פרילינג וויינט,
וואס גענארט האסטו.

הבל הבלים.

הבל הבלים... ס'פאלען די בלעטער,
פערצווייפעלט דער וואלד.
הבל הבלים... פערוועלקט איז דער
זומער,
דער ווינטער קומט באלד.

הבל הבלים... סלויפען די יאהרען
פערלאקט פון דער צייט.
הבל הבלים... די עלטער איז נאהענט,
דער וועג צו דעם גליק אזוי ווייט.
הבל הבלים!...

ש. קאטלער.

שמואל קאטלער — דיכטער. געבארען אין א קליין שטעטעל אין קאוונער גוב. ארום 1885, ביי אן אנגעזעהענער אידישלאכער פאמיליע. זיינע ערשטע ליעדער האט ש. קאטלער געשריבען אין העברעאיש. נאך צו זיין 14 יאהריגען עלטער האט ער געדרוקט העברעאישע ליעדער אין „הדור“, אונטער דוד פרישמאן׳ס רעדאקציע. שפעטער איז ער אוועק נאך אמעריקא, וואו ער האט אנגעפאנגען צו שרייבען אין אידיש און האט אנטייל גענומען אין פארשיידענע אמעריקאניש־אידישע אויסגאבען. א באזונדער אויפמערקזאמקייט האבען אויף זיך געצויגען זיינע בערג־ליעדער, מיט׳ן נאמען „אין בערגלאנד“. (פארעפענטליכט אין דר. זשיטלאווסקי׳ס „דאס נייע לעבען“).

וואנדער־ליעדער.

אין בערגלאנד.

א

אין מזרח־זייט טורעמט זיך מעכטיג צום הימעל דאס ריעזיגע בערגלאנד.
עס ציהען זיך קייטען פון בערג וויים, די קעפ אין די וואלקען פערווארפען, —
ווי מחנות געפאנצערטע ריעזען, וואס האבען פערבארגענע אוצרות
און סודות פון גרוי אלטע צייטען געהיט פון א מעכטיגען שונא
און שטעהענדיג זיינען זיי פלוצלונג אזוי ווי דורך כישוף אנשלאפען
און ס׳האט זיי א האנד א געהיימע אין שטיין און אין ווילד־וואלד
פערוואנדעלט.

זיי שטעהען פערשמאלצען, פערוואקסען אינאיינעם די ריעזיגע לייבער,
איין ארים אין צווייטען געשלאסען און שולטער געדריקט אויף א שולטער
און רוקען און לענדען בעהאפטען, פערשלונגען פון רוקען און לענדען
און אדער צו אדער געבונדען און מוסקעל צו מוסקעל געקלאמערט.
נור ערטערווייז שטארצעט ארוים נאך א ריעזיגער גליעד פון א גבור, —
א נאקען געבראכען אין צווייען, א שרעקליך־געעפענטער מויל־תהום.
און טיעף אין דעם הארץ פון דעם אבגרונד, אין תפיסה פון קנוילענדען חשך,
ווי בלינדע לבנות, וואס האבען פערלארען דעם וועג אין די הימלען,
דארט בלאנדזשען ארום די נשמות פון יענע פער׳כשוף׳טע ריעזען. —
עס קנוילט זיך דער חשך און לעשט אוים די שטראהלען פון זייערע בליקען
און בלינדערהייד טאפען ארום זיי און זוכען זיך איינע די אנדרע...

ב.

א בארג טראגט א בארג אויף זיין שולטער; אויף ביידע דערהויבט זיך
א העכרער,
א בארג פון א בארג וואקסט ארוים; און זיי ביידע געווירען א דריטען.
און וויסט איז דארט אויבען און איינזאם. נור שטעכיגע קאליקעס־דערנער,

ווי ס׳וואָלט זיך דאָס לעבען געשראָקען צו ווייט פון דער ערד צו פערקריכען...
און בעת ווען אַן איינזאַמער שטיין אוים ביי גאָט זיך אַ שוואַכינקעס
בוימעל, —
פערטריקענט עס באַלד אַהן יניקה און ס׳ווערט נאָך זיין איינזאַמקייט
שווערער.
עס פרעסען זיך פעלזען צו פעלזען מיט שטומער און איינזאַמער ליעבע,
עס רוהען זיך סטאַדעס פון וואָלקען, פערמאַטערט פון אייביגען וואַנדלען.
עס פליהט אַן אַ ווינד, אַ שליח פון שטורעם, און דייסט אוים אַ וואָלקען
אַ מיעדען פון צווישען דער סטאַדע און לאָזט זיך מיט איהם אין דעם
וועלט־רוים.
און אָפטמאָל רייסט דורך אין די וואָלקען אַ וועג זיך אַן אדלער אַ פרייער
אַ קינד פון אַן איינזאַמען בערג־גייסט, וואָס האָט אין אַ פויגעל פערליעבט זיך
עס ציהט איהם, דאָס קינד, צו זיין פאָטער, ער זוכט איהם און קען ניט
געפינען
און ווילד יאָגט ער אום אין די הימלען, משוגע פאַר צער און בענקשאַפט.
עס פוילט שוין זיין לעבער צולעבערט פון יאוש. ער צילט צו דער זון שנעל
און לעכצט אין איהר פייער פערברענען אי זיך אי זיין ברענענדע בענקשאַפט.
נור ווייט איז די זונן! און אַהן כחות דאַן פאַלט ער צוריק אויף די פעלזען
און פרעסט זיינע בלוטענדע וואונדען צו זייערע קאַלטע געזיכטער
און שרייט אוים מיט ווילדען געיאָמער און קרעכצען פון וועהטאָג צוהאַקטע
דאָס ליעד פון אַ קראַנקער נשמה, וואָס לעכצעט נאָך טויט און נאָך רוהע.

וועלענשפיעל.

עס שפיעלט זיך די זון מיט די וועלען
און באָדט זיי אין ליכט און אין שיין:
עס לאַכען די וועלען און טאַנצען
צו איהר אין דעם ליכטנעץ אריין.

עס קומט אַן אַ מחנה פון ווינטלעך
און טוקט אין די וועלען זיך אָב,
און גרייזעלט זיי אוים פון דעם זונן־וועב
און לאָזט זיך מיט זיי טייך־אַראָב.

די זון וואַרפט זיי נאָך איהרע נעצען
און פאַנגט זיי און שפינט זיי אום העל:
אַ ליכט־פונק בעפּערלט אַ טראָפּען,
אַ ליכט־שטראַל בעדימענט אַ וועל.

די לופטיגע מחנה צושטיעפט זיך
און דרעהט אין אַ ליכט־וואַסער־טאַנץ
די זונן מיט די וועלען; — עס שפיעגעלט
דער טייך זיך אין שימער און גלאַנץ.

ב. שווארץ.

ב. שווארץ (וולאדעק, טשארני) — פובליציסט און דיכטער. געבארען אין יאהר 1886, אין דוקאר, מינסקער גוב. אויסער קריטישע און פובליציסטישע ארטיקלען, דערצעהלונגען און פעליעטאנען האט ער אויך אנגעשריבען א היבשע צאל ליעדער אונטער די פסעוודאנימען „ב. שווארץ", „נחמן וואלף" און אנד. אין רוסלאנד האט ער מיטגעארבייט אין דער „ראמאנ־ציייטונג", „נייע צייט", „פאלקסצייטונג" און אנד. אין יאהר 1908 האט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער האט אנטייל גענומען אין „ארבייטער", „צוקונפט", „ארבייטער־וועלט", און אנד סאציאליסטישע אויסגאבען. שפעטער, געווארען א שטענדיגער מיטארבייטער פון „פארווערטס". ב. וולאדעק פארנעמט אויך אן אנגעזעהענעם פלאץ אין דער אידישער סאציאלער וועלט. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן".

איך וויים.

איך וויים, מיין פריינד, עס איז די שעה נאך ניט געקומען,
און ס'שפיעלט זיך נאך אין וויעג דער צוקינפטיגער העלד,
און ס'פוילען נאך אין דר'ערד די קערנער פון די בלומען,
וואס וועלען ווען זיך וויעגען נ'צוקונפט'ס זוניג פעלד —
דאך בין איך לאנג שוין וואך און שטים אן הויך מיין לירע,
און שמיר מיט פעטען אויל מיין אלט־פעראסטען שווערד,
איך וויים, עס קרעהט דער האהן שוין באלד זיין מארגען־שירה,
א ראזער אנזאג־נעבעל שפרייט זיך איבער דר'ערד.
איך וויל אין נאכט ניט ווארטען אויף משיח'ס הארן,
איך וויל ניט זיין ערוואכט פון צייט'ס פערלעגען רוט,
איך בין פאר הויכע ליעדער און פאר קאמפף געבארען
און ס'בלעזעלט תמיד היים מיין ליידענשאפטליך בלוט.
עי, שפינט זיך, וועבט זיך טרוימען, ס'געהט א נייער מארגען,
אין זיינעם טראכט פערבארגען איז א יונגער גאט,
איך זעה, ווי אויפ'ן קבר פון די גראהע זארגען
פיהרט אן דאס מארגען־גליק א פריילין קאראהאד...

א. ל. באראן.

אהרן־לייב־באראן — דיכטער און הו־
מאריסט. געבארען אין יאהר 1886 אין קאליש־
לישאק, ווילנער גוב. האט צוערשט אנגעפאנגען
צו דרוקען זיך אין אברהם רייזען׳ס „דאס יודי־
שע ווארט“. האט אויך אנטייל גענומען אין פאר־
שיידענע אנדערע רוסיש־אידישע אויסגאבען. אין
1906 איז ער געקומען אין אמעריקא, וואו ער
האט אין יאהר 1910 ארויסגעגעבען א ליעדער־
זאמלונג אונטערן נאמען „ליעבע און בענק־
שאפט“. האט אויך געשריבען אונטערן פסעוו־
דאנים „דער ליטווישער באראן“. שפעטער איז
ער אין גאנצען פארשוואונדען פון דער ליטעראַ־
רישער וועלט. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן“; ש.
ניגער, אין „פריינד“, 1910.

א ים־טראגעדיע.

עס האט זיך א קינד פונ׳ם הימעל,
א וואלקען,
פערליעבט אין א טאכטער פון ים,
אין א וועל.
עס פאסט ניט דעם הימעל דער שידוך:
ער איז א בעל־יחוס א גרויסער;
נאך מעהר איז דער ים ניט צופרידען:
ער איז דאך פון יאהרען אן־עושר... —
די קינדער, די יונגע — זיי ווילען ניט וויסען,
פון דעם וואס עס קאכען זיך אלטע נאראנים...
און איינזאם, ביינאכט,
ווען ס׳דרעמעלט דער ים
און דער הימעל פערמאכט
זיינע ליכטיגע אויגען, —
דאן גנב׳עט זיך אב מיט העלישען פלאם
דאס קינד פונ׳ם הימעל —
צו דער וועלט־שעהנער טאכטער פון ים.
דערהערט עס דער ים —
און צוקאכט זיך
פון ברעג ביז צו ברעג,
דאן לייגען די כוואליעס, די טעכטער פון ים,
דאס לעבען אין שטורם אוועק.

ערוואכט אויך דער הימעל פון שלאף,
און שיקט זיינע בנים ארויס,
חיילים־ווייז שוועבען די וואלקען פאראויס:

א ראָטע געניטע סאָלדאַטען
אין שוואַרצע מונדירען געקליידט...
און ס'ווערט א מלחמה!
צווישען די וואָלקענס,
די זיהן פונ'ם הימעל,
און צווישען די כוואַליעס,
די טעכטער פון ים.

און געהט אַן א שיף דאַן,
גלייך ווערט זי צובראָכען, —
צופאַלען זיך זעגלען,
עס טרינקען זיך מענשען... — —
א שטורם איז דאַן אויפ'ן ים!

עס האָט זיך א קינד פונ'ם הימעל,
וואָלקען —
פערליעבט אין א טאָכטער פון ים,
אין א וועל...

מיידלעך.

אויפ'ן וועג פון זומער־גאָרטען
וואַרטען שטענדיג מיידלעך צוויי,
קיין זאך יאָגט זיי ניט פון דאָרטען,
ניט קיין רעגען, ניט קיין שניי.

זאָגט מיר, שוועסטער, אָר'מע,
בלאַסע,
וואָס האָט אייך אהער געבראַכט?
הונגער, דלות, קעלערס נאַסע,
אָדער גאָר אַנאַנדער מאַכט?

„מיך דער דלות און דער הונגער"...
ענטפערט איינע טרויריג שוואַך:

„מיך, א ליעבער מענש, א יונגער"...
ווייזט די צווייטע אָן: „אהער"...

„פיינד האָט ער מיך נור דעריבער,
ווייל איך בין געוואָרען אַלט;
איצטער: קום! זיי דו דער ליעבער..
קאַלט איז מיר, אַ, זעהר קאַלט!...

אויפ'ן וועג פון זומער־גאָרטען
געהען מיידלעך פיעל אַרום,
בלוט פון הארצען גיסט זיך דאָרטען
פון די ליפען הערט מען: קום...

ז. שניאור.

ז. שניאור — העברעאיש־אידישער דיכטער און בעלעטריסט. געבארען אין יאהר 1886, אין שקלאוו. צו 15 יאהר האט ער אין איין צייט זיך אנגעפאנגען צו דרוקען אין העברעאיש און אידיש. זיינע ערשטע זאכען אין אידיש זיינען ערשינען אין ספעקטאר'ס „יודישער פאלקסצייטונג“. שפעטער האט ער אנטייל גענומען אין פארשיידענע אנדערע רוסיש־אידישע אויסגאבען. ז. שניאור איז איינער פון די געזונטסטע און לעבענסלוסטיגסטע דיכטער אין דער נייער אידישער פאעזי. די ליעדער „א שטיין“, „בארג ארפ“, „טרא־לא־לא“ און „א הערבסט־מאטיוו“, מיט זייער בענקשאפט און זארגלאזער שפילעוודינקייט שטעהען גאנץ אליין אין דער אידישער דיכטונג. ז. שניאור האט אויך אנגעשריבען איינינע גרעסערע און קלענערע דערצעהלונגען אין אידיש. ביבל. בעל מחשבות, „געקליבענע שריפטען“, 1, 198—200; ז. רייזען, „לעקסיקאן“.

טרא-לא-לא.

אין וועלדעל ביי'ם טייכעל, דארט זענען געוואקסען
מארגריטקעלעך עלענד און קליין, —
ווי קלייניגקע זונען מיט ווייסינקע שטראהלען,
מיט ווייסינקע טרא־לא־לא.

געגאנגען איז חוה'לה שטיל און פער'חלומט,
צולאזען די גאלד־בלאנדע צעפ, —
דאס העלזעל ענטבלויזט און געמורמעלט־געזונגען
א ליעדעלע טרא־לא־לא.

דא קומט איהר אנטקעגען א בחור א שווארצער,
מיט לאקען מיט שווארצע, ווי פעך;
ער לאכט מיט די אויגען און ענטפערט איהר לוסטיג,
און ענטפערט איהר: טרא־לא־לא.

— וואס זוכסטו דא, מיידעל? וואס האסטו פערלארען,
וואס ווילסטו געפינען אין גראז?
„איך זוך מארגאריטקעס“, — פערדרויטעלט זיך חוה,
פערדרויטעלט זיך טרא־לא־לא.

— דו זוכסט נאך? און איך האב שוין טאקי געפונען
די שענסטע מארג'ריטקע אין וואלד,
א מארג'ריטע מיט צעפ און מיט אויגען סאפפירען,
מיט אויגעלעך טרא־לא־לא.

—כיין, כ'האב שוין מארג'ריטקעס. איך האב זיך פערגעסען —
איך זוך... דא נישט ווייט איז א קוואל...
— דער קוואל איז געשלאָסען, אהן מיר בלייבסטו דארשטיג
ביים קוואלכעלע טרא־לא־לא־לא.

—איך וויל גארנישט טרינקען. איך זוך מיר א שאָטען,
די זון באקט אריין אזוי היים...
— מיינע האהר זיינען שווארצער און קיהלער ווי שאָטענס
אין וועלדעלע טרא־לא־לא־לא

— א, לאז מיך, מען טאר נישט; די מאמע זאגט, מ'טאר ניט,
מיין מאמע איז אלט און איז בייז.
— וואו מאמע? וואס מאמע? דא זענען נאר בוימער,
נאר בוימעלעך טרא־לא־לא־לא.

—„מען זעהט" — קיינער זעהט ניט. „מען הערט!" — קיינער הערט ניט,
דאס וועלדעל איז בלינד און געדיכט.
אומארעם מיך, זיסע. דו זעהסט, איך בין רוהיג,
איך קוש דיר נאר — טרא־לא־לא־לא.

— דו ליעבסט מיך? — „איך ליעב דיך! — „דו שעמסט דיך?"
„איך שעם מיך.

— א, ליעב מיך און שעם דיך און שווייג.
און זעה ווי עס מישען זיך פעך־שווארצע קרויזען
מיט גאלדענע... טרא־לא־לא־לא.

די זון איז פערגאנגען, דער בחור — פערשוואונדען
און חוה'לע זיצט נאך אין וואלד.
זי קוקט אין דערווייטענס און מורמלט פער'חלומ'ט
דאס ליעדעלע: טרא־לא־לא־לא...

קארשען.

ציטיגע קארשען און ציטיגע מעדלאך
מיט אויגען פיעל שווארצער פון קארשען:
עס קלעטערען מעדלאך נאך קארשען און לאכען,
עס בלאנקען אין גרינס זויבער־בארוויסע פיסלאך:
עס קנאקען די דינע עלאסטישע צווייגען,
עס פלאפלען די בלעטער און ס'הוידען זיך שאָטענס, —
א פנים זיי העלפען מיט לאכען.
אט זיינען די שטיפערקעס הויך שוין פערקראכען.

עס מישען זיך לאַכען מיט בלעטער אינאיינעם —
און דונקעלע צווייגען מיט דונקעלע פאַלדען;
אַ טרויסעל אַ בוים און עס שיטען זיך קאַרשען,
מיט פלאַמענדע בליקען צוזאַמען.
דו שטעהסט אונטער׳ן בוים און צומישט און בעצויבערט,
און ווייסט ניט וואָס האָפען, וואָס שלינגען אַ פריהער,
אַ קאַרש צו אַ הייסינקען בליק.
שלינגסט קאַרשען און שטיקסט זיך פון יונגען געלעכטער,
דו לאַכסט אָהן אַ ציעל, אָהן אַ סיבה, אָהן ווילען,
עס בליהט דער געלעכטער, ווי קוואַל וואַסער שלאָגט ער
און רוישט ווי די בלעטער פון גאָרטען...
און ס׳לאַכען די הימלען און ס׳לאַכט גאָט אַליין —
דער גרייז־אַלטער גאָט פון די ווייסינקע וואָלקענס:
האַ־האַ, האַ־האַ... און עס ענטפערען מעדלעך:
האַ־האַ, האַ־האַ און אַ האָגעל אַ רויטער,
אַ ווייסער, אַ שמעקענדער האָגעל און קאַרשען
ער טענצעלט און פויקט אין די גראָז, ווי אויף סאַמיט —
אַ קאַרשען, אַ קאַרשען!

אוי, בחור, וואָס טרוימסטו! און דאָ שפּרינגט אַ מעדעל
אַראָפּ פון אַ בוים, ווי אַ יונגענקע סערנע!
ווי ווייס איז דאָס פיסעל, וואָס טוקט זיך אין גראָז,
ווי זיס איז דער רויש פון די מעדעלשע פאַלדען:
און דו טוז נאָך איהר, און דו לויפסט זי נאָך האָפען.
דו יאָגסט זי נאָך כלומר׳שט און מיינסט מיט אַנ׳אמת:
צוטראָטענער ווערמוט פער׳שכור׳ט דעם מוח,
צירייצט מיט זיין ביטערען דופט די געפיהלען,
דו טרעטסט מאַרגאַריטקעס, דו שפּרינגסט איבער ראָזען,
וואָס אַרט דיך! פּאַראַוים לויפט אַ מעדעל, דיין מעדעל
איהר קערפּער איז פרישער פון בלומען...

מיט ליפען באַגאָסען, מיט קאַרשען בלוט לאַכסטו:
— „שטעה ווייליגקע קליינע" און בעטסט זי אין הארצען:
— לויף ווייטער, לויף ווייטער...
עס קלאַפּען די הערצער, אַרום ווערט אַלץ שטילער.
דו ביזט שוין דער יעגער און זי איז אַ גאַזעל,
אַ גאַזעל מיט גרויסע, צושראָקענע אויגען;
פערטרייבסט זי אין ווייטע, אין קיהלע אַלעען,
און לאַנגזאַמער לויפט זי, ווערט מיעדער און מיעדער...
אַ שפּרונג — און דו האַפּסט זי. עס הויבט זיך איהר בוזעם
און שפּיעלט מיט די ווייסע באַטיסטינע פאַלדען. —
עס שמעקט פון דיין ליעבסטער מיט קאַרשען און יוגענד
מיט טריף־וואַקס פון צווייגען און וואַרימען קערפּער —
פון קריכען אויף בוימער און לויפען...

ז. שניאור

ארום שטעהן טאפאלען — די שומרים פון גארטען
ווי כהנים־גדולים אין גרינע טליתים.
די צווייגען געשפיצט און געשטרעקט צו דעם הימעל
און דוכנ'ען אויביג, און בעטען אהן ווערטער:
מעהר שטראהלען דעם גארטען, מעהר שטראהלען!
א ליידיגער האמאק באוועגט זיך פאמעלעך
דארט ערגיץ צווישען צוויי אלטע בעראזעס,
ער וויעגט ניט דערוועבטע חלומות, דער האמאק...
שטיל. קיינער זעהט ניט, דו מאך ניט קיין שהיות
די טאפאלען וועלען עס קיינעם דערצעהלען —
א קוש אין די גלאטע, צוואַרעמטע בעקלאך.
א קוש אין די גרויסע צושראקענע אויגען.
וואס זיינען פיעל שווארצער פון קארשען. —
זי ווערט כלומר'שט ברוגז און בלאזט אן די ליפלאך
און ס'לייגט זיך א קנייטשעל פון קינדער עקשנות
צווישען די קינדערשע ברעמען.
דו חאפסט זי ארום און זי מאכט זיך ניט וויסען:
א קוש אין דאס ברוגז'ע מיילכעל און העלזעל,
א קוש דארט צווישען די צעפ, די געדיכטע,
דארט איז אזוי ווארעם, דארט איז אזוי מילד,
ווי אונטער א טייבעלשער פליעגעל...
און לאז זי דאן אפ, זי איז מיעד, זי איז דארשטיג,
דו קוקסט אן־א־זייט אזוי תמימות'דיג רוהיג
און זעהסט נור א קליינינקען, גליהענדען אויער;
פערבייסט דאן די קושען מיט זאפטיגע קארשען —
א זים זיינען קארשען, געשמאק זיינען קארשען,
א וועלט פול מיט קארשען.

*
* *

רויטע עפעל, גרינע שאטענס,
גראזען: סאמעט, הימלען: זיידענס...
און א הילכיג טייך־געלעכטער
גיסט זיך, טראגט זיך פון דערוויי־
טענס.

קום צו געהן מיין מיידעל מלאך!
פרוכטען רייצען, צווייגען קנאקען...
מיר אנ'עפעל, דיר אנ'עפעל,
און א גנבה־קוש אין אקען.

קום צוגעהן, דא קלינגען, קלינגען...
לעצטע, בלאהע גלעקליך־בלומען;
מיר א בלימעל, דיר א בלימעל
און א דריק צום ברוסט א שטומען.

קום... איך וועב דא גאלד־חלומות
פון דער וועלט און פון מיין טרויער..
מיר א חלום, דיר א חלום
און א שטילען סוד אין אויער.

באַרג אַראָפּ.

װעמען קאַלט איז יענער זאָל זיך װאַרימען, —
מיך פרײט דער שנײ. איך גריס זיך מיט'ן פראָסט;
די ערד איז קלאָר, האָט דאַכט זיך קײנמאָל ניט געזינדיגט
און איך אַלײן בין רײן. אומשולדיג װי אַ קינד.

איך האָב אַ לאַנגע באָרד, אַ האַרבען קנײטש אין שטערען,
אין דאָך האָב איך מיר הײנט אַ שליטעלע געקױפט;
װי נײ, װי גרינג זי איז, זי קנאַקט אַזױ מעלאָדיש,
װען כ'פליה װי פײל פון בױגען באַרג אַראָפּ.

ניט קוקט װאָס זי איז קלײן! — אַ װילדע איז מײן שליטעל,
און היציגער פיל מעהר פון אַן'אַראַבער־פערד;
זי לאַכט פון חוואַליעס שנײ, װאָס ברױזען איהר ענטקעגען; —
אײן רגע לאָזט זי אַפּ — אַדיע, אַדיע די װעלט!...

גאָר נײן, זי איז געצױמט, איך קעניג אױף איהר װילדקײט
און שטאַרק — די מוסקולען װאָס קיהװענען מיט איהר;
דאָס שטריקעל נײ און װײך, די הענד װי צװאַנגען אײזען; —
רױמט אױס, רױמט אױס דעם װעג: איך לאָז מיך באַרג־אַראָפּ!

אַ װײסע יוגענד אױבען, אַ װײסע יוגענד אונטען,
איך פאַל פון הױכען באַרג װי שװאַרצער מעטעאָר;
דער שנײ פערשיט די אױגען מיט הױפענס פול בריליאַנטען,
און ס'דרעה'ן זיך ערד און הימעל אין אײן װײסען קאַראַהאָד.

איך פליה צום קלאָרען אַבגרונד. װאָס־טױט, און װאָס מיר לעבען!
אַ װײסער שרעק און פרײד צוזאַמען אױסגעמישט...
די הײזער — קלײנע שערבלעך, די מענשען — פּינטלעך, פּינטלעך; —
האַ־האַ, איך ליב זײ אַלעמען, האַ־האַ, איך לאַך פון אַלץ.

דער װינד פײפט־נאָך מיט שפּאָט און שטיקט מיט קאַלטע אָרעמס,
מײן שליטעל שלעפּט און שלעפּט צום װײסען כף־הקל; —
און איך, — איך קוק מיט שטאָלץ דעם גרױסען שרעק אין פּנים,
און שרײ אין תהום אַרײן מיט װילדער אָדלער־פרײד.

הערבסט־מאָטיװ.

אין דער אָװענד לופט
פליהען װײסע גענז,
װאו די זון פערגעהט
דאָרטען פליהען זײ.
העלזער אױסגעשטרעקט,
פליגלען — אױסגעשפּרײט;

און זײ ציהען זיך
צו דער לעצטער זון,
און זײ יאָגען נאָך
רױטע װאָלקענדלעך, —
שװאַרצע פליטערלעך
אין דעם אָװענד־גלות...

און פערשווינדען דארט,
ווי די פלעדערלעך
אין א פלאם בייננאכט; —
לעצטע אפפער
אויף דער לעצטער זון.
אוי, טרויעריג, שוועסטער'ל,
טרויעריג.

פונ'ם טייך שטעהט אויף —
ווי א שלעכטער טרוים,
ווי א בלאסער גייסט —
שטעהט א פארע אויף.
דארע נעבעל־הענד
הויבען, הויבען זיך;
פליקען שאקלען זיך,
קיטלען פלאטערען,
און זיי דוכנ'ען.

וועמען בענשען זיי,
וועמען שילטען זיי?
ס'איז קיין ווינד ניטא —
און דאך בויגט זיך שטיל
דער טראסטניק ביים טייך,
מודים בוקט ער זיך
פאר דעם נעבעל־גייסט.
צי דאס בלאנדזשעט ניט
דארט די זומער־קראפט?
צי איהר תקון זוכט
די נשמה'ניו
די פערוואגעלטע —
פון פערוועלקטען פעלד
ביי די וואסערען — ?
אוי, טרויעריג, שוועסטער'ל,
טרויעריג!

א שטיין.

עס איז געווען א נאכט, א זומער נאכט א קיהלע.
אנגעזאפט מיט בלאה'ס און לבנה־שיין און ליעבע —
איז זי צוגעפאלען ליידענשאפטליך צו דער מוטער ערד
ווי א הייסע, רייכע מאמע צו איהר עלענדער יתומה,
ווייך ארומגענומען זי מיט סאמעטענע הימלען,
געקושט מיט גראזען — ריחות געווישט מיט ווינדלעך,
געוויינט פון פרייד מיט מעטעארען.
און ערגיץ האט א גריל דערזעגט זיין סערענאדע,
און ערגיץ האט א זשאבע לאנג געקוואקעט קריאת־שמע,
און ערגיץ, וואו אין גראז בין איך געלעגען עלענד,
ערגיץ, וואו אין גראז...
דער קערפער צוגעשמידט צו דר'ערד; און די נשמה —
האט געבלאנדזשעט און געזוכט א ציעל אין טיעפען הימעל.
און צווישען גוף און זעעלע, הויך אין הימעל עטהער,
זיינען דורכגעשוואומען לאנגזאם זילבערנע, פערקלעהרטע
שטיקלעך וואלקען, שטיקלעך וואלקען...
א וואלקען א געדאנק, א וואלקען א פאנטאזיע...
א וואלקען א צעשטערטער ווייסער חלום...
און צווישען גוף און זעעלע האבען ווייך געפלימעלט
וועלטען שטערען.

ערגיץ וואו אין גראז בין איך געלעגען עלענד,
און געזוכט א הארץ מיט וועמען זיך צו טהיילען
די בענקשאפט אין דער נאכט...

געווען איז צו פיעל גוט, אז איך זאל קענען שווייגען
צו פריש דאס גראז, אז איך אליין זאל שמעקען,
צו פיעל טיעף דער הימעל, אז מיין געדאנק זאל דארטען
אומשווימען אליין און ניט דערטרונקען ווערען.
א גרויסעם זומער־גליק איז אין דער לופט געהאנגען —
געביטען זיך אין האנד אריין, געביטען זיך אין הארצען —
א גליק צו גרויס, צו זים פאר איין נשמה צו פערדויען.
מיט ווע‏מען טיילען זיך איז אבער ניט געווען.
אלע האבען פון דער נאכט, פון גרויסען זומער־גליק
נור קליינע, קליינע שטיקעלאך גע׳גנב׳עט,
בעהאלטען זיך מיט ווייב און קינדער, מיט כלות און חתנים,
פערשלאסען טיהר און לאדען, קיינער זאל ניט זעהען,
און נאגען דארטען שטילערהייד, אז קיינער זאל ניט הערען,
איטליכער אין זיין קאנורע פאר זיין פיצעל נחת...

איך האב געזוכט א הארץ און האב א שטיין געפונען,
עלענד אין דעם גראז, ווי איך איז ער געלעגען.
גארנישט געבענדיג דעם לעבען — גראה און קאלט און הארט
האט ער אליין פון לעבען גארנישט ניט געווארט.
איך האב איהם צוגערוקט צו זיך און צוגעדריקט מיט בענקשאפט,
ווי צו א שטומען ברודער מיין צוהיצטען שטערען;
פערהילט איהם געדיכט מיט מיינע שווארצע לאקען,
געפיהלט מיט מיינע אדערען זיין שטיינער הארץ,
אנגעטאפט מיט מיינע נערוועז זיין גראניטנעם דופק,
איינגעזאפט אין זיך מיט טויזענד מיילכלעך פון מיין הויט
זיין שווייגען און זיין הארטקייט...
און כ׳האב געפיהלט אהן ווערטער, וויפיעל וואסערען און שטראמען
ס׳האבען איהם געקויקעלט און געשליידערט;
וויפיעל רעגענס האבען איהם געשווינקט און וויפיעל ווינדטען
האבען איהם פערשאטען און צוריק ארויסגעגראבען;
וויפיעל ווינטערען ער האט געוואוסט און וויפיעל זומער־נעכט
ער איז געלעגען, עלענד, עלענד, עלענד...
ער שווייגט, ער שווייגט מיין שטיין און איך וועל שווייגען אויך.
פון פערמאכטע לאדען קוקען צינגלעך פייערלאך מיט שפאט,
אין פערשפארטע הייזער שוועבען הייסע פרויען־שאטענס...
ער שווייגט, ער שווייגט מיין שטיין און איך וועל שווייגען אויך.



יעקב שטיינבערג.

יעקב שטיינבערג — העברעאיש־אידי־שער דיכטער און דראמאטיקער. געבארען אין יאהר 1886, אין ביעלאיא צערקאוו, קיעווער גוב. יעקב שטיינבערג האט אויסער א גרויסע צאהל קורצע לירישע ליעדער און פאעמען אין אידיש, אויך אנגעשריבען א רייהע דערצעהלונגען און דראמען, פון וועלכע „די מוטער" (דראמא) און א קלענערע זאמלונג פון דערצעהלונגען און ליע־דער זיינען ערשינען אין באזונדערע אויסגא־בען. א באזונדער אויפמערקזאמקייט האט אויף זיך געצויגען זיין פאעמא „רוסלאנד" אין „פריינד", 1913 ? ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן".

שטענדיג שעהן.

שטענדיג שעהן זעהט־אויס דאס
לעבען
דעם, וואס האט די שעהנע אויגען:
איך האב אומעט פון צעהן דורות
פון מיין מוטערס ברוסט געזויגען.

אבער אויב מען האט נאך קינדווייז
מיר געוואלט די וועלט פער'מיאוס'ען,
אויב מען האט מיין הארץ פער־
שטיינערט,—
פון'ם שטיין וועט פרייד נאך
פליעסען.

קינדווייז האט געוואלט מיין מאמע
מיינע תאוות מיר פערוויעגען,
כ'עפען איצטער אלע אוצרות
פון הנאה און פערג'ניגען.

שעהן און שעהנער ווערט מיין לעבען,
פריי און פרעהליך ווערט אין הארצען,
כ'וועל פערהוליען זיעבען דורות
ביז מיין לעצטען שלאף דעם שוואר־
צען.

כ'לעב ווי גראזען אויפ'ן פעלד.

איינער זיפצט און איינער לאכט,
איינער קוקט גלאט אן די וועלט;
איך האב זומער ליעב דאס גרינס,
כ'האב הנאה פון דער קעלט.

כ'לעב ווי גראזען אויפ'ן פעלד,
ווי די חוואליעס אויפ'ן טייך;
כ'וויס, ווי זיי, נישט פון א ציעל,
כ'וויס, אז אונזער סוף איז גלייך.

אבער איך האב נאך דערצו
א נשמה; גרויס צי קליין,
ווייסט נישט קיינער אויף דער ערד,
און איך וויים עס נישט אליין.

איך האב שטיקלעך נאר פון איהר
אין געזאנגען איינגעוועבט;
ס'וועט זיך אויסזוכען אמאל
יעדעס שטיקעל וואו עס לעבט.

און עס וועט א ווייטער דור
זיי נאָך היטען אויף פּאַפּיער, —
אָבער טויזענד מאָל נאָך מעהר
וועט פערלאָרען געהן מיט מיר

כ'לעב דערפאר ווי גראָז אין פעלד,
ווי די חוואַליעס אויפ'ן טייך;
כ'וויים, ווי זיי, נישט פון א ציעל,
כ'וויים, אז אונזער סוף איז גלייך.

דאָס גליק.

א מחנה בלינדע זיצט ביי'ם וועג,
עס געהט פארביי א שפּאַסער:
עס איז איהם לאַנגווייליג: ער איז
דערפרוירען און א נאַסער.

ער רופט זיך אָן: אָט האָט איהר דאָ
א גאָלד־שטיק אייך אין גאנצען;
און איז אוועק. נאָר ווער ס'איז בלינד
דער זעהט קיין גאָלד ניט גלאַנצען.

מען קריעכט, מען שארט, מען זוכט,
מען שרייט:
„עס איז ביי דיר געבליבען !" —
און ווייסען נישט, אז יענער האָט
א שפּאַס מיט זיי געטריבען.

אין אַ שליטען.

וועט דאָס זיין היינט א שפּאַציער:
וויים די ערד, דער הימעל בלאָה;
ס'קריצט דער שניי און ס'שניידט די לופט;
וואָס מיר קעלט — די זון איז דאָ!

ס'שטעהט א שליטען פאַר דער טהיר,
ס'קלינגט דאָס גלעקעל: דין־דין־דין..
קום מיר זעצען זיך אריין, —
פיהר אונז, פוהרמאַן, גיך אהין, —

זעהסט, דאָרט שטעהט דאָס לעצטע הויז,
נאָכדעם ציהט דאָס פעלד זיך וויט:
פיהר אהין אונז, יאָג די פערד, —
גיך, מיר זענען יונגע לייט.

אָט אזוי: עס פליהט די גאַס,
ווייסער, ריינער ווערט דער שניי;
דריק זיך, מעדעל, צו צו מיר, —
און דו, פוהרמאַן, פאָהר, נישט שטעה!

אויסגעלאָזטער ווערט דער ווינד,
און עס גלאנצט דער שניי און בליצט,
און דער שליטען קריצט און רוישט,
כ'וועל א קוש דיר געבען איצט.

וואָס ? דאָס האָט דער ווינד געפייפט
כ'האָב א סוד און שוויינ דערוויל,
ביז נאָך ברייטער ווערט דאָס פעלד,
פוהרמאַן, יאָג דעם שליטען, אייל!

ס'רייצט דער ווינד זיך שוין פערשייט
און בעשיט אונז אלע מאָל
מיט א זילבער־ווייסען שטויב
און מיט פונקען אָהן א צאָהל.

וויפיעל ליכטיגקייט ארום!
טויזענד קליינע שטיקלעך שניי,
טאַנצען, פליהען אין געזיכט;
ליגען, גלאנצען אויפ'ן שניי,

ווי א גרויסע קאלטע זון
האט צוקלאפט גאט אין דערפריה
אין א זילבער־ווייסען שטויב,
און געזאגט איהם: געה און פליה!

און ער פליהט און בליצט און
גלאנצט,
כ'האב דיך ליעב, ווי כ'ליעב די
שיין:
נעהם און מאך די אויגען צו,
ביז עס וויעגט דער ווינד דיך איין.

שמייכעלסט... כ'האב עס נישט גע־
טהון:
ס'האט דער ווינד געקושט דיך
שטיל:
אז איך קוש דיך — קוש איך היים,
ווייל מיין בלוט איז נאך נישט קיהל.

אט אזוי איז היים מיין קוש —
שיינק דיין הארץ מיר, נישט גע־
טראכט,
ווייל כ'האב פייער אין מיין בלוט,
און מיין האנד האלט דיך מיט מאכט.

לאז, איך רייץ דיין בלוט דיר אויף,
און דו רעד נישט און נישט זאג,
ווייל אויך איך האב, נישט געטראכט,
זיך געשיינקט דעם ווינטער־טאג.

ס'לויפט דער שליטען ווי א פייל —
שטענדיג פרעהליך איז די וועלט:
פרעה זיך זומער מיט'ן גרינס,
הוליע ווינטער אין דער קעלט.

ס'טראגט דער ווינד אוועק דיין
ווארט...
מארגען? טראכט נישט וואס עס
געהט:
ס'איז דער מארגען נאך נישטא,
ס'איז דער נעכטען שוין צווייט.

דיין ווי שניי איז דאך מיין הארץ:
כ'ליעב דיין שמייכעל, כ'ליעב דיין
חן:
כ'האב א טרויער אהן א סוף,
ס'וועט א פרוי איהם נישט פער־
שטעהן:

כ'האב געלאזען אין דערהיים
אין פאפירען צווישען שטויב,
גאנצע וועלטען האב איך דארט
און איך דארף זיי גארנישט, גלויב.

שניי און הימעל, ליכט און קעלט —
איז א טאג מיר שען און זיס,
יענע וועלטען אלע, קינד,
גיב איך אב פאר איהם געוויס.

אין מיין ליעד, וואס איז נאך יונג,
וועט מיין אומעט לעבען לאנג
פאר'ן דור, וואס קומט נאך מיר, —
איך וויל לעבען אין געזאנג.

גיך ווי שניי צוגעהט די לוסט,
און די תאוה גיט א ברען...
כ'זעט מיין בלוט אן און מיין בליק,
כ'פרעג נישט, וואו און פרעג נישט,
ווען.

איצט איז יונג און היים מיין בלוט,
און מיין תאוה איז א פלאם:
כ'פרעג נישט. פיהר אונז, פוהרמאן,
ווייט
אויפ'ן זילבער־ווייסען ים.

די טרויעריגע ליעבע.

(פראַגמענט)

כ'בין נאָך יונג; איך האָב דעם בעכער פון פערגעניגען
ביז'ן גרונד נישט אויסגעטרונקען; מיינע אויגען
האָבען זיך אין גאָט'ס וועלט נאָך נישט אָנגעזעטיגט;
מיין נשמה איז נאָך נישט צוריקגעקומען
פון איהר פליהען אין שענע טרוימען־וועלטען;
כ'האָב מיין יוגענד־טרוים נאָך וועבען נישט געענדיגט,
ס'איז מיין בלוט דאָס הייסע נאָך נישט קאַלט געוואָרען,
כ'האָב מיין יונגען קאָפּ נאָך נישט אַראָבגעלאָזען
אונטער שווערער אַרבייט, אונטער'ן אַלטען טרויער, —
נאָר איך טראָג אין זיך אַ טרויער אָהן אַ נאָמען,
וואָס איך האָב פון מיינע עלטערען גע'ירש'ענט;
גאָר איך פיהל מיך אָפטמאָל אַלט און אָבגעלעבט שוין,
ווי מיין פאָלק דאָס אַלטע און דאָס אָבגעלעבטע.

ס'שטעהען אויף פאַר מיר געשטאַלטען
ליעבע, טייערע, — און לאַכען
מיט אַ קול פון אַ געליעבטער,
גוט און זיס צו מיר; —

ווייטער קומט איהר מיך דערמאָהנען
ליעבע־טעג און ליעבע־אָווענדס,
ווייטער זאָל איך זעהן דאָס מיידעל
אין איהר גאַנצען חן.

שטעה פאַר מיר, מיין שענעס מיידעל!
מיר אַליין דערצעהל איך טרוימען,
ביז דו פליהסט אַוועק צוזאַמען
מיט דער בלאַסער נאַכט.

דוד איינהאָרן.

דוד איינהאָרן — איינער פון די פּאָפּולערסטע יונגע אידישע דיכטער אין רוסלאַנד. געבאָרען אין יאָהר 1886, אין קאַרעליטש, מינסקער גוב. דוד איינהאָרן האָט אָנגעפאַנגען זיין קאַריערע אַלס דיכטער אין יאָהר 1904. נאָך מיט זיינע ערשטע, אין יענער צייט גאַנץ נייע, ליעדער האָט ער אויף זיך געצויגען אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט. אין 1909 איז (אין פאַרלאַג „די וועלט") ארויס זיין ערשטע זאַמלונג ליעדער „שטילע געזאַנגען", וואָס איז פון דער קריטיק זעהר וואַרעם אויפגענומען געוואָרען. שפּעטער איז ערשינען אַ פערמערטע אויפלאַגע (אין פאַרלאַג „פּראָגרעס"). אין 1912 איז ערשינען אַ דריטע זאַמלונג אונטער'ן נאָמען „מיינע ליעדער", וואָס האָט איהם אוועקגעשטעלט אין דער רייהע פון די באַדייטענדערע אידישע דיכטער. ביבל. מ. שאַליט, אין „דאָס נייע לעבען", 1909, 9; ה. ד. נאָמבערג, אין „פריינד", 1910; י. סלאָנים, אין זאַמעלבוך „ליטעראַטור"; ש. ניגער, אין „ליטעראַטור און לעבען"; ז. רייזען, „לעקסיקאָן".

צו אַ יודישער טאָכטער.

סאָנעט.

פאַרשיכורט פון דער נאַכט און וועהענדע פּאַרפומען,
בין איך ביים שוועל פון טיר געשטאַנען און געוואַרט...
מיט מיר צוזאַמען האָט די גאַנצע וועלט געגאַרט
און אויסגעקוקט מיט טויזענט שטערען אויף דיין קומען...

און פּלוצלינג האָט מיר ווער דערלאַנגט אַ צוויייג מיט בלומען:
די בלעטלעך זיינען שוין ביי זיי געוועזן פאַרדאַרט...
און עמיץ האָט געזאָגט, — מיין פריינד, דו ביסט גענאַרט, —
נאָר איך האָב נישט געהערט און האָב דעם צווייג גענומען.

איך האָב אין זיך געגלויבט און אין דיין קראַפט געגלויבט,
און מיט דעם פריהלינגס־דופט דעם ספק טיף פאַרטויבט,
און אויף איינם געהאָפט, אַז טויטע וועלען לעבען...

מיין גלויבען האָט געזיגט, דער נס איז דאָך געשעהן!
איך האָב דיין ליב געזיכט ביים שטערען־שיין געזעהן,
און נייע בליטען האָט דער טויטער צווייג געגעבען.

*
* *

געפאַלען איז אויף מיר
אַ שאָטען פון דיין קלייד,
אַ לייכטער זיידען־שאָרך
האָט אויפגעדריקט מיין האַרץ.

איך שטעה אליין און האָרך,
מיין זעל געהט אויס פון פרייד,
און עמיץ סוד'עט מיר:
זי געהט, זי געהט, זי געהט!...

אַט הער איך דײַנע טריט,
אַט דוכט מיר, דײַנס אַ האַנד
בעריהרט מײַן ברעם, און גלעט
און מאַכט דאָס אויג מיר צו:

איך הער דײַן צאַרטע שטים,
זי זינגט, זי קושט, זי רעדט —
און טיעף און טיעף אין מיר
וואַקסט אוים אַ שטיל געבעט...

*
*　　*

אַ שטילער קלאַפּ אין טיר, אַ צערטליכער געלעכטער.
אַ שעמעוודיגער קוש, אַ לײַכטער דריק אין האַנד.
אַ פּענסטערל אַ קלײַנס. אַ בוימעלע אַ יונגעס.
אַ ווײַכע באַנק פון גראָז, וואָס טוליעט זיך צום וואַנד...

אַ דונקעל־בלוי געוועלב מיט גינגאָלדענע שטערען.
אין שטילקייט פון דער נאַכט דער זשומען פון אַ גריל.
אַ ווײַטער רויש, וואָס קומט צו שווימען פון דעם טײַכעל.
אַ ווינטעלע אַ שטילס, וואָס גליצט זיך אויפ'ן גראָז...

דער ברעג פון האָריזאָנט, וואָס הויבט שוין אָן צו בלײַכען.
אַ ווײַסער טול, וואָס הילט דאָס ענגע געסעל אײַן.
אַ לעצטער לאַנגער קוש. אַ שטילער קלאַפּ אין לאָדען.
און נאָכדעם ווײַטע טריט, וואָס קלינגען אָב געהיים...

הערבסט־שטימונג.

ווי שטיל עס צעלעגען זיך טרויריגע שאָטען.
אַ ווינטעלע ציטערט צעווישען די צווײַגען.
פערמאַך דײַנע אויגען, מײַן ליעבסטע, און לאָמ'יר
אַ מעשה'לע שפּינען אין הערבסטיגען שווײַגען.

דו זײַ די פּרינצעסין, און איך דער בן־מלך.
אַ צערטליכער טרוים וועט אונז בײדע פערוועבען
אין ערגיץ אַ פּאַלאַץ, וואָס טונקט זיך אין וועלדער.
פער'חלום'טע וועלען מיר אײנזאַם דאָרט לעבען.

דו הערסט, ווי עס רוישען די בוימער אין דרויסען.
אַ וואָלקען פערציהט זיך אַריבער די שטערען.
אַ בעזער מכשף וועט פּלוצלינג ערשײַנען
און וועט אונזער מאַרמאָרנעם פּאַלאַץ צעשטערען.

דער יונגער בן־מלך װעט ערגיץ פערבלאָנדזשען
און האלזען פון אומעט א פעלזען א הארטען;
אין צעלט פון א פאסטוך װעט זײן די בת־מלכּה
און, עלענד, פערלאָזען, איהר ליעבסטען ערװארטען.

נור בלײבען אין מדבר װעט ער, — אויף זײן קבר
װעט שטעהן נור אנ׳אײנזאמער דאָרן געבױגען.
און שטיל אין א פינסטערע נאכט דער בת־מלכּה
װעט צומאכען רוהיג א פאסטוך די אױגען.

נישט שרעק זיך, מײן ליעבסטע, פערגעס אָן דער ענדע,
פערזינק אין די שאָטען דײן טיעפען בעדױער.
עס גיט אזוי זעלטען א שעהנע לעגענדע,
װאס זאָל ניט פערהילט זײן אין אײביגען טרױער.

*

* *

געגרײט מיט׳ן װאנדערער־שטעקען דאָ שטעה איך
פערלאָזען. עס פרעגט מיך נישט קײנער, װאו געה איך.
און גלײך װי א פױגעל, װאס ציהט זיך צו דרום,
צושפּרײט איך צו דיר אין מײן בענקשאפט דעם אָרים
און רוף דיך בעהאלטען בײ מיר אין מײן זינען:
צי װעל איך געפינען?

איך האב דײנע טריט אויפ׳ן גראָז אויפ׳ן װײכען
בײ מיר אין מײן גאָרטען גענומען אלס צײכען.
װאס װײטער, װאס װײטער האב איך זײ פערלאָרען...
דאָ שלענגעלט א טײכעל, דאָ כװאַליעט זיך קאָרן —
איך שטעה ביז עס הױבען מיר טרערען אָן רינען:
צי װעל איך געפינען?

װער װײס, װאו מײן אומענדליך װעג װעט מיך פיהרען,
און בלאָנדזשענדיג, קאָן איך דײן בילד נאָך פערלירען,
און קומענדיג װען צו דײן שװעל שױן א מיעדער,
א קראנקער צו זוכען א רוה פאר די גלידער,
װעל איך פאר א װינקעל, פאר עסען דיר דינען
נישט װיסענדיג װעמען. און בלײבען, און פרעגען:
צי װעל איך געפינען?

די בעריאָזקעלע.

רוהיג, רוהיג שאָקעלט איהר געלאָקטעס גרינעס קעפּיל
מיין ווייסענקע בעריאָזקעלע און דאַוונט אַהן אַ שיעור.
יעדעס, יעדעס בלעטעלע איהרס שעפּטשעט שטיל אַ תפילה...
זיי שוין, קליין בעריאָזקעלע, מתפּלל אויך פאַר מיר!...
איך בין דאַ אַנ'עלענדער געקומען פון דער ווייטען.
פרעמד איז מיר דער גאָט פון דאַנ', און פרעמד איז מיר זיין שפּראַך.
נישט ער וועט מיין טרויער זעהן און נישט פערשטעהן מיין תפילה,
כאָטש איך וועל מתפּלל זיין, מתפּלל זיין אַ סך.
פון דעם ווייטען מערב האָט זיך טרויעריג פער'גנב'עט
אין די דינע צווייגעלעך אַ ראָזער צאַרטער שטראַהל
און אַ לייכטען קוש געטהון די בלעטעלעך, די קליינע
וועלכע האָבען דרעמלענדיג געהאָרכט די נאַכטיגאַל.
פון די ברייטע פעלדער איז אַ ווינטעלע געקומען
און דערצעהלט די בלעטעלעך לעגענדען אַהן אַ שיעור...
עפּיס האָט אין האַרצען טיעף ביי מיר גענומען בענקען.
זיי שוין, קליין בעריאָזקעלע, מתפּלל אויך פאַר מיר!...

ליטאַ.

עס האָט מיך געפאַנגען דער אומעט, וואָס שוועבט אויף די דונקעלע פעלדער
און רוהט אויף די איינזאַמע בוימלעך, וואָס שטעהען צעוואָרפען אויף זיי;
דער בלאַהער פערטרויערטער הימעל, וואָס קוקט אַ פערוויינטער אַרונטער
דורך ווייסליכע זיידענע נעבלען, ערפילט מיט אַ צערטליכען וועה;

די ראָזע און שטילע פאַרנאַכטען, וואָס שטאַרבען ווי עלענדע קינדער;
די נעבט, וועלכע באָדען זיך שטיל אין אַ בלאַסען, אַ קרענקליכען שיין;
די מאָרגענס, וואָס וועקען זיך אויף, ווי אַ שמייכעל אויף גוסס'ע ליפּען;
די טעג, וואָס ערשיינען פערהילט, ווי זיי וואָלטען זיך שעמען צו זיין;

די שמאָלינקע טייכלעך, וואָס בלאָנדזשען פון אונטער די ברוגז'ע ווערבעס;
די לאָנקעס, אויף וועלכע עס שפּראָצען זיך אָרימע בלימעלעך שטיל;
די קליינע בעריאָזעווע וועלדלעך אויף ברייטע אונענדליכע שטרעקעס,
ווי איינציגע ליכטיגע טרוימען אין תהום פון אַ שוואַרצען געפיהל.

עס האָט מיך פער'כשופ'ט דאָס לאַנד, וואו די זון קוקט אַרויס דורך אַ נעבעל;
דאָס לאַנד, וואו עס קומען קיין שטורימס, נור ווינטעלעך קייקלען זיך מיעד;
דאָס לאַנד, וועלכעס בענקט אין אַ טרויער און האָפּט אין איהר שטענדיגען צווייפעל;
דאָס לאַנד, וואו עס האָט זיך געוועבט מיין פערבענקטעס פער'חלומ'טעס ליעד.

געשטאָרבען דער לעצטער בעל תפלה.

געשטאָרבען דער לעצטער בעל תפלה,
פערשלאָסען שטעהט אײנזאם די שוהל.
די פענסטער פערשלאָגען — און שאָטענס
פאַרשעמטע זײ מאַכען זי פול...

עס ליעגט װי א אײביגער טרױער
אריבער די נאַקעטע װענד
און אונטער דער קרױן פון כהונה
פאַרבראָכענע רוהען צװײ הענד...

געשטאָרבען דער לעצטער בעל תפלה.
נישטאָ װער צום עמיד זאָל געהן:
עס לעשט זיך און צאַנקט דער נר תמיד
בײ זיך, אין זײן װינקעל אלײן.

און שטיל אויף די טרעפּלעך פון ארון
די שכינה אנ׳עלענדע שטעהט:
איהר קאָפּ איז געבױגען אין טרױער
און שװאַרץ, װי די נאַכט איז איהר קלײד

און ס׳דוכט, איהרע ליפּען זײ מורמלען
א שטילעם, א לעצטעם געבעט,
און ס׳הערט זיך א שטים פון פּרכת:
צו שפּעט, מײן געטרײע, צו שפּעט!...

* *

אין שװאַרצען טהו זיך אָן, מײן פרײנד,
און געה ארױס מקבל זײן
די מלכה שבת מיט דײן צער,
אין שאָטען פון דעם נעילה שײן.

און װען זי װעט מיט שטילע טריט
אדורכגעהן אונזער אָרים גאַס,
צינד אָן מיט טרױער איהרע ליכט
און זאָל דײן אויג פערבלײבען נאַס.

און נאָכדעם געה ארױס אין פעלד
און הער זיך צו צום קלױסטער־קלאַנג
און זאָג דער פרעמדער גאָרטען בליהט,
פערװעלקט איז אונזער שײן פון לאַנג.

און זאָג: די חורבה איז פערלאָזט,
עס ברומט שױן נישט אין איהר קײן טױב,—
דער שעהנער טרױם פון אױפבױען
דערשטיקט האָט זיך אין אלטען שטױב.

און ווען עס וועט דער לעצטער
שטראַהל
פערגעהן, דאן קום אין שוהל צוריק,
בעהאלט זיך אין א ווינקעל שטיל
און האלט אראבגעלאַזט דיין בליק.

אין שווארצען טהו זיך אַן, מיין
פריינד,
און געה ארוים מקבל זיין
די מלכה שבת מיט דיין צער
אין דעם נאָך בלאַסען נעילה שיין.

*
*   *

אין ווילדען שטראָם פון בלוט שטיל פאלען מיינע טרערען.
בעשיץ זיי גאָט!
פון פרעמדען וועה קען מיר נישט גרינגער ווערען,
איך קען נאָר איין געשריי פון ווילדען ווירבעל הערען:
די שטימע פון מיין פאָלק.

וואָס אַרט מיר דען די וועלט מיט איהרע ליידען:
זי מוז די שולדען צאָהלען!
איך האָב זיך נישט געטיילט מיט איהרע גרויסע פריידען,
און וויל נישט צוליעב איהר מיט מיין פאמיליע שיידען,
און זיין אין גרויסען מיהל פון מענשען שטראָם צומאָהלען.

איך האָב די פולע ברוסט פון „פרידען" ניט געזויגען,
מיין בוים האָט זיך פון זיינע פרוכטען ניט געבויגען,
מיין שאָף האָט זיך אויף זיינע לאַנקעס ניט געפיטערט,
עס האָט זיין גרעטעניש מיר ניט דערפרעהט די אויגען.
איצט, ווייל איך נישט, מיין הארץ זאָל זיין פאר איהם ערביטערט!

וואו איז מיין פאטערלאנד, וואס איך זאָל איהר בעווייגען?
און וועמעס העלדיש חיל זאָל איצט מיין ליעד בעקרוינען?!
ווער האָט מיט זיכערהייט געצייכענט אויף זיין פאַן?
דער בער פון צפון־לאנד, דער אָדלער פון גערמאניען?
דער וואסער־לייב, וואס שיצט די מעכטיגע בריטאניען?
צי דער דערשלאָגענער צופליקטער גאליען־האַן?...

א פרעגט די טאַפאַליען פון דער פערוויסטער פוילען!
די שטיינער פון גאליציען וועלען אייך דערצעהלען,
די שטילע בירקען פונ'ם אַרים ליטווישן לאַנד.
אויף וועמעס וואפען האָט דען ניט מיין בלוט געשימערט?
און וועמעס האנד האָט ניט מיין אָרעם שטוב צוטרימערט?!
ווער האָט זיך ניט געזעטיגט מיט מיין שוועסטער'ס שאנד?!

מײַן שטילע קעניגרײַך, די אידישע קהילה,
אין טרערען דורכגעװײקט און אײנגעהילט אין תפלה,
זי האָט קײן װאָפּען ניט חוץ יענע שטילע טרער:
װאָס נעמט מיר דורך דאָס בלוט און ברענט מיר אין די בײנער,
װאָס האַלט די הענד מיר אויף און דריקט מיר אויף די צײנער,
און שיקט א קללה יעדער האַנד װאָס טראָגט געװעהר.

מײַן שטילע קעניגרײַך, די אידישע קהילה!
די קלײנע, אָרימע, דערשראָקענע פאַמיליע,
װי װאָלט איך איצט מײַן לײַב און בלוט פאַר אײך געטײלט!
און אויב עס קען מײַן בלוט מיט אײער בלוט ניט פליסען,
טאָ זאָל ניט אויפהערען מײַן טרער פון אויג צו גיסען,
און בלײַבען זאָל מײַן װאונד אויף אײביג ניט פערהײלט!

תפלה.

א, גרויסער גאָט!
איך בעט דאָך אַזוי װײניציג,
װי קלײן עס איז און נישטיג מײַן בעגעהר:
א קבר גיב מיר נור,
װאו איך זאָל רוהיג ליגען
און פאַלען זאָל אויף איהם
מײַן אײגען קינדס א טרעהר.

און װיסען זאָל איך, װען איך װעל מײַן אויג פערמאַכען,
אַז אונטער יענעם בוים, װאָס װעט מײַן רוה בעשיצען,
װעט אין א זומער־טאָג א אוראײניקעל זיצען,
און לעזען שטיל פון מײַן מצבה־שטײן,
דעם נוסח דאָרט געקריצט אין שפּראַך פון מײַנע אבות,
און לעזענדיג, די װערטער כאַטש פערשטעהן.
נײן!
איך דאַרף נישט דײַנע הימלען...
אויב זײַן א שאָטען איז מיר דאָ בעשערט,
נעם צו בײַ מיר די אײביגקײט פון אויבען
און שענק מיר דאָ
א װינקעל אויף דער ערד.

דאָס איז די ערגסטע שטראָף:
צו שטאַרבען אויף די װעגען —
נישט װיסען, װעלכער פוס
װעט טרעטען אויפ'ן אָרט,

וואו ליענען וועט מיין קאפ
און שוועבען מיינע טרוימען,
וואו אבקלינגען אין לופט
וועט שטיל מיין לעצטעס ווארט.

דער טויטען-טאנץ.

סיי ווי סיי און זא ווי זא
שטארבען וועל איך זיכער.
ווי אן אבגעריסען בלאט
טראג איך מיך אין וויכער.
דרעה זיך הין און דרעה זיך הער,
אומעדום איז פריי און לער,
אויף צו דרעהען זיך אהן ציעל
האט גאט פלאץ געגעבען פיעל!
פלאץ איז דא, פלאץ איז דא,
טראג איך מיך אלץ גיכער.
סיי ווי סיי און זא ווי זא
שטארבען וועל איך זיכער.

ציק און צאק, ציק און צאק,
קלאפען צו די ביינער.
פרעהליך גיך, לוסטיג שנעל,
ביסט אין טאנץ נישט איינער!
הינטען געהט די גאנצע וועלט:
געהט און קוועלט, געהט און קוועלט,
פול מיט שמחה און מיט לוסט,
גלייך זיי וואלט געווען בעוואוסט,
וואו עס טראגט דער וויכער.
סיי ווי סיי און זא ווי זא
שטארבען וועל איך זיכער!

כ'דרעה זיך הין און דרעה זיך הער
אין די ווילדע ווינטען.
פריהער געהט דער שטן זעלבסט
און דער טויט פון הינטען.
דער טויט ער געהט און מוזיצירט,
און דער שטן פיהרט און פיהרט.
נישט ער זאגט דעם ציעל וואוהין,
לוסטיג געהט דאס אהן א זין,
ווי א ווילדער וויכער.
סיי ווי סיי און זא ווי זא
שטארבען וועל איך זיכער!

אי און אי! היפ און האפ!
קוים די פים זיי פליהען.
עפעס נויגט זיך שווער דער קאפ
און די גליעדער ציהען.
ניין, דאס קאן שוין מעהר נישט געהן!
איצטער בלייב איך דא אליין;
פאר זיך ענדיג איך דעם טאנץ
מיט א האלב-פארוועלקטען קראנץ,
ווייט פון ווילדען וויכער.
סיי ווי סיי זא ווי זא
שטארבען וועל איך זיכער.



י. קאצענעלסאן.

יצחק קאצענעלסאן — העברעאיש־אידישער דיכטער. געבארען אין יאהר 1886, אין קארעליטש, מינסקער גוב. אין אידיש האט י. קאצענעלסאן געדרוקט זיינע ערשטע שאפונגען אין פרץ'ס „יודישער ביבליאטעק", 1904. אין 1909 איז ערשינען א קליינע זאמלונג פון זיינע לידער און דערצעהלונגען מיט'ן נאמען „דאס ווייסע לעבען". שפעטער זיינען אין באזונדערע אויסגאבען ערשינען זיינע דראמאטישע ווערק „קאריקאטורען", „בחורים", און „דעקאדענטען". האט אויך אנגעשריבען א פיעסע „606", וואס איז אויפגעפירט געווארען אין לאדזער אידישען טעאטער. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן".

די זון פערגעהט אין פלאמען.

די זון פערגעהט אין פלאמען.
די זון — מען זעהט זי קוים.
אזוי פערגעהט מיין האפנונג,
אזוי פערלעשט מיין טרוים.

די נאכט, די נאכט איז פינסטער,
די נאכט איז שטום און שווארץ:
אזוי זעהט־אויס מיין טרויער,
אזוי זעהט־אויס מיין הארץ...

וועלט דו, וועלט, דו זארג ניט —
באלד לייכט־אויף דיין טאג!
אייביג איז מיין טרויער,
אייביג איז מיין פלאג.

אליין.

א.

שפעט ביי נאכט בין איך אהיים
געקומען,
שפעט —
בעשטאנען איז מיין היים:
פיער ווענד פון ליים,
אנ'אויבעלע א שטומע,

אנ'אייזען בעט,
א טיש פון האלץ,
א לייכט א צוגעשמאלצענע אין עק,
אנ'עלענד שטיל, א דלות שטאלץ,
און א בעהאלטענע שרעק:
מיין היים! מיין היים!

ב.

שפעט ביי נאכט בין איך אהיים
געקומען,
שפעט —
הינטער מיר האב איך די טיר פער־
שלאסען,

און שטעהן־געבליעבען אין דער
פינסטער:
מיין היים! מיין היים!
קאלט און שטיל
האט זי מיך אויפגענומען,
איך שטעה א ווייל,

איך איינער, איך, א זייל —
א זייל דערפרווירענער געפיהל,

א זייל פערשטארבענער געדאנק,
אין מיטען צימער...

ג.

עס איז געווען שוין שפעט ביינאכט.
שפעט —
איך האב אנגעצונדען שווייגענדיג דאס ליכט,
פערפלאכטען האנד אין האנד,
און אויפגעזוכט מיין שאטען אויף א וואנד,
דעם הויכען, שווארצען, מיט'ן טרויריגען געזיכט...
איך האב צו איהם געלאכט,
ביז טיעף אין נאכט —
און וויין אוז גוט צו איהם גערעדט,
ביז שפעט...

ד.

איך האב דערהערט א קלאפ אין טיר —
ווער קומט צו מיר?
איך ווארף א בליק צו'ם וואנד — מיין שאטען ברומט:
א ד ר י ט ע ר קומט!...
איך האב די טיר געעפענט ברייט —
און ס'איז אריין דער ט ו י ד ט...
דער שליסעל איז ארויסגעפאלען מיר פון האנד
און בין שטום צוגעלאפען צו א וואנד,
און צו א צווייטער וואנד איז צוריקגעטראטען
מיין הויכער, שווארצער שאטען.
דער טוידט האט זיך דערפרעהט: אח — וועה!
דא זענען צוויי?!
ער האט געעפענט לאכענדיג דאס מויל
אהן ציין און פויל,
און אויסגעשטרעקט צוויי דארע הענד
צוביידע ווענד —
האט ווער פון אונז געבעטען עס:
נאר איינעם נעהם!
האט ער מיין שאטען אבגעריסען פון דער וואנד
און איז ארויס מיט איהם ביינאנד;
זיך אומגעקוקט, בעטראכט מיך פון דער שוועל
און איז פערשוואונדען שנעל.
איך בין שטעהן געבליעבען אויפ'ן ארט
אהן א ווארט,
און האב פערבראכען ביידע הענד
פאר הוילע ווענד...

ע. ליפּאָוועצקי.

ע. ליפּאָוועצקי — דיכטער. ביאָגראַפיע—אונבאַקאַנט. ווי ווייט ס׳איז באַוואוסט, איז ער געבאָרען אין רוסלאַנד, אַרום 1886. האָט אַנטייל גענומען אין פאַרשיידענע רוסיש־אידישע אויסגאַבען. דאָס אויסגעצייכענטע ליעד „ביים טייך" געפינט זיך אין יודישען אלמאַנאַך" (אַרויסגעגעבען פון „קונסט־פערלאַג", קיעוו.)

ביי׳ם טייך.

און ס׳וויקעלט זיך, קנייטשט זיך, פער׳כשוף׳טער נעבעל
אין טונקעלע שיינען פון איינזאַמער נאַכט,
און ציהט זיך פער׳חלום׳ט פון איין ברעג צום צווייטען
און לייגט זיך אַוועק אויפ׳ן וואַסער פערטראַכט.
טייערע! ווייסט, וואָס דאָס איז?
ס׳איז לילית, די נאַכט־מלכה, שוועבט אויפ׳ן וואַסער
אין גרינגען, אין לופטיגען מלבוש געקליידט
און כשופ׳ט די נאַכט מיט איהר צויבערשען מאַנטעל
דער שלעף ביז די טונקעלע ברעגען פאַרשפּרייט.
זי שמייכעלט און רופט
אין וואַרימער לופט:
זי צויבערט און רופט מיך, זי ווינקט און זי לאַכט —
די פּרעכטיגע לילית די מלכה פון נאַכט.
מיין טייערע, קוק־זשע מיר גלייך אין די אויגען,
וואָלט אפשר מיר לילית אַזוי נישט געצויגען,
וואָלט אפשר דיין בליק מיך פאַר׳כשופ׳ט אַצינד.
נו קוק־זשע מיר גלייך אין די אויגען מיין קינד:

און ס׳ברענען זיך זילבערנע פּאַסען אין וואַסער
און ווערען פאַרפאַלען אין טיפקייט פון טייך.
זיי ברעקלען זיך, לעשען זיך, צינדען זיך ווידער:
צעשאָטען האָט עמיץ דאָרט שטערען א סך.
טייערע! ווייסט, וואָס דאָס איז?
ס׳איז לילית׳עס ציהרונג, זי האָט עס צושאָטען
אין טיפעניש, טאַנצענדיג טייוועלש געשווינד,
און פון איהרע פּיסלאַך צעלויפען זיך וועלען
און טראָגען צום ברעג פון איהר תאוה די זינד.
און ס׳ציהט זיך אַגלאַנץ

פון טייוועלשען טאנץ:
זי צויבערט און רופט מיך, זי ווינקט און זי לאכט —
די תאוה'שע לילית, די מלכה פון נאכט.
מיין ליעבע! ווען דו זאלסט צום הארצען מיך פרעסען
אזוי איך זאל לילית אין גאנצען פארגעסען.
וואלט אפשר מיין בלוט נישט געברענט פון איהר זינד.
נו, פרעס־זשע מיך שטארקער צום הארצען, מיין קינד!

פון יענער זייט שטעהען פארשלאפענע ביימער
געדיכט און צושויבערט ווי האר אויף א קאפ;
זיי שטעהען פער'כמור'עט און שוויינען און ווארטען
און קוקען אין וואסער און שפיגלען זיך אפ.
טייערע! ווייסט וואס דאס איז?
ס'איז לילית'עס שומרים, זיי היטען אב סודות,
וואס לילית פערצעהלט זיי אין פינסטערע נעכט.
דארט וועבען זיך פעדים פון תאוה און כשוף.
דעם קנויל האלט די מלכה און וויקעלט און פלעכט.
זי פלעכט און זי וועבט,
זי שטארבט און זי לעבט:
זי צויבערט, זי ציהט מיך, זי רופט און זי לאכט —
די מעכטיגע לילית, די מלכה פון נאכט.
מיין טייערע! לאמיר אנטלויפען פון דאנען
ביז וואנען דו האסט נאך איהר מאכט נישט פארשטאנען,
ביז וואנען זי האט נאך דיין הארץ נישט פארברענט,
פערמאך דיינע אויגען, בעהאלט דיינע הענט.

א. ראוביני.

א. ראוביני — דיכטער און דערצעהלער. געבארען אין א זיד־רוסישער שטאט, אין יאהר 1886. צו 17 יאהר איז ער אוועק נאך אמעריקא, פון וואנען ער האט זיך מיט צוויי יאהר שפעטער צוריקגעקערט אין רוסלאנד. שפעטער איז ער ארעסטירט געווארען אויף דער באשולדיגונג פון פארשפרייטען געוועהר פאר זעלבסטשוץ. נאך א טערמין פון אנדערטהאלבען יאהר געפענקעניס, איז ער אין יאהר 1907 פארשיקט געווארען אויף לעבענסלאנג אין סיביר. אין יאהר 1910 איז ער אנטלאפען פון סיביר איבער שאנגהיי, כינא, נאך ארץ ישראל; האט זיך באזעצט אין ירושלים, וואו ער האט אנגעפאנגען צו שרייבען צוערשט אין רוסיש, שפעטער אין העברעאיש און אידיש. ארום 1910 האט ער געמאכט א פערזוך דורכצוגעהן דעם ערדקוגעל צופוס, אנפאנגענדיג פון ירושלים דורך מדבר סני און סועטס־קאנאל ביז קיירא, וואו ער האט צוליב געוויסע אורזאכען געמוזט אונטערברעכען זיין אונטערנעמונג. אין באזונדערע אויסגאבען זיינען ארויס זיינע פאלגענדע שריפטען: „אין דולהויז“, דערצעהלונג, וואס איז אויך ערשינען אין העברעאיש, „אונטער'ן וואנט“ פון דעם וועכטער־לעבען אין פאלעסטינא און „בערג און וויסטע“, א קליינער באנד ליעדער און דערצעהלונגען. די צוויי לעצטע אין ארץ ישראל.

טרערען.

לויט אן אראביש פאלקס־ליעד.

זי האט אויף מיר געקוקט, זי האט געפרעגט מיך דאן:
„פארוואס זיינען, פארוואס — די טרערען דיינע ווייסע?
וואס פלאגט דיין ארעם הארץ? דערצעהל מיר אלטער מאן!“
און איך האב איהר געזאגט: „דאס איז אן אלטע מעשה...

„איך ווייז שוין לאנג אזוי... א יאהר לויפט נאך א יאהר...
אהן אויפהער רינען זיי — די טרערען פון מיין טרויער.
דו זעהסט, זיי זיינען ווייס, ווי מיינע אלטע האר.
עס האט זיי גלייך געבלייכט דער בייזער יאהרען־דויער“.

זי האט אויף מיר געקוקט, זי האט צו מיר געשטרעקט
מיט מיטלייד און מיט פיין די הענד איהרע די דינע,
און נעה'נטער איז זי צו, און שטילערהייט געפרעגט:
„פארוואס זיינען, פארוואס — די טרערען דיינע גרינע?“

„דו ווייסט דען ניט, מיין קינד, דו ווייסט ניט, אז דער קוואל,
וואס האט אזוי פיעל צייט געבוירען מיינע טרערען
איז טרוקען און ערשעפט... איך ווייז אצינד מיט גאל.
זיי מוזען גרינע זיין, זיי מוזען גאליג ווערען...“

זי האט געוויינט מיט מיר, עס איז איהר טיעף אין הארץ
אריין דער גרויסער צער... זי האט געפרעגט מיך ווידער:
„א, זאג מיר, אלטער מאן, פארוואס זיינען זיי שווארץ —
די טראפענס פון דיין אויג וואס פאלען לאנגזאם ניעדער?"

„בייג איין דעם קאפ, מיין קינד, אה, נידריגער בייג...
ס'מעג יעדער טרעטען אונז, ס'קאן יעדער אונז פערשטיינען.
די טראפענס זיינען שווארץ? דאס שווארצעל פון מיין אויג —
דאס וויין איך אויס אצינד!... און מעהר וועל איך ניט וויינען..."

א וועכטער'ס וואונש.

כ'וועל זיין שוין אלט, נאר ווי א יונגער — מונטער,
א גרויע בארד וועט דעקען מיר די ברוסט,
די האנד — נאך שטארק, דער קערפער — א געזונטער,
נאך פריש און קרעפטיג, פול מיט לעבענס-לוסט.

פינף זיהן וועל'ן זיין ביי מיר, און אללע — וועכטער
ווי יונגע פערדלאך היציג, שנעל און פלינק...
פינף זיהן וועל'ן זיין ביי מיר, פינף זיהן — ניט טעכטער! —
ווי וועלף — וויטזיכטיג, און ווי הירשען גרינג.

איך רוף זיי צו. איך זאג זיי: „האיידא, קינדער!"
אין איין מינוט — מיר זיינען אויף די פערד.
און איך — פאראויס. איך טרייב דעם פערד געשווינדער,
זיי האלטען נאך — עס טרייסעלט זיך די ערד...

דורך בארג און טאל, דורך פעלדער, איבער גריבער...
עס געהען גמלים: „קריכט איך גמלים, קריכט!..."
און מיר — פארביי!... א וואסער־שטאם — אריבער!...
עס פייפט דער ווינד און שלאגט אונז אין געזיכט...

מיר זעה'ן א פריינד — מיר געבען אפ איהם שלום,
א פיינד — אנטלויף! פערטרוי ניט אויף קיין נס!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאס איז מיין וואונש, ס'איז מיין געהיימער חלום —
א חלום פון א וועכטער — א טשערקעס...

א שטיין.

דער גארטען אז אלטער, פיעל ביימער און גראז,
די לופט איז א שטילע — קיין תנועה, קיין בלאז.

גערדאנקען צוגעהען, פערשווינדען ווי טראָפּענס,
ס'איז רוהיג, ס'איז גוט... ס'ליגט א שטיין מיר צוקאָפּענס,
פערזונקען אין דר'ערד און בעוואקסען מיט ערד,
אַן אויביגער עדות — ער שווייגט נאָר און הערט.
א בוים איבער מיר — ווי א סכה די בלעטער,
געדיכטע און שווארצע... די שעה ווערט אלץ שפּעטער...
ס'לויפט איבער א ווינטעל — עס מורמעלט דער בוים,
א שלעפעריג מורמעל — עס הערט זיך קוים־קוים.
עס לויכט זיך א שטיקעל לבנה א בלייכער,
אַן איינזאמער שערבעל, פון עפּעס א זכר.
דער שטיין, וואָס צוקאָפּענס מיר קענען זיך ביידע!
איך וויים נעבען איהם פלעגט נאָך רוהען מיין זיידע.
„וואָס, הארט בין איך? — ברומט ער, — כ'בין אלט שוין געוואָרען
און הארט פון דער עלטער. איך ליעג שוין דאָ יאָהרען,
שוין טויזענדער יאָהרען. כ'האָב אלעס געזעהען,
וואָס דאָ איז געוועזען, וואָס דאָ איז געשעהען.
די הייליגע שטאָדט!... די פערגאנגענע וועלטען!...
אמאָל פלעגען שטעהן ארום מיר דאָ געצעלטען, —
דיין אור־עלטער־זיידע פלעגט קומען אהער
צו אויסהאקען פייער, צו שארפען געוועהר.
דערנאָך האָט מען הייזער געבויט דאָ און הויפען,
דערנאָך זיינען פרעמדע געקומען צו לויפען...
אוועק איז דיין זיידע און איך בין אליין
געבליבען דאָ ליגען — וואוהין זאָל איך געהן?
פון דאַן בין איך עלענד. דאָס הארץ מיינ'ס איז קעלטער,
און שטייפער, און הארטער געוואָרען פון עלטער.
עס רוקען זיך דורות צוריק און צוריק,
נאָר איך בין ווי פריהער — איך קוק נאָר און ליג..."
דאָס ברומען פון שטיין איז א ליעבליכער נגון
און — הארט צי ניט הארט — איך האָב האָלד דאָ צו ליעגען.
— מיין שטיין! כ'בין פון ווייטען געקומען דיך זעהן,
האָסט מיך ניט פערגעסען, דו זאָגסט: „איך דערקען!"
עס מישען זיך דיינע זכרונות מיט מיינע...
די נעכט, ווי פערצייטענס, פער'כשופ'טע, פיינע...
די זעלביגע שטערען... זיי קוקען אראָפּ.
עס ליגט אויף דיין ברוסט אזוי רוהיג מיין קאָפּ...

מ. ל. האלפּערן.

מ. ל. האלפּערן — איינער פון די קרעפטיגסטע פּאָטאָס דיכטער פון דער נייער אידישער פּאָעזי אין אמעריקא. געבאָרען אין יאָהר 1886, אין זלאָטשעוו, גאַליציען. אין יאָהר 1908 איז ער אוועק נאָך אמעריקא, וואו ער האָט אָנגעפאנגען זיין קאַריערע אלס דיכטער. באזונדערס צייכענט זיך מ. ל. האלפּערן אויס אין זיינע ליעדער אלס פּלאַסטיקער. זיין ברייטע, מיט שטאָלענע אָרעמ'ס געהאמערטע שורה; זיין געזונטער, אָפּטמאָל ביז ווילדקייט שטאַרקער טאָן און ביז ברוטאַליטעט גאַליג־שניידענדער סאַרקאַזם, דאָס אַלעס גיט איהם א באַזונדערן אנגעזעהענעם פּלאַץ אין דער אידישער פּאָעזי. מ. ל. האלפּערן איז מעהר עפּיקער ווי ליריקער און עס איז ווירקליך א שאָד, וואָס ער נוצט זיך ניט אויס אלס אָזעלכען. די אידיש־מיטאָלאָגישע טעמאָס וואַרטען שוין לאַנג פאַר אַזאַ געזונטען, אָדע־מעסיגען טאָן און אייזערנער פאָרם ווי זיינע. אין יאָהר 1915 האָט ער אין נויאָרק צוזאמענגעשטעלט א קליינעם זאמעלבוך מיט ליעדער און אנדערע קורצע זאכען פון פאַרשיידענע שריפטשטעלער מיט'ן נאָמען „פון מענש צו מענש". שפּעטער האָט ער מיט מנחם'ען צוזאמענגעשטעלט א צווייטען זאמעלבוך „איסט־בראָדוויי". ביבל. ש. ניגער, אין דער „אידישער וועלט"; ב. ריווקין, אין דער „ליטעראַרישער וועלט"; ז. רייזען, „לעקסיקאָן".

מיין פּאָרטרעט.

זומער־שפּרענקלעך פּיעל ווי שטערען
האָר געמישטע שוואַרץ מיט גרוי
יאָ — אז איך בין ניט קיין שעהנער
דאָס איז זיכער שעהנע פרוי.

ברייטע נאָז און טייוועלס־ברעמען
ציין און ליפּען וועלפיש־ווילד
אָבער אויגען האָב איך בלויע
אויגען בלויע גוט און מילד.

ס'האָבען מיינע פיס צום טאַנצען
וועניג ווייניג וואָס טאַלאַנט
און די גרויסע אויערען מיינע
הערען מוזיק ווי די וואַנד.

אָבער מיט א האַרץ וואָס האַמערט
זינג איך מיר ווי מיר געפעלט
און צום האַמער־טאַקט פון האַרצען
טאַנצט די גאַנצע שעהנע וועלט.

האָט דער אָדלער פליגעל גרויסע
האָב איך ברייטע שטאַרקע הענד.
האָט דאָס לעבען קאַמפּף און ליעבע
האָב איך בלוט וואָס שרייט און
ברענט.

סאַלאָמע.

ווי קען דאָס זיין אז דו ביזט מעהר ניט מיין? ווי קען דאָס זיין?
פער'שכור'ט ווערט דאָך יעדעס מאָל פון גליק דאָס האַרץ אין מיר
יאָ יעדעס מאָל — דו קליינטשינקע — ווי נאָר איך טראַכט פון דיר

און שטענדיק שטענדיג מאַלסטו זיך פאר מיינע אויגען אויס
ווי לעצטענס פאר'ן גיין צום באַל... געדענקסט? ביי דיר אין הויז
אַט זעה איך דיך: א בלומען־קראַנץ בעציערט דיין יונגען קאָפּ.
און פריי־צעלאָזטע הענגען דיינע האָר, לאַנג־לאַנג אַראָפּ.
טראַקאָ געוועבט אין פּורפּור־רויטען זייד, ליגט ענג און פעסט
צו יעדער גליעדער־בויגונג פון דיין קערפּער צוגעפּרעסט.
עס פאַלבט זיך אויף דיין ברוסט אן אריענטאַליש פאַרבען־באַנד,
און אויף דעם באַנד ליגט ציטערדיג דיין קליינע ווייסע האַנד.
עס וויקעלט זיך א שוואַרצער זיידען־טול אַרום דיין שוים.
אין מיטען אויף דעם טול — א רויז. א קליינע רויטע רויז.
און דיינעביידע קליינע פיסלאַך אויף סאַנדאַלען צוויי,
וואָס האַלטען זיך מיט שמאָלע גאָלד'נע רימענדלאַך אויף זיי.
און הויך, גאַנץ אויבען אויף דער רונדונג פון דיין רעכטען פוס
גלאַנצט העל א ברייטער רינג. א רינג פון ריינעם זילבער־גוס,
עס וויקעלט זיך א שלאַנג אַרום דיין לינקען פוס, אַרויף.
עס הויבט די שלאַנג ווי לעבעדיג, צו דיר איהר קעפּעל אויף
און אַלע זיבען פאַרבען־רייכע שלייערען אויף דיר
בעוועגען זיך, ווי וואָלקענס לייכט, ביי דיינס א יעדען ריהר.
און שעהן ביזטו — דאָס גיב איך צו — ס'קען גאַרנישט שעהנער זיין.
גרויסאַרטיג ליגט דאָס טאַנץ־קאָסטיום — עס פּאַסט דיר אמת־פיין.
נאָר לאַכען מוז איך דאָך... כ'זעה אליין: סאַלאָמע?... דו?...
א קינד אין וועמעס אויג עס ליגט אזוי פיעל שעהנע רוה
א קינד וואָס בויגט דעם קאָפּ אַרונטער און פערשעהמט זיך גאָר —
און אַלט איז דאָס, סך־הכל אפשר אכצעהן גאַנצע יאָהר —
און איך — איך האָב דאָס גליק צו זיין דער גרויסער העלד אצינד
וואָס ברענגט צום באַל „אריענט" סאַלאָמען מיט... אַיאַ מיין קינד?...
האַ־האַ! ווי גרויס עס ווערט מיין פרייד, ווען איך דערמאָן זיך, דו—
ווי הארציג שעהן און אונשולדיג דו שפּרינגסט צום שפּיגעל צו,
און שטרעקסט דעם לינקען פוס צוריק, דעם רעכטען פוס פאָראויס—
און בויגסט זיך דאַן ווי שטאַרק דו קענסט נאָך הינטערוויילעכס אויס—
דאָס פייקעל אין דער רעכטער האַנד — די לינקע הויבסטו אויף —
און לעגסט זי שוועבענד אויף דעם בלומען־קראַנץ פון קאָפּ אַרויף—
און בלייבסט אזוי א קורצען אויגען־בליק ביים שפּיגעל שטעהן —
דאַן קייקעלט זיך אַרויס, א קלאַנג פון גלעקלאַך זילבער־ריין,
דער שעהנסטער הארציגסטער געלעכטער פון דיין יונגער ברוסט.
איך קוק אויף דיר — און וואָהנזיניג בין איך פון פרייד און לוסט.
איך קוק אויף דיר — און אַלעס וואָס איך טראַכט איז איין געדאַנק:
איך טראַכט פון יענער שרעקליכער סאַלאָמע, יענער שלאַנג
צו וועמען נזיר יוחנן האָט מיט זיין קאָפּ בעצאָהלט
און בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט איהר קיין קוש ניט טוהן געוואָלט...
איך טראַכט: אויב זי—דאָס ליידענשאַפטליך ווילדע קעניגס־קינד
איז שעהן געווען—אזוי געוואַלטיג שעהן ווי דו אצינד

דאַן איז דער נזיר יוחנן אַ גרויסער נאַר געווען,
דער גרעסטער אפשר וואָס די וועלט האָט ווען עס איז געזעהן!

— —

ווי גלויב איך דאָס — דו הארציג־קליינטשינקע געליעבטע מיין —
ווי קען דאָס זיין אז דו ביזט מעהר ניט מיין? ווי קען דאָס זיין?

ים-ליעדער.

און בענקסטו מענש אוועקצוגעהן אַמאָל ווייט־ווייט פון אַלץ, פון זיך אַליין —
פערלאָז די שטאָדט און געה צום ים אַרויס ווען ס'נעמט דער טאָג פערגעהן.
און נעבען דיר אין זאמד ביים ברעג זאָל זיצען בלאס און מיעד אַ קינד,
וואָס איז דאָ פרעמד ווי דו... און קומט אַ נאַכט אַראָפּ, אַזא ווי דאָ אַצינד,
דאַן שווייג און הער זיך איין: דאָס פרעמדע קינד אין דיינע אָרעמס זינגט.
פערנעם די כוואַליע אויך, וואָס פאַלט און קלינגט, און טראַכט: די כוואַליע קלינגט
צום ריטהם פון דעם ליעד, וואָס טראָגט אין זיך די בענקשאַפט נאָך אַ לאַנד,
וואו אייביג בלאַנדזשען וואַיענדיגע וועלף און ווינטען זאַלבערנאַנד,
אויף סטעפּעס ווייסע וויסטע פריי אַרום... און טראַכט: אַז אפשר אויך
הענגט איינער אויף אַ בוים דאָרט ערגעץ־וואו, און וויעגט זיך אין דער הויך
אַזוי אַהין־אַהער צום ריטהם פון דעם ליעד, דאָ נעבען דיר —
און אפשר איז דער טויטער דאָרט, וואָס הענגט, פיעל נעהענטער צו איהר,
ווי דו דער מענש, אויף וועמעס ענגסטליך האַרץ עס ליגט איהר קאָפּ אַצינד?
שווייג שטיל. ניט פרעג. דער ים איז טיעף און ווי דער ים איז טיעף און בלינד
די בענקשאַפט אין אַ האַרץ, ביים ים. שווייג שטיל און געה ווי זי צוריק
דעם וועג אַהיים... דו האָסט דאָך אויך געהאַט אַמאָל אַ קינדער־וויעג.
געזונגען אויך האָט ביי דיין וויעג אַ מוטער דיר דאָס אַי־ליו־ליו — —
אַ האַרץ ביים ים וויל אייביגקייט, וויל רוה, וויל טיעפע טיעפע רוה.

ב.

און אייביג זינגט דער ים דאָס אַלטע ליעד, און ווערט דערביי נישט אַלט.
און זעה די וואָל, וואָס פאַלט צום ברעג דאָ צו, און שוימט, און רוישט, און פאַלט.
פון וואַנען קומט זי איצט? זי שוימט, און רוישט, און פאַלט, און שווימט אוועק.
פאַלט צו אַ צווייטע וואָל. פאַלט צו אַ דריטע וואָל צום זעלבען ברעג.
און יעדער וואָל, וואָס קומט, שוימט אויף און רוישט, און שווימט אוועק פערשטומט.
און זעה דעם מענשענס וועג: אַ דור פערגעהט, אַ דור אַ צווייטער קומט.
און רגע'ס פאַארען זיך, און מעהרען זיך. עס ווערען נעכט און טעג.
און קינדער וואַקסען אויף, און אַלע געהען אויף דעמזעלבען וועג.
אַ יאָהר און הונדערט יאָהר. און דאָ דער ים — גנוג איז ער ניט געשוויגען?...

זוי דו אצינד, האט ער מיט טויזענד יאהר צוריק, די וועלט געזעהן.
זוי דו אצינד, איז דאן פיליכט ביים ברעג געזעסען, מאט און מיעד,
א מענש, וואס האט זיך איינגעהערט ווי דו, אין אט־דעמזעלבען ליעד...
און האט ווי דו געבענקט... און אפשר אויך, האט דאן ווי דא אצינד
א פאס לבנה־ליכט דעם ים בעשיינט, און אויך א קיהלער ווינד
האט זיך באוואויגען לייכט. און ער דער מענש, דאס הארץ פול לייד און פיין,
האט שטיל ווי דו געטראכט, וואס שפעטער צו, אין טויזענד יאהר וועט זיין.
און אפשר אויך, ווי דו געטרוימט, אז ערגעץ־וואו מוז זיין א לאנד,
וואו אייביג וואנדלען אויף א ים פון זילבער־וואלען, זאלבערנאנד,
די ליעבע און די רוה —
אין מאנטלען ליכטיגע, ווי אויסגעוועבט פון שטערען־גאלד. —
די ליעבע און די רוה.

פון דער פאעמא „אין דער פרעמד“

ד.

איך זיץ דעם קאפ אויף ביידע הענד ביים שיף־פארענטש אליין.
איך זעה דעם ים. איך זעה די זון וואס הויבט שוין אן פערגעהן
די וואלען פינקלען רויט און איבער זיי אין מערב־זוים
די וואלקען דארט — א שיין פון בלענדעניש, א שעהנער טרוים,
א שפיעל איז אלץ — א צויבער־שפיעל פון פארבען אלערליי,
א בענקשאפט בלינד, א שטומער הארץ־געזאנג פון וועלט און וועה...
איך קעהר זיך אום צום דעק און אנדערש זעהט דאס לעבען אוים —
עס זיצען מענשען דא ווי קינדער אויף א מוטערס שוים.
אויף לייוועגט־בענקלאך האט מען דא און דארט צום טיש געגרייט,
און רונד־ארום זיצט מאן און ווייב און קינד מיט שטילער פרייד;
א קעלנער טראגט ארום א טאץ מיט פלאשען וויין און ביער
פון ארט צו ארט און דא אין מיטען דעק אנטקעגען מיר,
זיצט יונגווארג אין א ראד. דאס לעבען בליהט און גליהט
אויף זיי'רע פנים'ער — און אלע זינגען זיי א ליעד
בעגלייט זיי איינער אויף א קלינגענדיגען אינסטרומענט:
זיצט רוהיג נעבען זיי אן אלטיטשקער פערלעגט די הענד.
ער הערט זיך איין, בעלעבט עס איהם, און אינגער זעהט ער אוים
און פון זיין ליולקע שלענגעלט זיך א גרויער רויך ארוים
און מישט זיך מיט דער רויטקייט אוים פון לעצטען אבענד שיין.
דער אלטער הייבט די אויגען אויף און קוקט אין הימ'ל אריין,
און פערהט זיך שטילערהייט —אצינד, אין לעבענס לעצטען וועג
לעבט ער נאך איינמאל דורך, דאס גליק פון זיינע יוגענד־טעג
איך קוק דעם אלטען אן, איך הויב ווי ער די אויגען אויף.
איך זעה דעם רויך וואס שפארט זיך פון דער שיף מאשין ארויף,
איך הער דעם טרייב־ראדס שווערען שטענדיג־גלייכען גאנג

און דורך מיין הארצען געהט א שווער־פערנעבעלטער געדאנק —
א שפּיעל פון טרוים און ווינד איז איצט מיין אייגען לעבען מיר
א שפּיעל — א שיין פון בלענדעניש... און טראכט איך איצט פון דיר —
אוי גאָט, מיין גאָט — אַט ערשט האָב איך דיין בלאָנדען קאָפּ בעקראַנצט
מיט בלומען ווייס און רויט, און דו — געשטופּט, געלאַכט, געטאַנצט.
און איך האָב זיך געפרעהט. איצט וויינט אין מיר פערגאַנגען גליק.
פערגאַנגען גליק פון ליעבע וויינט, און בענקט צונו טרוים צוריק.
און ווידער געהט א טאָג אוועק. וואוהין? די וועלט איז שטום
און ס'געהט דער מענש, מיט אויגען אָפענע א בלינדער אום
אין אַט דער וועלט... און בענקט, און זוכט, און פרעגט, און בלייבט אליין,
ווי ס'קינד אין וויעג, און ווי אין קברים־פעלד דער גרויער שטיין — — —

ח.

ס'איז נאכט. אנטקעגען אונזער שיף שטייגט אויף א נעבעל רויט און שווער.
נאָך איהם א דונקלע ווייט מיט פייערען וואָס ווערען מעהר און מעהר
און טורעמס וואַקסען אוים און הויבען זיך ארוים פון מיטען ים.
ווי ריעזען־זיילען הויך, און העל־צוגליהט, א דונקעל־רויטער פלאַם
פערדעקט דעם הימעל ווייט ארום. די לופט ווערט הייס, ווערט ענג־געדיכט.
און טורעמס ווערען מעהר און מעהר. א שפּיעל, א צויבער־שפּיעל פון ליכט.
א פייער־קראַפט וואָס שפּרייט זיך אוים און וואַקסט צום הימעל הויך ארויף
און שליידערט אַפּ די נאַכט אויף מיילען ווייט, און הויבט זיך העכער אויף —
א ריעזען־ווערק פון מענשען־גייסט געבוים. א שטאָדט פון שטאָהל און גלוטה־
ווי פיעבער געהט די אונרוה פון דער צייט אצינדער דורך מיין בלוט...

ט.

א מענש זיצט נעבען מיר אליין. און ביסטרע ווי א קראַנקער הונד
שטעלט ער די אויגען אַן אויף יענעם רויט־צוגליהטען צויבער־שפּיעל,
וואָס רוקט זיך נעהנטער אַלץ און וואַקסט און הויבט זיך אויף אהן מאָס,
אהן ציעל.
די שטאָדט... די ריעזען שטאָדט... און טיעף אין איהם שרייט אויף
א בייזע וואונד —

עס רויבט די שטאָדט ביי איהם זיין לעבענס־צייט פאַר טרוקען ברויט אוועק!
זי שליעסט איהם איין מיט טויזענד אַנדערע אין גלוטה פון אייזען ווענט.
מאַשינען רווישען דאָרט און רעדער טרייבען רוהלאָז זיינע הענד,
און נאָך די רעדער יאָגט זיין וויסטער לעבען זיך, דורך נעכט און טעג.

ווי דו האָט ער די שטאָדט ניט ליעב. ווי דו זוכט ער אין איהר זיין גליק.
ווי דו, און פיעלע טויזענד אַנדערע, וואָס האָבען גלייך ווי דו
זיך נעכטען ערשט בעפרייט. וואו אָבער נעהמען זיי פאַר הייגט די רוה
אז מאָרגען שוין פיהרט ווידער זיי די שיף אין שטאָדט אריין צוריק.

און ווידער געהען זיי א גאנצעם יאהר דעם זעלבען אלטען וועג
און ווידער אטמען זיי די קראנקע לופט, און רייסען זיך ארויף,
און פאלען טיף אראפ, און ראנגלען זיך, און פארען זיך צונויף,
און ציהען קינדער אויף, וואס זיינען קראנק און לעבען וועניג טעג —

און בויען הייזער אויף וואס וואקסען איבער נאכט, און וואקסען הויך,
און גאסען בריטען זיך און מעהרען זיך און ענג און ענגער ווערט.
און רוה־לאז שרייט די לעבענס־קראפט, און שאפט און ווארפט זיך
און צושטערט.
און הויבט זיך אויף און מישט זיך אוים מיט שטויב און אייזען־רויש
און רויך —

און אלע יאגען זיך מיט אויסגעשטרעקטע הענד אין טיפער פיין
און בייטען היילינקייטען אוים פאר טרוקען ברויט, און דריט ווי גלוטה
פלאמט אויף די לוסט נאך געלד און גראבט זיך איין אין זייער פלייש
און בלוט
און רוהלאז שרייט די נויט און שלינגט זיי רגע־ווייז מיליאנען איין —

און שיפען גרויסע קומען אלע טאג און קומען אימער מעהר
און שיפען זינקען איין, א ווילסטער שרעק פאלט אן, דער שרעק פערשווינדט
און שיפען נייע ראנגלען זיך אויפ'ם ניי מיט ים און ווילדען ווינד
און טעגליך ברענגט מען מענשען סטאדעס־ווייז פון אומעדום אהער.

און וועה געשרייען טויזענד, נייע, ווילסטע, טראגען זיך מיט זיי.
און אלע זיי'רע בלוטען האסען זיך, און מישען זיך צונויף,
און ווערען קיינמאל איינס, און ראנגלען זיך און גיבען זיך ניט אויף.
און זיי'רע דורות רייסען זיך, צוריסען זיך און לידען וועה,

און לידען טיפעס וועה, און גוסס'ען לאנג, און שטארבען קיינמאל ניט.
און מיר, און מיר, די אייביגע, פון וועמעס בלוט עס שרייט ארוים:
מיר זיינען שטארק און אייזאם־פריי, און ווייט פון אלץ, און אייביג־גרוים
מיר ווירבלען זיך אין גרויסען ווירבעל־ווינד צוגלייך מיט אלע מיט,

און דרעהען זיך און ווארפען זיך ווי זיי אין זעלבען קאראהאד,
און פאלען אום ווי זיי, און שטעהען אויף, און טאנצען נאכאמאל —
און איבער אלץ צוזאמען דונערט ווילד דאס ליעד פון שטיין און שטאהל —
דאס ליעד פון שטיין און שטאהל — דער גרויסער וואהנזין פון דער
ריעזען־שטאדט!

י.

ס'איז האלבע נאכט. שוין לאנג אראפ בין איך פון שיף.
עס זוכט מיין הארץ א טרייסט. איך טרוים. איך טרוים פון דיר.

איך הער דיך קומען איצט — איך זעה דיך נעבען מיר —
און מיעד בין איך. איך ליעג אהן שלאף. מיין וועה איז טיף.

דו שווייגסט, און קוקסט מיך אן מיט אויגען טריעב און פייכט —
און ריהרסט מיין שטערען אן — דיין האנד איז שוועבענד־לייכט —

עס וואקסען דיר צוויי פליענעל אוים — דו הויבסט זיך אויף —
און נעמסט מיך מיט — און שוועבסט מיט מיר ארויף, ארויף —

טיעף אונטען — פינסטערניש, הויך אויבען — זילבער־שיין —
און אויף א וואלקען וויעגסטו מיך — דו וויעגסט מיך איין.

איך הער, דו וויינסט, דו זינגסט — איך מאך די אויגען צו —
דער וואלקען שוועבט — און שטילער ווערט — איך שלאף, איך רוה —
איך רוה — — —

דער גאסען-פויקער.

זינגט דער פויגעל פריי און פרעהליך,
ציטערט אויף זיין טראהן דער מלך,
ציטערען איז ניט כדאי,
זינג איך ווי דער פויגעל פריי,
און געשווינד
ווי דער ווינד,
טאנץ איך הפקר, טאנץ איך, בלינד,
גאס אריין און גאס ארוים! —
בין איך קראנק און אלט און גראה
ווערען ארט עס — הא־הא־הא!
פאר א קופער־גראשען בלויז
פויק איך, אז די פויק זאל פלאצען,
און איך דזשינדזשע אין די טאצען,
און איך דרעה זיך רונד ארום —
דזשין דזשין בום־בום־בום.
דזשין דזשין בום!

קומט א מיידעל א מכשפה:
צינדט זיך אן אין מיר א שרפה
נעם איך זיך נאך ווילדער דרעהן,
און איך פרעס צונויף די ציין,
און איך ברום:
— מיידעל קום,
גיב די הענד, און נעם ארום,
הייסער טאנצט זיך עס צו צוויי.
ס'האט אזא ווי דו א שלאנג,
מיך פערלאזען ערשט ניט לאנג.
קרענקט דאס הארץ, און פלאצט פון
ווערה —
פויק איך אז די פויק זאל פלאצען,
און איך דזשינדזשע אין די טאצען,
און איך דרעה זיך רונד ארום —
דזשין דזשין בום־בום־בום.
דזשין דזשין בום!

לאכען קינדער לוסטיג, מונטער,
פאל איך ניט ביי זיך ארונטער,
לוסטיג לאך איך מיט און שפרינג.
אט אזוי — אין ווילדען רינג.
ווילד און פריי,
סאי ווי סאי
מיט'ן שפרונג געהט אלץ פארביי
צוגעוואוינט צו אלדעסבייז
קנייפ איך א שטיק ברויט פון טאש.
און איך זשליאקע פון דער פלאש,
ברענט דאס בלוט, און רינט דער
שוויים —
פויק איך אז די פויק זאל פלאצען,
און איך דזשינדזשע אין די טאצען,
און איך דרעה זיך רונד־ארום,
דזשין דזשין בום־בום־בום.
דזשין דזשין בום!

אט־אזוי זיך דורכגעריסען,
דורכגעריסען, דורכגעביסען,
טאנץ ווי לאנג עס טאנצט זיך נאך.
נאך א יאהר און נאך א וואך,
נאך א שעה!
קראנק און גראה? —
וועמען ארט עס, הא־הא־הא!
הונד און שלעפער, לומפ און ווינד,
טאנץ איך הפקר דורך דער פרעמד.
האב איך ניט קיין ראק, קיין העמד!
האב איך ניט קיין ווייב קיין קינד!
פויק איך אז די פויק זאל פלאצען,
און איך דזשינדזשע אין די טאצען.
און איך דרעה זיך רונד־ארום —
דזשין, דזשין, בום־בום־בום.
דזשין דזשין בום!

ליכט און שאטען.

ווייט ערגעץ אן אלטע מצבה — דארט האט מען בעגראבען א מאמען.
אין פעלד איז דאן אסיען געווען און די וועלט איז געווארען פארנאכט —
צוויי קינדער מיט גאלד־בלאנדע לאקען, זיי שטעהען ביים פענסטער צוזאמען
עס שפיגעלט די זון זיך אין פענסטער — עס האבען די קינדער געלאכט —
אין דרויסען ביים טיר שטעהט א מיטה: אוי ווער האט די מיטה געבראכט?
עס האבען די קינדער געלאכט...

אוועק איז דער אסיען, און איבער די פעלדער האט שנייען גענומען.
עס דארפען די קינדער א מאמען — אזוי האבען שכנים געמיינט.
געפאלגט האט דער טאטע די שכנים, און באלד איז א פרעמדע געקומען,
געקוקט און געלאכט צו די קינדער — עס האבען די קינדער געוויינט —
עס האט זיי דער טאטע געגארט: פון דער מאמען א בריוועל געליי'נט
עס האבען די קינדער געוויינט...

איך זאג.

אזוי ווי מען פיהלט צו א פנים פון פייער פערברענט —
אזוי ווי מען פיהלט צו א מענש וואס האט ארעמס אהן הענד —
אזוי פיהל איך מיטלייד און עקעל צום אידישען ווייב,
וואס לאזט פון א גוי'עשער האנד זיך בעריהרען דאס לייב.
דריי מאל שפיי איך אוים ווען איך געה פאר א קלויסטער פארביי.
ווען איך וואלט געקענט וואלט איך שפייען מיט זודיגען בליי
אויף קינדער, וואס טראגען אין זייערע בלוטען די זינד
פון אידישע טעכטער, וואס שלאפען מיט גוי'עשע הינד.



א. וויעוויארקא.

אברהם וויעוויארקא — דיכטער און בעלעטריסט. געבארען אין באביאק, קאלישער גוב. אין יאהר 1887. אין 1906 איז זיין ערשטע זאך געדרוקט געווען אין וועג. אין 1907 האט ער פארעפענטליכט אין דער „ראמאן־צייטונג" א רייהע פון זיינע דערצעהלונגען און ליעדער. אין 1911 איז ער געווארען רעדאקטאר איבער דער ליטערארישער אבטיילונג פון קראקויער „טאג". אין יאהר 1910 איז אין לעמבערג ערשינען א באנד פון זיינע דערצעהלונגען מיט'ן נאמען „הימעל און ערד", אין 1911 — א באנד ליעדער „ליעבשאפט" און אין 1912 — א באנד באלאדען. דעם זעלבען יאהר האט ער אין בערלין ארויסגעגעבען א ליטעראריש־שען זשורנאל „דאס בוך". ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן".

דאס ליעד פון שמיעד.

האמער, הוק! האמער, האק!
שטערען לעשען, שטערען שפריצען.
האמער, הוק, אייזען קנאק!
שעה'ן זיינען לייכטע בליצען.

אייזען, גליה! האמער, שמיעד!
ס'שטארבט די זון אין גאלד־געשוי־
מען.
אייזען גליה האמערליעד
זיינען גאלד־געוועבטע טרוימען.

האמער, האק! אייזען, ברען!
שעה'ן פליהען, פונקען בליצען —
איידער וואס, איידער ווען
שטארבט די זון אויף בוימער־שפיצען.

האמער, האק! ס'אייזען קראכט!
שמיעד פאר'ן פויער ס'אקעראייזען.
ס'לעשט א פונק, ס'קומט די נאכט:
ס'קאן דער פויער ס'פעלד נישט
שפייזען.

האמער, שמיעד! אייזען, גליה!
ס'מוז דער גרעבער ס'אייזען האבען,
קורץ דער טאג — פויגעל־פליה —
און ער קאן ביינאכט נישט גראבען.

האמער, הוק! אייזען ברען!
פונקען פליהען, שעה'ן שפריצען —
איידער וואס, איידער ווען
שטארבט די זון אויף בוימער־שפי־
צען.

יום-כפור.

א, גאט אל רחום, גאט אל חנון —
עס שטעהט דיין פאלק פון גרוים
ביז קליין
און בעט ביי דיר אויף זיינע זינד,
און קלאפט אין הארץ. נאר איך
אליין,

מיין מויל איז צו, און קיין על חטא,
מיין בליק איז שטום און הארט ווי
שטיין,
דאך שענק מיר גאט, איך בין דיין
קינד,
דיין קינד וואס נעהרט זיך מיט
דיין פיין.

און וואָלט איך וועלען תשובה טאָן
און ווייגען: גאָט איך וועל נישט
מעהר.
אוי, האָט מיין הארץ שוין נישט
קיין זיפצען
און מיין אויג קיין טרעהר!

כ'האָב מיין לעצטע טרעהר געגעבען
א שוועסטער אין דעם ווייטען לאנד,
וועלכע האָט אין דניעסטערס טיעפ־
קייט
איהר פיין פערלאָשען און איהר
שאַנד.

כ'האָב מיין לעצטען זיפץ געגעבען,
צוזאמען מיט א צייהנער־קריץ
א זקן, וועמענס הייסע זעלע
איז אויסגעגאנגען אונטער שמיץ.

איצט האָב איך גאָט פאר דיר שוין
גאָרנישט,
נישט קיין זיפץ און נישט קיין
טרעהר:
מיין אויג איז טרוקען ווי א דאָרן
און מיין הארץ איז לעהר...
תרע"ז.



ב. לאפין.

בעריל לאפין — דיכטער. געבארען אין יאהר 1887 אין א דארף ביי וואלקאוויסק, גראדנער גוב. אנגעפאנגען צו דרוקען זיך האט ב. לאפין אין רוסלאנד אין 1903. אין יאהר 1909 האט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער האט זיך באטייליגט אין פארשיידענע אמעריקאניש־אידישע אויסגאבען. אין דער זעלבער צייט איז אין רוסלאנד ארויס א זאמלונג פון זיינע ליעדער מיט'ן נאמען „אומעטיגע וועגען", וואס איז פון דער קריטיק גאנץ ווארעם באגריסט געווארען. ב. לאפין צייכענט זיך אויס אין זיינע ליעדער אלס מיסטיקער און אלס אזעלכער איז ער אויך נייאין דער אידישער פאעזי. ארום 1911 איז ער אוועק קיין ארגענטינא, וואו ער געפינט זיך אויך איצט. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן".

* * *

לאמיר, ליעבסטע, ווי צוויי קליינע קינדערלעך זיין,
פאר וועלכע עס איז נאך דאס לעבען א שפיעל,
א רוישיגער טאנץ, און אפט שלעפעריג־שטיל,
וואס לאכען און וויינען מיט טרערען פון פרייד
און וויסען אין שפיעל ניט, אז עפעס פערגעהט
פון זיי אין די קינדערשע פרעהליכע טעג,
און שפיעלען זיך קינדערש מיט פרייד און מיט שרעק...

לאמיר, ליעבסטע, ווי צוויי קליינע קינדערלעך זיין:
דו מאך, ווי דו רייסט זיך ארויס פון מיין האנד
און לויפסט וואו... און איך לויף דיך נאך נאכאנאנד,
איך וועל זיך פערקוקען, און דו זיך בעהאלט...
דערנאך וועל איך זוכען דיך טיעף אין דעם וואלד,
וועל פרעגען די בוימער מיט ווילדען געוויין,
צו האבען געזעהן זיי א קינד, יונג און שעהן?...

דאן לאך זיך פאנאנדער... און זאל זיך דיין קול
ווי יונגינקע דונערס צושיטען אין טהאל;
אויף גרעזעלעך פאלען און איינדערמלען מיעד,
ווי עלענדע, איינזאמע וואנדערער טריט;
און ווייז זיך א רגע... און ווידער פערשווינד,
און איך וועל דיך נאכלויפען, יאגען געשווינד...
דו רייץ זיך... זיי נאהנט און זיי ווייט פון מיין בליק, —
אזוי מאלט מיין דמיון מיר אוס'עט מיין גליק...

ב. לאַפּין

אין צימער.

עס שרעקט מיך, ווי מאָדנע זי ליגט אויפ'ן בעטעל!
פאַרוואָרפען דעם קאָפּ און די לאָקען צושויבערט, צושאָטען.
אזוי ווי א בערגעל פאַרוואַקסען מיט גראָזען.
וואָס ווערט פון א חיה אין ווילדער צורייצונג צוטראָטען...

ווי האַלט זי פאַרשלאָסען, פאַרמאַכט איהרע אויגען!
ווי עמיץ מיט גוואַלד וואָלט א סוד פון זיי וועלען אויספּרעסען.
און ס'ציט'רען די ברעמען און ס'קנייטשט זיך דער שטערען,
אזוי ווי זי וואָלט איצט א גרויסען געהיימניס פערגעסען...

און ס'ברענט אויף די צנועה'שע באַקען א רויטקייט,
ווי ס'וואָלטען די אויערען ציניש שמועסען הערען.
און שלאָפענדיג וואַרפט זי זיך מיעד אויפ'ן בעטעל,
אזוי ווי זי וואָלט זיך פער'חלש'ט מיט עמיצען וועהרען...

דער קערפּער — אזוי ווי א פריש-ווייסער צלם,
זי ליעגט ווי געקרייציגט א שטילע — די ברוסטען ענטפּלעקטע.
די ליפּען — א ליפּ אין א ליפּ איינגעגעסען,
די הענד אין דער לענג אויסגעשפּרייט ווי צו וועמ' אויסגעשטרעקטע...

אַט האָט איהר מיין גיריגער קוק אויפגעשוידערט,
די אויגען — גלייך ווי צום ענטלויפען פרעמד בלאָנדזשען צוטראָגען.
זי שאַרט זיך צום וואַנד ווי א שאָף א צושראָק'נע —
ס'טהוט גלייך ווי א האַגעל איהר האַרץ אין דער פינסטערניש שלאָגען...

צייכענס.

מיין האַרץ האָט גענומען היינט שטאַרקער צו קלאַפּען
און עפּעס ערוואַרט זי אין מורא און שרעק.
פערגאַנגענע צופאַלען שלייכען פאַר מיר דורך
אזוי ווי די טריט פון א מחנה אין וועג...

זיי שלייכען אָהן סדר... כ'געדענק זיי ניט אַלע —
היינט נעהמט זיי מיין האַרץ אַז פאַר צייכענס אויף בייז.
עס ליעגט ביי מיין פענסטער א פויגעל א טויטער —
אַ עפּעס ערוואַרט איך, ס'וועט טרעפען, איך ווייס!...

די הינד האָבען מורא דעם פויגעל צוריהרען
דער ווינד גיט די פעדערען זיינע קיין בלאָז.

און גלייך ווי היינט נאכטס וואלט א שטורם געווען,
אזוי ליגנט צולעגט מיעד אין פעלד היינט דער גראז...

און נעכטען איז פלוצלונג א גאסט אנגעקומען,
גערעדט וואס אהן ענד מיט א טרוי'ריגער שטים.
און כ'ווייס ניט וואס האט ער געמיינט מיט די ווערטער
„ווער ס'ווארט ניט אויף קיין זאך, ווארט עפעס אויף איהם?"...

כ'האב איינמאל אין אבענד אז אלטען בעגעגענט,
זיין גוף האט א משא א שווערע פערשטעלט.
און ווען כ'האב געבעטען: ערלויבט מיר אייך העלפען —
האט ער זיך צולאכט — און פערשוואונדען אין פעלד...

און לאנג שוין איך גלויב ניט צו ס'האט גאר געטראפען, —
האט בלאנדזשענד אין נעבעל א פלאם מיר גענארט.
איך קום... ס'איז א ליידיגע הויז... נאר עס ליגען
דארט שיכלעך מיט קינדערשע ביינדלעך פערדארט...

געברענט האט דארט פייער גלייך ווי א נר־תמיד
און קינדערשע שמייכלען — געשוועבט אין דער לופט.
א נעבעל האט פעסט מיינע אויגען פערשלאסען —
„מיין קינד! א מיין קינד!" הער איך קוים ווי מען רופט...

און זיצענדיג היינט ביי דער נאכט קעגען שפיגעל
האב איך מיין געזיכט דארט אין איהם ניט געזעהן.
ס'האט עמיץ צו מיר דורכ'ן פענסטער צולאכט זיך —
כ'האב האסטיג געבליקט דארט — איז קיינער געווען...

און פול איז מיין הארץ מיט א שארפקייט א שווערע,
אזוי ווי די לופט ווען ס'דארף שטורימען באלד.
און כ'האב מיר די פענסטער און טהיר אויפגעעפענט —
און כ'ווארט איינגעשפארט אויף דער פרעמדער געשטאלט!..

דער הערבסט-גאסט.

ווער איז ער?
עס ווייס ניט קיינער.
מענשען קומען פון די פעלדער און דערצעהלען:
ס'הויכט דער פריהלינג נאך פון יעדעס בלויע בלימעל,
ס'האט קיין קאסע ניט געגלאנצט נאך אויף די פעלדער,
שניטער־ליעדער האבען אין דער לופט נאך ניט געקלונגען,

קיהלע ווינטעלעך ווי דורכ'ן חלום שעפּטשען:
„פריהלינג"... „פריהלינג"...

און ס'טראָגט דער פרעמדער שוין א קרוין פון געלע בלעטער,
פערוועלקטע בלומען טראָגט ער אויף זיין הארצען...
ווינטען בלאָזען פון די פאַלעס פון זיין קלייד...
טראַפּענס רעגען טריפען פון זיין קאָפּ...
פון די בליקען זיינע וועהט אנ'אומעט...
מתים־אָטהעם הערט זיך פון זיין קערפּער...

ווי אנ'אבל געהט ער טרויעריג ארום,
קיינער זעהט ניט, נאָר מען פיהלט, ווי ס'הארץ זיינס וויינט...
ווענדט צום קאַלטען צפון אומעטיג זיין בליק,
זיינע ליפּען תמיד שעפּטשען וואָס געהיים,
ס'ווייס ניט קיינער, צו זיי שילטען, צו זיי בענשען...
קיינער פרעגט איהם ניט, צו וואָס ער איז געקומען.
„ס'איז דער הערבסט־גאַסט" — סוד'ען שרעקענד זיך די בוימער:
„אין זיין היימאַט איז דער פריהלינג שוין געשטאָרבען".

בלומען.

—זיידע, זאָג וואָס זוכסטו דאָרטען,
און וואָס קושסטו ס'געלע גראָז?
—אך ווי שעהן איז, קינד, דיין גאָר־טען,
כ'קלייב דאָ בלומען וויים און ראָז...

—זיידע, הער פון מיר אויף לאַכען,
וואָקסען אסיען בלומען דען?
—קינד, נאָר פּראָוב דיין אויג פערמאַכען,
וועסטו אויך די בלומען זעה'ן...

—כ'שרעק זיך האַלטען צו די אויגען,
ס'ווערט מיר מאָדנע פינסטער דאָן.
—פּראָוב—און זעה, ס'איז דורכ־געפלויגען
פאַר דיין בליק א ווייסער שוואַן...

—כ'האָב געפּראָובט... און שרעק זיך מעהר ניט,
פאַר מיין בליק איז ליכטיג, וויים.
—גוט, מיין קינד, נו, איצטער שטער ניט,
לאָז מיך רייסען וואָס איך רייס...



יצחק בלום.

יצחק בלום — אמעריקאניש־אידישער דיכטער און סקיצען־שרייבער. געבארען אין יאהר 1887 אין טשעכאנאוויצע, א קליין שטעדטעל אין גראדנער גוב. אין יאהר 1905 האט ער אויסגע־וואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער האט אנטייל גענומען אין פארשיידענע אמעריקאניש־אידישע צייטשריפטען און זאמעלביכער. אויסער א רייהע סקיצען און דערצעהלונגען האט יצחק בלום אויך אבגעדרוקט א היבשע צאל קורצע לירישע ליע־דער.

ס׳איז שולדיג געוועזען.

ס׳איז שולדיג געוועזען דער הערבסט און דער רעגען,
דאס ברומען און פייפען פון שטורמענדען ווינד.
וואס האט מיך גערעגט און געוועקט און געצויגען
דעם פיין צו דערטרינקען אין וויין און אין זינד...

ס׳איז שולדיג געוועזען דער הימעל דער שווארצער,
וואס האט אין מיין הארצען אן אומעט געוועקט;
און איך האב מיט וויין און מיט לילית׳עס טעכטער,
די זון־ריינע טעג פון מיין יוגענד בעפלעקט...

ס׳איז שולדיג געוועזען דער בריעף פול מיט טרויער,
די ניי׳ס פון דער היים און די גרוסען פון שלאכט;
ס׳איז שולדיג געוועזען מיין אייגענער לעבען;
ס׳איז שולדיג געוועזען די פינסטערע נאכט...

וואס דארף איך קלעהרען.

וואס דארף איך קלעהרען פון א ציעל,
זאל זיין, זאל זיין, יא, וואס עס וויל,
די וועלט איז סיי ווי סיי א שפיעל...

וואס דארף איך קלעהרען וואס ס׳איז שלעכט,
צי טהו איך אונרעכט, אדער רעכט,
די וועלט איז סיי ווי סיי דאך שלעכט...

איך בין אן אונבעהאלפען קינד,
וואס בויגט זיך איין פון קלענסטען ווינד...
די וועלט איז סיי ווי סיי מיט זינד...

ל. מילער.

ל. מילער — אמעריקאניש־אידישער דיכטער. געבארען אין לאנאוויץ, א קליין שטעטעל אין וואהלינער גוב. אין יאהר 1887. אין 1906 איז ער געקומען אין אמעריקא, וואו ער האט פארעפענטליכט א רייהע לידער אין פארשיידענע אמעריקאניש־אידישע אויסגאבען. ל. מילער איז איינער פון די באדייטענדערע יונגע דיכטער, וואס האט זיין אייגענעם טאן און פארם. אזעלכע לידער ווי „אויף די חורבות פון מיין האב און גוטס" ווערען גאנץ זעלטען באגעגענט אין אידיש. אויך זיינען גאנץ ניי אין אידיש זיינע אויסגעצייכענטע „טענים"־לידער.

א גוטע נאכט.

זי האט געזאגט א גוטע נאכט
און שנעל די טרעפ ארויפגעלאפען.
עס איז די טהיר געבליבען אפען,
האב א י ך מיט ליעבענד־צארטער האנד
איהר צוגעמאכט...
און לאנג שוין, אז איך שטעה
ביים טהיר אין צארטען וועה,
אלץ מורמלענדיג:
„א גוטע נאכט... א גוטע נאכט..."

איך געה אהיים. שוין שטונדען לאנג
אז כ'געה און געה... איך הער זיך איינ'עט
ווי טרוימעריש פערבענקט עס טענה'ט
דער ווייכער, באנגער עכא־קלאנג
פון מיינע טריט.
דאס טענה'ט ער, מיר דאכט,
אין שטילער נאכט פערטראכט
דעם זעלביגען
א גוטע נאכט... א גוטע נאכט...

ערוואַרטונג.

וואו איך שטעה און וואו איך זיץ,
צייכען איך—פערטראכט—און קריץ
איין־און־איינציג ווארט בלויז:
„מארגען"...

שמייכעל איך און זיך פערבארגען
צו דעם איינעם ווארט דעם שטומען
„מארגען" — מארגען וועט זי קומען.

כ'זיץ דעם טאָג אליין אין הויז,
כ'הער דער זייגער טיק'עט אוים
זיינע רגע'ס. דוכט מיר, טראָפּען
טריפען אויף מיין הארץ און קלאַפּען..
עפּעס נאָגט אין הארץ פערבאָרגען:
אוי, ווי ווייט ס'איז נאָך ביז מאָר־
גען!...

דער סוד.

וויפיעל יאָהרען זיינען שוין אזוי פערבייגעפלויגען?
זאָל איך אפשר גלויבען, אז דאָס איז א חלום גאָר?
האָב איך ווען געזעהן שוין דיינע בלויע אויגען?...
האָט מיין האנד שוין ווען געצערטעלט דיינע בלאָנדע האָר?...

וויפיעל מאָל כ'האָב צווישען דיינע בריסט מיין קאָפּ פערבאָרגען!
זאָל א חלום זיין דאָס גליק פון ליעבעס־נעכט אָהן צאָהל?...
ווי דורך כשוף מיט א יעדען ניי־ערוואַכטען מארגען
דוכט מיר: איך געפין זיך נעבען דיר צום ערשטען מאָל...

א פערשעהמטער, מיט אראָבגעלאָזטע אויגען־לעדער,
פאַל איך מיט די ליפּען צו דיין הייסען קערפּער צו...
וויפיעל סודות—זאָג מיר—טראָגסטו איינגעשלאָסען אין די גליעדער,
ווייב מיינס, כלה מיינע, וואונדער־שעהנע מיידעל דו!...

מאָדנע.

איהם בינדט צו איינער צו, און האלט איהם פעסט, א רינגעלע פון גאָלד...
ווייס גאָט אליין, ווי צוועקלאָז לאַנג ער האָט די צווייטע צארט געליעבט...
און ס'האָט גאָר קיינער דעם בעגריעף, ווי טיעף ער האָט די דריטע האָלד...

די ערשטע, וויים ער, ליגט אין בעט אציינד, און ווייגט אוועק די נאַכט...
עס האָט איהם מאָדנע אומעדיג און טריעב די צווייטע היינט בעטראַכט....
און קיינער וויים, ווי שעהן ס'איז י ע נ ע היינט געוועזן, ווען ז'האָט געלאַכט....

ער געהט אהיים אין שטילער נאַכט, אהיים... זי ווייגט... ער טהוט א לאַך...
ווי מאָדנע ס'איז: איז שולדיג ווער? עס נאָגט אין הארץ און עפּעס גלעט:
און וואָס? חאָטש נעהם און וויין... און לאַך... א מאָדנע זאַך!... א מאָדנע זאַך!...

*

* *

דומע מענשען:
שפּאַן איך איבער נאָך א צאָם!
רייס איך איבער נאָך א שטריק:
טראָגט א צווייטער דען מיין יאָך?

אוי, מיר זוכען אלע דאָך,
דאָס זעלבע גליק,
דאָס זעלבע גליק!...

דומע מענשען:
גלויב איך ניט אין אייער גאט!
געה איך ניט אין אייער וועג!
טהו איך ווענען בייז פון אייך?

קומען מיר דאך אלע גלייך
צו'ם זעלבען ברעג,
צו'ם זעלבען ברעג...

טענים ליעדער.

א.

אין די לייכטע טענים־קליידער,
גען און שליידערער אין האנד,
שפרינג איך פון די שטיינער טרעפען,
דריי און פיער ביינאנד.

פריש מיין לייב פון קאלטען וואסער
און מיין טראט איז שנעל און לייכט,
ס'איז דער מארגען נאך א בלאסער,
דער אספאלט איז קיהל און פייכט.

דרעמעלט שטעהענדיג א וועכטער,
געה איך זיך איהם שטיל פערביי,
ערגעץ טראגט זיך דורך מיט טומעל
נאך א ליידיגער טראמוויי.

ב.

אלע נעצען אויסגעצויגען,
וויים געפאסט דער געלער זאמד,
שטייף אין שליידערער די סטרונעס,
ווי די אדערען אין האנד...

ווייסע קליידער פאר די אויגען,
שלאנקע, בלויזע פרויען־הענד...
יונגע מענער שטארק און בויגיג
און די פנים'ער פערברענט...

הענד און שליידערער, ווי פליעגעל,
יעדער קערפער ווי א שלאנג...
טרייבט מען אום די באלם אין לופטען
מיט א שנעלען ווייכען קלאנג...

ג.

קומט א פרעמדער באל צופליהען,
וויל זיך אויסבעהאלטען נעבען מיינע פים —
יאגט נאך איהם זיך אין דער לופטען
נאך א קלינגענדיגע פרויען־שטימע: „ב—א—ל פל—יע—ז!"

שטעהט זי דארטען אונגעדולדיג,
וויעגט די הענד צו מיר אין קינדישען קאפריז,
און דער גאנצער קערפער איהרער
בעט זיך: „שנעלער! שנעלער! „בא—ל פל—י—ע—ז"...

ד.

איך ליג און רוה מיט יעדען גליעד — די אויגען האלב פערמאכט.
איך הער, ווי קינדער שפיעלען זיך... מען רעדט... און עמיץ לאכט...
און פאר די אויגען: קליידער־ווייס און קערפּער־בויגיג, יונג
און יעדער האנד־בעוועג און קערפּער־קעהר פול קראפט און שוואונג...
אויפ'ן וועג א וואגען פאהרט זיך לאנגזאם, אן אויטאמאביל.
עס שטעהט א איד פערטראכט און קוקט זיך צו צום טענים־שפּיעל,
עס פליהט א באל ארויס, הויבט אונגעשיקט דער איד איהם אויף
און לעגט, פערשעהמט, איהם אויף א מיידעל'ס שליידערער ארויף.
די מיידעל לאכט און דאנקט און עפּעס ווי א שולדיג קינד,
פערשעהמט און שמייכעלדיג געהט ער אוועק... אוועק... געשווינד....

ה.

טויזענד־פארביג גליהט די אבענד־בענקשאפט רונד ארום דעם הימעלס־ראנד..
און די שטאדט פון וויטענס, ווי זי וואלט זיך אין א פארביג שלייער הילען...
דא און דארטען זעהט מען נאך א פייערדיגען שטראהל זיך שפּיעלען
אויף א מיידעל'ס פּנים, אויף א בחור'ס האנד.

שפּיעלער שפּעט־געקומענע דערשפּיעלען אזוי פיבערהאפט און גיך.
איבער'ן טענים־פעלד צוואווארפען שטיפען אום און לאכען מיעדע פארען.
עמיץ זוכט אזוי ארום א באל אין שאטענדיגען גראז פערלארען...
און ארום א בוים וואו שפּיעלען קינדער זיך...

לעער די שטאנגען... טונקעל ווייכער ליעבעס אומעט שפּרייט זיך אין דער
לופט...
פּארלעך געהען אום און זוכען בענק, וואו אונטער בוימער זיך צו זעצען.
ווייט־ווייט האט די שטאדט ארויסגעווארפען איהרע פייערדיגע נעצען.
זינגט איהר רוישיג ליעד און רופט צו זיך און רופט...

אויף די חורבות פון מיין האב און גוטס.

א.

הפקר וואלגער איך זיך אויף די חורבות פון מיין אויגען
האב־און־גוטס ארום.
ס'ליגט דער טייוועל צו די פיס מיר און מחילה בעטען,
זיינע אויגען שטום —
שלים איך שווייגענד זיינע בעטענדיגע אויגען צו
און איך וויעג איהם: ליר־ליר־ליו, ליר־ליר־ליו...

אין דעם בראך־ווארג, וואו ניט וואו, נאך וואלגערט זיך א גליעד,
א ניט דערהגריזשעט ביין...
קומט א קאץ אן און פערגעהט זיך אין א ווילדען יאמער,
שטשירענדיג די צייהן.

טוליעט זיך דער טייוועל צו מיין וואונדיג הארצען צו,
און איך וויעג איהם: „ליו־ליו־ליו, ליו־ליו־ליו...

כ'נעהם דעם טייוועלס האנד און כ'גראב זיך מיט די נעגעל זיינע
אין מיין הארצענס וואונד,
קנייטשט דער טייוועל זיך אין שטומען וועהטאג, פאנגט
ער אן צו וואיען ווי א הונד.
פרעס איך זיינע ליפען צו די וואונדען מיינע צו
און איך וויעג איהם: ליו־ליו־ליו, ליו־ליו־ליו...

ב.

פאר וועלכעס לאנד?...

ביי יעדען אין הארצען א דורשטיגע שלאנג — —
ביי יעדען אין בעכער א בלוטיג געטראנק,
עס הויבען די בעכערס א האנד נאך א האנד,
און יעדערער טרינקט פאר זיין אייגענעם לאנד...

איך האב מיינס א קינד היינט געקוילעט ביינאכט, —
איך האב פון דעם שארבען א בעכער געמאכט...
און כ'האב אין די פויסטען געפרעסט רויטען וויין
פון יעטוועדען גליעדער אין דעם בעכער אריין...

א שארבען דער בעכער! און בלוט דער געטראנק! —
און כ'טרינק פון דעם בעכער ווייס גאט שוין ווי לאנג...
איך טרינק, און עס מישט זיך אלץ מעהר מיין פערשטאנד —
פאר וועמען, זאגט, טרינק איך? פאר וועלכעס, זאגט, לאנד?



מנחם.

מנחם (גאלדבערג) — דיכטער און זשורנאליסט. געבארען אין יאהר 1888 אין בריסק, גראדנער גוב. אין יאהר 1906 האט מנחם דעביוטירט מיט זיינע ערשטע ליעדער אין „דעם וועג". שפעטער האט ער אנטייל גענומען אין די „ליטעראַרישע מאנאטשריפטען", „יודישע יונעגנד", פרץ'ס „יודיש" און אנד. מנחם איז איינער פון די יונגע דיכטער אין רוסלאנד, וואס האט מיט זיינע ערשטע ליעדער געבראכט נייעס און אייגענארטינקייט. אין 1913 איז אין א באזונדערער אויסגאבע ערשיענען זיין פאעמא „פוילען", אויף וואס די קריטיק האט זיך גאנץ וואַרעם אפגערופען. אין יאהר 1915 איז ער געקומען אין ניו־יארק, וואו ער האט שפעטער ארויסגעגעבען א זאמלונג פון זיינע געקליבענע ליעדער מיט'ן נאמען „א רינג אין דער קייט". ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן".

קדוש.

אומעטיג איז דיר? די אויגען געעפענט,
אין טונקעלען הימעל פערקוקט זיך, פערטראכט.
אומעטיג איז דיר? וואס זוכסטו אין הימעל?
וואלקען אויף וואלקען — א טרויער דארט זעהסטו?
גיעב מיר דיין האנד — וואס, א שרעק אין די וואלקען?...
ציטער נישט, ציטער נישט, פארכט נישט פאר זיי.
נעהנטער צו מיר — כ'וועל דיר עפעס פערצעהלען...
ס'ציהט זיך א סוד פון דער ערד צו די וואלקען,
ס'ציהט זיך א סוד, א רחמנות־געבעט:
— טריעף אויף מיר, וואלקען, איך וויל ווערען פרוכטבאר!...
פיהלסטו איהם, פיהלסטו דעם סוד פון דער ערד?
ס'האט איהם געבוירען א שטיל־שטארקער גאט —
גלויבסט אין איהם? ענטפער מיר, רוים עס מיר איין.
גלויבסט אין איהם?

איך? דו אליין האסט מיך גלויבען געמאכט.
טרויעריג־העל איז זיין ליעבענדער בליק.
שרעק ליגט אין איהם — דאך עס ציהט דיך צו מיר.
פול איז ער ליידען — דאך קומסטו צו מיר —
סוד איז אין איהם, גאט איז אין איהם.
דו האסט מיר, שטילע, א גלויבען געגעבען —
זאל איך איהם זעהן אויך אין דיין בליק זיך וועבען.
איך? איך בין מיעד, איך בין קראנק פונ'ם גלויבען.
ס'מאכען זיך צו מיינע אויגען פער'שכור'ט,
ס'יאגט איבער מיר און ס'בעפליסט מיך א היץ,

שווער קלאפט דאס הארץ און פערשטיקט מיר דעם אטעם —
איז עס ניט גאט, וואס בעוועגט זיך אין מיר?
כ'הער זיינע ווערטער — דאס לעכצען צו דיר,
ס'קלאפען די שלייפען אין קאפ פון פערטרינקונג,
קלאפען פון זינקען אין איהם.
מיעד בין איך, שוואך און פון הייליגקייט שכור.
קום צו מיר נעהענטער, נעהם מיך ארום.
זעה, ווי דו ציטערסט — דער גלויבען דאס ציטערט.
טיעף, אבגעהאקט איז דיין צאפלענדער אטעם,
הויך און אין אימפעט בעוועגט זיך די ברוסט —
דאס איז דער גלויבען... פערמאך דיינע אויגען,
מאך דיינע אויגען צו, קוש מיך און האלז מיך,
קוש אהן א זינען, זאל קלאפען די ברוסט:
ס'קומט שוין, עס קומט שוין, עס קומט שוין צו אונז.
הערסט, ווי עס גיעסט דארט פון דרויסען דער רעגען?
ס'קען ניט דער וואלקען זיין בענקשאפט דערשטיקען,
פרוכטבאר מוז ווערען די טרוקענע ערד:
גאט וויל אזוי.

גאט וויל אזוי, דער אלמעכטיגער הייסט —
אטהעמט און לעבט מיט זיין ווילען די וועלט.
ער האט א בענקשאפט פערזעהט אין דער וועלט —
מורמעלט און זינגט אלץ, וואס לעבט אין א בענקשאפט.
דריקען זיך הערצער און קערפער צוזאמען,
ווילען זיך וועלדער צום הימעל דערציהען,
לעבצעט די ערד צו די טראפענס פון וואלקען,
רייסט זיך דער ים פון די שטיינערנע ברעגעס,
רוישען און ברומען די שטיינערנע כוואליעס, —
ער האט א בענקשאפט פערזעהט אין דער וועלט,
אטהעמט די וועלט, מיט זיין ווילען און בענקשאפט.
האלזען דיך, הייסט ער מיר, האלזען דיך, שטיקען,
שטיקען אין קרעמפפיג פערצאפעלטע ארעמס,
אויסזויגען ס'בלוט פון די זאפטיגע ליפען,
אויסקושען, הייסט ער, די ווייסקייט פון האלז,
פאלען דיר, הייסט ער, פאר מיר.

ציטערסטו? צאפעלסטו? צאפעל און ציטער!
הערסט, ווי עס רוישט און עס ליארעמט דער רעגען,
ס'בליצט און עס דונערט... די ערד מיט'ן וואלקען
זיינען אין ליעבע צוזאמענגעצויגען.
ער איז געקומען, געקומען, געקומען
לעבען ארויסרופען, לעבען פון לעבען.

ס'פֿלאַמט אין די בלוטען דער פֿייער פֿון דר'ערד,
ס'אָטהעמט די ברוסט מיט'ן אָטהעם פֿון דר'ערד,
ציטערסטו, צאַפּלסטו — הייליג דער ציטער!
צאַרט איז דיין לייב — ס'איז אַ בלום פֿאַר'ן טראָהן,
ווייס איז דיין ברוסט — אַ מתנה אַ ווייסע,
ריינע קרבנות פֿאַר גאָט.

סאַמעטען־ווייך איז דיין ווייס־קלאָרער האַלז,
שמעקענדיג־פֿריש איז דיין קינדערשע ברוסט,
און ווי עס בויגט זיך דער קערפּער — אַ שלאַנג!
הייליג און שען ביסטו, הייליג און ווייס —
גלויב אין מיר, ווייסער און הייליגער קרבן,
גלויב אין מיר, גלויב אין מיר, גלויב אינ'ם שעפֿער!
גרויס איז ער, ווילד איז ער, הייליגע מאַכט —
גלויב, מיין געבענשטער, מיין הייליגער קרבן,
גלויב אין מיר, גלויב אין מיר, גלויב אינ'ם שעפֿער!...
אויביג און ווילד איז ער — אויביג בין איך — — — —
קדוש, קדוש, קדוש...

אַ ליעד פֿון אַ כלה.

זיינען געפֿלויגען די מיידעלשע יאָהרען,
ווי ביהנען פֿון בלימעל צו בלום.
האָבען דעם זאַפֿט פֿון די בלומען געזויגען
און ווידער געפֿלויגען: זום־זום.
פֿליהט, פֿליהט, יאָהרעלעך,
זומט, זומט, ביהנעלעך —
קלעפּט זיך אַ ביהנענשטאָק אויס.
לאַנג ווערט דאָס קליידעלע,
צייטיג דאָס מיידעלע —
ס'בויט זיך פֿאַר איהר שוין אַ הויז.

האָבען געפֿלאַטערט די מיידעלשע טרוימען
ווי שמעטערלינגס נאַכטליך אין שיין.
זיינען צום פֿייער געפֿלויגען, געבריהט זיך,
און ווידער אין פֿייער אריין.
היים גליה, מיידעל־טרוים,
פֿליה, ברען, שמעטערלינג —
ס'פֿאַנגט דיך אַ פֿלאַם און פֿערברענט.
העלער די אויגעלעך,
בלייכער די בעקעלעך —
ס'האַרץ האָט שוין ליעבע דערקענט.

זיינען געקומען די מיידעלשע ליעבעס,
ווי פֿריהלינגס־צייט שוואַלבען צום נעסט,

ווינטער אין שנייען פערוואָגעלט, פערפלויגען.
און זומער־צייט — ווידער צו געסט.
בליה אויף, מיירעל־האַרץ.
פליה, קום, שוועלבעלע —
באַלד איז די נעסט שוין פערמאַכט.
איין קוש חבר׳טעס.
ווינשט גליק, טייערע —
מ׳האָט שוין די חופּה געבראַכט.

אַ ליעד פון אַ צוריקגעקומענעם.

האַלבער נאַכט, דעם קאָפּ געבויגען
זאַק און שטעקען אין די הענד,
שפּאַנט אַ מענש אין פינסטער געסעל
שאַרט זיך שטיל ביי שוואַרצע ווענד.

זוכט ער אויף אַ איינזאַם שטיבעל,
ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ — ער קלאַפּט
אין טהיר.
—אוי, ווער איז דאָרט? פרעגט
אַ שטימע
און דער פרעמדער ענטפערט איהר.

ווערט אַ טהירעל האַלב געעפענט
בלייבט דאָרט שטעהען אַ בלייכע
פרוי.
— דו?... און ס׳בלייבט איהר קול
פערציטערט,
און די האָהר — ווי מאַרגען־טוי.

— איך... קלינגט אַב זיין שטילער
ענטפער,
שטאַרע אויגען קוקען שטום —
איינגעפאַלען איז דאָס שטיבעל
און פערענדערט אַלץ אַרום.

און אין שיין פון לעמפּעל הערט זיך:
— נישט בעוואונדער מיינע האָהר!
ס׳האָבען שנייען זיי געוואַשען
און פערוויסט פון יאָהר צו יאָהר.

ס׳האָט אַ ווינד מיין קאָפּ געבויגען,
און די אויגען פרעג נישט מעהר.
אויסגעקוקט האָב איך די אויגען
אין דערוויטעניש אַהער.

און געחלומט האָב איך יאָהרען
וועגען מערב׳ס שטילע רוה.
צאַרטע הענד און ווייכע בליקען
האָט מיין ווייטע פרוי... האָסטו...

וועט זי שטיל מיין קאָפּ פערוויגען
אויף דעם ברוסט, וואָס ליעבט אין
שטיל,
און מיין קינד... ער קוקט זיך אום׳עט.
ס׳קלאַפּט אין וואַנד אַ האַרטע גריל.

און זי עפענט איהרע אויגען
און זי ציהט דעם ענטפער בלייך:
— צאַרטע הענד פערשוואַרצען
ליידען,
פינסטער מאַכט אַ בליק נישט ווייך.

און דאָס קינד... ביים אַלטען פּאַרקאַן
בויגט אַ ברעטעל זיך צו דר׳ערד,
ס׳וואַקסט אַ גרעזיל אַרום ברעטעל—
קיין מצבה נישט בעשערט...

אינ׳ם טונקעל הערט מען חליפען,
קושען, שוועבען אין דער שטיל —
און די שיין פון לעמפּעל ציטערט...
ערגעץ קלאַפּט אַ האַרטע גריל.

שלמה.

(פראגמענט)

אלץ איז וויסט און אלץ איז נישטיג, ווי א ווינד, וואס געהט אריבער.
ס'ווערט אין לייד א מענש געבארען, ס'וועקט זיך אויף א לעבענס־ווילען.
צווישען טרייע מוטער־בריסטען דרעמעלט שטיל א קינדער זעעלע,
א פערמאכטע ווייסע קנאספע פון א צארטען פריהלינגס בלימעל,
און מיט בלינדע ליפען זויגט עס לעבענס־קראפט פון מוטער־בריסטען,
זויגט און ציטערט, זויגט און וועקט זיך, פלאטערט אויף מיט בלאט און שטענגעל
ביז די אויגען ווערען אפען און פערשיינען ערד און הימעל,
ווי אין שטילען שפיגעל־וואסער פון א שמייכלענדיגען קוועלכעל.
ווערען אפען קינדער־אויגען — צינדט זיך אן א הייסע יוגענד,
יאגט זיך לוסטיג אין דער זון־שיין איבער גרינע פריהלינגס־פעלדער,
און עס ווערען פול די הערצער, לעפצען יונגע שמייכלען פריידיג,
שמייכלען לוסטיג, רופען הארציג איבער יעדער שטראהל און בלימעל,
זאנג און בלעטעל פריש־ענדעקטע, — נאר דער ערשטער קינדער שמייכעל
פון דער אויפגעוואכטער זעעלע וועט אויף אויביג ערשטער בלייבען. — —
אונטער הויכע פייגענבוימער, צווישען זאפטיג־פרישע גראזען
גיסט זיך לייב און פלאם צוזאמען, ליפ צו ליפ און האנד אין ארעם,
ברוסט אויף בריסטען ברויזט און הויבט זיך, בלוט און ארעמס זידט און יאגט זיך,
וויי‍כער פרויען־קערפער בויגט זיך צווישען הענד אין קראמפף געפלאכטען,
און פון אונטער מענער אטעם, איינגעשטיקט אין קערפער צאפעל
וויקעלט זיך א קרעכץ פערשטיקטער, א געשריי פון ליעבע וועהטאג — — —
ס'רייסט זיך אייזמאל נאר פאנאנדער טוי פון יוגענד אין די בלוטען,
ברעכט זיך אוים אין פייער־אויסגוס און פערפלייצט בעגעהר און ווילען —
ווייטער צינדען זיך נאך פלעמלעך און פערגעהען אויסגעברענטע.
און פערבענקט נאך יוגענד־פייער זוכט עס אום א מענש פערצאפעלט,
זוכט עס לאנגע וואגעל־יאהרען צווישען טויזענד הינדען־בריסטען,
נאר דער פייער איז פערפלויגען און צוריק וועט ער נישט קומען.
ליעבע־דורשטיג לעבענס־דורשטיג טיילט ער בעט מיט פרוי און ווייבער,
נעהמט פאנאנדער אלע צוימען פון זיין פאטערס פעלד און גארטען
נייע זוימען צו פערזייען, ביימער יונגע צו פערפלאנצען,
הייטער שפראצען פרישע לעבענס אין די ווענד פון אלטען הויז־נעסט,
און געוועקט פון שטימען יונגע, אויפגעריהרט פון קינדער לאכען,
רוקען זיך פאנאנדער — זאל דער הויז־דאך ברייטער ווערן
און בעשיצען מיט זיין ברייטקייט פרוי און ווייבער, קינד און קינדער.
ס'פאליען זיך די פעלדער זאפטיג, איינגעוויגט אין גאלדען־זאנגען,
אין די גערטנער מורמלען קינדערש פריש־געפלאנצטע ביימער יונגע,
און אין העלען רעגענבויגען פון צובליהטע קינדער־שטימען

וויגט זיך בלינד א מענש אין פאליעס איבער פלינקע לעבענס־רגע׳ס.
נאכצויאגען רוהם און רייכקייט, לוסט און ליעבע, פרייד און תענוג,
וואס פערנארען פון דערוויטען מיט׳ן גלאנץ פון גינגאלדשטערען,
און צולעגען זיך ווי שאטענס אין׳ם גאנג פון לעבענס־פאליעס.

פוילען.

(פראגמענט)

כ׳בין נישט געוואקסען צווישען דיינע פריצים־פעלדער, פוילען!
דו האסט מיין עלטער־זיידען נישט געזעהען וואנדלען
אויף שטעג און וועגען אין דער נאכט־פינסטער פערהוילען
דעם פעקעל דלות פון די פלייצעס צו פערהאנדלען.
עס האט מיין זיידע אין ארענדע נישט געהאט ביי דיר קיין פאכט.
דו האסט די גראבער פון דיין אקער־פעלד אין ווינטער־נאכט
זיך נישט געטראפען ווארעמען ביים טאטען מיינעם אין א שענק;
און איך פון מיינע קינדער־יאהרען־קוים כ׳געדענק,
אז איך זאל אין מיין גראהער היים, אין יענער ליטא,
וואו ס׳האט אמאל, אין שמערץ אויף דיר אן אויפגעבליהטע,
פון דיין בעליעבסטען דיכטער אויפגעברויזט דאס ליעד
דערהערען ווען דיין שפראך, די ווייבליך־ווייכע,
אין בלאנדזענד־זוכעדיגען שטראם פון טויזענד בלייכע,
שוין מיט׳ן גלות שטעמפעל אויף די יונגע שטערענס אויסגעגליהט,
האט עס אויך מיך געבראכט אהער, א בענקענדען און רויהען,
און ס׳האט דאס יונגעל הארץ געגלויבט אין דיינע טהויען
דעם פרעמדען שטויב פון וועהטאג אבצושווענקען.
און ס׳האט געדאכט אין ציטערדיגען יונגעל־בענקען
דא ערגעץ וואו א נאהנטע ברידערליכע האנד צו שפירען,
געפיהרט צו ווערען גרייט — און גרייט צו פיהרען.
איך האב געשוואוסט — עס הענגט אויך איבער דיינע הימלען
א וואלקען־שווער; געפיהלט, ווי צווישען פעלזען־שטיקער
פון דיינע אלטע חורבות שטילע שאטענס ווימלען;
געזעהען פון דער פרעמד א פלאסטער שטויב, א דיקער
בעדעקט די לעבעדיגע שפורען פון דיין אלטען רוהם
און גליווערט שטום דאס אלטע ליעד, ווי שטום
געווען פארצייטען איז אויך אונזער יאמערן־געזאנג
ביי די פערצאגטע בוימער, ביי די וואסערן פון בבל.
עס האט גע׳חלומ׳ט — כ׳בין אין שטוב געקומען צו אנ׳אבל
דער קבר פריש, דער מת אוועק נישט לאנג —
און כ׳האב געפיהלט אזוי, ווי דער, וואס ד׳אלטע קלאג
האט איהם שוין טויב געמאכט אין וועה־טהון טאג אויף טאג,
צום יונגען, אין זיין שמערץ נאך נישט פערשטיקטען, ברודער פיהלט.
נאך נישט דיין שפראך געקענט — און ס׳איז שוין מילד
געווען איהר קלאנג פאר מיר. אין יעדען אלטען מויער

פון דער נאָך פרעמדער שטאָדט האָב איך דיין טרויער
אין שויבען טונקעלע און אָרנאַמענטען אַלט געזעהן.
פול אונבעקאַנטער עהרפורכט נעבען יעדען שטיין,
אויף וועלכען בראָנז פעראייביגט דיינע גייסט־בעקרוינטע זיהן,
האָב איך דעם קאָפּ געבויגט. און ווען פערטראָגען האָט עס מיך אַהין,
וואו ס'פּאַליען זיך אין ברייטקייט דיינע גאָלדנע זאַנגען,
האָב איך א ווײלע שיער געגלויבט — איך בין דיין קינד.
פון ווייטען צווישען סאָסנע־שטאַמען איז די זון פערגאַנגען,
עס האָט דאָס פעלד ביי מיינע אַקסעל זיך געוויעגט אין ווינד,
אין שטילען אָוועגד־ווינד, וואָס האָט פערטראַכט געצווינגען
נאָר וואָלקענדלעך בעגילדטע איבער דעכער שטרוי,
עס האָבען קלאַנגען פריי און סודות'דיג מיין קאָפּ געבויגען
צו דר'ערד, — און ס'איז דעם קינד פון שטאָדט געוועזן אזוי,
ווי כ'זאָל צום ערשטען מאָל דערזעהן גאָט'ס וועלט,
און פאַלען — האָט'ס געהייסען — מיט'ן פּנים אויפ'ן גראָז פון פעלד,
און בענשען דיך, דיך, פּוילען, בענשען פאַר דער ווײלע גליק,
וואָס איז מיר דאָ בעשערט — — —



יוסף באנק.

יוסף באנק — (באנקיר פאן יאסעלדארף) — פאלקסטימליכער דיכטער און הומאריסט. געבארען אין יאהר 1888, אין קאוונא, רוסלאנד. אין 1903 האט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער האט אנטייל גענומען אין פארשיידענע אמעריקאניש־אידישע צייטונגען און זאמעלביכער. יוסף באנק איז איינער פון די איינגסטע פאלקסטימליכע דיכטער, וועמען ס׳איז אם בעסטען געלונגען צו דערנעהענטערן זיך צום פאלקסטאן מיט א באזונדערער איינפאכקייט און הארציגקייט. לעצטענס האט ער אויפגעהערט צו שרייבען לידער און האט זיך אפגעגעבען אויף אנדערע געביטען. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן".

צוויי חבר׳טעס.

— אוי, וואס וואלסטו טאן ווען עס קומט אן דיין חתן
און וויל אומשפאצירען מיט דיר?
— כ׳וואלט גארנישט געטאן ווען עס קומט אן מיין חתן,
איך וואלט נור פערשלאסען די טיהר.

— אוי, וואס וואלסטו טאן ווען ער קריכט דורכ׳ן פענסטער
אין צימער אין דיינעם אריין?
כ׳וואלט גארנישט ניט טאן ווען ער קריכט דורכ׳ן פענסטער.
איך וואלט נור זיין מערדערין זיין!

— אוי, וואס וואלסטו טאן ווען ער געהט און דערטרינקט זיך
און קומט דיר צו חלום ביי נאכט?
— כ׳וואלט גארנישט ניט טאן ווען ער געהט און דערטרינקט זיך, —
איך וואלט נור געשטיפט און געלאכט.

— אוי, וואס וואלסטו טאן ווען דו זעהסט ווי ער הענגט זיך
דערפאר, וואס דו טרייבסט איהם צוריק?
— כ׳וואלט גארנישט ניט טאן ווען איך זעה ווי ער הענגט זיך, —
כ׳וואלט שטארק נור פערצווייגען דעם שטריק!...

ווי ווייט.

ווי ווייט ס׳איז דער מזרח פון מעריב,
ווי ווייט ס׳איז דער דרום פון צפון,
אזוי ווייט פון מיר איז מיין ליעבסטע.
אך, קען איך נאך ווען עס איז האפען:

דער מעריב זאל גרייכען דעם מזרח,
דער צפון זאל גרייכען דעם דרום,

אז מיר זאל מיין טייערע ליעבען,
ווען איך בין אזוי, אזוי ארים?...

*
* *

זי זיצט פאר'ן אפענעם פענסטער
און זינגט אזוי הארצעדיג שעהן:
ווענסטו מיין געליעבטער ניט קומען,
וועל איך אין מיין עלענד פערגעהן.

און איך שטעה געקלעמט פון דער וויטען,
כ'הער צו איהר געזאנג און איך וויין...
ווען קומען צו דיר דיין געליעבטער
וועל איך אין מיין עלענד פערגעהן.

פריהלינגס-ליעבע.

גאט האט די טייכען אויפגעדעקט,
און אלע פויגלען אויפגעוועקט,
און אלע ווינטען אבגעלאזט,
און אלע בערגעלעך בעגראזט.

און פרעהלעך שיינט דער זונען-
שטראהל,
און פרעהלעך רוישט דער ריינער
קוואל
און פרעהלעך זינגט די נאכטיגאל
עס בליהט און בלימעלט איבעראל.

דאס ליעבע-לעבען האט ערוואכט
און יעדעס מיידעל שטיפט און לאכט,
און יעדעס הינטעל בילט און
שפרינגט,
און יעדער בחור געהט און זינגט:
„א, קום צו מיר, געליעבטע מיין!
דו ביזט מיין טרייסט, מיין זונען-
שיין,
קום לאמיר געהן צום וואלד ארויס,
ווען ניט, מיין שאץ, דאן געה איך
אויס".

איך געה פארביי מיין ליעבסטעס
טיהר,
איך בליק אריין דערזעה איך איהר:
די קעצעל האלט זי אויף די קניע
און זינגט: „מיין ליעבסטער וואהנט
ניט היע:
ער וואהנט אין וויטען ענגעלאנד
און טראגט דריי רינגען אויפ'ן האנד,
און טראגט א זייגער און א קייט,
און עסען עסט ער ווייסע ברויט;
און קאווע טרינקט ער מיטאג-צייט,
און לעבט ווי אלע רייכע לייט".
איהר אויג פערציהט זיך מיט א
טרעהר,
זי קושט די קאץ און זינגט ניט מעהר:
איך שיק מיין לעצטען בליק צו איהר,
מיין הארץ, מיין הארץ געהט אויס
אין מיר.

דאס ליעבע-לעבען האט ערוואכט,
און אלעס שטיפט, און אלעס לאכט,
איך איינער געה ארום און טראכט:
די ליעבע האט מיך קראנק געמאכט
און מיר בעפעהלט צו וואנדערען —
מיין ליעבסטע ליעבט אן אנדערען!

דניאל טשארני.



דניאל טשארני —(א ברודער פון ש. ניגער און ב. וולאדעק) — דיכטער. געבארען אין דוקאר, מינסקער גוב. אין יאהר 1888. פיער מא־נאטען נאך זיין געבורט האט ער באקומען א הויט־קראנקהייט, וואס האט זיך אויסגעהיילט ערשט צו זיין 25 יאהריגען עלטער. די דאזיגע קראנקהייט האט פאר איהם אונמעגליך געמאכט וועלכע ניט איז סיסטעמאטישע בילדונג, וואס ער האט שפעטער דערגרייכט וואנדערענדיג פון שטאט צו שטאט. נאך אין זיין פריהער יוגענד האט ער אנגעפאנגען צו שרייבען ליעדער. האט זיי אבער אנגעהייבען צו פארעפענטליכען ערשט אין יאהר 1907.

איינזאמקייט.

ווען די זון איז ניטא,
איז דער הימעל טויט־שווארץ,
איז די וועלט אהן א הארץ.
און דאס בלימעל פערוועלקט
אהן אווארעמען טרוים,
און די פויגעל, פערפרעמדט,
בלאנדזשעט אום אהן א היים.
ווען די לבנה איז ניטא
איז דער הימעל ניט בלאה,
איז די נאכט אהן א סוד.

און דער טייך איינזאם טראכט,
ווי ר'וואלט בלאנדזשען פון וועג,
און דער וואלד, ווי די נאכט,
ציהט זיך לאנג אהן א ברעג...
ווען קיין פריינד איז ניטא,
איז דאס לעבען צו שטיל,
איז דאס זיין אהן א ציעל,
איז דאסווארט אהן א קלאנג
און דאס הארץ טהוט דיר באנג,
טהוט דיר באנג, טהוט דיר באנג...

קום צוגעהן.

קום צוגעהן, קום צוגעהן אין דער נאכט,
ווען דאס אויג פון דער וועלט איז פערמאכט,
ווען אויף אלץ רוהט א בלאסליכער שיין,
וואס בעצויבערט און שלעפערט דיך איין.

קום צוגעהן היינט ביינאכט אין דער שטיל
און ניט פרעג צוליעב וואס פאר א ציל,
ווי עס פרעגט ניט דער פויגעלביים בוים,
צוליעב וואס קלויבט זי אוים דא איהר היים.

קום צוגעהן און פערלעש מיין געדאנק:
ר'איז פון לעבען פער'סמ'ט, ער איז קראנק,
וויג מיך איין אין דיין שויס, ווי א קינד,
מיט דיין שיין מאך מיך בלינד, מאך מיך בלינד!...

ביי דער לבנה

ציהען זיך נעבלען פון טייכעל צום הימעל,
זינקט איין דאס וועלדעל אין נאכטיגען דרימעל,
שפרייט די לבנה פערבעלמעטע שטראלען —
הויבען אן שטערענדלעך פאלען און פאלען.

הויבען אן צויבערן מיך איהרע בליקען —
הויבט אן אנ'אומעט אין הארצען מיר דריקען:
ביידע פערעלענדטע, ביידע פערבענקטע
בלאנדזשען מיר אום, ווי פערשמידטע אין קייטען,
ווינקען מיר נעבעלדיג איינער צום צווייטען:

קלאר איז אונזביידען דער טיפער פערלאנגען,
נור קענען ניט איינער צום צווייטען דערלאנגען,
מעהר ניט דורך נעבלען פון רויכענדע קוואלען
בלאסינקע שטערענדלעך פאלען און פאלען...

Alpenglühen

תמוז־זון און אלפען־שניי
שמעלצען זיך צוזאמען.
שטעהען ווילדע ריעזען־בערג,
ציטערען אין פלאמען.

ווערט אין טהאל א פארבענשפיעל,
צינדט זיך אן דער הימעל,
פלאטערט אויף אן אדלער שטאלץ,
פלאטערט אויף א בלימעל.

שטעהסטו, מענש, אין דעמערונג,
ס'הויבט וואו אן צו ציהען, —
תמוז־זון און אלפען־שניי
קושען זיך און גליהען...

ה. לייוויק.

ה. לייוויק. לייוויק האַלפּער, דיכטער. געבאָרען אין יאַהר 1888, אין איהומאַן, מינסקער גוב. אין 1906 איז ער פאַר׳משפט געוואָרען אלס פּאָליטישער פאַרברעכער, אויף 4 יאַהר קאַטאָרגע, פון וואַנען זיין ערשטע ליעד איז צוגעשיקט געוואָרען צו דער אמעריקאַנער **אידיש־סאָציאַליסטישער** וואָכענשריפט „דער צייט־גייסט“, ערשינען אין 1907. ענדיגענדיג דעם דאָזיגען טערמין אין מאָסקווער קאַטאָרגע איז ער אין יאַהר 1912 פאַרשיקט געוואָרען אויף לעבענסלאַנג אין ווייטען סיביר, פון וואַנען ער איז אין 1913 אנטלאָפען. דעם זעלבען יאַהר איז ער אָנגעקומען אין נויאָרק, וואו ער האָט אָנגעפאַנגען אנטייל צו נעמען מיט ליעדער אין פאַרשיידענע **צייטשריפטען און זאַמעלביכער.** ה. לייוויק איז א פיעל פאַרשפּרעכענדער, אייגענאַרטיגער דיכטער. זיינע „ליעדער „אויף די וועגען סיבירער“ און אין „שניי“, דערצעהלען זעהר פיעל ווי פון זיינע גרויסע פּערזענליכע דורכלעבונגען אזוי אויך פון איהם אלס באַדייטענדען דיכטער.

כ׳האָב ניט געוואָלט.

כ׳האָב ניט געוואָלט אין הויז צו דיר היינט קומען
איך בין אזוי פערבייגעגאַנגען,
האָט זיך די טהיר אליין פון זיך געעפענט
און גלייך פערמאַכט און מיך געפאַנגען.

געווען איז נאַכט, געזאָגט האָב איך: גוט מאָרגען,
און זיך אליין זיך אָבגעשלאָגען,
כ׳האָב ניט געהאַט די הענד וואו צו בעהאַלטען,
און ניט געוואוסט, וואָס ווייטער זאָגען.

א פרעהליכע ביסטו ארויס אנטקעגען
און מיר א שטול געבראַכט צו טראָגען,
בין איך, צומישט, צוריק ארויסגעלאָפען,
א גוטע נאַכט פערגעסען זאָגען...

אויף די וועגען סיבירער.

א.

אויף די וועגען סיבירער
קען עמיץ נאָך איצטער געפינען א קנעפּעל, א שטריקעל
פון מיינס א צוריסענעם שוך,
א רימענעם פּאַס, פון א ליימענעם קריגעל א שטיקעל,
א בלעטעל פון הייליגען בוך.

אויף די טייכען סיבירער
קען עמיץ נאָך איצטער געפינען א צייכען, א שפּענדעל

פון מיינס אַ צובראָכענעם פּליט,
אין וואַלד אַ פאַרטריקענט־פאַרבלוטיגטען בענקעל,
אין שניי — איינגעפראָרענע טריט...

ב.

די פעלדער — צושפרייט אין דער לענג און דער ברייט,
די זון, אַזוי מיעד ווי מיר אַלע, פערגעהט,
זי לאָזט זיך אַראָב אַזוי שטיל, אַזוי זאַכט,
געבויגען, געקניהט פאַר דער קומענדער נאַכט.

מיר געהען צוויי טעג שוין, דריי הונדערט אין צאָהל,
מיר האָבען, ווער ווייס ווען, געזינדיגט אַמאָל;
מיר האָבען פערגעסען די זינד שוין פון לאַנג,
און גאָרען אויף רוהען אין זונען־פערגאַנג.

נאָר ס'הערט ניט אויף שלאָגען די שטראָפענדע האַנד
זי טרייבט אונז צו געהן נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד,
און לאָזט אונז ניט פאַלען, מיט ליפּען פערשמאַכט
צו קושען די טריט פון דער קומענדער נאַכט..

ג.

וואָלט כאָטש ווער געקומען
אונז אַנטקעגען
זאָגען: „פריעד צו אייך"
פון יוצא וועגען.

זאָל זיך כאָטש פאַר אונז ווער
איבערשרעקען,
שליידערען אין פּנים
אונז אַ שטעקען...

גלאַט אַזוי אַ שאָטען
זעהן פון וועמען,
זאָגען: „פריעד צו דיר",
און זיך פערשעמען...

קומט ניט, קומט ניט קיינער
אונז אַנטקעגען;
פעלדער — ווילד־פערוואַקסען,
טויטע וועגען...

ד.

עס וועלען אונז ביינאַכט
קיין פרעמדע טריט דערפרייען,
און אונזערע — דער ווינד
פערשיטען וועט, פערווייען.

און קומען וועלען מיר
אין ערגעץ זיך צושלעפּען;
אַ חורבה ערגעץ שטעהט
פערוואָרפען אין די סטעפּען.

זי שטעהט און וואַרט אויף אונז,
די טירען, פענסטער אָפען; —
אַ מאָל טהאָן וועלען מיר,
און שלאָפען, שלאָפען, שלאָפען...

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט.

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט
ליגט אַ לאַנד אַ פאַרבאַטענע;
ערגעץ הויך שטעהען בערג
נאָך פון קיינעם בעטראַטענע;
ערגעץ טיעף, ערגעץ טיעף,
אין דער ערד איינגעקנאַטענע,
ליגען אוצרות מיט גאָלד,
ליגען אוצרות פאַרשאָטענע.

ערגעץ שטיל, ערגעץ שטיל
ליגט און וויינט אַ געבונדענער;
שטיל שטאַרבט אַף אַ געבעט
און אַ טרוים אַ פאַרשוואונדענער:
ערגעץ וואַגעלט ווער אום
טיעף אין שנעע אַ פאַרשאָטענער,
און געפינט ניט קיין וועג
צו דער לאַנד דער פאַרבאָטענער...

אין שניי.

פון אַ סעריע.

א.

אַ קאַלטער ווינד פון צפון־זייט
האָט אַנגעהויבען בלאָזען;
מיין טרייער פערד האָט מיך צום שניי
דעם קאָפּ אַראַבגעלאָזען.

אַלץ פינסטערער און פינסטערער
דער שניי מיט גלאָז פאַרצויגען,
איך געה צו פוס מיין שליטען נאָך
מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגען.

די זייטען איינגעפאַלען טיעף,
די גאַנצע פעל פאַרפראָרען.
ווער ווייסט צי וועלען מיר נאָך היינט
אין ערגיץ וואו פאַרפאָהרען?

עס שטעכען אין דער פינסטערניש
ווי שאַרפע נאָדלען שטערען;
עס קלאָגען אין דער וויסטעניש
פאַרשנייטע וועלף און בערען...

ב.

פאַלען שטערען, הילכען קלאַנגען,
פול מיט ווייסען גלוט די סטעפּ:
הויבט אַ האַנד זיך אין דער פינסטער,
האַמערט שווערע קלעפּ נאָך קלעפּ.

ערד און הימעל — שניי אַ וואָלקען,
טראָגען אום זיך ווייסע קעפּ,
קייקלען, דרעהען זיך אין שטורעם,
פלעכטען זיך אין לאַנגע צעפּ.

ווער איך פון מיין פערד געפאַנגען,
איינגעפלאָכטען אין די צעפּ, —
ביז די האַנד אין ווירבעל שטורעם
האַמערט אַף די לעצטע קלעפּ...

ג.

עס האָבען אָבגענאַרט מיך די ציגיינער,
אַ פערד אַ קראַנקען מיר געגעבען,
אַ פערד אַ בלינדען, — זאָגט דאָס האַרץ מיר:
ער וועט ביז מאָרגען ניט דערלעבען.

איך שלאָג איהם מיט אַ גרויסען שטעקען,
און ער ווי גאַרנישט, — שטעהט געבויגען.
גיט וועז ניט דעם קאָפּ אַ טרייסעל,
אַ פינטעל מיט די בלינדע אויגען.

ביז מיער פון שלאָגען. שטעה איך, וואַרט איך.
אַזוי ווי ער דעם קאָפּ געבויגען...
און ער — מיר דוכט, ער קרימט די ליפּען
און גלאָצט אויף מיר מיט זיינע אויגען...

ד.

וואס טהוט מען? וואס טהוט מען?
שוין ווידער איז נאַכט.
מיין אונגליק — ער שטעהט זיך
מיט אויגען פאַרמאַכט.

פון מויל רויטע טראָפּען
זיי רינען אַראָפּ...
איך טראָג איהם צו האָבער,
ער ריהרט ניט דעם קאָפּ.

איך הויב אויף דעם שטעקען
און גיב אַ געשריי:
און טראָפּען נאָך טראָפּען
זיי פאַלען אין שניי...

ה.

שטיל. האַלבע נאַכט. אויפ'ן הימעל קיין שטערען.
איך שטעה אויפ'ן וועג שוין פיל שטונדען.
איך האָב אויפ'ן פערד שוין דעם שטעקען צובראָכען,
צושניטען די פעל איהם אויף וואונדען.

אויף יעטווידען קלאַפּ אויף די מאָגערע ביינער
דערטראָגט זיך אַנ'אָבקלאַנג פון ווייטען...
און פּלוצלונג האָט עמיץ דעם פערד אומגעוואָרפען,
אויף איהם אויפגעזעצט זיך צו רייטען...

אַ שטאַנג אויסגעריסען האָב איך פון דעם שליטען,
געשלאָגען דעם פערד אין די זייטען, —
ביז וואַנען אַ טויטער געבליבען איז יענער,
וואס האָט זיך געזעצט אויף איהם רייטען...

ו.

טויט און שטיל.
שעה נאָך שעה.
ווער איז דאָ?
איך בין דאָ...

אויפ'ן וועג
אין דער מיט
איז ווער טויט?
קיינער ניט...

רויט דער שניי.
איך בין ווייס.
מיינע הענט —
שטיקער אייז....

וועל איך מיר
לאָזען גהען,
גהען צו פוס
און אליין...

קומט ווער אן?
קיינער ניט:
פאלשער קלאַנג,
פאלשע טריט...

טויט און שטיל.
שעה נאך שעה.
איז ווער דא? —
איך בין דא...

* * *

מיר זיינען צוויי נאַרישע קינדער
און מאַכען פון אלץ זיך א שפּיעל;
ביז וואַנען עס קומט אן דער טאַטע
און גיט זיך א בייזער: זייט שטיל!

מיר טוליען זיך צו אין א ווינקעל,
ארונטערגעלאָזען די קעפּ;
ביז וואַנען די טריט פון דעם טאַטען
פערשווינדען אויף יענער זייט טרעפּ.

מיר טוהען א שפּרונג פון'ם ווינקעל
און נעמען זיך שפּיעלען צוריק;
און פּלוצלונג דער טאַטע קומט ווידער:
געגאַנגען איז ער נאך א שטריק.

ער נעמט אונז צו שלאָגען און שמייסען,
צוברעכט אונז די שפּיעל־צייג אויף שטיק;
עס שרעקט אונז נאך מעהר פון זיין שווייגען,
זיין שטומער צו'כעס'טער בליק.

אט ליעגט אהן א פּאָהן אונזער שיפעל,
אהן רעדער, אהן רעלסען דער באַהן;
איין פוס נור געבליבען ביים פערדעל,
צוואָרפען אינגאַנצען דער שפּאַן.

ארונטערגעשליידערט דעם רייטער,
אויף צווייען צובראָכען זיין שווערד;
צוריסען די סטרונעס פון פיעדעל,
צוטראָטען זי ליגט אויף דער ערד.

מיר זיינען צוויי נאַרישע קינדער
און וויינען אין ווינקעל אליין, —
ביז וואַנען עס שפּרינגט צו דער מאַמע
און גיט זיך א בייזער: ניט וויין!...

איבער וועגען.

איבער וועגען לאַנג שוין אָבגעזוימערטע,
אונטער הימלען גרויע און פערקומערטע,
געהען מענשען, געהען איינגעבויגענע,
פרויען — קראַנקע, קינדער — ניט געזויגענע.

דורך די אַלטע קליידער, די צוריסענע,
שטיקער לייבער זעהען זיך צוביסענע,
אַלע אויגען — טונקעלע, פערלאָשענע,
נאָר מיט קאַלטע טרערען אָנגעגאָסענע.

קיינער שטעלט אין וועג זיך ניט אַנטקעגען זיי
וואו, ווי ווייט איז זייער היים צו פרעגען זיי:
זיי אַליין אויך — קיינער רעדט צום אַנדערען
שוין פערגעסען פון ווען אַן זיי וואַנדערען.

גלאַט אַזוי אַמאָל צונויפגעקליבענע,
איבער גוואַלד פון זיך אַליין געטריבענע,
געהען מענשען, מענשען איינגעבויגענע,
שלעפען זיך מיט קינדער ניט געזויגענע.

אויף בראָדוויי.

סאָנעט.

אין ווייסער נאַכט איז איינגעהילט בראָדוויי,
און אַלע רעסטאָראַנען זענען פול און אַלע טעאַטערען.
דורך אַלערליי קאָלירטע טאַנצענדיגע שטערען
פון אויבען פאַלט דער ערשטער ווינטערדיגער שניי.

די נאַכט ערשט פאַנגט זיך אָן. פון גאַסען אַלערליי
די אַטאָ־רעדער איינס נאָך איינס מיט שנעלקייט זיך פאַרקערען.
דו געהסט — אַזוי ווי אין דער לופט געטראָגען וואָלסטו ווערען
אויף אויסגעשטרעקטע דאַמען־הענט, אויף זייד־געניי.

פון אויסשטעלונג צו אויסשטעלונג, פאַרבלענד פון שיין,
דו ווייסט ניט וואו זיך אָבשטעלען און וואו אריין,
און וועלכע פון די שעהנסטע פרויען וואַרטען אויף דיין קומען...

דו ווייסט — אין די האָטעלען ערגעץ איינע מוז דאָרט זיין,
וואָס וואַרט אויף דיר, נור דו טרעפסט קיינמאָל ניט וואו אוים, וואו איין
אַנ׳אַנדערער דיין פּלאַץ האָט שוין פון שטונדען לאַנג פערנומען...

זישא לאנדוי.

זישא לאנדוי — איינער פון די אריגינעלסטע יונגע דיכטער אין אמעריקא. געבארען אין פלאצק, רוסיש־פוילען, אין יאהר 1889 אין א זעהר אנגעזעהענער רבנישער משפחה. אין 1906 האט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער האט דעם זעלבען יאהר פארעפענטליכט זיינע ערשטע לידער אין „פארווערטס“ אונטער א פסעוודאנים. שפעטער איז ער געווען איינער פון די אנטיילנעמער אין די מעהרסטע אויסגאבען, וואס די אמעריקאנער אידישע „יוגענד“ האט ארויסגעגעבען. זינט 1910 איז זישא לאנדוי געווארען איינער פון די פרעטענדענטען אויף א גאנץ נייעם טאן אין דער נ י י ע ר אידישער פאעזי.

*

*　　*

אין דער פינסטער זיינען דיינע אויגען שעהנער —
מאך די בייזע, סקריפענדיגע לאדען צו! —
דאמאלסט איז דיין קליינע פוס נאך קלענער,
ציטעריגער, בויגזאמער ביסטו! — — —

אין דער פינסטער קלינגט דיין שטימע בילדער־רייכער,
דאמאלסט וויהט פון דיר אזוי פיעל פרייד און רוה:
דיינע פינגער ווערען ווייכער, בלייכער,
ציטעריגער בויגזאמער ווערסטו — — —

פון „מיידעלשע געזאנגען“

אוי, ווי ס'פלאמט מיין אויער —
ס'טרייבט רי ילות ווער.
איך בעדויער גארנישט,
דאך ווערט אפטמאל שווער.

נאר א טרייסט געוועזען
וואלט מיר אין מיין פיין,
ס'קינד וואס דארף באלד קומען,
זאל א מיידעל זיין.

ווערט זי עלטער, זאג איך
אלעם איהר אליין. —
ס'משפט ניט א טאכטער,
זי וועט מיך פערשטעהן.

וועק מיך ניט.

אוי, וועק מיך ניט... לאז רוהיג אויף דער זאפא ליגען,
מיט קאלטע הענד דאס מיעדע אויג פערשטעלט,
און אויף די בלייכע ליפען זאל זיך וויעגען, וויעגען, —
מיין קעניגרייך איז ניט פון דיעזער וועלט!

אוי, וועק מיך ניט... אוי, לאָז מיך דרימלען, דרימלען — —
קיין איינציג בלימעל ווערט דאָרט ניט פערגעלט,
דאָרט שפּרייטען שטראַהלענדיג זיך זיעבען הימלען.
מיין קעניגרייך איז ניט פון דיעזער וועלט!

טרויעריג.

אין פריהלינג און דעם גאַנצען זומער
בעמערקען מיר ניט, אז עס איז דאָ בוימער —
אין גאַס, אין פּאַרק,
און אויף די בוימער — גרינע, וואונדערבאַרע בלעטער.
ערשט שפּעט אין הערבסט, ווען געלע און פערוועלקטע בלעטער
פאַלען צו דער ערד און פון'ם ווינד געיאַגטע
פאַרביי אונז טראָגען זיי זיך גיך אזוי
ווי שעפּסעלעך דערשראָקענע,
ערשט דאַמאָלט הויבען מיר זיי אָן בעמערקען
און קוקענדיג אויף זיי ווערט טרויעריג אונז.

אוי, די אויגען מיר פאַרדעק.

אוי, די אויגען מיר פערדעק —
אַלעס זעהען זיי דאָך, אַלעס...
ס'טראָגט מיין שיפעל זיך אויף
כוואַליעס
פון'ם טעמפּען ים פון שרעק.

כ'בין אַ קליין און גלויביג קינד
מיט אַ טיעף צוקנייטשטען שטערען..
מיינע נערווען — הערען, הערען
און דאָס הארץ מיינס—בלינד איז,
בלינד.

*
* *

און שטיל זענען אונזערע רייד,
און שטיל זענען אונזערע טריט.
דער ווינד האָט פון לאַנג שוין
פערוועהט,
די בלום האָט פון לאַנג שוין פער־
בליהט.

מיט הערצער פון דורות שוין טויט:
מיר זינגען דאָס קומענדע ליעד;
און שטיל זענען אונזערע רייד,
און שטיל זענען אונזערע טריט.

פּרץ הירשביין'ען.

איך וואָלט.

איך וואָלט געקויפט אַ פערד ווען איך זאָל קענען רייטען,
און רוהיג וואָלט איך זיך געלאָזען אין מיין וועג;
אזוי וואָלט איך געפאָהרען טריט־ביי־טריט בעגלייטען
די שטאַרבענדיגע טעג.

און ווען מיין לעצטער אָוועגד וואָלט זיך אָנגעצונדען,
און אויף מיין מיעדער ערד וואָלט זיך מיין נאַכט צושפּרייט —

צוזאמען מיט מיין טרייען פערד וואלט איך פערשוואונדען
פון קיינעם נישט בעגלייט.

אַט אזוי, אזוי, אזוי...

אַט אזוי, א,וי, אזוי,
געה איך מיר און געה, און געה,
מיט דעם הוט אראַבגערוקט
איבער מיינע אויגען טיף,
מיט די הענד אריינגערוקט
אין די הויזען טאַשען טיף
און איך קוק צו אלץ זיך צו.
וואָס איז מיר דען מעהר געבליבען,
ווי צו קוקען אויף גאָט'ס וועלט ?—
מיר איז גאַרנישט מעהר געבליבען
ווי צו קוקען אויף גאָט'ס וועלט,
קוק איך זיך צו אלעם צו.
געהענדיג אמאָל געבויגען
איבער קרומע, שטומע שטעגען,
האָט מיין וועג זיך אַבגעבויגען
פון די קרומע, שטומע שטעגען,
צו די רוישענדיגע וועגען,
האָט ער רוהיג זיך פערבויגען;
כ'בין מיין וועג שטיל נאָכגעגאנגען
און נאָך מעהר זיך איינגעבויגען.
פלוצים הער איך, ווי א שטימע
וואָלט געקלאפט צו מיר אין הארצען,
כ'הער זיך איין: מיין שאָטען'ס
שטימע,
פלאטערדיג קלאפט אין מיין האר־
צען:
דיינע טעג אין וועג צעפאלען
וועלען איינציגווייז און גרוי;
זאָג איך נאָך מיין שאָטען: פאלען
וועט באלד עמיץ שטיל און גרוי.

„דו—זאָגט מיר דער שאָטען ווייטער,
דו וועסט פאלען אין'ם וועג,
אויב דו וועסט נאָר לאָזען ווייטער
קליין, אליין זיך געהן אין וועג.
נאָר, אויב ווילסט ניט געהן פער־
לאָרען,
לאָמיר בייטען זיך דאָס אָרט.
דו וועסט זיין ווי ניי־געבאָרען,
ווען פערנעמען וועסט מיין אָרט.
און אזוי, אזוי, אזוי,
גיב זיך זיבען מאָל א דרעה,
גיב א מאַך נאָר מיט דער האנד,
און וועסט זיין שוין אויף דער וואנד"
ענטפער איך איהם ניט קיין וואָרט,
נאָר אזוי, אזוי, אזוי,
כ'גיב זיך זיבען מאָל א דרעה,
כ'גיב א מאַך נאָר מיט דער האנד,
און איך בין שוין אויף דער וואנד,
און פערנעהם מיין שאָטען'ס אָרט.
ענטפערט ער מיר ניט קיין וואָרט,
געהט אראָב זיך פון דער וואנד
און פערנעמט מיין אָרט.
איצט איז אלעם גוט און לייכט,
ס'איז די גאנצע וועלט מיר לייכט.
כ'וויג, עס וויגט זיך מיט מיר מיט,
ס'וויגט די גאנצע וועלט זיך מיט.
און מיין שאָטען, פון דער זייט,
אנגעבויגען אָן א זייט,
געהט פאמעליך זיך און גרוי,
אַט אזוי, אזוי, אזוי...

צום לאַנד פון פרידען.

מיר איז אי טרויעריג אי זים
און מיינע אקסלען צוקען
י. ראָלניק.

איך געה צוריק צום לאַנד פון פרידען,
פערבלייבען דאָ קען איך ניט מעהר,
איך טראָג מיט זיך א קאָפּ א מידען,
מיין הארץ פערזאומערט איז און שווער.

אַז אַלעם וויל איך זיך פֿערגעסען,
וואָס איז געוועזען איז פֿאַרביי,
אַמבראָזיא וויל איך ווידער עסען,
און נעקטאַר טרינקען פֿון דאָס ניי.

כ'וויל מיט'ן מזל זיך ניט קריגען,
וואָס ס'גיט דער טאָג, דאָס נעם איך צו, —
פֿערוויגען, וויגען און דערוויגען
וויל איך די טעג צו העכסטער רוה.

איך פֿאַל פֿאַר אייך...

איך פֿאַל פֿאַר אייך: ווער ס'האָט אַ פּוס זאָל טרעטען
און אין דעם פּנים מיר זאָל יעדער שפּייען,
אוי, אפשר וועט דאָס מיין נשמה רעטען,
פֿון נישטיגקייט מיין אָרעם האַרץ בעפֿרייען.
און קליין, אַליין זאָל איך זיך לאָזען
אויף אַ בעגייטען און בעפֿרייטען וועג
און נידעריגער נאָך פֿון גראָזען
פֿערגעהן מיר זאָלען מיינע טעג.

טרויעריג איז מיין נשמה.

טרויעריג איז מיין נשמה
און אין דרויסען — נאַכט און רעגען,
כ'וועל מיט דיר זיך, מיין נשמה,
לאָזען אין דער נאַכט און רעגען.

כ'וועל אין מיינע הענד דיך טראָגען,
אָרעמע נשמה מיינע,
אפשר וועל איך דיך דערטראָגען
צו זיין גנאָד, נשמה מיינע.

ס'איז קאַלט.

ס'איז קאַלט אזוי אין צימער מיינעם,
צום ראַדיאַטאָר גען איך צו;
עס שלאָפֿען שוין מיין ווייב, מיין טאָכטער
אין ווייכען בעט, אין גוטער רוה.

זאָל געבען גאָט זיין רוה און פֿרידען,
איך, אָבער, פֿיהל זיך עפּעס שלעכט
און וואָס אַ טאָג ווערט מיר אַלץ ערגער,
אין שרעק פֿערגעהען מיינע נעכט.

נאָר לייכטער ווערט, ווען כ'הויב אָן שפּאַנען
אָרום אין שטוב; אהין, צוריק.
וואָס כ'האָב געזעהען קלאָר און פּראַסטיג,
שפּרייט נעבעלדיג זיך פֿאַר מיין בליק.

עס איז ניט קאַלט.

עס איז ניט קאַלט, דאָך מיינע גלידער
געמט דורך די דינע אָווענד־קעלט;
איך גײ ארום אַ לייכט פערטראַכטער
אין פייכטען, ליימיג־ווייכען פעלד.

אין הימעל שווימט דאָרט אַ לבנה
און שטערען לויכטען איבער מיר,
דאָך וואָס בארוהיגט און עס טרייסט מיך,
לאַמטערען געלע, דאָס זייט איהר!

אַ מענשענ׳ס האַנד האָט אָנגעצונדען
און היט די גאַנצע נאַכט אייך אָפּ.
אַ, פארלאַמטערנדיגע טאַלען,
איך לאָז צו אייך זיך איצט אראָפּ.

דער ווינט באַוועגט די קליידער מיינע,
דער ווינט בלאָזט קיהל מיר אין געזיכט,
און אין מיין הארץ איז אויפגעגאַנגען
אַ גרויס און וואונדערבאַרעס ליכט.

די העל פארגראָזטע געגענד.

די ברייטע העל פערגראָזטע געגענד
האָט אויפגעשמעקט אין שטוב ביי מיר,
איך גײ ארויס פון צימער מיינעם
און זעץ אַוועק זיך נעבען טיר.

די ענטען געהען אינ׳ם פעלד אום
און טונקען זיך אין וואַסער איין;
איך הויב דעם קאָפּ אויף צו דעם הימעל
צו זעהן צי ס׳וועט אַ רעגען זיין.

ס׳וועט זיין, ס׳וועט זיין... די לופט ווערט פרישער.
די לופט ווערט קיהל. די לופט ווערט טיף.
פּאַמעלעך לאָז איך צו דער פּאַסט זיך,
צו זעהן צו ס׳איז פארהאַנען בריעף.

אַ, וויג מיך, וויג מיך, וויג...

אַ, וויג מיך, וויג מיך, וויג,
אַ, וויג מיך שעה נאָך שעה,
דו מיין ניטדאַאיג גליק,
ווי לאַנג איך בין נאָך דאָ.

איך פיהל אין יעדען ריהר,
אַ, גוטע, ווייטע פרייד,
אַז דו האָסט איבער מיר
די פליגלען אויסגעשפּרייט.

ס'ווערט גוט אַזוי און לייכט,
(אַ, וויג מיך, וויג מיך, וויג!)
גלייך ווי פון טוי איז פייכט

און גלאַנצענדיג מיין בליק —
אַ, ווייט, ניטדאָאיג גליק.

ווער פיהרט די אַלע שיפען.

ווער פיהרט די אַלע שיפען,
וואָס געהען אינ'ם ים? —
גאָט פיהרט די אַלע שיפען,
וואָס געהען אינ'ם ים.

ווער שפּיעלט זיך מיט די קינדער,
און טייל נעהמט צו צו זיך? —
גאָט שפּיעלט זיך מיט די קינדער,
און טייל נעהמט צו צו זיך.

ווער שיקט די לינדע ווינטען,
וואָס וויהען אָווענד־צייט? —
גאָט שיקט די לינדע ווינטען,
וואָס וויהען אָווענד־צייט.

און וועמען הערט מען זינגען
אַרום אונז אַלע מאָל? —
די קליינע קינדער זינגען
אין הימעל אַלע מאָל.

פאַר אונזער הרוב אידיש לעבען.

פאַר אונזער חרוב אידיש לעבען
פאַל איך און בעט פאַר דיין גענאַד!
איך וויין אויף אונזער מאַמע ווילנא,
אויף קאַלאַמעא און אויף בראָד,

אויף וואַרשוי, קאָוונאַ, קאַליש, לעמבערג,
אויף גרויסע און אויף קליינע שטעט,
וואָס ס'איז דער שונא שוין בעפאַלען,
וואָס שפּעטער נאָך בעפאַלען וועט.

אויף יעדען אידיש שמוציג געסעל,
אויף יעדער קראָם, — וויין איך און קלאָג,
אויף יעדען שענק, לאָמבאַרד און קרעטשמע,
אויף אונזער פאַלשער מאָס און וואָג;

אויף יעדען אידיש פריילעך הייזעל,
וואָס אין אַ גוי'איש שטעטעל שטעהט —
אויף אַלץ, וואָס איז געוועזען אונזערס
און מיט'ן רויך אַצינד פאַרגעהט.

ס'איז ריין און העל אַלץ, וואָס ס'איז אידיש!
דאָס אָר'מע לעבען בוי צוריק!
און די פאַראומערטע נשמות
מיט אַ ניטדאָאיג וואָרט פאַרוויג.

ש. י. אימבער.

שמואל־יעקב אימבער — איינער פון די באדייטענדסטע דיכטער פון דער מאדער־נער אידישער פאעזי אין גאליציען. געבארען אין יאהר 1889 אין סאסאוו, גאליציען. אנגעפאנגען האט ש. אימבער אלס דיכטער ארום 1905. אין 1909 איז ערשינען א קליינע זאמלונג פון זיינע ליעדער מיט'ן נאמען „וואס איך זינג און זאג". אין 1911 איז ארויס זיין אויסגעצייכענטע פאעמא „אסתרקע", וואס האט ארויסגערופען פיעל אויפ־מערקזאמקייט. אין 1914 איז ערשינען א גרוי־סער באנד פון זיינע געזאמעלטע ליעדער „רוי־זענבלעטער". ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן".

דיינע הענט.

דאס שטילע ליעד פון דיינע הענט
בעגעהר איך קינד צו הערען;
דאס שטילע ליעד פון דיינע הענט
אויף מיין צוברענטען שטערען.

די שטילע פראכט פון דיינע הענט
בעגעהר איך קינד צו בינדען
צו מיינע הענט פון זינד פערברענט
עס זאל מיין זינד פערשווינדען.

דאס שטילע גוט'ס פון דיינע הענט
בעגעהר איך קינד צו פיהלען,
דאס שטילע גוט'ס פון דיינע הענט,
וואס קאנען שמערצען שטילען.

דאס שטיל געבעט פון דיינע הענט
בעגעהר איך קינד צו וועקען —
דאס שטיל געבעט פון דיינע הענט
פאר מיין נשמה'ס פלעקען.

מיינע טעג.

די טעג מיינע געהען אין שטילקייט אוועק,
ווי כוואליעס, וואס געהען צו קניהען ביים ברעג.
די טעג מיינע געהען, ווי מיידלעך צום טאנץ —
פול פרייד און פול בלוטרויש און ציטערדיג גאנץ.
די טעג מיינע קומען, ווי קינדער צו מיר,
און שיטען — ווי קינדער — שארף זאמד פאר מיין טיר...
זיי קומען און לאזען מיך אפטמאל פערוויינט —
איך שייד זיך מיט זיי, ווי מען שיידט זיך מיט פריינד.

די מאמע.

שבת'דיגע שטילקייט און הייליגע לעכט!
אויגען פערדעקטע מיט ציטריגע הענט;
טרעהרען מיין מאמעס — איך האב איך דערקענט — —
זילבערן שנירעלע, פלעכט זיך און פלעכט...

טרעהרען מיין מאמעס — רינט שטילענקע, שטיל...
זילבערנער חלום — וויעג, וויעג, זיך און וויעג...
וויעג זשע מיך איין און וועק אויף מיך צוריק
ערשט ווען דער טאטע וועט קומען פון שוהל...

א טויב ביסטו מאמע... דיין אויג איז פול שיין...
צי מאמעניו, ווייסטו אויף יענע זעקס טעג,
וואס זיינען אין ביטערע דאגות אוועק, —
צי ווייסטו אויף דעם וואס נאך שבת וועט זיין?

כ׳פערשטעה דיך, מיין מאמע... כאטש כ׳פרעג... איך פערשטעה...
לאז רינען די טרעהרען... ניט האלט זיי צוריק...
זיי זענען אין לעבען מיין לייטזעליגסט גליק —
מיין הארץ דאס פערליערענדע באד איך אין זיי.

דער פרייער.

איין ברודער האט זיך מיר געשמדט,
און איינער פוילט אין קייטען...
און איך אליין בין אויך קיין לייט—
מען טרייבט מיך פון די קלייטען...

כ׳האב פיינט א יעדען, וואס איז זאט,
און יעדען גוטבעקליידטען...

כ׳האב קיינמאל ניט קיין היים געהאט
און נעבטיג אונטער פלייטען...

איך בין אלצדינג, וואס נאר אין קארט
און פטר לייכט די יאהרען...
וואוהין דאס ערשטע פוהרעל פאהרט,
דארט בין איך גרייט צו פאהרען...

דער נביא.

ווען מען האקט דעם וואלד
וויינט א יעדער בוים...
און גאר שטיל, גאר שטיל
וויינט די האק, די האק...

גלויבט איהר, ווען איך זאג:
איך די האק, איך וויין,
ווען מען האקט דעם וואלד
מיט מיין העלער שארף?

פון דער פאָעמא „אסתר׳קע“.

חלומות פון מיין יוגענד! פערשוועבטע פייגעל מיינע!
פערזאמעלט אייך היינט ווידער אין אורוואלד פון מיין זעעלע,
און זינגט א ליעד מיר ווידער — א ליעד פון יענע העלע,
וואס פלעגען רייך בעשפינען מיין הארץ דאס יוגענדריינע.

חלומות פון מיין יוגענד! מיין הארצענס בעסטפערטרויטע!
א קומט, מיין הארץ איז אפען... ווי לאנג זענט איהר פון ווייטען!
דערפרעהט מיך און בעטריבט מיך מיט מעשות פון פארצייטען —
אין טרוימפאלאצען פיהרט מיך, פון גליק און שמערץ געבויטע — — —

א דאַנק! איהר זענט געקומען, איהר מעשות און איהר ליעדער — — — —
איהר אַלטע, שעהנע ליעדער — דאָס שעהנסטע קלינגט מיר וויעדער...
איהר אַלטע, ליעבע מעשות — די ליעבסטע פון אייך וועהל איך:
פון אסתר'קע דער שעהנער און קאַזימיר דעם מלך.

די באָבע האָט דערצעהלט זיי און איך פלעג גיעריג הערען,
און שטיל פלעג איך פערשלינגען די ריינסטע יוגענדטרעהרען —
וויל זיפצען פלעג די אַלטע, דערצעהלענדיג פאַמעליך
פון אסתר'קע דער שעהנער און קאַזימיר דעם מלך.

איך וויים — נישט ווי א קינד מעהר וועל איך זי היינט דערצעהלען...
א סך אין איהר וועט ניי זיין — א סך פון איהר וועט פעהלען — — — —
ווער וויסט, וואָס פאַר א וואונדען פול בלוט און שמערץ פערשטעל איך
פון אסתר'קע דער שעהנער און קאַזימיר דעם מלך.

א.

„אוי מאַמעניו, זאָג וואָס דו טראַכסט!
דיין טראַכטען איז שווער ווי די נאַכט...
עס נעהען געדאַנקען, ווי וואָלקען אין ווינד
אַרום אין דיין זעעלע — עס פיהלט זיי דיין קינד:
דערצעהל מיר דיין טרויער! — דיין טרער פאַר וואָס רינט?
אוי מאַמעניו, זאָג וואָס דו טראַכסט — — —

„אוי מאַמע, זאָג וואָס דו וויינסט!
אוי מאַמעניו, הארצעניו מיינס —
עס האָט מיך דעריאָגט אויף מיין וויטען שפּאַציער
א ווינטעל מיט זיפצען, מיט זיפצען פון דיר —
אויף טריט און אויף שריט דיין נשמה איך שפּיר...
אוי מאַמעניו, זאָג וואָס דו וויינסט!

„אוי מאַמע, דו קוקסט אזוי באַנג —
איך זעה, איך פערשטעה דיין געדאַנק — — —
דיין ליעבע, זי נעמט מיך אַרום אזוי ווייך,
און כ'וויים, וואָס עס מאַכט דיינע האָר אזוי בלייך,
און ס'וויעגט מיך מיט פרייד און מיט טרויער צוגלייך
דיין שטילער, דיין גוטער געדאַנק".

ב.

„די זון האָט זיך גע'טובל'ט אין גאָלדבעשפּריצטען וואַסער,
דער הימעל האָט געשמייכעלט אַלץ רוהיגער און בלאַסער.
עס איז א טוי געפאַלען אויף גראָזען און אויף בלומען —
דער מלך איז פאַרנאַכטליך צו אסתר'קען געקומען.

דער מלך האָט פון רייטפערד זיך טיעף אראָבגעבויגען,
די שעהנע האָט צום ליעבסטען דערהויבען איהרע אויגען,
דערהויבען און פערשעהמט זיך, און שטיל געלאָזט זיי זינקען —
עס האָבען זי געטראָפען די קעניגליכע פונקען.

דער מלך איז געשטיגען פון ווייסען פערד ארונטער —
די שעהנע מיידעל־אויגען, זיי לייכטען ווידער מונטער,
די ווייסע מיידעל־ארעם, זיי שטרעקען זיך און שטרעקען —
צוויי פלאָמענרויטע ליפען מיט פייער זיי בעדעקען.

דאָס פייער איז דערגאַנגען צום הארץ, צום יונגען הארצען,
פערברענט דאָרט די זכרונות פון ליידען און פון שמארצען:
— נור גליק זאָל דער געליעבטער אין איהרע אויגען לעזען!...
זי האָט אין גראָז געזעצט זיך, דאָס גראָז איז ווייך געוועזען...

אין גראָז האָט ער געזעצט זיך, אין גראָז אין ווייכען, קיהלען —
אין לופט האָט זיך געטראָגען א דופט פון צארט געפיהלען,
א דופט פון צארט געפיהלען, האַלב זיסבעגליקט, האַלב טריבליך...
די בוימער ביי דעם וואסער, זיי רוישען אזוי ליעבליך...

די בוימער ביי דעם וואסער, זיי סוד'ען זיך פון גליקען —
די פויגעל אויף די בוימער צום הימעל ליעדער שיקען...
דער מלך האָט פיעל כח דערפיהלט אין זיינע אָרעם:
„— הער, אסתר'קע, די פייגעל, זיי זענען אונז כלי־זמרים...

„די בוימער זאָגען ברכות און ווערען באַלד אנשלאָפען...
ווער ווייסט, צי זייער ברכה האָט אונזער נאַכט געטראָפען...
צי וועלען שטערען פאַלען, צי וועלען שטערען שיינען?
צי וועט מיין הארץ היינט לאַכען, צי וועט מיין הארץ היינט וויינען?

„אוי שטערען וועלען שיינען, און שטערען וועלען פאַלען...
אוי ס'וועט דאָס הארץ מיינס וויינען און פון געלעכטער שאַלען...
אוי ס'וואָלט מיין הארץ ווי גערען צו דיינע פים געפלויגען! —
זעה, אסתר'קע, דאָס הארץ מיינס לייכט דיר פון מיינע אויגען!

„זעה, אסתר'קע, אזוי ווי די זון פערלעשט די פלאָמען
אין ווייטע, ברייטע טייכען אין אונענדליכע ים'ען —
אזוי וויל אויך דאָס הארץ מיינס דערטרענקען איהר בעגעהרען
ביי דיר אין דער נשמה... ווערסט דו דיין זעעל מיר וועהרען?"

... די זון האָט זיך בעהאַלטען אין ווייכען שוים פון וואסער —
דער מאַנד איז אומגעשומען א בענקענדער, א בלאסער —
דער טוי האָט איינגע'שכורט די גראָזען און די בלומען —
דער מלך האָט אסתר'קען מיט ליעב' ארומגענומען.

ג.

„שטעהט א בוים ביים ווייקסעל־
שטראם,
א צווייגענרייכער בוים —
הענגט א נעסטעל אויף זיין שפיץ,
זעהט מען עס קוים־קוים.

„זיצט א פויגעל אין דעם נעסט,
זעהט איהם נישט קיין אויג —
פיהלט דער פויגעל פריי זיך, פריי,
זינגט ער, ווי איהם טויג — — —

„ווילסטו, אז מיין הארצענס ליעד
זיין זאל אייביג ניי —
ברייננ מיך נישט אין דיין פאלאסט,
קעניג, קעניג טריי!

„ברייננ מיך נישט אין דיין פאלאסט
כ'בין א פויגעל פריי —
בוי מיר א בעהאלטען נעסט,
בלייב פון ווייט מיר טריי...

„בוי מיר אוים אן איינזאם הויז
אויף א פערבארגען ארט —
מיין ליעבע גרוים וועט ווי א רויז
פאר דיר צעבליהען דארט.

„די ווייקסעל זאל מען זעהן פון
דארט,
איהר רוישען וועט מיר זיין
אן אבקלאנג פון דיין זאנפטעןווארט,
געליעבטער קעניג מיין!

„די מוטער ווייקסעל וועט מיר ווייך,
פערוויגען מיין געמיט —
און פון מיין גרויסען קעניגרייך
וועט זינגען זי א ליעד.

„מיין קעניגרייך, מיין קעניגרייך
איז נישט דיין לאנד, אוי ניין!
דיין ליעבע איז מיין קעניגרייך,
דיין הארץ איז עס אליין...

ד.

אוי מיינסטו, אז דאס איז געווען פאר דיר גוט —
אסתר'קע, אסתר'קע!
אוי מיינסטו, אז דאס איז געווען פאר דיר גוט,
וואס דו ביסט געבליבען אין וועג אין דער מיט?
אין ווינטער, ווען שניי אלע וועגען פערשיט,
קיהלט אפשר אין קעניגהארץ אב זיך דאס בלוט...
די ליעבע, זי שטארבט, ווען צו לאנג ז'האט גערוהט —
אסתר'קע! —

דיין שטיבעל אין וואלד איז צו ווייט פון דער וועלט —
אסתר'קע, אסתר'קע!
דיין שטיבעל אין וואלד איז צו ווייט פון דער וועלט...
אין איינזאמקייט וואקסט אין דער זעעלע א קעלט
און טראכסטו אמאל פון דיין פאטערס געצעלט,
פערוויינסטו די אויגען מיט טרערען אהן שיעור...
דער קעניג איז דאן נישט צופרידען מיט דיר —
אסתר'קע! —

און טראַכסטו אַמאָל פון דיין זינד, פון דיין זינד,
אסתר'קע, אסתר'קע!
און טראַכסטו אַמאָל פון דיין זינד, פון דיין זינד,
דערשרעקט זיך דאָס האַרץ ווי אַ קינד, ווי אַ קינד; —
און בלייך ווערט דיין פּנים; דיין פּראַכט, זי פערשווינדט
דעם קעניגס ליעבדורשטיגע אויג ווערט דאַן קיהל...
און שעהנע אין לאַנד איז דאָ פיעל, איז דאָ פיעל —

אסתר'קע!

דער קעניג האָט פרעהליכע גליקען בעגעהרט —
אסתר'קע, אסתר'קע!
דער קעניג האָט פרעהליכע גליקען בעגעהרט —
דיין טרויעריג האַרץ האָט זיין שמחה געשטערט...
ס'איז שלעכט, ווען אַ קעניגס האַרץ אָבגעקיהלט ווערט,
נאָכדעם ווי ס'האָט פרעהליכע גליקען געהאַפּט — — —
אליין מיט דיין טרויער לאָזט ער דיך אַפּט —

אסתר'קע!

א. בערגער.

א. בערגער — אמעריקאניש־אידישער דיכטער. געבארען אין יאהר 1889 אין בירזש, קאוונער גוב. ארום 1903 האט ער צוזאמען מיט זיינע עלטערען אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער האט אויסער זיין אידישער ערציהונג זיך אויך אפגעגעבען מיט אלגעמיינער בילדונג. זיינע ערשטע ליעדער האט ער פארעפענטליכט אין 1907. שפעטער האט ער אנטייל גענומען אין פארשיידענע אמעריקאניש־אידישע אויסגאבען. בערגערס ליעדער זיינען געשריעבען אין אן אייגענארטיגען דינעם, מעלאנכאלישען טאן און זיינען פול מיט אויפריכטיגקייט, פארביגקייט און הארציגקייט.

ביים טייך.

פינסטער די נאכט און מיר געהען
שווייגענד, ביים ברעג פון'ם טייך,
ערגעץ אויף יענער זייט וואסער
ציהט זיך א ישוב דארט גלייך.

פינקלען פון שטיבעלעך קליינע
פייערלעך היימליך ארויס,
פענסטערלעך—שטערענדלעך העלע,
זייען אין נאכט זיך ווייט אויס...

טרוימט אונז: אין לייכטענדען ישוב,
אין א פערבארגענעם ארט —
ווייט ערגעץ צווישען געצעלטען
וואהנען מיר פרידליך זיך דארט.

קוקען מיר לאנג זיך אן שטילע
שטום גלאנצט ביי יעדען דער בליק:
ערגעץ אויף יענער זייט וואסער,
ערגעץ מוז וואהנען דאס גליק...

אין א יאפאנישער טהעע-הויז.

ביים ברוינעם באמבוס טישעל אונטער מאטען ליכט
פון פארביגע פאפיר לאמטערנעלאך צוזייט,
קום איך זיך שטיל אמאל אן־איינזאמער צוגעהן,
און זיץ אין שטומען לאנג ביים שטארקען טהעע געגרייט...

דורך געלבען פענסטער־גלאז א בלייכער אבענד שיין
פון לייכטענדען בראדוויי — ווי דינער טיול זיך ציהט!
און טרוימעריש און בלאס שיינט יעדערענס געזיכט.
און ווי געהיים שטיל שארען זיך די סארווער טריט.

פון נידעריגען באלקאן וויגען זיך אין לופט
די בלויע ווינד־גלעקלעך אין ריטהמישען גלין —גלאן,
און ס'חלום'ט אלץ ארום פון ווייטען מזרח לאנד
פון טרוימערישען שטילען לאקענדען יאפאן...

פאַר מיין איינזאַם פענסטער.

פאַר מיין איינזאַם פענסטער ברענט אַ גאַס־לאַמטערן,
גיסט זיך אין מיין צימער בלוי־ווייס צאַרטעס ליכט:
צינד איך ניט קיין פייער, זיץ מיר שטיל אין וויעג־שטוהל
און דאָס ליכט פון דרויסען פאַלט אויף מיין געזיכט.

חלומט מיר פון נאָרד־לאַנד. העלע נאַכט, פערטרוימטע.
ערגעץ אין דער ווייטקייט פאַכען פליגעל שטיל,
און פון שלאָף געוועקטע פליהען ווילדע שוואַנען
און די נאַכט־לופט ציטערט און צעוויעגט זיך קיהל.

חלומט מיר די נאַכט־זון פון דעם ים געבאָרען,
ווי אַ גייסט פון גרונד דאָרט, שפּיערט די געגענד אוים.
און די פיאָרדען דרעמלען, הילען זיך אין רויטקייט,
און די שפּיצען פעלזען סטאַרטשען רויט ארוים.

און אין רינג פון ברעגען, ווי אין ריעזען־בעכער,
פליעסט דער שטראָם און פינקעלט ברענט ווי רויטער וויין.
צאַרטע הענד געהיימע וויעגען שטיל מיין וויעג־שטול
און חלומות שטילע הילען צאַרט מיך איין.

דער אָריענט.

סאָנעט

ווען אויף דעם מערב־זוים דער טאָג אַ זוניגער דערברענט,
און יעדער דאַך און בוים־שפּיץ אין קאָראַל רויט גליהט:
ווי צאַרט פערבענקט, טויכט אויף אין האַרץ אַזוי און ציהט
דער ווייך פער׳חלומ׳ט, זוניג־שטילער אָריענט...

אין טיפען קופער־פאַרב די לאַנדשאַפט שטיל געשפּרייט, —
אַ זים־צוגאַסען מידיגקייט אין לופטען הענגט,
אַ קאַראַוואַן זיך ציהט און בשמים מיט זיך ברענגט,
און מילדער טאַצען־קלאַנג דעם קאַראַוואַן בעגלייט.

און ערגעץ רוהיג שטיל אויף ווייכע טעפּיכער געבעט,
אין זיסען לוסט אַ מזרח טאָכטער צאַרט איהר חלום שפּינט —
אין זון געשטרעקט — דאָס שמוק־בעצירטע קלייד זיך פאַרביג צינדט,

און פינקעלט העל אין בלאַסען גאָלד, און פורפור, וויאָלעט...
דער טאָג פערבלייכט — עס צינדט דער אָבענד־שטערען זיך און בלענדט.
און ווייט און ברייט שוועבט צאַרט פערבענקט דער הויך פון אָריענט...

„פּאָגע".

ס׳וועט די זון ניט אויפגעהן היינט,
ערגעץ נעמט מען לאַמפּען צינדען.
אומעדיג ביי טאָג אַזוי
פּלוצלונג לאַמפּען אָנצוצינדען.

טאָג און בלאַס אין נעבעל לייכט
דאָ און דאָרט אַ לאַמפּען שיין,
און געבויגען האַרציג שטיל
עמיץ תהלים זאָגט ביים שיין...

א. בערגער

אין א רעגענדיגען טאָג.

אין אזא טאָג:
גוט איז צו זיצען ביים פענסטער אזוי,
דרויסען דער לאָדען זאָל וויגען זיך שטיל,
וויגען זיך, ציט'רען פער'חלומ'ט אזוי...

אין אזא טאָג:
גוט איז צו זיצען ביים זודיגען טהעע,
דרויסען דער רעגען זאָל פאַלען זיך גרינג,
פאַלען זיך, שפּיגלען אין בלוט-רויטען טהעע.

אין אזא טאָג:
גוט איז צו הערען א מעשה'לע שטיל,
דרויסען דער נעבעל זאָל ציהען זיך דין,
ציהען זיך, שפּינען אין מעשה'לע שטיל...

שאָפּענ'ס נאָקטורן.

נאַכט. און ס'ציהט אין ווייט זיך שטיל דער דונקעלער גאַרדין.
שוין שפּעט.
און אונבעריהרט נאָך שטעהט מיין איינזאם בעט,
און אויף מיין טיש נאָך מאַט דער ווייסער גאַז-לאָמפּ ברענט,
דער ווייסער גאַז-לאָמפּ ברענט — און ווי א ליכט מיין הארץ.
כ'שטעה ביים פענסטער קינדיש-מיד פערלעגט די הענט,
די נאכט איז קאַלט און אומעטיג אזוי און שווארץ —
און כ'זינג זיך שטיל די הארציגע נאָקטורן פון שאָפּען.

כ'זינג. און אין דער ווייט דאָרט אין דער שטילער נאכט
מיר דאכט:
דאָרט שוועבט א גייסט אין לאנגען שווארצען טיול צולאָזט,
און שטרעקט מיט צער די ביינערדיגע הענד אין לופטען אויס.
און פון דעם טיול ארום אין שטילען ווינד צובלאָזט
טאַנצען שטילע וויינענדיגע קלאנגען דאָרט ארויס,
און ציטערענד אין שטערענלאָזען רוים זיך טראָגט
דאָס נאכט-געזאנג. און ווי מיין הארץ זיך קלאָגט און קלאָגט...

א. לעיעלעס.

א. לעיעלעס (א. גלאנץ) — זשורנאַליסט און דיכטער. געבאָרען אין יאָהר 1889 אין וולאצלאַוועק, רוסיש־פּוילען. אין 1905 האָט ער גיענדיגט די לאָדזער האנדעל־שוהל. אין 1906 האָט ער צוליעב פּאָליטישע אנגעלעגענהייטען געמוזט פאַרלאָזען רוסלאַנד און איז אוועק נאָך לאָנדאָן, וואו ער האָט א געוויסע צייט געשטודירט אין לאָנדאָנער אוניווערזיטעט. אין 1910 איז ער געקומען קיין אמעריקא, וואו ער האָט זיך באטייליגט אין פארשיידענע אויסגאבען מיט פּובליציסטישע, קריטישע ארטיקלען און ליעדער. האָט אויך רעדאַגירט די נויאָרקער פּ. ט. וואָכען־בלאַט „די פאָלקס־שטימע“.

קייטען.

קלימפּפּער, קלימפּפּער, זינגט אַהן אויפהער,
קלינגט אַהן אויפהער,
און אַהן זין.
און דאָס זינגען און דאָס קלינגען
יאָגט מיך אימער,
פּלאָגט מיך אימער,
סאַי ביי נאַכט און סאַי ביים שימער
פון דעם טאָג.
וואו איך געה נאָר,
וואו איך שטעה נאָר,
וואו איך בין,
קלינגט און זינגט עס און ס׳בעגלייטען
מיך די קייטען, קייטען, קייטען
און זייער ברום.
קייטען גרויסע, קייטען קליינע,
און זיי אַלע פעסט ווי א י י נ ע
רינגלען, צינגלען
מיך ארום.

קייטען אויף דעם קערפּער,
קייטען אויף דער זעל,
קייטען, ווען ס׳איז פינסטער,
קייטען, ווען ס׳איז העל.

קייטען, קייטען, קייטען, קייטען,
קייטען אומעטום,
קייטען ווען איך רעד נאָר
קייטען ווען כ׳בין שטום.

זעהט איהר דאָרט דעם וואָרם זיך שלייכען
נעביכדיג אליין?
הערט איהר ס׳אונמעכטיגע פּרייכען,
פון דעם הונד׳ס געוויין?
ווי דער וואָרם און ווי דער הונד,
שלייך איך, פּרייך איך אויך אזוי.
ווייל די קייטען
זייער פלוך אויף מיר פערשפּרייטען
און בעהערשען און בעצווינגען
מיך מיט זייערע רינגען.
ווייל די קייטען ווילען מיך ניט ווייכען,
און זיי קייכען,
פון געלעכטער, וואהנזיניג זיי קייכען,
און זיי קלינגען,
שפּאָטיש־זיגעריש זיי זינגען,
לאַכען אָב פון מיר,
פון מיר.

דוד שמעונאָוויטש.

דוד שמעונאָוויטש — העברעאיש־אי־דישער דיכטער. געבאָרען אין ליטאַ ארום 1890. אויסער זיין אנטייל נעמען אין פארשיידענע אויסגאבען פון דער העברעאישער ליטעראטור זיינען אויך ערשינען איינציגע בענדער פון זיי־נע געזאמעלטע העברעאישע ליעדער ווי „ישימון“, „שער ודממה“ אין צוויי בענדער. דוד שמעונאָ־וויטש האָט אויך געשריבען א רייהע אויסגעצייכענטע ליעדער אין אידיש.

*

*   *

די זוהן האָט געדאַרפט שוין פאַרגעהן,
געווען איז סוף זומער...
א פליעג האָט אין שויב זיך געקלאַפּט,
א שטראַהל האָט איהר פליעגעל
פערחאַפּט,
אַ זון־שטראַהל אַ קרומער.

מיין הארץ איז געוועזען אליין:
דער טאָג איז פערלאָרען...
אָט קריכט שוין א שאָטען, אָט
קריכט...
דאַן האָב איך געצונדען א ליכט
און שווער איז געוואָרען...

איך האָב זי אין פענסטער געשטעלט,
געגאַנגט האָט אין הארצען...
געקוקט האָט א'נאַקעטע פעלד
מיט אַנזאַגס פון קומענדע קעלט,
פון פינסטערע שמערצען.

די ליכט האָט געוואָרפען ארום
א בלייליכען פייער...
און אלץ איז געווען אזוי מילד,
און אלץ איז געווען אזוי ווילד,
אי שרעקליך, אי טייער...

געבליקט האָט פון הינטען א וואלד
מיט שאָטענס בעפאלען...
דער וואלד האָט געוויינט און גערעדט,
די זון האָט זיין קאָפּ איהם געגלעט
מיט שטאַרבענדע שטראַהלען...

און ווייט האָט געזונגען דער ווינד
פון שטרייט און פון זיעגען...
די ליכט האָט אין פענסטער געקלאַגט,
דאָס הארץ האָט געגאַנגט און געגאַנגט,
דאָס פעלד האָט געשוויגען...

פראַדעל שטאַק.

פראַדעל שטאַק — אמעריקאַניש־אידי־שע דיכטעריז. געבאָרען אין יאַהר 1890, אין סקאַ־לאַ, א קליין שטעטעל אין גאַליציען. אין 1907 האַט זי אויסגעוואַנדערט קיין אמעריקא, וואו זי האַט אין 1910 דעביוטירט מיט איהר ערשטען ליעד. שפּעטער האַט זי אנטייל גענומען אין פאַר־שיידענע אמעריקאַניש־אידישע אויסגאַבען ווי די „נייע היים“, „צוקונפט“ און „פרייע ארבייטער־שטימע“. פראַדעל שטאַק איז א באַדייטענדע דיכ־טעריז און שרייבט אין א פיינעם אָריגינעלען טאָן. אויסער דעם איז זי אויף די ערשטע, וואָס האַט אריינגעבראַכט דעם סאָנעט אין אידיש. שפּע־טער האַט זי אויך אָנגעשריבען א רייהע אויסגע־צייכענטע דערצעהלונגען, וואָס האָבען געצויגען א ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט. ביבל. ש. יאַ־נאָווסקי, אין „פרייע ארבייטער שטימע“, 1914.

ביים ים.

וואָס ציטערט אזוי ווייס,
וואָס לייכט זיך אין דער ווייט?
אַ זעגעל פון אַ שיף,
קומט אָן פון יענער זייט.

די סחורה אָבגעפיהרט
אין ווייטען מזרח־לאַנד,
און קומט געלאָדען פול
מיט גאָלד און זייד־געוואַנד.

מיט פּערל און שמאַראַגד,
געווירץ און גאָלד־געשיר,
מיט פיעדלען און מיט וויין
און רויטע קרעלען־שניר.

וואָס ס׳האָבען רייכע לייט
געקויפט אין מזרח־לאַנד,
וואו שווארצע שקלאַפען־זיהן
אין וועגעלאך געשפּאַנט.

פיהרען אום דאָרט אויף שפּאַציער
די בת־מלכות פּארדעקט,
ווען ס׳האָט דאָס האַרפען־שפּיעל
פון שלאָף זיי אויפגעוועקט...

דאָס ציטערט אזוי ווייס,
וואָס לייכט זיך אין דער ווייט?
אַ זעגעל פון א שיף
קומט אָן פון יענער זייט.

פאַרנאַכטען.

אַ.

אינ׳ם שטילען אָבענד־ווינד
וויעגען זיך די צווייגען,
פליהט א פויגעל אום אין סאָד,
פליהט אין מיעדען שווייגען.

אויף די בלעטער ווערימלאך
פּירות צו פאַרדאַרבען —
אומעדיג איז מיר אזוי,
אומעדיג צו׳ם שטאַרבען.

ב.

פליהסט אום, דו ביז, אין זונ־
פערגאַנג,
דיין לייב מיט גאָלדענע רינגען,
עס שימערט אין די אויגען מיר,
עס מאַניעט מיך צום זינגען.

דו מאַכסט א רינג אויף ארום מיר,
צי זאָל איך עס דערלאָזען? —
איך ווייס, דו האָסט קיין האָניג נישט,
דו ווילסט די גיפט מיר לאָזען.

סאָנעטען.

א.

ווי ביין דו ביסט מיין פריינד — מיין שלעכטער פריינד.
און שטאָלץ ווי יענער יוחנן ביסטו,
וואָס האָט געראַוועט ביים קעניגס־קינד די רוה.
און פונקט ווי זי, האָב איך דיך איצטער פיינד.

ס'איז ניט ווי עלפאַנט־ביין דיין פּנים בלאַס,
ווי שלאַנגען וויקלען זיך ניט דיינע האָר,
דיין בחור־האַרץ איז ניט ווי יענעמס קלאָר —
פאַרוואָס זשע ברענט אַזוי אין מיר דער האַס? —

איך האָב דיך פיינט. איך זאָג עס דיר אַצינד:
און טאַנץ איך נאָך אַמאָל דעם טאַנץ פון זינד
דאַן טהו איך'ס אויף'ן טייוועלס אַ פערלאַנג,

און זאָל ער געבען מיר דערפאַר צום דאַנק
דעם לוין וואָס ס'האָט אַ זינדען־טאַנץ די ווערטה:
איך וואָלט פון איהם דיין בעזע צונג בעגעהרט. —

ב.

דו טראָגסט דאָס האַרץ אין דיינע שטילע אויגען
באַשטענדיג אום — אַז זאָלסט דערמאָנען מיך
אַז מיינע שווערע זינד, וואָס שטראָפען דיך,
און האָבען שוין דיין שטאָלצען קאָפּ געבויגען.

צי בין איך ווערט דעם דיינע שטילע אויגען?
מיין זעעל איז אַזוי הונגעריג נאָך זינד,
און ס'וועט נישט איינער נאָך ווי דו אַצינד,
אַרומגעהן מיט'ן קאָפּ אַראָבגעבויגען. —

און דו וועסט טיעף אין דיר דעם צער בעהאַלטען
און שווייגען שטיל, און איידעל זיין און גוט,
ביז ר'וועט דיר אויסטרינקען דאָס גאַנצע בלוט.

און נעהמען וויאַנען אינ'ם האַרץ דעם קאַלטען. —
דו „איוב" מיט'ן קאָפּ אַראָבגעבויגען,
צי בין איך ווערט דעם דיינע שטילע אויגען? —

ג.

מיט גוטסקייט שטראָפסטו מיך פאַר דיינע ליידען,
דו שטילער דו... און ס'טהוט מיר אַזוי וועה

דיין ערלע שטראַף, דיין שטומער וועה־געשריי,
גלייך וואָלסט מיין הארץ אין טויזענד שטיק צושניידען.

איך קען דיין פייכטען בליק נישט מעהר פערטראַגען...
דיין בליק, פון קראַנקער בענקעניש צוגליהט,
ער בוי׳רט זיך אין מיין זעעל׳ אריין און בריהט,
און זאָגט דעם סוד, וואָס דו ווילסט מיר נישט זאָגען.

דו שטילער... כ׳וואָלט נישט איינמאָל צו דיר פליהען,
און אָנשפּארען מיין קאָפּ אויף דיינע קניען
און וויינען פון חרטה, ווי א קינד,

און אויסקושען דיין יעדען פינגער דיר
בעזונדער — ביז וואָלסט א שמייכעל שענקען מיר,
וואָס זאָל מיר מוחל זיין די גרויסע זינד. — —

ד.

צי זאָל איך מיך פאַרבאָרגען ערגיץ־וואו,
און וויינען שטיל דעם קאָפּ אראָפּגעבויגען
און אויסווישען צוריק די מידע אויגען,
וואָס האבען קיינמאָל, קיינמאָל נישט קיין רוה.

און לאָזען וואַנדערן אוועק מיין בליק
ווי ביז אהער אין גרויע, גרויע ווייטען,
און וואַרפען איהם דערנאָך אויף אַלע זייטען,
אין קראַנקער אונרוהע יאָגען זיך נאָך גליק. —

צי זאָל איך מיך א וואָרף טהון ווילד אריין
אינמיטען גאס, מיט אָנגעצונד׳נע אויגען
און ברומען ווי א טיגערין פון פּיין

די דורכענדיגע נאָזלעכער צעפלויגען. —
צי זאָל איך ערגיץ וואו פאַרבאָרגען זיין,
און וויינען שטיל, דעם קאָפּ אראָבגעבויגען...

ה.

דער פאַרהאַנג איז שטיבעל אין מיינעם האט היינט זיך צוריסען
און ס׳קוקט די פערזשאווערטע שילד דורכ׳ן פענסטער אריין.
די זונן איז פערטונקעלט — בעשטימט וועט א רעגען היינט זיין.
דער ווינד רייסט די שילד, און ער גיט פונ׳ם רעגען צעוויסען. —

וואָס האט זיך דער קאַטער פון יענער זייט פענסטער צוצויגען?
ר׳איז שווארץ ווי א רוח, און ער מיאוקעט ווי קינדיש געוויין,

איהם ווילט זיך אריין, און דער שפּאַלט איז אין פענסטערל קליין —
איהם ווילט זיך אריין... און ער וואַרפט אויף מיר גרין זיינע אויגען.

די זונן איז פערטונקעלט, בעשטימט וועט היינט קומען אַ רעגען: —
ביי מיר הענגט אַן אַלט אַבגעבליאַקעוועט בילד אויף דער וואַנד:
אַמאָל איז אַ זומער אַ שעהנער געקומען אין לאַנד

און ס'איז איהם אַ לאַכעדיג פּאַרעל געגאַנגען אנטקעגען:
אַ לאַכענדיג פּאַרעל מיט שוואַרצע, און בלאַס־בלויע אויגען —
דער זומער דער שעהנער פון דאַמאַלס איז לאַנג שוין פערפלויגען.

דעם פאַסטוך'ס ליעד.

ווער הערט דעם שטיין פון אַבגרונד,
וואָס פאַלט אַהין אריין?
ווער הערט דעם קרעכץ פון הארצען,
וואָס שלינגט די טרערען איין?

דו גאָט, וואָס האָסט געעפענט
די זאַנגען איבער נאַכט,
און האָסט די שטילע ווינדען
אין פעלד צו זיי געבראַכט.

קום זאָג ווי זאָל איך טראָגען
די אומגערעכטע שטראָף,
קום זאָג, ווי זאָל איך קלאָגען
נאָך מיינע יונגע שאָף?

קום זאָג, ווי זאָל איך שעלטען
די שאַרפע צייהן פון די,
וואָס האָבען תל געמאַכט איצט
פון לאַנגער נויט און מיה.

און אַבגעלאָזט צו ווינדען
די פעטע ווייכע וואָל,
און אַבגעלאָזט צו ווינדען
דאָס לעצטע שטילע קול?

וועט רינען איבער בוימער
דער סאָק, ווי רויטער וויין,
פון צייטיג־פולע קאַרשען
אין גרינעם גראָז אריין.

און ס'וועט די האַנד נישט גלוסטען
צו רייסען אויפ'ן וועג
אין פעלד אריין די קאַרשען,
און בינדען דורך די טעג

אין לענגליך־רונדע בונטען
ווי טרויבען אויף אַ באַנד —
נור וואָגלען וועט דער פּאַסטוך
פערלאָזט פון לאַנד צו לאַנד.

און וועט ער וואו באַגעגנען
אַ ווייסע בלום אין וועג,
דאַן וועט ער זיך דערמאָנען
אָן יענע שעהנע טעג,

ווען ס'האָט דאָס ווייסע לעמיל
די פייכטע וואָר'מע זייד
פון נייגעבוירענעם קעפּיל
געטוליעט צו זיין זייט —

דו גאָט, וואָס האָסט אין רעגען
אַן אַבדאַך איהם באַשערט,
פאַרוואָס האָסטו זיך איצטער
פון פּאַסטוך אַבגעקעהרט? —

שפּיעל, שפּיעל מיין אָרים פייפעל
אין פרעמדען פעלד אַצינד,
ס'וועט טראָגען דיינע ליעדער
צוריק אַהיים דער ווינד...

קומט די באָבע מיר צו חלום.

קומט די באָבע מיר צו חלום
אין׳ם קאַפּטעל אין׳ם ברייטען,
אין׳ם ווייסען שטערען־טיכעל,
נעהמט זי איהרע פינגער שפּרייטען.

איבער מיינע מיעדע אויגען —
ווייסע ליכט און זילבער־לייכטער,
וויין, און חלה צוגעדעקטע,
מיינע אויגען: פייכטער, פייכטער...

„אזוי טאַכטער, זאָלסטו בענשען"
שעפּצען, שעפּצען איהרע ליפּען,
„וועט ער קומען קדוש מאַכען,
זאָלסטו פון זיין בעכער זיפּען".

„און דאָס טאַרבעלע מיט בשמים,
זיין א שלאָפקייט צו דערלאַבען,
זאָלסטו טראָגען אויפ׳ן הארצען
וועסטו שעהנע קינדער האָבען".

צייט־מאָטיוו.

וואָס צאַנקט אין שטוב דאָס לעמפּעל
וואָס קלאָגט אזוי דער ווינד?
מ׳האָט עמיצען געהאַנגען
אינמיטען נאַכט אַצינד.

א שמאָלער בוים, א הויכער
אין וועג דאָרט ערגעץ־וואו,
און קאַלטע פיס זיך שאָקלען
אויף צווייגען אָב און צו.

און ס׳רינגעלט זיך א קראָהע
פון וייטען אין דער נאַכט,
און ס׳האָט דער ווינד פון ערגיץ
א שטערען אַנגעבראַכט.

צושיינט זיך פרום א פּנים
אין פינסטרער נאַכט ארויס,
ווערט אויבען בלייך דער שטערן
און לעשט צוריק זיך אויס...



לייב ניידוס.

לייב ניידוס — דיכטער. געבארען אין א דארף, אין גראָדנער גוב. ארום 1890. זיינע ליעדער זיינען ערשינען אין פארשיידענע רוסיש־אידישע אויסגאבען, ווי „לעבען און וויסענשאפט", „פרישמאנס יובילעאום־בוך" און אנד. מאנכע פון זיינע ליעדער זיינען אויך געדרוקט געווען אין אייניגע אמעריקאניש־אידישע אויסגאבען, ווי די „צוקונפט", אברהם רייזען'ס „נייע לאנד" און אנד.

א זון מיט א רעגען.

א זון מיט א רעגען! א זון מיט א רעגען!
עס לאכען מיר גאָלדענע טראָפּענס אנטקעגען,
זיי לויכטען אין לופטען און פאַלען אויף מיר
ווי גאָלדענע פונקען אויף זיידענע שניר...

א זון מיט א רעגען! א זון מיט א רעגען!
עס צאַנקען די גראָזען ביים ראַנד פון די וועגען,
עס שמייכלען די בלומען, צוקושטע פון ווינד,
אזוי ווי עס שמייכעלט דורך טרערען א קינד...

א זון מיט א רעגען! א זון מיט א רעגען!
עס וויעגט זיך דער בלאָהליכער טייך אין די ברעגען;
עס פאַלען די טראָפּענס אין וואסער און גרינג
צולויפען זיי ברייט אין א גאָלדענעם רינג...

א זון מיט א רעגען! א זון מיט א רעגען!
און וויים, ערגיץ וויים, ווארפט־זיך־איבער אנטקעגען
אין הימעל אין בלויען א פארביגער בריק,
א וועג צו א שטראהלענדען, הימלישען גליק...

דאָס ליעד פון שקלאַף.

איך בין דער מלכה'ס טרייער דינער,
איך שיץ איהר רוהיגקייט און היט,
און ווי איר זיידען־שלייף דער דינער,
געה איך איר נאָכ'עט טריט ביי טריט.

מיין היימאַטס־לאַנד איז ווייט פון דאַנען,
און קיינעם ארט נישט אין די נעכט,
וואָס ערגיץ צווישען די פּלאַנטאַנען
פּערליערט אַ טרער דער שוואַרצער קנעכט.

כ'בין קאַלט צום שלאָס פון ראָזער יאַשמע,
צום טראָהן פון גאָלדיגען בורסטין —
איך קוש מיט וועה די קלענסטע טאַשמע,
דעם קלענסטען באַנד פון קעניגין.

ווען, מיט די איבעריגע טרעגער,
איך טראָג זי לאַנגזאַם אויף איהר בעט,
דאַן פיהלט זי נישט אויף איהר געלעגער,
ווי צאַרט איך קוק, ווי שטיל איך בעט.

זי עפענט אָפּטמאָל אויף די שפּאַלטען
פון פּיאָלעטען פאַרהאַנג־זייד —
דאָך מוז איך שטום מיין בליק בעהאַלטען,
און נישט דערצעהלען ווי איך לייד.

אַ דינער ריח פון באַלזאַמען,
פון בשמים זוניגע שלאָגט־אָב
מיט דופט פון פרויען־לייב צוזאַמען
און נעבעלט שכור'דיג מיין קאָפּ.

די בלויזע אַרעמס אין בראַסלעטען,
און רינגען גאָלדענע אין נאָז —
נור איהרע אויגען, דוכט זיך, שפּעטען,
און ס'טהוט מיט שטאָלץ פון זיי אַ בלאָז.

עס קומט די נאַכט. איך וויים פון וואַנען
עס קלינגט אַ ליידענשאַפטליך קוס,
כ'ליג ערגיץ צווישען די פּלאַנטאַנען
און שיק מיין קללה און מיין גרוס.

א. ח. שעפס.

א. ח. שעפס — דיכטער און הומאריסט. געבארען אין יאהר 1890 אין ווארשוי, רוסיש־פוילען. זיינע ערשטע לידער זיינען געדרוקט געווען צו זיין 15 יאהריגען עלטער. אין 1910 האט ער אנגעהייבען אלס פובליציסט און פעליע־טאניסט מיטארבייטענדיג אין דער טעגליכער פרעסע. אין 1913 איז ער אוועק נאך אמעריקא, וואו ער איז געווארען א שטענדיגער מיטאר־בייטער אין רעדאקציע פון „יודישען טאגע־בלאט". א. ח. שעפס האט אויך געשריבען אונטער די פסעוודאנימען „עליאש", „ש. אליהו", „א בלאסער", „אלי עלין" און אנד.

נע ונד.

פון לאנד צו לאנד, פון שטאדט צו שטאדט,
עס פאלען שווער די אויגען צו;
דו וואנדערסט טעג, דו וואנדערסט נעכט
און בענקסט נאך פריינד און בענקסט נאך רוה.

דו זוכסט — און ווייסט ניט וואס דו זוילסט,
דו טראכסט — און ווייסט ניט דיין געדאנק;
ביזט יונג און ווארים איז דיין בלוט
און פיהלסט זיך מיעד און פיהלסט זיך קראנק.

עס טרייבט אן אונבעוואוסטע מאכט
און שטרענג בעפעהלט זי: געה און געה!
דו געהסט — און ס'שטארבען טעג נאך טעג
און עפעס טהוט דיר אזוי וועה.

דו פרעגסט: וואס איז דער צוועק פון געהן?
און זיפצסט אליין: ווער ווייסט?... ווער ווייסט?...
און בלייבען בלייבסטו נע־ונד,
און שטארבען וועסטו אהן א טרייסט...

כ'בין דער זעלבער.

כ'בין דער זעלבער, וואס געוועז,
כ'בין נאך שעמעוודיג און מילד;
נאר מיין בליק איז פרעך און ווילד.
עפעס איז מיט מיר געשעהן.

כ'בין דער זעלבער, וואס געוועז,
ווייך מיין הארץ און ליבענד היים;
נאר מיין ווארט איז גיפטיג בייז.
עפעס איז מיט מיר געשעהן.

כ'בין דער זעלבער, וואס געוועז,
נאר כ'דערקען נישט מיין געשטאלט:
ס'איז נישט יונג און ס'איז נישט אלט,—
עפעס איז מיט מיר געשעהן.

מארק שווייד.

מארק שווייד — דיכטער און שויַ־שפּילער. געבאָרען אין יאָהר 1890 אין וואַרשוי. אין 1911 האָט ער גיענדיגט די וואַרשויער פּוי־ליש־דראַמאַטישע שוהל און איז אַוועק נאָך אַמע־ריקאַ, וואו ער האָט אַנטייל גענומען מיט ליע־דער און סקיצען אין פאַרשיידענע אַמעריקאַניש־אידישע זשורנאַלען און זאַמעלביכער, ווי דער אידישער „קעמפּפער", „דאָס אידישע פאָלק", „די צוקונפט", „דאָס נייע לאַנד", זאַמעלבוך „דאָס נייע לאַנד" און אַנד. אויך האָט ער מיטגעאַרבייט אין מאַנכע רוסיש־אידישע אויסגאַבען. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאָן".

דער מילך־וועג.

זיבען שמאָלע שטעגען האָט דער ווייסער מילך־וועג.
אויפ'ן שייד־וועג זיצט אַ פּאַסטוכעל און שפּיעלט.
לעבען פּאַסטוך שטעהט פאַרבענקט אַ יונגע מלכה
אין אַ לייכטען, ווייסען זילבער־טיול פערהילט.

אויף די זיבען שטעגען בלאָנדזשען זיבען רייטער.
יעדער טראָגט אַ פּאַנצער מיט אַ בלאַנקע שווערד,
און ער וואָלט זיך לייכט זיין גלייכען וועג געפינען,
נאָר די ווייסע מלכה אויפ'ן שייד־וועג שטערט.

מודה אני...

מודה אני לפניך.... גאָט, ניט צאָרען,
זעה וואָס פון דיין קינד איז אין דער
פרעמד געוואָרען...
שווערע יאָהרען לענדער פיעלע...
איך געדענק ניט מעהר די תפלה.

מודה אני לפניך... כ'האָב פערגעסען,
אלץ צוליעב אַ ריין געלעגער, רוה
און עסען;
כ'האָב אונענדליך פיעל געליטען,
האָט מיין תפלה זיך פאַרביטען.

מודה אני לפניך...קום אַנטקעגען,
כ'בין אַוועק דיך זוכען אויף פאַר־
דרעהטע וועגען;
כ'בין נאָך יונג און אונערפאַהרען,
ס'קענען פרעמדע מיר פערנאַרען...

לאזאר רעוויטש.

לאזאר רעוויטש — דיכטער. געבארען אין אסטראפאליא, א קליין שטעטעל אין וואהלינער גוב. אין יאהר 1890. באקומען אן אידישלאכע ערציהונג. נאך די קישיניעווער פאגראמען האט ער צוזאמען מיט זיינע עלטערן אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער האט שפעטער אנגעהייבען צו שרייבען ליעדער, פון וועלכע א גרויסער טייל זיינען געדרוקט געווען אין דער „פרייע ארבייטער שטימע“ און אנדערע אמעריקאניש־אידישע אויסגאבען. לאזאר רעוויטש איז איינער פון די איינגערע פיל־פארשפרעכענדע דיכטער. זיינע ליעדער זיינען געשריבען אין א טיף־מעלאנכאלישען טאן וואס מאכט זיי אינטים און ריהרענד.

די אלטע פיאניסטקע.

זיצט די אלטעטשקע פיאניסטקע
ביי דער פיאנא א פערקלעהרטע,
מינטערט מיט פערוועלקטע פינגער
האלב־פער׳חלש׳טע זכרונות,
און חלומות לאנג־צושטערטע...
אויף די ווייסע ביינדלעך בלאנדזשען
דארע פינגער אויף און נידער,
און דער אלטער פיאנא־קאסטען
טוהט דערצעהלען אלטע מעשיות,
דיכטעט איבער אלטע ליעדער...
הארכט! זי שפיעלט אצונד
„אנדאנטע“:
איהרע מאטע אויגען גלאנצען
מיט א טיעפער, זיסער בענקשאפט:
זעכטצעהן יאהר איז זי אצונדערט
און זי זינגט און שפיעלט „ראמאנ־
סען“...
„אלעגרעטא“: צוואנציג יאהר אלט,
און זי קעניגט אין די ספערען
פון מוזיק, פערעהרער, בלומען,
רוהם און ליעבע, גליק און רייכטהום,
אלעם טהוט איצט איהר געהערען!
„אדזשיטאטא“: דרייסיג יאהר אלט,
פרינצען, לארדען און באנקעטען;
איהרע אויגען שטור׳מען הערצער,
און זי ווערט מיט פראכט בעזונגען
פון די גרויסע וועלט־פאעטען!...

„פארטיסימא“: פערציג יאהר אלט,
וועלט־בערימט אלס קאנצערטיסטין,
כ׳שוף׳ט אוים פון פיאנא־קאסטען
די נשמות פון בעטהאווען,
פון מאצארטא׳ן און פון ליסטען!
„טעמפא“: זי איז פופציג יאהר אלט,
וועלט און לעבען ווערט איר קלערער,
עס בעווייזען גרויע האר זיך...
ס׳קומען קארבען אויף איהר שטערן
און ס׳פערשווינדען די פערעהרער...
„מעלאנקאליקא“: זעכציג יאהר אלט
איינזאם, עלענד און פערלאזען:
ס׳וועלקט דאס לעצטע בלאט פון
רייכטום,
ס׳שטארבט דאס לעצטע בלום פון
ליעבע,
קאלטע צפון־ווינטען בלאזען!...
און „פינאלע“: זיבציג יאהר אלט,
אלע גאלד׳נע פייגעל האבען
לאנג פערלאזען איהרע הימלען,
און פאר איהרע אויגען שוועבען
שווארצע וואלקענס, שווארצע ראבן...
אויף די ווייסע ביינדלעך בלאנדזשען
דארע פינגער אויף און ניעדער,
און די אלטע פיאנא מורמעלט
אלטע מעשיות און לעגענדען,
דיכטעט איבער אלטע ליעדער...

דוד קעניגסבערג.

דוד קעניגסבערג — דיכטער. געבאָרען אין גאַליציען ארום 1892. אין יאָהר 1912 איז ער געוועזן אין לעמבערג, וואו אייניגע פון זיינע ליעדער זיינען געדרוקט געוועזן. דעם זעלבען יאָהר איז אין א באַזונדער אויסגאַבע ערשינען א קליינע זאַמלונג פון זיינע סאָנעטען. אין 1913 האָט ער ארויסגעגעבען א צווייטע זאַמלונג מיט ליעדער. דוד קעניגסבערג איז איינער פון די איינגערע גאַליצישע פּיעל־פאַרשפּרעכענדע דיכטער. אייניגע פון זיינע ליעדער זיינען אויך געדרוקט געוועזן אין אברהם רייזען׳ס פאַריזער וואָכענשריפט.

אונזערע שוהלען.

עס לעבען נשמות אין אונזערע שוהלען,
נשמות ווי כרובים, באַגאַטיש און פרום;
עס לעבען ניגונים פון שווערע געוויינען,
אין טיעפען חלשות געוואָרענע שטום.

בעהעפט צו דער שכינה, נאָך לאַנגער צעשיידונג,
ס׳געווייןן מיט איהר טויבען־געברום אויסגעמישט;
אוי טרערען, אוי פרומע, פון ליעבפולע ליפּען
פון ליכטיגע, הייליגע שמות געקושט!

און צום ארון־קודש, געשניצט אין פּיל בילדער,
צום פּאַרהאַנג פון עהרליכען קינד אויסגענייהט;
אהין ציהען הערצער אין ליעבשאַפט אין מילדער
און רעדען און שווייגען פערבאָרגענע רייד.

און איינמאָל — אמאָל — ס׳קומט די צייט פון דיין האָפען:
משיח׳ס דערלייזונג אויף שטילינקע טריט.
און ס׳קעהרען אהיים די פערביינקטע נשמות
געהן אונזערע שוהלען דאַן אויך מיט אונז מיט?

מ. פינטשעווסקי.

משה פינטשעווסקי — דיכטער. ביאָגראַפיע אונבאַקאַנט. ווי ווייט ס'איז באַוואוסט, איז ער געבאָרען ארום 1890 און געפינט זיך אין פּאַראַנאַ, אַרגענטינא. זיין ליעד „דער פּאַמפּעראַ", וואו דער יונגער דיכטער גיט אויף אַן אָריגינעלען אופן איבער דאַס ווילדקייט פון אַן אַנקומענדען באַרג־שטורעם, וואָס טראָגט זיך צום ים, איז א מוסטער פון אייגענאַרטיגקייט און גבורה און איז גאַנץ ניי מיט דער אויפפאַסונג, טראָץ דעם, וואָס גאַנץ אָפט וואַרפען זיך דאָרט דורך אזעלכע שטעלען, וואָס דערמאָנען, אז דער דיכטער איז נאָך גאַנץ יונג און דעריבער, שטעלענווייז אונבאַהאָלפען.

דער פּאַמפּעראַ.

אויף די הויכע אנדעס־שפּיצען,
אויף דער שטאָלצער קאָרדיזשערא,
ווערט געבאָרען דער פּאַמפּערא
אין א מוטער־טראַכט פון בליצען.

מיט צערשפּרייטע פליגלען שטאַרע,
מיט א קויל פון בראָנז און אייזען
טראָגט ער זיך זיין גבורה ווייזען
דורך'ן דונער, בליץ און כמאַרע.

און דער מעכטיגער פּאַמפּערא,
ווען ער נידערט פון די אַנדען,
אַנגעגורט מיט שטויב און זאַנדען
און מיט וואָלקענס ברייטע, שווערע,

פיהלט זיך דאָ אין לופט דאַס שאַלען
פון דאַס יונגע, ווילדע לעבען...
גלייך ווי טויזענד מענגעם לייבען
וואַלטען עמיצען בעפאַלען!

ווי א שוואַכער טערא־טערא
רייסט זיך אנגסטיג פון דער
טראַמפּא—
אַזוי קאַרטשעט זיך די פּאַמפּא
אין די אָרעמס פון פּאַמפּערא...

און עס פייניגט זי דער שטורעם,
און צעשויבערט זי מיט צאָרען...
פון א בלימעל ביז א דאָרן
שטעהט און קלאַגט פערשעמט און
אָרים...

מיט פערמאַכטע, מיעדע אויגען,
אויף א שוואַרצער, פייכטער מטה,
ליגט די שעהנע סענאָריטע,
ליגט די פּאַמפּא אויסגעצויגען...

אויף א צייט איז זי געשטאָרבען!—
מיט טריאומף און ווילדער עהרע
טראָגט זיך ווייטער דער פּאַמפּערא,
בליצענד שפּאָטיש פון זיין קרבן...

און ער שמיצט אוועק מיט גאוה
זיינע שוואַרצע ליבעס־רויזען —
ביז ער גרייכט דעם ים, דעם גרויסען
און דערטרינקט זיך דאָרט אין תאוה...

אויף די הויכע אנדעס־שפּיצען,
אויף דער שטאָלצער קאָרדיזשערא,
ווערט געבוירען דער פּאַמפּערא
אין א מוטער־טראַכט פון בליצען—

און ביים ברעג פון בוענאָס־איירעס,
אין דעם ים ווערט ער פערלאָרען
מיט זיין אימפּעט, מיט זיין צאָרען,
מיט די בליצען, מיט די כמאַרעס —

א. אויערבאך.

אפרים אויערבאך — דיכטער. געבארען אין בעלצי, בעסאראביען, דעם 23טען אקטאבער, 1892. אין יאהר 1909 איז אין די „זאנגען„ ווילנא, ערשינען זיין ערשטע ליעד. אין 1913 איז ער אוועק נאך ארץ ישראל, וואו ער האט זיך באשעפטיגט מיט ערד־ארבייט. אין 1914, ווען ס'האט אויסגעבראכען די מלחמה, האט ער אלס אויסלענדער געמוזט פארלאזען ארץ ישראל און אוועק נאך אלעקסאנדריען, עגיפטען, פון וואנען ער איז אוועק אין דעם „ציונ'יסטישען לעגיאן" מיט דער ענגלישער ארמיי. איז געווען אין די דארדאנעלען שלאכטען, וואו ער איז דורך א פלוצלונגער קראנקהייט באפרייט געווארען. אין 1915 איז ער געקומען אין אמעריקא. אפרים אויערבאך איז איינער פון א רייהע גאנץ יונגע פארשפרעכענדע דיכטער. האט אויך אנגעשריבען א רייהע דערצעהלונגען און פובליציסטישע ארטיקלען אויס דעם לעבען פון ארץ ישראל.

פאנטאזיע.*)

פאנטאזיע היינט אין ראמלע,
שעהנסטע פערד און בעסטע רייטער.
וועט בעקומען דער דעם נאמען,
ווער ס'וועט לויפען ווייטער...

שייך אבדולא איז א יונגער,
פופצעהן ווייבער, פיערציג קינדער,
הונדערט קנעכט און דריי טאבונען
שאף און רינדער...

איז זיין שקאפע וויים און היציג,
הויכע פיס, א ברייטער רוקען,
האט ער ליעב איהר גרייזע גלעטען,
איהר אין ד'אויגען קוקען...

זיין אבייע איז א שווארצע,
גאלד־בעזוימט אויף אלע עקען,
ביי דער זייט—א גרויסער „מויזער",
אין דער האנד—א שטעקען...

רויטע שטיוועל, זילבער־שפארען,
קלאפט ער אין דער שקאפעס ריפען,
יאגט ער, ברענען איהם די אויגען,
ציטערען די ליפען...

אונזערע וועלדער.

אנד'רע פעלקער האבען וועלדער,
מיר—נור יונגע בוימער;
יענע וועלדער היטען זעלנער,
אונז'רע היט דער שומר...

יענע וועלדער זיינען אלטע,
ברייטע צווייגען־קרוינען;
אונטער די געדיכטע צווייגען
ווילדע חיות וואוינען...

אונז'רע זיינען זון בעגאסען,
שלינגען דורשטיג שטראהלען;
אין דער ערד די יונגע ווארצלען
זוכען וואסער קוואלען...

און מיר פרעהען זיך ווי קינדער,
ווען א צווייג ווערט גרעסער;
ווען די יונגע גרינע צווייגען
שניידט צו ערשט דאס מעסער...

יענע וועלדער זיינען מיילען,
אונז'רע זיינען שפאנען;
אבער האפענונג און ליעבע
איז אין זיי פאראנען...

*) פאנטאזיע — פאלקס יום־טוב.

ז. וויינפער.

ז. וויינפער (זוסי וויינפערלאך) — דיכטער. געבארען אין טריסק, וואהלינער גוב. אין יאהר 1892. באקומען אן אידישלאכע ערציהונג. אין 1913 איז ער אוועק נאך אמעריקא, וואו זיינע ערשטע ליעדער זיינען ערשינען אין „אידישען פאלק“, 1914. שפעטער האט ער אויך געדרוקט ליעדער אין דער „פרייער ארבייטער שטימע“, „די נייע וועלט“, „יודישען קעמפפער“ און אנד. איז אויך געווען איינער פון די אנטייל נעמער אין די זאמעלביכער „פון מענש צו מענש“ און „איסט בראדוויי“. אויסער קורצע ליעדער האט ער אויך אנגעשריבען א רייהע אויסגעצייכענטע באלאדען. ז. וויינפער איז א גאנץ יונגער דיכטער, אויף וועלכען מען לייגט גוטע האפנונגען. ביבל. ש. יאנאווסקי, אין „פרייע ארבייטער שטימע“, 1916.

אוקראינע.

א.

א דארף. בעזונדער ליגען זיך די חאטקעס דא און דארטען.
א קלויסטער שטעהט אינמיטען פון א גרויסען, גרינעם גארטען.
די זון געהט אויף און אויפ'ן קלויסטער שפיגלען זיך די שטראהלען
און פון די גרוי מיט מאך באדעקטע שטאלען
די שקצים מיט די בייטשען אין די הענד — כמעט נאך קינדער
צופיהרען אין די טשערעדעס די פעטע שאף און רינדער.

דו געהסט פארביי און שטויביג גרויע זיינען דיינע קליידער.
א פויער גריסט דיך, באלד א צווייטער און אזוי כסדר.
עס קומט א גויע מיט א קריגעל פרישע וואסער דיר אנטקעגען,
בעגריסט דיך גוטמוטיג און נעמט דיך פרעגען —
וואוהין דו געהסט און אויב דו ווילסט זיך אויסרוהען דו מידער —
אין שטוב איז ברויט גענוג פארהאן און אלע זיינען ברידער!

ב.

קארטאפלעס מיט דער שאל. עס טראגט א פארע זיך פון אויבען
און ברויט טראגט אויך די גויע צו און הערט ניט אויף צו לויבען,—
ווי גוט עס איז ביי איהר צוליעב מיר אלץ געראטען
און אויב איך וויל וועט זי פאר מיר אויך אייער לייגען בראטען.
א שיקסע קומט אריין און נעמט דער גויע עפעס פרעגען
און זעצט זיך אויף א ווייסע באנק אנידער מיר אנטקעגען.

א געלער הונד האט נעבען איהרע פיס זיך אויסגעצויגען
און ווי דער הונד קוק איך אויף איהר מיט גליהענדיגע אויגען.
זי גיט א לאך און בויגט איהר קאפ איין צו די שויבען —
א שעהנער וועטער—זאגט זי—וועט זי געהן היינט שוואמען קלויבען
און אויב איך וויל וועט זי מיך ביז צום שמאלען וועג באלייטען
און מיט די פינגער גלעט זי אויף איהר „סאראפאן“ די קווייטען.

מ. באסין.

מ. באסין — דיכטער. (דער זאמלער און צוזאמענשטעלער פון דער פארליגענדער אנטאלאגיע). געבארען אין נ׳וואק, א קליין שטעטעל אין מאהליווער גוב. אין יאהר 1889. באקומען אן אידיש־טראדיציאנעלע ערציהונג. אין 1907 האט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער האט אין 1909 אנגעהייבען אנטייל צו נעמען מיט לידער אין דעם „ארבייטער“, „פרייע ארבייטער שטימע“, „צוקונפט“ און אנד. שפעטער האט ער זיך אויך באטייליגט אין די זאמעלביכער „ליטעראטור“, „שריפטען“, „נייע היים“ און „פון מענש צו מענש“. אויסער לירישע לידער און פאעמען האט ער אויך אנגעשריבען א גרויסע צאל באלאדען און קינדער־מעשה׳לאך אין פערז. ביבל. א. וואלדשטיין אין יודישען קעמפפער“, 1911 ?; ש. יאנאווסקי, אין „פרייע ארבייטער שטימע“, 1914.

אין מיינע אויגען.

(מרים׳ען)

אין מיינע טיפע, כמורנע אויגען
רוהט די נאכט. —
און עמיצער, א נאכטוואנדלער
פארטראכט,
מיט אויגען אפענע און צוגעמאכט
געהט אום דארט אין דער טיפער
נאכט,
ווי איהר, ווי אלע מיר געבויגען —
אין מיינע טיפע, כמורנע אויגען.

אין מיינע סודות׳דיגע אויגען
שרייט ווער שטום —
דארט טרייבט א הונגעריגער וואלף
זיך אום,
און וואויעט אימה׳דיג און לויערט
שטום
מיט גרינע ברענענדיגע אויגען,
פון הינטער בארג און שטיין געבויגען,
אין מיינע סודות׳דיגע אויגען.

אין מיינע בלאנדזשענדיגע אויגען
וויינט די רוה. —
פארבלאנדזשעט האט דארט עמיצער
פון וואו,
מיט גרויסע, וויינענדיגע אויגען:
צי דו ביזט עס, צי דו,
וואס וויינט דארט איבער מיר געבויגען
אין מיינע בלאנדזשענדיגע אויגען?

אין מיינע שווייגענדיגע אויגען
קניהט ווער שטיל —
און בעט פאר יעדער ארעם הארץ,
וואס לעבט אהן ציעל.
און פאר דאס אייגען נאריש הארץ,
וואס ווייס אליין ניט וואס עס וויל,
און קלאגט זיך שטיל, און קלאגט
זיך שטיל
אין מיינע שווייגענדיגע אויגען.

צום ים.

פון דארט וואו ס׳ציהט זיך בלינדערהייט מיין הארץ,
שפרייט אויס פאר מיר דיין וויגענדיגען שוים,
און פיהר מיך אין דיין אויסגעשפרייטער ווייט ארויס,

און לאז צונויפגיסען מיט דיר מיין הייסע טרער, —
און הער, און הער:
עס איז דיין קינד די ערד — איהר קינד בין איך, —
נע'ירשנ'ט האט דער אייניקעל דעם שטורעם פונ'ם זיידענס הארץ:
און ס'בלאנדזשען מיינע אויגען
פרעמד ארום דא אויף דער וויסטער ערד...

פון גלות.

א.

עס האט מיין הארץ פארגעסען וואס
און קען זיך ניט דערמאנען מעהר,
איך שפאן ארום און פארש און קלער:
און ווארף די בליקען הין און הער,
און שטעל זיך אפ און קלער און קלער:
צי האב איך וואס אמאל פארמאגט?
פארמאגט, פארשפילט און ניט באקלאגט?
צי עפעס ווען צוגעזאגט?
צי אפשר ווען נאכגעיאגט;
געליבט, געהיט און ניט פארמאגט.
אנטקעגען קוקט דער שפיגעל פרעמד.
און עמיץ שטעהט אין איהם דארט בלייך,
און קנייטשט דעם שטערען שארף און הויך;
און קנוילט פון מויל און נאז מיט רויך,
און שטום אזוי, און בלייך ווי בלייך!
ס'הענגט א בילד דארט אויפ'ן וואנד,
אן אלטע בילד: „דאס הייליג לאנד“.
„דאס הייליג לאנד“... איך קלער און קלער...
עס האט מיין הארץ פארגעסען וואס,
און קען זיך ניט דערמאנען מער...

עס האט מיין הארץ פארגעסען וואס,
און אויך אין בעט איז מער ניט ווייך.
און קנוילענדיגער יאגט דער רויך...
דא ליגט א פלאש און דארט: א שוך,
און אויפ'ן טיש, אן אפען בוך.
„אן אפען בוך“... איך קוק און קוק:
די בלעטער, אלט, צופליקט, צופלעקט.
און עפעס רופט. און עפעס וועקט:
„ביי בבל'ס טייכען שטיל געוויינט“.
פון טויזענד דורות אויסגעליינט
און אויסגעקושט און אויסגעוויינט:
„ווי זאל'ן מיר זינגען אייך פון פרייד,
אז אונזער אויג איז טיף פארטרערט,
און ציון!... ציון איז צושטערט?!
„אויב איך פארגעס דיך ווען, מיין לאנד
זאל טריקענען מיין רעכטע האנד“.
דער קאפ איז מיד... דאס הארץ איז שווער,
און פון די אויגען: טרער נאך טרער..
עס האט מיין הארץ פארגעסען וואס,
און קען זיך ניט דערמאנען מעהר...

ב.

אין זינגענדיגען שניטער-פעלד בין איך אמאל געווען,
און שארפענדיגע קאסעס האב איך שרייען דארט געהערט;
עס האט דער בייזער אבקלאנג זיך אין ווייטען פעלד צולייגט
און האט די שעהנסטע רויזען-קוסטען צו דער ערד געבייגט;
און האט די יינגסטע פויגעל-נעסטען אינ'ם גראז צושטערט;
און דא, און דארט, אי גראז אי בלום, אי גראד אי קרום צולייגט.
און טרוי'ריג-שווער האט פלוצלונג זיך מיין קאפ צו'ם פעלד געבויגט:

אוי, אויך אזוי האָט מען דאָך אונזער הייליג לאַנד פארוויסט;
און אונזער שטאָלצען יחוס־בליק צו׳ם פרעמדען וועג געקעהרט,
פאר׳גלות׳ט און פארטרערט.

אין אַסיענדיגען גארבען־פעלד בין איך אמאָל געוועז,
און גארבען טויטע, אויסגעלייגטע האָב איך דאָרט געזעהן;
עס האָבען קראָהען מחנות־ווייז זיך איבער זיי געדרעהט,
און וויסטעניש און בייזען שרעק אין יעדען׳ס הארץ פארשפּרייט.
אין לופטען האָבען וואנדער פויגעל ערגעץ זיך געקלאָגט,
און מחנות־ווייז, און איינציגווייז זיך ערגעץ ווייט געיאָגט.
און טיפער האָט מיין קאָפּ אין צער געבויגט זיך צו דער ערד:
אוי, אויך אזוי געטריבענע אהן ציל פון בייטש און שווערד
האָט מען אויף פרעמדע וועגען אונז, דאָס פּרינצען־פאָלק, צוזייהט,
מיט בייטש און שווערד באגלייט.

אין בליהענדיגען מארגען־פעלד בין איך אמאָל געוועז.
און אויסגעצירט אין גרין און געל און וויים און ראָז און רויט
איז ווידער פעלד און בארג און טאָל געוועזען אנגעקליידט.
אין גלימערדיגען נעץ פון טוי און ליכט אויף גראָז און בליטה
האָט דאָ און דאָרט א פויער־קינד געלאָזען זיינע טריט;
האָט דאָ און דאָרט א פויגעל זיך צוזונגען אין איהר נעסט.
און איך? אין טיפען פּיין האָב איך זיך צו דער ערד געפּרעסט:
פארוואָס, אוי, זיינען מיר דאָך ניט צו דיינע פויגעל גלייך,
וואָס האָבען ווידער זיך אין פרייד אהיים צוריקגעקעהרט,
פון קיינעם ניט געשטערט?...

תרע״ה.

א.

אויב דו זוכסט אונזער הויז און דו טרעפסט ניט צו איהר,
ווייל צוזייהט ווי דער שטויב פונ׳ם ווינד זיינען מיר, —
זוך די וועגען צו אונז אויף דער גרוים פון גאָט׳ס ערד,
דורך צופלויגענעם פּוך און פאר־פריה גרויע צעפּ,
און געבויגענע קעפּ.

אויב דו זוכסט אונזער זוהן און דו טרעפסט ניט זיין טיר,
ווייל פארקליידט און פארמישט און פארפרעמדט זיינען מיר, —
זוך דעם רויט־פּעטען זאמד, זוך דעם בלוטענדען שניי;
זוך די בוימער מיט הענגענדע קדושים אויף זיי,
און פארנעהם אונזער וועה!

אויב דו זוכסט אונזער טאָכטער און טרעפסט ניט צו איהר, —
זוך דאָס הויז מיט צובראָכענע פענסטער און טיר.

און שאר שפעט אין דער נאכט ביי איהר וואנט זיך און הער,
ווי עס קלאגט דאס באליידיגטע בלוט אין איהר שווער,
און וויש אויס אונזער טרער...

ב.

דערפאר וואס זיי האבען מיט אייביגער שנאה דאס בלוט אונז גע'סמ'ט;
דערפאר וואס זיי האבען מיט גליהענדע קאמען דאס לייב אונז געקאמט
און האבען געבויגען ביז פיין אונזער שטאלץ־אויפגעהויבענעם קאפ —
צאהל זיי אפ!...

מיט סטאדעס־ווייז איינס קעגען צווייטען ווי ווילדער צושטעלטע אין רייה,
וואס שטעהען און האגלען און פאלען אין האגעל פון בראנד און פון בליי,
נאר לאז זיי ווי בלוטיגע וועלף אויפ'ן האלז איינס דעם צווייטען אראפ —
צאהל זיי אפ!...

דערפאר וואס זיי האבען אויף אייביג די אויגען צום וועג אונז געווענדט:
דערפאר וואס זיי האבען ווי הינט אויף דער גאס אונז'רע טעכטער געשענדט
און האבען אונז ברודער אויף ברודער געווארפען, מיט טויטענדע הענט —
צאהל זיי אפ!...

און זעהסטו צופליישט זיי מיט בלוטענדע ארעמס געשטרעקטע צו דיר —
ווער וויים נאך אזוי דאס ווי מיר, גוטער גאט, און ווער פיהלט דאס ווי מיר?
ניט רחמים, נאר בליץ זאל עס זיין, וואס דיין אויג שיקט פון אויבען אראפ —
צאהל זיי אפ!...

און זעהסטו אויך אונז דארט אין זייערע זינקענדע רייהעס צושטעלט;
און שטארבען מיר אלע מיט זיי און מיט אונז שטארבט די גאנצענע וועלט —
ניט ציטער דו שטראפענדע האנט: טויזענד קעפ פאר א קאפ, פאר איין קאפ —
צאהל זיי אפ!...

משיח.

דו וויל נאר און זעה ווי עס ברעכט זיך דיין מארגען און גלויב אין זיין קומען.
דו קום נאר אהער צו מיין אפענעם פענסטער אין שווייגען אין פרומען;
און קוק דורכ'ן נעבעל פון זונען־ענטבלויזונג און גלויב דיינע אויגען;
און זעה ווי ער האט אין זיין אייזערנער תפיסה די גראטעס צובויגען.
און גלויב אין זיין קומען.

און זעהסטו אין שטאל איהם געקאוועט, זיין הארץ איז מיט דיר דאך פארנומען.
אט, אט און זיין אייביגע גבורה וועט צארניג אין איהם זיך צוברומען;
און אויפטרייסלען וועלען די הערצער, וואס האבען זיי נאמען פארגעסען,
און אויפלעבען וועלען די ביינער, וואס זיינען צופוילט און צופרעסען.
און גלויב אין זיין קומען.

מיט רחמים און טרייסט אין זיין בליק וועט ער קומען צו אונז פון דערווייטען;
און אויפקלייבען וועט ער אונז־קינדער געפלאגטע פון אלערליי צייטען;

און ברענגען וועט ער אונז דעם חלום פון אונזערע זיידעס און באָבעס,
און אומקעהרען וועט ער צוריק אונז אין הייליגען לאַנד פון די אבות.
און גלויב אין זיין קומען.

ביים זייט פון אַן אוראַלטען באַרג שטעהט זיין ווילד־ווייסער פערד אַנגעבונדען.
אַט אַט און אין טאַנץ פון זיין טראַט וועט די ערד אונטער איהם אַנגעצונדען.
דו וויל נאַר! און הער ווי עס קרעכצען די קייטען, וואָס רייסען זיך איבער;
און הער ווי עס הירזשעט דער ווילד־ווייסער פערד צו זיין אייזערנעם גבור.
און גלויב אין זיין קומען.

דוד׳ס עלטער.

והמלך דוד זקן בא בימים;
ויכסוהו בבגדים ולא יחם לו.
(מלכים א׳, קאַפּ. א׳.)

קום זינגער! קום זינג מיר פון ליבע!
מיין הארץ איז פאַרטרויערט אַזוי:
אַוועק איז די גאָלדענע יוגענד
און ס׳ליגט אויפ׳ן קאָפּ שוין דער שניי

אַוועק איז די פריידיגע יוגענד,
אַוועק מיט די גאָלדענע צעפּ,
אַוועק ווי א הירש א געיאָגטער
אין ווייטען אין שפּורלאָזען סטעפּ...

דער ווינשטאָק, ער שטעהט שוין אָהן טרויבען,
אַזוי איז אָהן גלוט שוין מיין בליק.
אַך, זינג דאָך פון לוסט און פון ליבע,
און ברייננ מיר מיין יוגענד צוריק.

פון ליבע וואָס שרייט דורך די פעלדער,
פון שפּילעוודיג דין־רויטען קלייד.
פון ליבע מיט פּיסעלאַך קליינע
וואָס קומען און ברייננען דיר פרייד.

דער זינגער ער שטימט אָן די פידעל,
און זעצט זיך ביי׳ם פוס פון׳ם טראָן,
און הייבט אָן דאָס ליד פון די הארעמס,
פון גרוי־אַלטען קעניג אַמדאָן:

„פאַראַן איז אין אשור א קעניג,
א קעניג מיט הארעמס א סך.
שטעה׳ן פעלז־קאַלטע קנעכט ביי דער טיר דאָרט
פאַרבאַרגענערהייט אויף דער וואך.

איז גרוי־אַלט און מיד שוין דער קעניג,
און קוקט צו זיי זעלטען אריין.
געהן אוים דאָרט די שיינע פאַר ליבע,
און דרעהען ווי שלענג זיך אין פּיין...

ס׳ליגט איינע אויף רויטען קאַוואַר־דעק,
און וואַלגערט זיך אום ווי א שלאַנג.
א צווייטע פער׳שכור׳ט איהר ליבע
מיט ווירבלענדע טענץ און געזאַנג.

א דריטע, מיט ציט׳ריגע גלידער,
גראַבט טיף אין דיוואַן זיך פאַר לוסט,
און בייסט זיך מיט בייז־ווייסע ציינער
אריין אין איהר אייגענער ברוסט...

א פירטע, מיט קודלעס צולאָזטע,
לאָזט ס׳הינטעל פון שויס ניט ארויס.
זי גלעט עס און שלאָגט עס און קושט עס,
און דריקט און דערשטיקט עס אין שויס.

און ווייזט זיך צו זיי ווען דער קעניג,
געבויגען און גרוי און אָהן מוט,
דאַן פאַלען זיי צו ווי פאַר׳סם׳טע
צו וואַרמען און רייצען זיין בלוט...

זיי גלעטעו און גליהעו זיין קערפער
און מאַנעו דעם פּלאַם פון זיין בליק,
און קרעכצעו מיט ליפּעו פאַרברענטע,
און שיפּעו, און שטאַרבעו נאָך גליק"

—גענוג שוין! דו זינגער דו בייזער!
גענוג שוין, דאָס האַרץ וועט פאַרגיין!
היינט בין איך אַליין דאָך דערזעלבּר,
דער אַלט־מידער קעניג אַליין...

גאַנטע קאַזאק.

(קינדער־מעשה'לע)

ווער געהט עס ווי א בלינדער,
און פרעגט ביי־נאַכט אויף קינדער,
וואָס וויינעו אין די וויגעו,
און ווילעו שטיל ניט ליגעו?...
דאָס איז דאָך גאַנטע קאַזאַק,
וואָס בלאָזט זיך ווי א בלאָז־זאַק,
און געהט אין רויטע הויזעו,
און טראָגט א האַק א בלויזעו.
ער האָט צוויי הויקער־פּלייצעס,
און עסט אויף צוועלף המוציא'ס,
און טרינקט פון דרייצעהן גלעזער,
און האָט דריי לאַנגע נעזער,
צוויי הענט צו זיבעו פינגער,
דריי קעפּ מיט נייעו צינגער,
זעקס וואָנצעס, לאַנג און שפּיציג,
צוועלף אויגעו, רויט און בליציג,
צוויי פּיס צו דרייסיג איילעו,
און וואוינט אין טיפע היילעו.
און ווי עס קומט ביי־נאַכט נאָר,
איז טהיר און לאָד פאַרמאַכט נאָר:
דאַן נעמט ער האַק און מעסער,
און מאַכט זיי גרוים און גרעסער,
און שאַרפט זיי גוט און בעסער,
פאַרוואַרפט זיי אויף די פּלייצעס,
שפּאַנט איין דריי וועלף אָהן לייצעס.
פאַראוים צוויי גראָבע דייטשעו.
צוויי שלאַנגעו פאַר צוויי בייטשעו.
צוויי בערעו פון די זייטעו,
און לאָזט פון וואַלד זיך רייטעו.
און ווי ער קומט צום שטעטעל,
נעמט ער ארוים א צעטעל,
און לייענט ווי א בלינדער
די נעמעו פון די קינדער,
וואָס וויינעו אין די וויגעו,
און ווילעו שטיל ניט ליגעו.

דאַן עפּענט ער די טאַרבע,
און גיט פון פּלאַש א שאַרבע,
און לאָזט זיך געהן געבוויגעו
מיט זוכענדיגע אויגעו:
בלייבט שטעהן ביי יעדען טויער,
און טוליעט צו אַן אויער,
און קלאַפּט אַן ווי א בלינדער:
„דאַ וויינעו קליינע קינדער?
דאָס בין איך, גאַנטע קאַזאַק,
איך בלאָז זיך ווי א בלאָז־זאַק,
און געה אין רויטע הויזעו,
און טראָג א האַק א בלויזעו.
איך האָב צוויי הויקער־פּלייצעס,
און עס אויף צוועלף המוציא'ס,
און טרינק פון דרייצעהן גלעזער,
און האָב דריי לאַנגע נעזער,
צוויי הענט צו זיבעו פינגער,
דריי קעפּ מיט נייעו צינגער,
זעקס וואָנצעס, לאַנג און שפּיציג,
צוועלף אויגעו, שאַרף און בליציג,
צוויי פּיס צו דרייסיג איילעו,
און וואוין אין טיפע היילעו,
און בורטשע ווי דריי בערעו.
דאָס קום איך וויינעו הערעו
די קינדער אין די וויעגעו,
וואָס ווילעו שטיל ניט ליגעו".
און ווי נאָר קינדער הערעו
א בורטשעו פון דריי בערעו:
איז נעמעו זיי זיך שרעקעו,
און איבער קאָפּ פאַרדעקעו,
און בלייבעו שווייגעו אַלע,
און בעטעו ניט קיין חלה,
און ווילעו ניט קיין פייער,
און ווערעו ליב און טייער.
איז נעמט זיך גאַנטע קאַזאַק,

וואָס בלאָזט זיך ווי א בלאָז־זאק,
און לאָזט זיך ווי א בלינדער,
צו זוכען אנד'רע קינדער. —
נאָר טאָמער וויינען אלע,
און בעטען דוקא חלה,
און ווילען דוקא פייער,
און זיינען גרויסע שרייער, —
דאַן ווערט ער שטארק אין כעס,
און בילט און מאכט הויות,
און גיט א רוף דריי שדים,
און מאכט א לאָך אין בוידעם,
און כאפט די שלעכטע קינדער,
און טראָגט זיי ווי א בלינדער
און ברייננט זיי אין די היילען,
און הייסט זיי בולבעס שיילען.
דאַן קאָכט ער אויף א קעסעל,
טרינקט בראנפען פון א פעסעל,
און נעמט די מעסער שארפען,
און הויבט אָן גורל ווארפען,
פארשפארט די טיפע היילען,
און וויל זיי אלע קוילען.

און ווי די קינדער זעהען,
וואָס דאָ וועט באלד געשעהען,
וואָס ס'וועט פון זיי באלד ווערען,
פארגיסען זיי פיעל טרערען,
און הייבען אָן איהם גלעטען
און הארצעדיג צו בעטען:
„דו גוטער, גאָנטע קאָזאק,
וואָס בלאָזט זיך ווי א בלאָז־זאק,
דו האָסט דאָך רויטע הויזען,
און טראָגסט א האק א בלויזען.
דו האָסט צוויי שעהנע פלייצעס,
און עסט אויף צוועלף המוציא'ס,
און טרינקסט פון דרייצעהן גלעזער,
און האָסט דריי לאנגע נעזער.
צוויי הענט צו זיבען פינגער,
דריי קעפּ מיט נייען ציינגער,
זעקס וואָנצעס לאנג און שפּיציג,
צוועלף אויגען רויט און בליציג,
צוויי פים צו דרייסיג איילען —
צי דארפסטו דען אונז קוילען?
מיר זיינען גוטע קינדער,
און דו ביסט ווי א בלינדער:
מיר וועלען מיט דיר לעבען,
און העמדעלאך דיר וועבען,
און קישעלאך דיר נייען,
און בלימעלאך דיר זעען.
מיר וועלען מעהר ניט וויינען,
און מעשה'לאך דיר ליי'נען,
און עסען דיר דערלאנגען,
און וויגען מיט געזאנגען".

דערהערט עס גאָנטע קאָזאק,
בלאָזט אָן זיך ווי א בלאָז־זאק,
און ווערט אזא מין גוטער,
און גיט זיי ברויט מיט פּוטער,
און גלעט זיי אויף די קעפּלאך,
און גיט זיי זיבען טעפּלאך,
און הייסט זיי קאָכען קרעפּלאך,
און הייסט די בעט צובעטען,
און הערט ניט אויף זיי גלעטען.
נו, קאָכען זיי איהם קרעפּלאך,
און וואשען אוים די טעפּלאך,
און בעטען אוים די בעטען,
און וויגען איהם און גלעטען.
און ווי ער הייבט אָן שלאָפען,
גענומען און אנטלאָפען.
געלאָפען איבער וועלדער,
געלאָפען איבער פעלדער,
געשוואומען איבער ים'ען,
געקומען צו דער מאמען.
פון גאָנטען ניט געטראכט מעהר,
און ניט געוויינט ביינאכט מעהר.

אינהאַלט פון באַנד ב:

א.

אדלער, י.
צו אַ וואלקען — 129
שבת בין־השמשות — 130
ביים תהלים — 130
דאָס טויטע שטעדטעל — 130
צייט־ליעד — 131
צו מיין פאָלק — 132

אויערבאך, א.
פאנטאַזיע — 311
אונזערע וועלדער — 311

איזגור, אליהו.
ווינטער — 169

אייזלאנד, ר.
פון אַלע טעג:
א. דורך דעם פענסטער — 197
ב. ס'איז מיטאָג צייט — 198
אין דער פרעמד — 199
איבער אַלע דעכער — 199
אין פעלד — 200
ביי'ם ים — 200

איינהאָרן, דוד.
צו אַ יודישער טאָכטער — 230
געפאלען איז אויף מיר — 230
אַ שטילער קלאפ אין טיר... — 231
הערבסט־שטימונג — 231
געגרייט מיט'ן וואנדערער־שטעקען דאָ שטעה איך — 232
די בעריאָזקעלע — 233
ליטאָ — 233
געשטאָרבען דער לעצטער — 234
אין שווארצען טהו זיך אָן... — 234
אין ווילדען שטראָם פון בלוט.. — 235
תפלה — 236
דער טויטען־טאַנץ — 237

אימבער, ש. י.
דיינע הענט — 288
מיינע טעג — 288
די מאַמע — 289
דער פרייער — 290
דער נביא — 290
פון דער פאָעמא „אסתר'קע" — 290

אלעקסאנדראָוו, ה.
אידישע וויעג־ליעד — 48

אנ־סקי, ש. א.
אין זאלציגען ים... — 16
דער שניידער — 16
עמיגראנטען־ליעד — 17

ב.

באבאר, נ. מ.
די ליעבע — 79
שניי־געדאנקען — 80

באָוושאָווער, י.
ליעבע־ליעדער — 88
פון מיין אַ בלום — 88
פאָטער־געפיהלען — 88
ווערטער פון אַ ברודער — 89
נאַטור־ליעד — 89

באנק, יוסף.
צוויי חבר'טעם — 272
ווי וויים — 272
זי זיצט פאר'ן אָפענעם פענסטער 273
פריהלינגס־ליעבע — 273

באסין, מ.
אין מיינע אויגען — 313
צום ים — 313
פון גלות:
א. עס האָט מיין הארץ... — 314
ב. אין זינגענדיגען שניטער־פעלד בין איך אמאָל געוועזן 314
תרע"ה:
א. אויב דו זוכסט אונזער הויז 315
ב. דערפאר — 316
משיח — 316
דוד'ס עלטער — 317
גאָנצע קאָזאק — 318

באראָן, א. ל.
אַ ים־טראגעדיע — 217
מוידלעך — 218

ביאליק, ח. נ.
גלוסט זיך מיר וויינען — 98
אונטער די גרינינקע בוימעלעך 99
כ'בין ניט אויף אייער רוף... 99
פון ר' יהודה הלוי:
א. ביינקסט אויך נאָך דיינע... 99
ב. מיט דעם לבנה־שיין... — 101
אַ פרעהליכס — 101

בלום, יצחק.
ס'איז שולדיג געוועזן — 259

וואָס דאַרף איך קלעהרען — — — 259
בערגנער, א.
בוים טייך — — — — — — 295
אין אַ יאַפּאַנישער טהעע־הויז 295
פאַר מיין איינזאַמען פענסטער 296
דער אָריענט — — — — — 296
ברוכאָוויטש, י"ל.
מיין שאָטען — — — — — 96
ברכהן, מ.
דריי מוידען — — — — — 28
הערבסט — — — — — 28
אין א שליטוועג — — — — 28
די נאַכט — — — — — 29
באַכ'ן שלאַכט — — — — — 29

ג.

גאָלדשטיין, דוד.
ראָמאַנסען:
א. אַ שעהנער טאָג, אַ ליבער... 44
ב. ס'איז טונקעל אזוי... — 44
ג. און יאָגט אויף דיר אַ שרעק 45
ד. כ'האָב אין פריהלינג... 45
דער מידער וואנדערער — — 45
און יאָהרען פון טרויער — 45
גאָלדשטיין, ראָזא.
די יודישע מוזע — — — 77
גמזו, יהודה־לייב.
אַ יוד — — — — — — — 69
יוס'ל בער'ס און יוס'ל שמעיה'ס — — — — — — 70
דילאָן, א.
פון בייזען געמיט:
א. אויף וועמעס מזל קלאָגט... 171
ב. כ'שלאָף אין פארק — — 171

ה.

האַלפּער לייוויק.
כ'האָב ניט געוואָלט — — 276
אויף די וועגען סיבירער:
א. אויף די וועגען... — — 276
ב. די פעלדער — צושפּרייט 277
ג. וואָלט כאָטש ווער געקומען 277
ד. עס וועלען אונז ביינאַכט 277
ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט — 278
אין שנוי:
א. אַ קאַלטער ווינד... — — 278
ב. פאַלען שטערען... — — 278
ג. עס האָבען אָבגענאַרט — 278
ד. וואָס טהוט מען?... — 279
ה. שטיל האַלבע נאַכט — 279
ו. טויט און שטיל — — 279
מיר זיינען צוויי נאַרישע קינדער — — — 280
איבער וועגען — — — 281
אויף בראָדוויי — — — 281

האַלפּערן מ. ל.
מיין פּאָרטרעט — — — — 245
סאָלאָמע — — — — — 245
ים־לידער:
א. און בענקסטו מענש... — 247
ב. און אייביג זינגט דער ים... 247
פון דער פּאָעמא „אין דער פרעמד“:
ד. איך זיץ דעם קאָפּ אויף... 248
ה. ס'איז נאַכט — — — 249
ט. אַ מענש זיצט נעבען מיר — 249
י. ס'איז האַלבע נאַכט... — 250
דער גאַסען־פּויקער — — — 251
ליכט און שאָטען — — — 252
איך זאָג — — — — 252
הורוויץ, מנחם־מענדעל.
„שלום“ — — — — 68
הירשביין, פּרץ.
דאָס ליד פון דעם נאַר — — 159
עס לעשען זיך שטערען — — 160
פאָלקס־מאָטיוון:
א. זינגט מיט מיר... — 160
ב. קלאָגען וועל איך... — 161
ג. דער פריהלינג געקומען... 161
ד. פערל־טרערען פּערלען זיך הערשעלע. 161
היים'ל און אסתר'ל — 172
די שעהנע זלאטקע — — 174

ו.

וואָלפסאָן, א. ל.
ווייס, ווי פריעדענס־טויבען 235
וויינפּער, ז.
אוקראַינע — — — 312
וויעוויאָרקא, א.
דאָס ליעד פון שמיעד — — 253
יום־כפור — — — 253
ווירטה, מ.
מירעלע — — — 127

ט.

טייטש, משה.
מיט יעדער פערשטאָרבענער... 191
געדיכט איז מיט וואָלקענס... 191
ליטאַ — — — 192
הערבסט:
א. לאנג אָבגעבלאַנקט האָבען... 192
ב. ווייט פון וועגען... — 193
ג. איבער ברייטע, וויסטע... 193
ווינטער:
א. זיצט די צייט און טראַכט... 194
ב. דין־דין גלעקעל דאָ... — 194
טשאַרני, דניאל.
איינזאַמקייט — — 274
קום צוגעהן — — 274
ביי דער לבנה — — 275

אלפענגליהען — 275
טשעסטער, ס.
אין אבענד — 162
י.
יהואש.
אויפ'ן שליטען — 51
פון „בלומען און דערנער" — 52
נאכט — 53
בענקעניש — 53
א טויטע רויז — 53
פאלקסמאטיוו — 53
דאס קראנקע קינד — 54
שומער און שאטען — 55
אבענד־קלאנגען — 55
וואסער־שפיגלונג — 55
שאטענס — 56
איך האב געוויינט — 56
די בריק — 57
שרעקען — 57
יפתח'ס טאכטער — 57
חליצה — 58
דער שמאלער שטראם... — 59
יהודית.
אין א ווינקעל פון... — 49
די נאכט איז טיעף... — 49
ברייטע הימלען... — 50
יפה, יוסף.
און ווער איך בין... — 30
די בייגעריגע — 30
מיר חלום'ט... — 31
די אלטע יודאשע — 31
היימאט... — 32
אין דרויסען איז כמארנע — 32
יפה, ל.
עס פאלט די פינסטערניש... — 114
הארבסט:
א. ווי ליעב האב איך... — 114
ב. עס גיסט די זון נאך מילד... — 115
ג. די לופט איז ריין... — 115
י. ראזא.
צו מיין טאטען — 125
כ.
כהן, י. ל.
דאס יודישע מיידעלע — 163
ל.
לאנדוי, זישא.
אין דער פינסטער זיינען... — 282
פון „מיידעלשע געזאנגען" — 282
וועק מיך ניט — 282
טרויעריג — 283
אוי די אויגען מיר פארדעק... — 283
און שטיל זענען... — 283
איך וואלט געקויפט א פערד — 283
אט אזוי, אזוי, אזוי... — 284
צום לאנד פון פרידען — 284
איך פאל פאר אייך — 285
טרויעריג איז מיין נשמה — 285
ס'איז קאלט — 285
עס איז ניט קאלט — 286
די העל פארגראזטע געגענד — 286
א, וויג מיך, וויג מיך, וויג — 286
ווער פיהרט די אלע שיפען — 287
פאר אונזער חרוב אידיש לעבען — 287
לאנדוי, ל.
יאוש — 133
הערבסט־מאטיוו — 133
לאפין, ב.
לאמיר ליעבסטע, ווי צוויי... — 255
אין צימער — 256
צייכענס — 256
דער הערבסט־גאסט — 257
בלומען — 258
לייבאוויטש, מ.
דער „טרעוועלער" — 153
דאס וועגעל — 153
מאני־לייב.
אבענד און נאכט:
א. טויבענשטילע, בלויע... — 183
ב. דער טאג פארגעהט — 183
ג. אויף מיין קאלטען... — 184
ד. דער ים איז אפען... — 184
נאכט — 184
ביים קאמין:
א. זי שפיעלט, איך וויין... — 184
ב. מיין ווייסע פרייד — 185
שנעע — 185
ווינטער — 186
איך האב דיך פיינט — 186
ליולינקע מיין אינגעלע — 186
די ווינטער־נויט — 187
שטילער... שטילער... — 187
בלימעלעך, קרענצעלעך — 188
ליעסין, א.
אין דער פרעמד — 82
א בעזוך — 83
אבענד אויפ'ן שיף — 84
א פריהמארגען אין נויארק — 85
די שטענדיגע בעגעגעניש — 85
איך האב ניט, א עלענדע אומה — 86
די וואלקענס — 86
דער תנא און דער שטן — 86
ליפאוועצקי, ע.
ביי'ם טייך — 240
לעוויט, יחזקאל.
אביסעל פריהער אדער שפעטער — 136

לעיעלעס, א.

קיטען — — — — — — 297

לעמפערט, כייטען.

הערבסט:

א. דער הערבסט, ער קומט... 103

ב. און ווער איך אין טרוימען... 103

לערנער, ש.

אסיענדיגע נגונים — — — — 104

מ.

מארינאוו, י.

איהרע אויגען. — — 62

מארשאק, דניאל.

פויגעל מיין — — — — — 91

מילער, ל.

א גוטע נאכט — — — — — 260

ערוואַרטונג — — — — 260

דער סוד — — — — — 261

מאַדנע — — — — — — 261

דומע מענשען — — — — 261

טענים-ליעדער:

א. אין די לייכטע... — — 262

ב. אלע נעצען אויסגעצויגען 262

ג. קומט א פרעמדער באַל... — 262

ד. איך ליג און רוה — 263

ה. טויזענד-פארביג גליהט... 263

אויף די חורבות:

א. הפקר וואלגער איך זיך... — 263

ב. ביי יעדען אין הארצען... 264

מנחם.

קדוש — — — — — — 265

א ליעד פון א כלה — — — 267

א ליעד פון א צוריקגעקומענעם 268

שלמה — — — — — — 269

פוילען — — — — — — 270

מעסטעל, יעקב.

ליעבע — — — — — — 196

צייט-ליעד — — — — — 196

מרגלית, ידידה.

אַפּטמאַל — — — — — 195

נ.

נאמבערג, ה. ד.

אוי-וועה און חא-חא-חא... — 119

א וויעג-ליעד — — — — 120

ניידוס, לייב.

א זון מיט א רעגען — — — 304

דאָס ליעד פון שקלאף — — 304

נסתר.

אויף די טירען — — — 175

ס.

סלאנים, יואל.

און רוישט דער ים — — — 176

רחל'ע — — — — — — 176

דער טאג איז אוועק... — — 177

גאלדענע וואלקענס — — — 178

וואלט איך — — — — — — 178

הערבסט:

א. געוויינט האט די נאכט... 178

ב. די בלעטער וועלקען געל... 179

ג. די גליהענדע זון... — — 179

סעגאלאוויטש, ז.

ווען די זון פערגעהט — — 203

ביי דער וויקסעל — — — 203

די שוואנען — — — — — 204

א בלימעל זיפצט — — — 204

א גאנצע נאכט — — — — 205

ווינטער:

א. אויף די פעלדער איז עמיץ 205

ב. א פערוויזהעטער, א פער-
שנייטער — — — — — 205

ע.

עדעלשטאדט, דוד.

מיר ווערען געהאסט... — — 33

צו א פריינד — — — — 33

פּ.

פינטשעווסקי, מ.

דער פאמפערא — — — — 310

פּראפּוס, י. י.

א הערבסט-מאטיוו — — — 158

עמיץ איז ביי מיר... — — 158

פרילוצקי, נח.

ווען אין מערב זינקט די זון 165

פרענאוויץ, י. ש.

דער טויט — — — — — 78

פ.

פיכמאן, י.

אבענד — — — — — — 156

בענקען — — — — — — 156

טאנץ-ליעד — — — — — 157

פליישמאן, עוזיאל.

טריא — — — — — — 135

אפּאלאגיע — — — — — 135

פרישמאן, דוד.

די נאכט איז שטיל — — — 20

ביים ברעג פון ים — — — 20

פאר משיח'ן — — — — 21

די שליסלען — — — — 23

קאטלער, ש.

וואנדער-ליעדער:

א. אין מזרח-זייט טורעמט זיך.. 214

ב. א בארג טראגט א בארג... 214

וועלענשפיעל — — — — 215

קאסעל, דוד.

סוף ווינטער — — — — 164

א קליין און איינזאם צימער 164

קאפלאן, מיכל.
בוים אָבשיעד — — — — — 166
צוריק אַ היים — — — — — 167
קאַצענעלסאָן, י.
די זון פערגעהט אין פלאמען 238
אליין — — — — — — — 238
קייזער, וויליאם.
אין גאָלדענעם לאנד — — — — 117
קנישניק, זעלדע.
אונטער שלאָס — — — — — 47
וואָלקענס — — — — — — 47
אַ שפעטיגע רויז — — — — 47
קעניגסבערג, דוד.
אונזערע שוהלען — — — — 309
קרני, יהודה.
אין מיין הארצען — — — — 170
ראדוצקי, אברהם.
ביי די ברעגען :
א. ביי די ברעגען... — — 38
ב. איך האָב אין דער „היים“.. 38
ראוביני, א.
טרערען — — — — — — — 242
אַ וועכטער'ס וואונש — — 243
אַ שטיין — — — — — — 243
ראַזענבלום, בנימין.
דער טייך — — — — — — 94
גיב אונז אַ מלך — — — — — 95
ראַזענפעלד, מאָרים.
פאַטאַמאָרגאַנאַ — — — — 5
תיראָגליפען — — — — 5
מיין רויז איז אליין — — 6
ביים ברעג וואסער — — — 6
אָבענד — — — — — — — 7
מיין אינגעלע — — — — — 8
די כלה פון די בערג — — — 8
די ערשטע טבילה — — — 9
אַ גלות-מארש — — — — — 10
די טויטע וועלט — — — — — 10
די וואנדער שיף — — — — 11
זכרונות — — — — — — 11
אלול מעלאָדיען — — — — 13
הערבסט-בלעטלאך — — — 13
ערד — — — — — — — 14
נאכט — — — — — — — 14
דער לאטוטים — — — — — 14
ראַלניק, י.
איך דארף ניט פועל... — — 145
איך האָב געדולד... — — 145
מיין גאַנצער שטוב — — — 146
פון די ליעדער האפיז :
א. אָת, שיראַז'ס בלום... — 146
ב. און וויעדער האָט אַ רויז... 147
ג. מיט דעם וויין אין שענק... 147
לעצטע רוה — — — — — — 147
געלעבט האָט אן איינזאמער... 148
שבת יו"ט און ראש-חדש — 148
א רעגען גיסט — — — — — 148
גאָט, דערהער די זיפצען מיינע 149
נאָך דאַנקען גאָט — — — — 149
אינקאָגניטאָ — — — — — 149
ווערלענס קעניגרייך— — — 150
ניט פערבונדענע פערזען — 150
מיינע ים'ען — — — — — 151
פלעקען — — — — — — 151
צום טיש, צום טיש — — — 152
ראסקין, פ. מ.
אין פרעמדע גערטנער — — 154
צוויי מלאכים — — — — — 154
ראַפּפּאָרט, אננא.
די זון געהט אויף — — — — 121
רובין, שלמה ז.
ווינטער קומט — — — — — 124
רויזענבלאַט, ה.
דן און דאַניא — — — — — 137
אין ווארטעניש — — — — — 137
די עקרה — — — — — — — 138
אַ זומער-נאַכט אויפ'ן דאָרף 138
הערבסט-נעכט — — — — — 140
פישער-לייט — — — — — 140
גאַסען-שטויב — — — — — 141
יזכור — — — — — — — 141
אין געיעג — — — — — — 142
ריוועסמאַן, מ.
דער אָבענד — — — — — — 39
פון פסח'דיגע נגונים — — 39
רייז, יצחק.
מ'דארף ניט ברוגז זיין — — 201
סעפּטעמבער-גאָלד — — — 201
רייזען אברהם.
אומעטיג — — — — — — 105
נייע און אלטע ליעבע — — 105
אין קישען — — — — — — 106
אַ געזינד זאַלבע אַכט — — 106
לעבען ווילט זיך, אך דאָס לעבען 106
מאַי-קאָ משמע-לן ? — — 106
דער גמרא-נגון — — — — 107
ווי קום איך — — — — — 108
דאָס געבעט — — — — — — 108
דער שטויב פון דער וועלט — 108
צושטעלט זיך אין רייהען... — 109
עס דאכט מיר — — — — — 109
פערגעבונג — — — — — — 110
דער שלאָס — — — — — — 110

איביגע זוכער — 110
די אלטע קשיא — 111
אונזערע הימלען — 111
דער פערקליידעטער מלך — 111
גרינע — 112
אין די ווייטסטע לענדער — 113

רייזען, שרה.
דער ערשטער פריהלינגס־טאָג 203
הבל הבלים — 203

ריינגאָלד, י.
ווענן דער טאַנץ געהט אָן — 60
אויפ׳ן אידישען מאַרק — 61

רעוויטש, לאזאר.
די אלטע פיאניסטקע — 308

ר. פאולא.
קום — 134

ש.

שאפיר, ב.
בעבען וועלדעל שטעהט אַ
קרעטשמע — 122
פאר מיין פענסטער — 123
זומער־לעב פארנאכט — 123
אויפ׳ן בוידעם שלאָפט דער דאַך 123

שאַפיר, בירך.
היימוועה — 25
יודיש טרערען — 25
טרייסט און ליידען — 26

שאַפירא, ל.
זעלבסטשוץ — 143
עה, מענשעלעך—ליאלקעלעך... 144

שוואַרץ, אַ. ש.
די אַלטע סאַראָקע — 92

שוואַרץ, ב.
איך וויים — 216

שוואַרץ, י. י.
ס׳האָבען גליה־ווערים... — 206
רות — 206
צינד אָן די מאַמעס בענש־
ליכטער — 207
אַ רב — 207
פון טיפעניש — 208
ס׳ווערען ניט קיין שבת־
ליכטלעך — 209
אַ בית־עולם אויף טשעטהעם־
סקווער — 209

ליעב איז די ערד שוין — 210
פאר נאַכט — 211
הערבסט:
א. אין אָנהויב זיינען זיי... 211
ב. אַ שטילע פרייד ליגט גאָל־
דיג אויף די פעלדער — 212
אָקטאָבער — 212

שווייד, מארק.
דער מילך־וועג — 307
מודה אני — 307

שטאַק, פראדעל.
ביים ים — 299
פארנאַכטען:
א. אינ׳ם שטילען אבענד־ווינד 299
ב. פליהסט אום דו בין... — 299

סאָנעטען:
א. ווי ביזז דו ביסט... — 300
ב. דו טראָגסט דיין הארץ... 300
ג. מיט גוטסקייט שטראָפסטו... 300
ד. צי זאָל איך מיך פארבאָרגען 301
ה. דער פאָרהאנג... — 301
דעם פאסטוך׳ס ליעד — 302
קומט די באָבע מיר צו חלום 303
צייט־מאָטיוו — 303

שטיינבערג, יעקב.
שטענדיג שעהן — 226
כ׳לעב ווי גראָזען... — 226
דאָס גליק — 227
אין אַ שליטען — 227

שמולעוויץ, שלמה.
אַ בריוועלע דער מאַמען — 40
איך וויל — 41

שמעונאָוויטש, דוד.
די זון האָט געדארפט שוין... 298

שניאור, ז.
טרא־לאַ־לאָ־לאָ — 219
קארשען — 220
רויטע עפעל, גרינע שאָטענס — 222
בארג אראָפ — 223
הערבסט־מאָטיוו — 223
אַ שטיין — 224

שעפס, א. ח.
נע ונד — 306
כ׳בין דער זעלבער — 306

נאָטיצען.

ליעדער פון די פאָלגענדע דיכטער אָדער אויסגאַבען ווערען געזוכט.

ב. ז. ראבינאָוויטש: „דער דישפוט פון א שילער מיט א קלויזניק און אנד. ווילנא 1877.
א. ב. רייכער: „דיא יתומים" און אנד. ווילנא, 1877.
שלמה קולבאק: „דברי שלמה", „שירים ורננים". איידקונען, 1872.
א. פישזאָהן: „דער נייער משוגענער" (זאמלונג) ווארשוי, 1885.
מ. א. פראנ: „פורים געשיכטע" (אין גראמען) ווילנא, 1863.
אלכסנדר סענדער פידלמאן: „שירי אסף" ווילנא, 1873.
אב"י. עפשטיין: דער קהל'שער שרייבער", ווילנא, 1876.
אלכסנדר פידלמאן: „ליעדער צום צייטפערטרייבונג" ווילנא, 1877.
מ. נ. ליטינסקע: „קוקי ריקי אָדער יודישע פייערטאגע", אדעסא, 1883.
מאריץ װארקיוועצקע: „דיא היינטיגע וועלט" אדעסא, 1871.
יעקב זיזמאר: „דיא ספירה" ווילנא, 1883.
אברהם דוטשינסקי: „די מאסקע" ווארשוי, 1878.
ח. באנק: „אביע רננות" ווילנא, 1875.
טויבע פאן: פון 16־טען יארהונדערט — „איין שיינעס ליעד ניי געמאכט בלשון תחונה איז'ס ווארדען אויסגעטראכט", ארום 1609.
חנה כ"ץ: פון 17־טען יארהונדערט — א דרשה איןריימען, וואו עס געפינט זיך אויך א „תפלה", אן איבערזעצונג פון „מה טובו" און א „געבעט אויף ראש־חדש אלול" (אמסטערדאם, ארום 1700).

די מעהרסטע פון די אויסגערעכענטע דיכטער און אויסגאבען זיינען גענומען פון דעם ביבליאגראפישען אנווייזער פון ס. ע. וויענער.

עס ווערען אויך געזוכט אלע די ביאגראפיעס און בילדער, וואס זיינען ניט פאלקאם, אדער פעהלען אין גאנצען אין דער אנטאלאגיע.

צוליעב אונפארמיידליבע הינדערניסען האט א גרויסע טייל ליעדער פון עלטערע און איצגערע דיכטער אין דער דאַזיגער אויפלאגע ניט געקאָנט ערשיינען. און וועט ערשיינען אין א צווייטער.

צו שרייבען אויף פאָלגענדען אדרעס:

מ. באסין, 130 הופער סטריט, ברוקלין, נ. י.